STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10739

ETYUDN TSU DER GESHIKHTE FUN DER HASKOLE

Max Erik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רעדאקטער—א. אָשעראָוויטש
טעכרעדאקטער—קארפינאָוויטש
אָפּגעגעבן אין דרוקערײַ—22/XII 32 י.
אונטערגעשריבן צום דרוק—31/XII 33 י.
אויסגעזעצט—גרינהויזס בריגאדע א. נ. מאָלאָטאָוו
פאראנטוואָרטל. קאָרעקטער—קאָטליאר.

דרוקערײַ א. נ. סטאלין

באשטעלונג 2111. טיראזש 2000. גלאווליטבעל 737.

מאקס עריק

עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האסקאָלע

(1789—1881)

מעלוכע־פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
נאצסעקטער
מינסק 1934

ערשטער בוך

עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האסקאָלע אין דײַטשלאנד און גאליציע

(1789 — 1848)

פאָרוואָרט פון אוטער

אין די לעצטע יאָרן איז בא אונדז, אין פ.ס.ס.ר., היפּש אויסגעוואקסן דער אינ־טערעס צו דער האסקאָלע. און עס איז א דורכויס געזעצמעסיקע דערשיינונג: די גראנדיעזע פאנאנדערוויקלונג פון דער קולטור־רעוואָלוציע שטעלט אלץ שארפער די אופגאבע קריטיש איבערארבעטן די קולטור־ירושע, ווארעם „אָן קלאָרן פארשטיין, אז בלויז דורך א גענויעם קענען די קולטור, וואָס איז געשאפן געוואָרן דורך דער גאנצער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, בלויז איבערארבעטנדיק זי, קען מען בויען די פּראָלעטארישע קולטור—אָן אזא מין פארשטיין וועלן מיר ניט לייזן די דאָזיקע אופגאבע“ (לענין).

צוטרעטנדיק צו דער ארבעט איבער א געשיכטע פון דער יידישער האסקאָלע־ליטעראטור אין רוסלאנד, איז מיר קלאָר געוואָרן, אז ס'איז נייטיק א פאָרארבעט, וואָס זאָל באלייכטן מארקסיסטיש אין די וויכטיקסטע שטריכן די האסקאָלע־באוועגונג פון דער יידישער בורזשואזיע אין דייטשלאנד און עסטרייך, ווארעם אין די דאָזיקע לענדער, צוליב דער ניטגלייכמעסיקער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם, האָט די האס־קאָלע פריער אויסגערייפט, און האָט אין א שטארקער מאָס באווירקט די שפּעטער־אופגעקומענע יידישע בורזשואזיע אין רוסלאנד. אזוי איז אנטשטאנען דער איצטיקער בוך. איך האָב געשטרעבט פארצייכענען, סומירן און קוואליפיצירן די וויכטיקסטע היסטאָרישע צוזאמענהאנגען, ניט גראָד בלויז די ליטעראטור־היסטאָרישע. ס'ראָוו עטיודן טראָגן טאקע אן אלגעמיין־היסטאָרישן, ניט ליטעראטור־היסטאָרישן כאראקטער. עס איז אָבער פארשטענדלעך, אז איך האָב אסאך אופמערקזאמקייט אָפּגעגעבן דער האסקאָלע־ליטעראטור און אירע וויכטיקסטע פאָרשטייער, און דאָ, ווידער, צומייסטן זיך אָפּגעשטעלט אף אזעלכע ווערק און דערשיינונגען, וואָס האָבן שפּעטער געהאט א ווירקונג אף דער האסקאָלע אין רוסלאנד און איר ליטעראטור.

די פּרינציפּן, לויט וועלכע איך קאָנסטרויר דעם בוך, זיינען פאָרמולירט אין דעם ארייַנפיר, און איך וועל זיי דאָ ניט איבערכאזערן.

שוועריקייטן זיינען געווען זייער גרויסע: א גרויסער, צעוואָרפענער מאטעריאל אין די פארשיידנסטע שפּראכן, דערצו פארקריפּלט דורך בורזשואזער באלייכטונג; א קליינע צאָל פאָרשונגען צו דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק פון דער טקופע, וואָס זאָלן כאָטש געבן דעם רוי־מאטעריאל; א פארהעלטענישמעסיק קליינע צאָל אופגעהיטע און פּובליקירטע ליטערארישע דענקמעלער פון דער ערשטער העלפט 19־טן יאָר־

הונדערט (ספּעציעל איז דאָס נעגייע דער גאליצישער האסקאָלע). עס איז די אופ־גאבע פון דער קריטיק פעסטצושטעלן, אף וויפל מיר איז געלונגען בייצוקומען די דאָזיקע שוועריקייטן און אָנגווענדן ריכטיק דעם דיאלעקטיש־מאטעריאליסטישן מעטאָד.

א וואַרעמער דאנק קומט די כ״כ פון דער ווייסרוסישער מעלוכע־ביבליאָטעק אין מינסק פאר זייער כאווערישער מיטהילף באם פארשאפן די נייטיקע ליטעראטור, — דעם דירעקטער פון דער ביבליאָטעק, כ׳ סימאנאָווסקי, און דעם פארוואלטער פונעם יידאָפּטייל בא דער ביבליאָטעק, כ׳ רובינשטיין, ווערמען איך דאנק פאר וויכטיקע ביבליאָגראפישע אינפאָרמאציעס.

מאקס עריק.

מינסק, 1 נאָיאבער 1931.

1

די אופקלערונג איז אין לעצטן סאכאקל די אידעאלאגיע פון דער בורזשואזיע, וואס גייט צו דער מאכט, זי איז דער „אידעאליזירטער סייכל פון דריטן שטאנד, וואס איז גרייט פארוואנדלט צו ווערן אין מאדערנער בורזשואזיע" (ענגעלס, אנטי־דיורינג, ז. 242 פון דער רוסישער אויסגאבע, 1929).

אין אן אנדער ארט (דארט, ז. 140) דעשיפרירט ענגעלס דעם אבסטראקטן „מענטשן" פון די אופקלערער מיט זיין „אייביקער נאטור", ווי דעם „מיטלבירגער פון יענער צייט, וואס ווערט פארוואנדלט אין בורזשוא".

די אופקלערונג איז דער אידעאלאגישער פערמענט, וועלכן ס'רופט ארויס דאס אריינדרינגען פון אינדוסטריעלן קאפיטאליזם אין דער האלבפעאדאלער סוויווע, יענער סוויווע, וואס אירע וויכטיקסטע יעסוידעס זיינען שוין אונטערגעשווענקט געווארן דורך דער טעטיקייט פון סאכרישן קאפיטאל. מיטן ווּקס, צוערשט פון דער האנטווערקערישער, דערנאך מאנופאקטור־אינדוסטריע, מיט דער אויסברייטערונג פון די האנדל־באציונגען, וואקסט קעסיידער די עקאנאמישע מאכט פון דער בורזשואזיע. זי איז שוין דער וויכטיקסטער קלאס אין דער מעלוכע, אבער די פאליטישע מאכט ליגט אין די הענט פון די פעאדאלע שיכטן. לויט זיינע פאליטישע רעכט איז דער אדל אלץ, און די בורזשואזיע נאך אלץ גארניט; אכוץ דעם אלעמען איז דער גאנצער בורזשואזער פראדוציר־אופן ארייגעקוועטשט אין פעאדאלע פאליטישע פארמעס, פון וועלכע ס'איז שוין לאנג ארויסגעוואקסן ניט נאר דער האנטווערק, נאר אויך די מאנופאקטור (דארט, ז. 152). די בורזשואזיע מאכט א סאף דערצו מיט איר רעוואליוציע. די אופקלערונג איז יענע אידעאלאגיע, וואס קלערט אוף די קעפ פאר דער אנקומענדיקער רעוואליוציע (דארט, ז. 11).

די אופקלערונג איז, אלזא, די אידעאלאגישע באוועגונג פון גאנצן דריטן שטאנד, וואס מארשירט אונטער דער אנפירונג פון דער בורזשואזיע. אופקלערער קענען, אויב אזוי, אויסדריקן פארשיידענע קלאסן, וואס גייען אריין אין באשטאנד פון דעמלטיקן „דריטן שטאנד", פארשיידענע קלאסן, וואס גייען מיט מיט דער בורזשואזיע. די דריי קלאסישע פארשטייער פון דער פראנצויזישער אופקלערונג: וואלטער, דידרא, רוסא זיינען צ. ב. אידעאלאגן פון דריי פארשיידענע קלאסן־שיכטן. וואלטער

רעפּרעזענטירט דעם קאַפּיטאַליזירטן אדל, ד. ה. יענעם שיכט פּריצים, וואָס שטרעבן
זייערע גיטער אריבערפירן אף די רעלסן פון מאָדערנער, קאַפּיטאַליסטישער עקספּלו־
אַטאַציע. דידראָ איז אן אידעאָלאָג פון שטאָטישן רעוואָלוציאָנערן מיטל־ און
קליינבירגערטום. רוסאָ איז אן אידעאָלאָג פון קליינבירגערטום. יעדערער פון
די דאָזיקע דענקער און בעלעטריסטן רעפּרעזענטירט אן אנדער טיפּ אופקלערונג,
וואָס איר כאַראַקטער און גרענעצן ווערן באַשטימט דורך פאַרשיידענע קלאַסן־אינ־
טערעסן. פאַרן קאַפּיטאַליזירטן אדל איז צ. ב., אין אלגעמיין גענומען, דער פּאָלי־
טישער אידעאַל די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע פון ענגלישן טיפּ. אין קעגנזאַץ צום
פעאָדאַלן פּריצנטום, וואָס קלאַמערט זיך באַם אַלטן לייבייגנטימערישן אופן פון
עקספּלואַטאַציע, קעמפט דער קאַפּיטאַליזירטער פּאָריץ פאַרן „פּרייסישן וועג פון דער
אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם". אפן רעליגיעזן געביט דערגייען די דאָזיקע אופקלערער
ס'ראָוו בלויז ביזן דעיזם, ד. ה. צו א קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע אין הימל־
זאַכן, ווו גאָט איז נאָך פאַרבליבן („אויב ער וואָלט ניט געווען, וואָלט מען אים
געדאַרפט אויסטראַכטן"—וואָלטערס פאָרמולע), ער רעגירט אָבער ניט—ער פאַרבלייבט
אין סיסטעם פון די דעיסטן, ווי א דעקאָראַטיווע אויסטראַכטעניש, וואָס איז נייי־
טיק, ביכדיי איינצוצאַמען די מאַסן,—און דער געשפּענסט פון צעבונטעוועטע מאַסן
פאַרפאָלגט טאָמיד יעדן פּאָריץ, אפילע אן אופגעקלערטן און בורזשואַז־ליבעראַלן.
אפן געביט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבן די דאָזיקע אופקלערער געשאַפן די טע־
אָריעס פון די פיזיאָקראַטן, וואָס זיינען לויט מאַרקסן „א מין בורזשואַזע רעפּראָ־
דוקציע פון דער פעאָדאַלער סיסטעם פון דער הערשאַפט פון ערד־אייגנטום" („טעאָ־
ריעס פון מערווערט", רוסישע אויסגאַבע 1923, ב. 1, ז. 40). אף אלע אידעאָלאָגישע
געביטן איז, אלזאָ, פאַר אָט דעם שיכט אופקלערער כאַראַקטעריסטיש די סטירעס־
דיקע איינהייט פון בורזשואַ און פעאָדאַל, פון בורזשואַזן אינהאַלט און פעאָדאַלע
פאָרמעס, דורכן צופּאַסן די פעאָדאַלע פאָרמעס צום בורזשואַזן אינהאַלט, — און זי
קומט דייטלעך צום אויסדרוק אויך אין דעם קינסטלערישן שאַפן, אַשטייגער, אין
וואָלטערס פּסעוודאָ־קלאַסישע דראַמעס.

די קלאַסן־דיפערענציאַציע אינעם לאַגער פון דער אופקלערונג בייט אָבער ניט
אין גרונט איר כאַראַקטער. אין לעצטן סאַכאַקל איז די אופקלערונג א בורזשואַזע
אידעאָלאָגיע, די כאַראַקטעריסטישע אידעאָלאָגיע פון פאָרקעמפער פון קאַפּיטאַליזם.
רוסאָס רוף צו דער נאַטור, זיין ליידנשאַפטלעכער קאַמף קעגן דער ציוויליזאַציע,
איז אין טאָך, נוצנדיק לעניגס אויסדרוק, א רוף צו מאַסעוון, פּלעבייישן קליינ־
בירגערלעכן קאַמף פאַרן אַמעריקאַנער טיפּ פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.
„רוסאָס מעלוכע פון סייכל און זיין געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך—זאָגט ענגעלס—האָבן
זיך אַרויסגעוויזן און געקאָנט זיך אַרויסווייזן אין דער פּראַקטיק בלויז ווי די בור־
זשואַזע דעמאָקראַטישע רעפּובליק" (אַנטי־דיורינג, 12). די לערע פון די פיזיאָקראַטן,
ווידער, כאָטש זי איז נאָך ניט באַפרייט פון פעאָדאַלן הייטל, באַדייט אן אַפּאָלאָגיע
פון דער אופקומענדיקער בורזשואַזער אָרדענונג, זי איז לויט מאַרקסן „די ערשטע
סיסטעם, וואָס אַנאַליזירט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע און שטעלט פאָר ווי
אייביקע נאַטירלעכע געזעצן יענע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'שאַפט זיך דער קאַפּי־
טאַל און אין וועלכע ער פּראָדוצירט" (דאָרט).

„די אלגעמיין־אָנערקענטע מיינונג,—זאָגט לענין,—פאַרעכנט די אופקלערער פון 18־טן יאָרהונדערט צו די פירער פון דער בורזשואַזיע" (ב. 2, ז. 322, ערשטע אויסגאַבע).

די געשיכטע פון דער אופקלערונג, וואָס סיגנאַליזירט דעם סאָף פון דער פעאָדאַלער טקופע און אָנהייב פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, איז ענג פאַרבונדן מיט דער ניטגלייכמעסיקער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. „לויט זיין עצם מעהוס קען ניט דער קאַפּיטאַליזם זיך אנטוויקלען גלייכמעסיק" (לענין, ב. 3, ז. 250) „די גיכקייט פון דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז ניט די זעלביקע אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע געביטן פון דער פאָלק־ווירטשאַפט" (לענין [1]), ב. 11, ז. 134). דאָס באַשטימט אָבער אויך די אידעאָלאָגישע אנטוויקלונג (לענין, אנאַלי־זירט דאָרטן די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן געזעץ פאַר דער אנטוויקלונג פון מאַרק־סיזם). די אופקלערונג קומט פריער אויף אין ענגלאַנד, ווו דער קאַפּיטאַליזם רייפט אָן גיכער, ווי אין אנדערע אייראָפּייִשע לענדער; ערשט שפּעטער בליט זי זיך פאַנאַנדער אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, און נאָך שפּעטער אין רוסלאַנד. די קלאַסישע צייט פון דער אופקלערונג אין ענגלאַנד איז די צווייטע העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט און דער אָנהייב פון 18־טן יאָרהונדערט; אין פראַנקרייך—דער אכצנ־טער יאָרהונדערט, און ביפראַט זיין צווייטע העלפט, אזוי אויך אין דייטשלאַנד. די גרויסע צייט פון דער רוסישער אופקלערונג זיינען די 40־ער—60־ער יאָרן פונעם 19־טן י. ה. די אופקלערונג אין רוסלאַנד איז, אלזאָ, א היפּש פאַרשפּעטיקטע אידעאָ־לאָגיע. דאָס שטימט אָבער מיט דער פאַרהעלטענישמעסיק שפּעטערער אנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד.

די ניטגלייכמעסיקע אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם באַווירקט, אלזאָ, די געשיכטע פון דער אופקלערונג, איר אנטשטיין, פאַרשפּרייטונג, די פיליאַציע און מיגראַציע פון אירע אידייען. „א קלאַס, וואָס געפינט זיך אין קאַמף מיט זיינע קעגנער, קעמפט זיך אויס א שטעלונג אין דער ליטעראַטור פון זיין לאַנד. אויב דערזעלביקער קלאַס קומט אין באַוועגונג אין אן אנדער לאַנד, נעמט ער איבער דאָ אידייען און פאָרמעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך זיינע מער פאָרגעשריטענע ברידער. אָבער ער ענדערט זיי, אָדער גייט ווייטער פון זיי, אָדער שטייט אָפּ פון זיי, אָפּהענגיק פון דעם אונטערשייד, וואָס איז פאַראַן צווישן זיין לאַגע און דער לאַגע פון קלאַסן וואָס גיט אים דעם מוסטער" (פּלעכאַנאָוו, ב. 8, ז. 184).

גוטע ביישפּילן דערצו גיט די אופקלערונג־ליטעראַטור. דער ענציקלאָפּעדיסט דידראָ (1713־1784) טרעט אויס דעם וועג פאַר דער בורזשואַז־סענטימענטאַלער דראַמע אין פראַנקרייך; אָבער זיין מוסטער איז די ענגלישע בורזשואַזע דראַמע (לילאָ און אנדערע), וואָס איז פריער אויפגעקומען. דידראָ ווידער האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף לעסינגס טעאָרעטישער און פּראַקטישער דראַמאַטורגיע; פון לעסינגן האָט ווייטער פיל גענאַשט די ייִדישע האַסקאָלע־דראַמע. אזוי יאַרשנט די בורזשו־אַזיע, וואָס פאַרשפּעטיקט אין איר אנטוויקלונג אין איין לאַנד, די דערפאַרונגען פון אירע מער פאָרגעשריטענע ברידער אין אן אנדער לאַנד. זי פּאַסט זיי אָבער צו

[1]) לענין ווערט ציטירט לויט דער ערשטער אויסגאַבע, סיידן ס'איז אנדערש אָנגעוויזן.

צו אירע אייגענע ספּעציפֿישע באַדינגונגען, „ענדערט זיי, גייט ווײַטער פֿון זיי אָדער שטייט אָפּ פֿון זיי״.

דערפֿון ווערט קלאָר, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן אַלגעמיינע שטריכן, וואָס זײַנען אייגנ־טימלעך כּמעט אַלע אויפֿקלערער אין אַלע לענדער; אין יעדן באַזונדערן לאַנד ווערן זיי אָבער איבערגעבראָכן דורך דער פּריזמע פֿון די באַדינגונגען פֿון אָרטיקן קאַמף פֿון דער אויפֿשטײַגנדיקער בורזשואַזיע פֿאַר איר פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע.

2

לענין האָט פֿאַרצייכנט דרײַ סימאָנים פֿון אַן אויפֿקלערער, עמעס, האָבנדיק אין זינען זייער איבערברעכן זיך „אין דער פּריזמע פֿון די רוסישע באַדינגונגען״ („От какого наследства мы отказываемся“ געשריבן 1897, ז. 321־322, ב. 2). אָבער איינצײַטיק האָט לענין אָנגעוויזן גאַנץ בולטע אויך אַ ריי אַלגעמיינע שטריכן פֿון דער אויפֿקלערונג:

1) ...„סײַ די מײַרעוו־אייראָפּיייִשע אויפֿקלערער, סײַ דאָס ראָוו פֿון די ליטעראַ־רישע פֿאָרשטייער פֿון די זעכציקער יאָרן זײַנען פֿול מיט הייסער סינע צום לײַבייגנטום און אַלע זײַנע אויסוווּרקונגען אין עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און יורידישן געביט״.

2) „אַ צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך, וואָס איז אייגנטימלעך אַלע רוסישע אויפֿקלערער — איז די הייסע פֿאַרטיידיקונג פֿון בילדונג, זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, פֿרײַהײַט, אייראָפּייִשע פֿאָרמעס פֿון לעבן און ביכלאַל פֿון דער אַלזײַטיקער אייראָפּייִזאַציע פֿון רוסלאַנד״.

3) „ענדלעך, דער דריטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון אַן אויפֿקלערער איז דאָס פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די פֿאָלקמאַסן, בפֿרט פֿון די פּויערים (וואָס זײַנען נאָך ניט געווען אינגאַנצן באַפֿרײַט אָדער האָבן ערשט געהאַלטן באַם באַפֿרײַט ווערן אין דער עפּאָכע פֿון די אויפֿקלערער), דער אויפֿריכטיקער גלויבן, אַז דאָס אָפּ־שאַפֿן פֿון לײַבייגנטום און זײַנע רעשטלעך וועט ברענגען דעם אַלגעמיינעם וווּל־שטאַנד, און דער אויפֿריכטיקער פֿאַרלאַנג דערצו מיטצווּווירקן״.

אין אָנהייב פֿון זײַן אָפּהאַנדלונג באַוואָרנט זיך לענין, אַז ער וועט באַהאַנדלען פֿון דער „ירושה־פֿראַגע״ בלויז די „עקאָנאָמישע און פּובליציסטישע״ פֿראַגן, און לאָזן אָנאַזײַט די פֿילאָסאָפֿישע, ליטעראַרישע, עסטעטישע פּראָבלעמעס (312). לענינס דרײַ סימאָנים גיבן טאַקע די וויכטיקסטע שטריכן פֿון דער פּאָליטישער פּראָגראַם פֿון דער אויפֿקלערונג.

עס איז אַ בורזשואַזע פּראָגראַם, וואָס איז מיט איר גאַנצער שאַרף געווענדט קעגן דעם פֿעאָדאַליזם און אַלע זײַנע אויסווירקונגען אין עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און יורידישן געביט. און דאָך וואָלט געווען פֿאַלש צו מאַכן דעם אויספֿיר, אַז ווײַל ס׳איז די פּראָגראַם פֿון דער בורזשואַזיע, פֿון אַן עקספּלואַטירנדיקן קלאַס, שטעקט אין די „פֿאָלקסטימלעכע״ פֿאָדערונגען פֿון די אויפֿקלערער, אין זייער פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די פֿאָלקמאַסן, אַ דעמאַגאָגיש שפּיל, אַ ניט אויפֿריכטיקײַט, אַ מין

אויסשטעלן פון וועקסלען, וויסנדיק פאָרויס, אז זיי וועלן ניט באצאָלט ווערן. לעני ווארנט קעגן אזא מין שמאָלן, ווולגארן, אנטיהיסטאָרישן קוק, און אונטערשטרײַכט צוליב דעם קרעפטיק דעם „אופריכטיקן גלויבן״, דעם „אופריכטיקן פארלאנג״ פון דער יונגער בורזשואזיע ברענגען דעם אלגעמיינעם וווילשטאנד. „בא אונדז זאָגט לענין—פארשטייט מען עס אָפט דורכויס ניט ריכטיק, שמאָל, אנטיהיסטאָריש, פארבינדנדיק דערמיט (אָן דעם אונטערשייד פון היסטאָרישע עפּאָכעס) אן אייגננוציקע פארטיידיקונג פון די אינטערעסן פון דער מינדערהײַט. מע טאָר ניט פארגעסן, אז אין אָט דער עפּאָכע, ווען ס'האָבן געשריבן די אופקלערער פון 18־טן י. ה. (וועמען די אלגעמיינגילטיקע מיינונג באטראכט ווי פירער פון בורזשואזיע), ווען סיהאָבן געשריבן אונדזערע אופקלערער פון די 40־ער ביז די 60־ער יאָרן, זײַנען אלע געשטעלטע פראגעס ארויסגעדרונגען פון קאמף מיטן לײַבאייגנטום און זײַנע רעשטלעך. נײַע געזעלשאפטלעך־עקאָנאָמישע באציונגען און זייערע קעגנזאצן זײַנען דאן נאָך געווען אין קײַם־צושטאנד. קיינשום אייגננוצן האָט זיך צוליב דעם ניט ארויסגעוויזן דאן בא די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזיע; פארקערט, סײַ אפן מײַרעוו, סײַ אין רוסלאנד האָבן זיי גאנץ אופריכטיק געגלויבט אין אלגעמיינעם וווילשטאנד און אופריכטיק אים געוואָלט, אופריכטיק ניט געזען (טיילוויַיז נאָך ניט געקאָנט זען) קיין סטירעס אין יענער אָרדענונג, וואָס איז געוואקסן פון דעם פעאָדאליזם״.

עס איז בעכיין ניט היסטאָריש באשולדיקן די אופקלערער אין ניטופריכטיקײַט כאָטש זיי זײַנען געווען פאָרשטייער פון אן עקספּלואטירנדיקן קלאס. ענגעלס זאָגט אפילו: „דאפקע ער (דער אלגעמיינער אנטאגאָניזם פון עקספּלואטאטערס און עקספלואטירטע, רײַכע לײדיקגייער און אָרעמע ארבעטנדיקע) האָט געגעבן א מעגלעכקײַט די פאָרשטייער פון דער בורזשואזיע ארויסצוטרעטן ווי פארטיידיקער ניט פון אן איינצלנעם קלאס, נאָר פון דער גאנצער ליידנדיקער מענטשהײַט״ (אנטי־דיורינג 12). די אופקלערונג איז טאקע כאראקטעריסטיש פאר דער בורזשואזיע בלויז פאר דעם עטאפ, ווען די קלאסן־קעגנזאצן אין די ראמען פון דריטן שטאנד זײַנען ניט פארשארפט, „ווען די פאָדערונגען פון דער בורזשואזיע אין איר קאמף מיטן אדל אנטשפרעכן אין אלגעמיינע שטריכן די אינטערעסן פון פארשיידענע שיכטן פון די דעמאלטיקע ארבעטער״ (אנטי־דיורינג, 12). אָבער נאָך א גרעסערער פעלער באשטייט, ווען, שטיצנדיק זיך אף די „פאָלקסטימלעכע״ לאָזונגען פון דער אופקלערונג, וויל מען פארשמירן איר אָביעקטיוון בורזשואזן מעהוס. דאָס איז דער באליבטער מעטאָד פון דער נאצדעמאָקראטישער „לעגענדע״ פון דער אופקלערונג, דאָס איז אויך דער מעהוס פון דער יידישיסטישער אופפאסונג פון דער האסקאָלע.

די אופקלערונג איז א וועלט־אָנשויונג, וואָס נעמט ארום די פארשיידנסטע אידעאָלאָגישע געביטן.

די גרעסטע דערגרייכונג פון דער אופקלערונג פון 18־טן י. ה. איז איר פילאָסאָפישער מאטעריאליזם. אויך ער האָט אָבער פארמאָגט אסאך כעסרוינעס, איז צוליב היסטאָרישע סיבעס געווען באגרענעצט. ענגעלס זעט אײַן די דאָזיקע באגרענעצטקײַט אין דרײַ מאָמענטן: 1) דער אופקלערערישער מאטעריאליזם איז מעכאניש אין דעם

זינען, אז די עלטערע מאטעריאליסטן „האָבן אָנגעווענדט אויסשליסלעך דעם מאָס־שטאב פון מעכאניק צו די פּראָצעסן פון כעמישער און אָרגאנישער נאטור". 2) די צווייטע באשרענקטקייט פון דעם עלטערן מאטעריאליזם באשטייט אין זיין מעטא־פיזישקייט, ד. ה. אין דער אנטידיאלעקטישקייט פון זיין פילאָסאָפישן מעטאָד. 3) דריטנס האָבן די אופקלערער דעם מאטעריאליזם אָנגעווענדט נאָר „אונטן", בא דער דערקלערונג פון נאטור־דערשיינונגען; „אויבן" אָבער, אפן געביט פון געזעל־שאפטלעכער וויסנשאפט, זיינען זיי געבליבן אידעאליסטן, ניט געהאט קיין שום פאַרשטענדעניש, פאַר היסטאָרישן מאטעריאליזם. (לודוויק פייערבאך, סאָף פון 2־טן קאפיטל. פארגל. דערצו אויך לענינס קאָמענטאר, ב. 10, ז. 200־201).

די אופקלערער פעלט דער געשיכטלעכער קוק אף זאכן. „דאָ האָט אלעמען בלינד געמאכט דער קאמף מיט די רעשטלעך פון מיטלאלטערלעכן שטייגער אין געזעל־שאפטלעכע באציִונגען. אפן מיטלאלטער האָט מען געקוקט, ווי אף א פּאָשעטן איבעררייס אין גאנג פון דער געשיכטע, וואָס איז געשען דורך א טויזנטיאָריקן אלגעמיינעם בארבאריזם... צוליב דעם איז אומעגלעך געוואָרן א ריכטיקער קוק אף דער פארבינדונג פון היסטאָרישע געשעענישן, און די געשיכטע איז אין בעסטן פאל געווען ניט מער, ווי א גרייטער, צום דינסט דעם פילאָזאָף, זאמלבוך פון אילו־סטראציעס און ביישפּילן" (ענגעלס, לודוויק פייערבאך). דער טיפּישער אופקלערער מוישע מענדעלסאָן האָט ערשט צום סאָף פון זיין לעבן אָנגעפרעגט, וואָס זאָל ער לייענען פון היסטאָרישע ווערק... אָבער אויך די גרויסע אופקלערערישע פילאָ־סאָפן, וואָס האָבן זיך פארטראכט אף די פּראָבלעמעס פון געשיכטלעכער דינאמיק, האָבן זיך געדרייט אין א פארקישעפטן קרייז.

די אופקלערער פון 18־טן י. ה. איז ניט באשערט געווען צו אנטשיידן, צי שאפט די „געזעלשאפטלעכע מיינונג" די סאָציאלע סוויווע, אָדער פארקערט, די סאָציאלע סוויווע שאפט די געזעלשאפטלעכע מיינונגען. דאָס איז א טיפּיש־אופקלערערישע אנטינאָמיע.

אין טאָך איז אָבער די אופקלערונג אפן היסטאָרישן געביט א י ד ע א ל י ס ט י ש. די וועלט, זאָגט העגעל, איז דאן געשטעלט געוואָרן אפן קאָפּ. „עס איז באשלאָסן געוואָרן, אז ביזן איצטיקן מאָמענט איז די וועלט רעגירט געוואָרן בלויז דורך פאָרורטיילן, און אז ערשט איצט איז אופגעגאנגען די זון, אָנגעקומען די מעלוכע פון סייכל". (אנטי־דיורינג, 12). דער דאָזיקער סייכל איז אָבער בלויז דער אידעא־ליזירטער סייכל פון דער בורזשואזיע. פון שטאנדפּונקט פון דאָזיקן סייכל ווערן רעווידירט אלע ביזיצטיקע געזעלשאפטלעכע באציִונגען און געזעלשאפטלעכע מיינונ־גען. דער פּראָגרעס פון דער געזעלשאפט איז אָפּהענגיק פון פּראָגרעס פון סייכל פון בילדונג. פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן דארף באזייטיקט ווערן אלץ, וואָס איז קעגן די פאָדערונגען פון סייכל, וואָרעם אלץ, וואָס איז קעגן סייכל, איז אויך קעגן דער נאטור, איז ניט נאטירלעך. אזוי ארום אנטשטייען די נאטור־טעאָריעס פון דער אופקלערונג: די טעאָריע פון נאטירלעכן מענטשן, פון נאטירלעכן רעכט, פון נאטיר־לעכער רעליגיע, פון נאטירלעכער גלייכקייט פארן געזעץ, פון פּריוואט־אייגנטום, ווי א זאך, וואָס איז אייגנטימלעך דער מענטשלעכער נאטור, און א. וו. און אויך דאָ איז פארבאָרגן א טיפּיש־אופקלערערישע אנטינאָמיע: דער סייכל גיט אונדז

דעם קריטעריִ, צי שטימט די געגעבענע געזעלשאפטלעכע דערשײַנונג מיטן נאטירלעכן צושטאנד, דער נאטירלעכער צושטאנד איז אָבער ווידעראמאָל דער קריטעריִ פון סייכל.

אן אויסגעצייכנטן בילד פון דער אופקלערערישער אידייען־וועלט גיט דאָס בוך פון בארימטן מאטעמאטיקער קאָנדאָרסע, געשריבן 1793־94, אלזאָ אינמיטן פון דער פראנצויזישער רעוואָליוציִע: „Esquisse d'un tableau historique des progrès de l'esprit humain“. קאָנדאָרסעס בוך איז א מין סאכאקל פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיִע פון 18־טן י"ה. ווען די טעטיקײַט פון די אופקלערערישע פילאָסאָפן, זאָגט קאָנדאָרסע, וועט דערגרייכן דעם ציל, וועט די מענטשלעכע געשיכטע צעטיילט ווערן אף צוויי עפּאָכעס: אין דער צווייטער, ד. ה. אין דער צוקונפט, וועט זײַן א שטענדיקער פּראָגרעס, בעת אין דער ערשטער עפּאָכע זײַנען געוועזן גרויסע פעריִאָדן פון ירידע, צוליב דעם זיג פון פינצטערקײַט. אן איבערברוך־דאטע אין דער געשיכטע איז לויט קאָנדאָרסע דער 18־טער י"ה, ווען דער פארפולקומטער וויסנשאפטלעכער מעטאָד האָט מעגלעך געמאכט דעם אנאליז פון די ביזיצטיקע יעסוידעס פון דער געזעלשאפט און דאָס אָפּוואַרפן זיי, ווי קינסטלעכע און שעדלעכע, און דעם אנאליז פון דער מענטשלעכער נאטור, וואָס האָט דערלויבט באשטימען עמעס, אין אלגעמיינע שטריכן, א געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, וואָס זאָל שטיין מיט איר אין פולשטענדיקן העסקעם. עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן א לאנגער פעריִאָד, ווען דער גלויבן אין איבערנאטירלעכע קויכעס, אבערגלויבן, אָנערקענטע אווטאָריטעטן האָט פארקריפּלט און קאליע געמאכט דאָס מענטשלעכע געשלעכט. פון איצט אָן הייבט אָן נוצן דער מענטש, ביכדיי צו דערקענען דעם עמעס און רעגירן מיטן לעבן, דעם איינציקן וואָפן, וואָס די נאטור האָט אים דערצו געגעבן, דעם סייכל. און אזוי וועט דער באפרײַטער מענטשלעכער פּראָגרעס דערפירן ביזן מאָמענט, ווען די זון וועט באלײַכטן אף דער ערד בלויז פרײַע מענטשן, וואָס אנערקענען דעם סייכל פאר זייער איינציקן האר.

„איצט ווייסן מיר שוין, אז די דאָזיקע מעלוכע פון סייכל איז געוועזן ניט עפּעס אנדערש, ווי די אידעאליזירטע מעלוכע פון דער בורזשואזיִע; אז די אייביקע גערעכטיקײַט איז פארווירקלעכט געוואָרן אין דער געשטאלט פון דער בורזשואזער יוסטיץ; אז די נאטירלעכע גלײַכקײַט האָט זיך באגרענעצט מיט דער גלײַכקײַט פון די בירגער פארן געזעץ, און אז ווי דאָס מאמאָשעסדיקסטע פון די רעכט פון מענטשן איז דערקלערט געוואָרן דאָס רעכט פון בורזשואזן אייגנטום... די דענקער פון 18־טן י"ה, ווי אלע זייערע פאָרגייער, האָבן ניט געקאָנט ארויס פון די גרענעצן, וואָס עס האָט זיי געשטעלט די דעמאָלטיקע עפּאָכע" (אנטי־דיורינג, 12).

די אופקלערערישע בורזשואזיִע האָט אויסגעצייכנט פארשטאנען די גרויסע מאכט, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך די ליטעראטור. אין יענער עפּאָכע האָט די בורזשואזיִע נאָך ניט געפּריידיקט „קונסט צוליב קונסט". גראָד פארקערט: די קונסט איז געוועזן נייטיק דער בורזשואזיִע, ווי א מעכטיקער מיטל צו פארשפרייטן אירע אידייען אין די ברייטסטע מאסן [1]. דער גרויסער דערפאָלג פון די אופקלערערישע פילאָסאָפן,

[1] אגעוו, איז דער לאָזונג „קונסט צוליב קונסט" אויך בלויז א צײַטעסדיקער לאָזונג פון בורזשואזער קונסט־פּאָליטיק.

ביפראַט פון די פראַנצויזישע, דערקלערט זיך אויך דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגענוצט אויך דעם מעדיום פון דער ליטעראַטור פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון זייערע פילאָסאָפישע אָנשויונגען. דידראָ, וואָלטער, רוסאָ האָבן געשריבן ניט בלויז פילאָסאָפישע טראַקטאַטן; זיי זיינען גלייכצייטיק געווען טעטיק אויך אַפן פעלד פון דער בעלעטריסטיק. אַזוי אויך לעסינג אין דייטשלאַנד. אָבער אויך זייערע ריין־פילאָסאָפישע ווערק האָבן זיי ס׳ראָוו אויסגעשטאַט בעלעטריסטיש, אויסגעלייגט זיי פּאָפּולער, פאַרשטענדלעך פאַר דער גרויסער מאַסע בורזשואַזע לייענער.

סען־סימאָן, דער גרויסער אוטאָפּיסט, קוואַליפיצירט ריכטיק די דאָזיקע דערשיינונג (אין זיין „לערע וועגן מענטשן"): „אין לעצטן יאָרהונדערט האָט מען זיך באַמיט מאַכן די אַבסטראַקטסטע פראַגעס צוגענגלעך פאַר אַלעמען, אויסלייגנדיק זיי אַזוי, אַז אַלע זאָלן קאָנען וועגן זיי אורטיילן. דער דאָזיקער וועג איז געווען זייער צוגעפּאַסט, ביכדיי אַרויסצורופן אַ רעוואָליוציע. דאָס איז טאַקע געווען דער ציל, צו וועלכן ס׳האָבן דאַן געשטרעבט די געלערנטע"...

אַזוי אַרום איז די אויפקלערערישע פילאָסאָפיע געווען ליטעראַריש, בעלעטריסטיש, אָבער אויך די ליטעראַטור—פילאָסאָפיש־אויפקלעריש. גלייכצייטיק שאַפט זיך אויך די ליטעראַטור־טעאָריע פון דער אויפקלערונג, ס׳אַנטשטייען אַזעלכע דענקמעלער פון אויפקלערערישער עסטעטיק, ווי דידראָס איינלייטונגען צו זיינע דראַמעס אָדער לעסינגס „האַמבורגישע דראַמאַטורגיע" און „לאַאָקאָאָן".

די עסטעטיק פון דער אויפשטייגנדיקער בורזשואַזיע פּריידיקט אָבער קעמפערישקייט, פּובליציסטישקייט פון דער ליטעראַטור. דער איטאַליענער אַלפיערי פּראָקלאַמירט, אַז דער טעאַטער דאַרף לערנען דעם צושויער „האַס צו דער געוואַלט (צום דעספּאָטיזם) און דעם באַוווסטזיין פון זיינע רעכט". דער ענגלענדער ריטשאַרדסאָן, איינער פון די פּאָפּולערסטע בורזשואַזע ראָמאַניסטן פון 18־טן י. ה., פּאָדערט, אַז „דער ראָמאַן זאָל וועקן האַס צו שלעכטע מידעס און ליבע צו דער טוגנט". געמיינט ווערט האַס צו דער אויסגעלאַסענער, פוילנדיקער אַריסטאָקראַטיע און ליבע צו דער בורזשואַזער טוגנט. דידראָ פּאָדערט פון דער דראַמע געבן בורזשואַזן טיפּאַזש—סאָחרים, אַדוואָקאַטן, פילאָסאָפן, אַפילו פּויערים, און ניט מעלאָכים און פירשטן; די דראַמע דאַרף זיך דערנעענטערן צו דער רעאַלערווירקלעכקייט און מאָלן זי ניט קאָמיש, ניט טראַגיש, נאָר „ערנסט". די דראַמע דאַרף ניט נאָר שילדערן, נאָר אויך באַלערן. און דידראָס מיינונגען כאַזערט איבער לעסינג אין דער „האַמבורגישער דראַמאַטורגיע", און אויך פאַר לעסינגן איז דער טעאַטער די בינע, „די קאַנצעל" צו קענען פּריידיקן די בורזשואַזע אידייעס און אַריינדרינגען מיט זיי אין דעם ברייטסטן קרייז מענטשן.

די אויפקלערערישע בורזשואַזיע פּאָרמירט, אַלזאָ, אַף דער באַזע פון איר פילאָסאָפיע אַן אייגענע קריגערישע עסטעטיק און שטרעבט זי גלייך פאַרווירקלעכן און דעמאָנסטרירן אין ליטעראַרישע ווערק. באַלערנדיק אין דער הינזיכט איז לעסינג, וואָס האָט, אָנערקענענדיק די גרויסע אַגיטאַטערישע באַדייטונג פון טעאַטער, אי געשאַפן די דראַמאַטורגישע בורזשואַזע טעאָריע, אי געשריבן אַליין דראַמעס, אי אַקטיוו מיטגעהאָלפן בא דעם אויפבוי פון אַ בורזשואַזער בינע. אַזוי־אַרום פּאָרמירט אויס די בורזשואַזיע אַן אייגענעם ליטעראַרישן סטיל. איר רעכטסטער

פליגל, וואָלטער, אשטייגער, וואָס רעפּרעזענטירט דעם פאַרבירגערלעכטן אדל, ציט נאָך ווײַטער די טראַדיציע פון דער הויפישער, קלאַסישער דראַמע, עמעס, אָנפילנדיק זי שוין מיט א בורזשואזן אינהאַלט. דער קערן אָבער פון דער בורזשואזער מאַכנע — דאָס „מיטעלע און קליינע בירגערטום, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין מאָדערנעם בורזשוא", שאַפט שוין אייגענע ליטעראַרישע זשאַנרען, דעם סענטימענטאַלן ראָמאַן, די סענטימענטאַלע קאָמעדיע און דראַמע — א סטיל, וואָס דריקט אויס יענעם צושטאַנד, ווען די בורזשואזיע שטרעבט זײַן אַלץ און איז נאָך גאָרניט, און האָט דערווײַל ראַכמאָנעס אף זיך אַליין און באַגיסט זיך מיט טרערן. שפּעטער, סאָף יאָרהונדערט, ווען די רעוואָליוציאָנערע בורזשואזיע איז שוין געקומען צו דער מאַכט, ווערט אָן אַנאַכראָניזם אויך דאָס צעקראָכענע קלאָגעניש פון דעם סענטימענטאַלן נוסעך, און ווידער לעבט אוף די קלאַסישע דראַמאַטורגיע, איצט שוין א געווער פון דער טריומפירנדיקער בורזשואזיע, — „וואָרעם, זאָגט מאַרקס, פאַר די גלאַדיאַטאָרן פון דער בורזשואזער אָרדענונג האָבן די שטרענגע, קלאַסישע טראַדיציעס פון דער רוימישער רעפּובליק געגעבן יענע אידעאַלן, יענע קינסטלערישע פאָרמעס און מיטלען פון זעלבסטאָפּנאַרן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געניטיקט, ביכדיי צו באַהאַלטן פון זיך אַליין דעם באַגרענעצטן אינהאַלט פון זייער קאַמף און אופהאַלטן זייער ענטוזיאַזם אף דער הייך פון א היסטאָרישער טראַגעדיע"... („18-טער ברומער").

דער אופקלערערישער סטיל פון דער ליטעראַטור איז, אלזאָ, קעמפעריש און פּובליציסטיש, די ליטעראַטור איז א מיטל אין פּאָליטישן קאַמף פון דער בורזשואזיע און דאַרף באַלערן און מאָראַליזירן; זי דאַרף קעגנשטעלן דער צעפּוילטקייט פון דער אַריסטאָקראַטיע די מאָראַל און טוגנט פון דער בורזשואזער פאַמיליע און סטאַם פון בורזשואזן מענטשן; זי דאַרף אַרײַנפירן אין דער ליטעראַטור דעם בורזשואזן טיפּאַזש און אַרויסוואַרפן די ביזאַהער דאָרט הערשנדיקע מעלאָכים, גראַפן און אַדעליקע. די בורזשואזיע באַהערשט די ליטעראַטור, אָנזאָגנדיק אויך דערמיט איר נאָענטן פּאָליטישן זיג.

3

די האַסקאָלע איז אן אייגנאַרטיקער וואַריאַנט פון דער אַלגעמיינער אופקלערונג-באַוועגונג, א וואַריאַנט, וואָס פאַרמאָגט אָבער א רײ ספּעציפישע שטריכן. די האַסקאָלע איז די אידעאָלאָגיע פון באַשטימטע שיכטן פון דער אופשטײַגנדיקער יידישער בורזשואזיע, זי קומט אוף אין דער עפּאָכע פונעם אַלגעמיינעם קריזיס פון דער פעאָדאַלער סיסטעם, ווען ס'פאַרשאַרפט זיך די סאָציאַלע דיפערענצירונג אין דער יידישער סוויווע. מיט דער פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן-אַנטאַגאָניזמען האָט זיך אָבער דיפערענצירט אויך די אידעאָלאָגישע אײַנשטעלונג פון די הערשנדיקע שיכטן בא יידן.

די טקופע זינט דער פאַנאַנדערטיילונג פון פּוילן ביז דער פּויערים-רעפאָרם, זינט 1772 ביז 1861, ווײַזט שוין אוף דרײַ גרונט-אידעאָלאָגיעס בא יידן: ראַוויניזם (מיסנאַגדעס), כסידעס און האַסקאָלע. אָבער „די הערשנדיקע אידייעס פון יעדער צײַט זײַנען שטענדיק געווען בלויז די אידייעס פון הערשנדיקן קלאַס". אלע דרײַ

דערמאָנטע אידעאָלאָגיעס—דער ראוויניזם, דער כסידיזם און די האסקאָלע—זײַנען טאקע געווען אידעאָלאָגיעס פון די הערשנדיקע עקספּלואטאטערישע שיכטן בא יידן.

דער ראוויניזם איז געווען די אלטע רעליגיעזע אידעאָלאָגיע פון יענע אלטע גוויריש-ראבאָנישע שיכטן, וואָס האָבן געהערשט אין די קעהילעס אין מעשעך פון הונדערטער יאָרן ביז דער צווייטער העלפט פון 18-טן יאָרהונדערט,—די אידעאָלאָגיע פון אלט-פּרענקעשן האנדל-קאפּיטאל. אינ דעם 18-טנ יאָרהונדערט, אין צוזאמענהאנג מיטן קריזיס פונעם גאנצן פעאָדאלן סיידער, לעבט איבער אויך דידאָזיקע אידעאָלאָגיע א שווערן קריזיס. עס וואקסט די אומצופרידנקייט פון די מאסן און הייבט אָן פאנאנדערזעצן די ווענט און די צוימען פון דער אלטער קאָהאָל-אָרגאניזאציע. דער ווייניק בויגעוודיקער ראוויניזם, מיט זײַן אָריענטאציע אפן גוויר און לאמדן, מיט זײַן פאראכטונג צום אמאָרעץ, מיט זײַן ריזיקן בארג פּילפּולים, רעליגיעזע פארבאָטן האָט געהאט קנאפּע מאנעווריר-פייִקייטן אין דער געגעבענער היסטאָרישער סיטואציע. דער קריזיס פונעם ראוויניזם ווערט ביפראט דײַטלעך אף אוקראינע, אין פּאָדאָליע און אין וואָלין, ארום דער העלפט פונעם 18-טן יאָרהונדערט, סײַ צוליבן צעפאל פון דער צענטראלער פּוילישער קאָהאָל-אָרגאניזאציע (דער צעפאל פונעם „וואאד"), סײַ צוליב דעם, וואָס פּאָדאָליע געפינט זיך צום סאָף פון 17-טן יאָרהונדערט א פּאָר יאָרצענדליקער אונטער דער טערקישער הערשאפט, סײַ צוליב דער גרויסער ספּעציפישער וואָג פון די דאָרפישע יידן אין די דאָזיקע געגנטן (און יישוווניקעס זײַנען לויט זייער עצעם פּראָפעסיע שוין מער אָפּגעריסן פון אונטער דעם קאָהאָל-קאָנטראָל), סײַ צוליב די פּויערים-אופשטאנדן, וואָס פלאקערן דאָ קעסיידער און ציִען ארײַן אין זייער ווירקונג-קרײַז אויך געוויסע שיכטן פון דער יידישער אָרעמשאפט און האָרעפּאשניקעס. דאָס בירגערטום, וואָס הערשט צו יענער צײַט אין די אוקראינישע יידישע קעהילעס האָט אויך א ריי ספּעציפישע שטריכן אין פארגלײַך מיט די מײַרעוודיקע און צאָפנדיקע קעהילעס אין קרוין-פּוילן און אין ליטע,—עס פּאראזיטירט אף אן עקאָנאָמיש—מער פּרימיטיוון באָדן, אָריענטירט זיך מער אפן האנדל מיטן רוסישן מארק, איז פּראָסטער און מער פארגרעבט. אזוי, צי אזוי, צוליב א ריי היסטאָרישע סיבעס איז אין פּאָדאָליע, וואָלין און אין די שכיינעסדיקע געגנטן פון מײַרעוו-אוקראינע דער קריזיס פון ראוויניזם, ווי אן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט באדינט די הערשנדיקע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, דערגאנגען ארום דער העלפט פונעם 18-טנ יאָרהונדערט צו זײַן העכסטער שטופע. דער ראוויניזם איז שוין ניט אימשטאנד געווען פירן נאָך זיך גרויסע יידישע מאסן, און דאָס קומט דײַטלעך צום אויסדרוק אויך אין די העפטיקע אָנפאלן קעגן די ראבאָנים אין די שריפטן פון די ערשטע כסידישע טעאָרעטיקער, אשטייגער דעם פּאָלאָנער ראָוו יאנקעוו יאָסעף. אזוי ארום איז אין אוקראינע אופגעקומען כסידעס, א נײַער ווואריאנט פון יידישע מיסטיש-רעליגיעזע אָנשויונגען, א ווואריאנט, וואָס האָט בעסער אויסגעדריקט די לעבנס-אנשויונגען און לעבן-שטייגער פון דעם פּראָסטערן (אין פארגלײַך מיט פּוילן און ליטע) פּאָדאָליער-וואָלינישן פעאָדאלן יידישן בירגערטום און וואָס האָט (און דאָס איז ניט ווייניקער וויכטיק) געשאפן גרויסע מעגלעכקייטן פאר סאָציאלער דעמאגאָגיע, פאר פירן און פארפירן די מאסן מיט פּסעוודאָ-דעמאָקראטישער פראזעאָלאָגיע. אָטאָ דידאָזיקע דעמאגאָגיע און פראזעאָלאָגיע האָט טאקע געבראכט דעם גיכן און

לײַכטן זיג פון דער כסידישער באוועגונג, האָט מעגלעך געמאכט, סײַ איר גיכע אײַנוואָרצלונג אין די מאַסן פון דעם יידישן קלײנבירגערטום, סײַ איר גיכן זיג איבער אירע קעגנער פונעם ראווינעסטישן לאגער. די יידישע גוויריש־ראבאָנישע שפיצן אין די אנדערע געגנטן און לענדער האָבן גיך אײַנגעזען די דאָזיקע גרונטמײַלעס פונעם כסידיזם און גענומען זיי אויסנוצן אין דער ברייטסטער מאָס.

און בעעמעס, די כסידישע אידעאָלאָגיע האָט בעסער ווי דער ראווינעזם אויסגעדריקט דעם געמיט, לעבן־שטייגער און לעבן־אידעאל פונעם פראָסטערן פארמעגלעכן אוקראַיִניש־יידישן בירגערטום. דעם מער פארגרעבטן בראָנפּן־הענדלערישן און שמוגלערישן סויכער און ארענדאר האָט געשמייכלט די כסידישע לערע, וואָס רוקט אריבער לאָמדעס און לאָמדישן ייכעס אפן צווייטן פלאן; זײַנע טונקעלע אפעריסטישע געשעפטן האָט ריין געוואשן די כסידישע טעאָריע, אז וויכטיק זײַנען ניט די מײַסים, נאָר די קאוואָנע, ניט די פראקטיק, נאָר דער מיין; א פולשטענדיקע פארגעבונג פון די זינד האָט אים ארויסגעגעבן די פונדאמענטאלע לערע פונעם כסידיזם, אז אין דער מינדסטער טאט און זאך איז פאראן א געטלעכער פונק, וואָס קאָן און דארף אויסגעלייזט ווערן דורך דער כסידיש־רעליגיעזער פראקטיק; זײַן לעבן־שטייגער האָט מער אנטשפראָכן די כסידישע טוירע, אז מע דארף טרײַבן פון זיך אומעט, אצוועס, און מע דארף שטרעבן זײַן פריילעך, אָפטימיסטיש, מיט אלע מיטלען, דערין אויך דורכן טרינקען בראָנפּן. אין א צײַט פון גרויסע פּאָליטישע איבערקערענישן און אומרוען, אין א צײַט, ווען סע ברעכט זיך דער גאנצער אָנגענומענער לעבן־סיידער און סע קומט אוף א נײַע פאָרמאציע, שטארקט זיך דער מיסטישער שטראָם אין דער רעליגיע, און אָט די שטימונגען פון אן איבערבראָך־צײַט האָט בעסער ווי דער ראווינעזם אָפּגעשפיגלט (נאטירלעך, קרום אָפּגעשפיגלט, פארקריפלט) דער כסידיזם, וואָס האָט פארמאָגט א היפשן מיסטישן אָנלויף, דערבײַ א גאנץ פּאָרזיכטיק־אָפּגעקליבענעם: כסידעס האָט אָפּגעוואָרפן דעם מעשיכיזם פון דער „טעאָרעטישער קאבאָלע“, און אויסגעביטן דעם ניטוואַרשײַנלעכן און אָקערשט שאבסע-צווי קאָמפּראָמעטירטן גענעראלן נעס אף קלוימערשט מער רעאלע קליינע, טאָגטעגלעכע ניסים און וואונדערטאטן פון די צאַדיקים; אזוי ארום האָט כסידעס אויך פיל גענאשט פון דער „פראקטישער קאבאָלע“, אָבער אָפּגעוואָרפן איר אסקעטיזם, אירע פאסטענישן און פײַניקונגען. די זנאכאריש־שאמאנישע פראקטיק פון די צאַדיקים האָט אויך מער אנטשפראָכן דער אלגעמיינער אָבערגלויבערישער פארגרעבטקײַט און דעם נידעריקן קולטור־ניוואָ פון די דאָזיקע געגנטן.

אָבער ניט קײַן קלענערע ראָליע האָבן געשפּילט אין די אויגן סײַ פון די גרינדער פון דער כסידישער באוועגונג, סײַ פון אירע פּראָטעקטאָרן פון דער הערשנדיקער שיכט פון דעם אוקראַיִנישן יידנטום אירע דעמאגאָגישע אייגנשאפטן איר גרעסערע מאנעווריר־פייִקײַט אין פארגלײַך מיטן ראווינעזם, די מעגלעכקײַט דורכן כסידיזם צוריק צו געווינען די האשפּאָע און די אָנפירערשאפט איבער גרויסע מאסן פונעם קלײנבירגערטום, פארשטארקן דורך דער רעליגיעזער דעמאגאָגיע יענע לעכער, וואָס די אומצופרידנקײַט און די יוירונג פון די מאסן האָבן גענומען דורכבויערן אינעם רעליגיעזן בּיניען. אזעלכע מעגלעכקײַטן האָבן געשטעקט אין דער כסידישער לערע: די טעאָרעטישע דעגראדאציע פון לאָמדעס האָט געשמייכלט אויך

רָאסטן פֿאָלק־מענטש, האָט פאַרוועבט כסידעס אין א דעמאָקראַטישן שלייער;
עס האָט געגרעדט צו. זײַן הארצן דאָס ארויסרוקן אפן ערשטן פּלאן די קאוואָנעסדיקע
טפילע און דעם רעליגיעזן געפיל אָנשטאָט דעם פּינקטלעכן אויספירן די רעליגיעזע די־
נים אוּנ פאַרשריפטן; עס האָבן אים פאַרוויגט די אָנפאלן פון די ערשטע כסידישע
טעאָרעטיקער קעגן די לאָמדים, „וואָס מאכן פון דער טוירע א קרוין אפ צו גרויסן
זיך מיט איר ...וואָס צירן זיך אויס מיטן פילפל, קעדיי זיי זאָלן האָבן א טייל און
א שעם צווישן טאלמידיי־כאכאָמים", קעגן די ראבאָנים, וואָס שטייען איבערן פֿאָלק
און באהעפטן זיך ניט מיט אים, און ווען זיי „קומען דארשענען צו פּראָסטע
פֿאָלקס־מענטשן, וואָס זיי האָבן צו זיי קיין שײַכעס ניט, ווי קאָנען זיי זיך מיט זיי
באהעפטן, קעדיי זיי צו דערהייבן צו אונדזער פֿאָטער אינ הימל"? (פונ די דראָשעס
פון יאנקעוו־יאָסעפ פונ פּאָלאָנע, דעם בעשטס טאלמיד).

און עפשער, קען מען פרעגן, איז עס טאקע דער טאָך פון כסידעס, און ניט
זײַן פראזע, ניט זײַן פאָרם, זײַנ דעמאָקראַטישער שלייער? עפשער זײַנען אונטער דער
אָפּגעשטאנענער רעליגיעזער פאָרם און פּראזעאָלאָגיע געקומען צום אויסדרוק עמעסע
רעוואָליוציאָנערע און דעמאָקראַטישע פאָדערונגען אונ אופּברויזן פון דעם יידישן
האמוין יענע צײַטן? האָבן מיר דען ניט פיל אזעלכע פאלן אין דער געשיכטע פון
קלאסן־קאמף? זײַנען דען ניט די רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגען פונעם דײַטשישן פויער־
טום אינעם אָנהייב פונעם 16־טן יאָרהונדערט געקומען צום אויסדרוק אין ביבלישע
פּסוקים און ציטאטעס? איז דען ניט געווען רעליגיעז געשלייערט טאָמאס מיונצערס
רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאגאנדע? אזא מין לעגענדע וועגן דער דעמאָקראטישקײַט און
רעוואָליוציאָנערישקײַט פון דער כסידישער באוועגונג האָט אויסגעבויט דער יידישער
נאצ.־דעמאָקראַטיזם, און רעשטלעך פון איר בלאָנקען ארום אויך אין דער סאָוועטי־
שער פאָרשונג. און וואָלטן די כסידישע צאדיקים טאקע גערופן צום קאמף קעגן
די פעאָדאלן, קעגן די אבסאָליוטע הערשער, קעגן די פּריצים, קעגן די סאטראפּן
אין יידישן לעבן, וואָלט זייער לערע טאקע געווען א דעמאָקראַטישע, ניט געקוקט
אף איר רעליגיעזן שלייער. אָבער דאָס אלץ האָט די כסידישע באוועגונג ניט גע־
טאָן, פאַרקערט, זי האָט אלץ געטאָן, קעדיי אָפּצוּוועגדן די מאסן און זייער אומ־
צופרידנקײַט, זייער רעוואָליוציאָנערע יוירונג פון ערד־זאכן אפ הימל־זאכן. בא
מיונצערן און ענלעכע פּירער האָבן מיר צו טאָן מיט א רעליגיעזער פּראַ־
זעאָלאָגיע און א דעמאָקראַטיש־פּלעבעישן אינהאלט, בא די כסידישע פּירער מיט
א קעמוי־דעמאָקראַטישער פּראזעאָלאָגיע און א פעאָדאל־רעאקציאָנערן אינהאלט. אין
א פּעריאָד, ווען די יידישע האָרעפּאשניקעס און אָרעמשאפט הייבן אָן אופמערקזאם
זיך צוקוקן, זיך לערנען בא די פּויערישע אופשטאנדן און טײַלווײַז אָנטיילנעמען
אין זיי, האָט די כסידישע באוועגונג געפּריידיקט נאָך א גרעסערע פּאראכטונג, ביטל,
טרעטירונג פון דעם ניט־יידן, נאָך מער ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט דעם אטאָ־
בעכארטאָנו־פּרינציפּ און געגראָבן א טהאָם צווישן די יידישע און ניט־יידישע פֿאָלק־
מאסן. די דעמאָקראטישע פּראזע האָט פאַרמאָגט א פעסטן צוים אין דער צאדיקים־
אינסטיטוציע, וואָס שטעלט גלײַך אײַן א טיפע דיסטאנץ צווישן דער מאסע און דעם
צאדיק, דעם רעליגיעזן פּירער. אומזיסט דרייט זיך דאָ די בורזשואזע פאָרשונג אפן
קאָרעק און וויל אײַנזען אן אונטערשייד צווישן כסידיזם און צאדיקיזם, צווישן דעם

בעשט [1]) און נאכמען בראסלאווער (ווי דאָס טוט, צום בײַשפּיל, דובנאָוו). צאדיקיזם איז פון אָנהויב אָן געווען א פונדאמענטאלע לערע אינעם כסידיזם, און ס'איז פון אָנהייב אָן געווען א פעסטער באריער קעגן עווענטועלע דעמאָקראטישע באוועגונגען אינעם שויס פונעם כסידיזם. פון אָנהייב אָן האָט די דאָזיקע לערע געאָטעמט מיט פאראכטונג צום מאסע־מענטש. שוין דער בעשט האָט געלערנט, אז ניט איטלעכער מענטש קען זײַן א צאדיק, אז דער פּאָשעטער כאָסיד מוז גלויבן אין צאדיק, אפילע אויב ער זעט אים פארזונקען אין קליינלעכע זאכן פון דער וועלט, אפילע ווען דער צאדיק „פאלט אראָפּ פון זײַן מאדרייגע", און ער טאָר זיך ניט צוגלײַכן צום צאדיק. שוין דעם בעשטס טאלמיד, דער פּאָלאָנער ראָוו, האָט דעם האמוין באטראכט ווי „כוימער", שטאָף, וואָס באקומט די פאָרם ערשט דורכן צאדיק. שוין בער מעזעריטשער, דער צווייטער זײַל פון דער כסידישער באוועגונג, האָט געלערנט, אז דער צאדיק איז דער פונדאמענט פון דער ערד, „די צאדיקים ווילן פירן די וועלט, האָט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט, קעדיי זיי זאָלן האָבן האנאָע פון פירן זי", און אויך ער כאזערט איבער, אז „אויב דער צאדיק פאלט אמאָל אראָפּ פון זײַן מאדרייגע, איז דאָס ניט קיין פאלן, וואָרעם סע שטייט געשריבן: זיבן מאָל פאלט א צאדיק און ער שטייט אוף".

דער כסידיזם האָט ניט אָנגערירט קיין האָר אין דעם ביז־איצטיקן יידישן רעליגיעזן ביניען, ער האָט ניט אָפּגעשאפט קיין איין רעליגיעזע פאָרשריפט, ער האָט ניט פארקלענערט דעם בארג רעליגיעזע פארבאָטן, ער האָט אין טאָך קיינמאָל ערנסט ניט געקעמפט און ניט געמיינט קעמפן קעגן די ראבאָנים. דער כסידיזם האָט ניט אָפּגעשאפט די רעליגיעזע יידישע היערארכיע, פארקערט, ער האָט זי איבערגעלאָזן און צוגעגעבן א נײַע היערארכיע פון צאדיקים און זייערע קלייקוידעש, און אזוי ארום האָט זיך אף די פּלייצעס פון די מאסן איצט ארופגעלייגט די לאסט פון נאָך איין שווערן קלעריקאלן לייטער, דער כסידיזם האָט ניט אָנגערירט די קאָהאָל־אָליגארכיע און ניט געהאס בעדייע באקעמפן די קאָהאָלשע סיסטעם פון עקספּלואטאציע: ער האָט בלויז געשטרעבט אײַנעמען די קעהילעס און באזעצן זיי מיט זײַנע אָנהענגער. אף די קלאָגענישן און ביטערן געמיט פון די פאָלק־מאסן האָט דער כסידיזם געענטפערט מיט דער טעאָריע וועגן „ביטל־האיעש" (מעוואטל מאכן די ווירקלעכקײַט),— אזוי ווי ס'וואָלט געוואָרן לײַכטער, אויב מען וואָלט זיך אָפּגעטאָן אין געדאנק פון דער ווירקלעכקײַט און זי מעוואטל געווען,—און מיט זנאכערישע אָפּיוּם־מויפסים. אזוי ארום איז דער כסידיזם געווען דער סאמע רעאקציאָנערער קויעך אין דער דעמאָלטיקער יידישער סוויווע, וואָרעם ער האָט פארמאָגט דעם יוגנט־ברען פון א נײַער סעקטע, האָט געהאט אן ארסענאל פון פּסעוודאָ־דעמאָקראטישע לאָזונגען און זנאכעריש־שאמאנישן אָפּיוּם, און איז געווען ארומגערינגלט די ערשטע צײַט מיטן אָרעאָל פון מארטירערטום און פארפאָלגונגען מיצאד דעם ראווינים.

די בורזשואזע היסטאָריקער בלאָזן שטארק פאנאנדער דעם פארנעם און די באדײַטונג פון די קאמפן פון די ראווינים (די מיסנאגדים) קעגן דער כסידישער באוועגונג, שילדערן זיי אין עפּיש־האָמערישע טענער, און פארגעסן אונטערשטרײַכן, אז סאכאקל

[1]) דער „בעשט"—פארקירצונג פון „באלשעמטויוון"—גרינדער פון כסידיזם (1700—1760).

האָבן די דאָזיקע קאַמפּן געדויערט קוים דרײַסיק יאָר (1772—1801), וואָרעם גאָר גיך האָט די גוויריש־ראַבאָנישע אָליגאַרכיע אין אַנדערע לענדער און קאַנטן זיך איבערצײַגט אין דער געפערלאָזיקײַט פון דער כסידישער באַוועגונג, און פאַרקערט אינ אירע גרויסע נוצן, ווי א מעכטיקער רעאַקציאָנערער שוץ-באַריער. דער ראַוויניזם האָט פון אָנהייב געהאַט געגוג מאָטיוון צו רוידעפן די יונגע כסידישע באַוועגונג: ער האָט געציטערט פאַר א רעליגיעזער שפּאַלטונג; ער האָט מוירע געהאַט, אַז פון דער דאָזיקער שפּאַלטונג קאָן געווינען א דריטער צאַד, אַז ס'קען דורך דעם ענדגילטיק אײַנפאַלן דער גאַנצער ביניען פון דער קאָהאָל־אָרגאַניזאַציע: דראָענדיק איז געשטאַנען פאַר די אויגן דער סאָף פון דער פראַנקיסטן־סעקטע, וואָס איז אַריבער צום קריסטנטום; דער ראַוויניזם האָט לעכאַטכילע איבערגעשאַצט די באַדײַטונג און די ווירקונג פון דער כסידישער פּסעוודאָ־דעמאָקראַטישער פּראַזועלאָגיע, ער האָט אָפּגעשטעלט דעם קאַמף טייקעף, ווי ס'איז קלאָר געוואָרן דער מעהוּם פון דער כסידישער באַוועגונג. דאָס באַווײַזן זיך פון א נײַעם געמיינזאַמען סוינע—פון דער האַסקאָלע—האָט ענדגילטיק קאָנסאָלידירט ביידע פליגלען פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, האָט געשאַפן אַן אייגהײַטלעכן פראָנט פון דער פעאָדאַלער רעאַקציע, און דעם גרעסטן, פאַנאַטישסטן פּאַטאָס האָט דערבײַ אַרויסגעוויזן דער כסידיזם, וואָס האָט צום אָנהייב פון 19־טן יאָרהונדערט פעסט געהאַט אין זײַנע הענט די אוקראַינישע קעהילעס, איז שוין טיף אַרײַנגעדרונגען אין גאַליציע, האָט באַוויזן שאַפן זיך פּאָזיציעס אינ ליטע און ווײַס־רוסלאַנד, האָט אָנגעהויבן זיך פאַרשפּרייטן אין קליין־פּוילן און אַזוי אַרום אײַנגענעמען די מערהײַט פון די יידישע גלויב יקע.

4

די נײַע, דריטע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער סוויווע אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, די האַסקאָלע, איז אויך געווען אַן אידעאָלאָגיע פון פאַרמעגלעכע יידישע שיכטן. דער ראַוויניזם האָט אויסגעדריקט דעם אַלט־פרענקישן האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעקוועטשט און אײַנגענעסטעט אין די „פּאָרן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט” (מאַרקס). אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער האַנדל־קאַפּיטאַל טיילווײַז גענומען אַריבערוואַקסן אין א נײַער קאַפּיטאַליסטישער קוואַליטעט. דער אופקום פון דער האַסקאָלע האָט באַטײַט, אַז אין די העכערע שיכטן פונעם יידישן בירגערטום איז פאָרגעקומען א דיפערענציאַציע, אַז פונעם אַלט־פרענקישן, קאָנסערוואַטיוון און קאָנסערווירנדיקן האַנדל־בירגערטום האָט זיך אויסגעטיילט א מער רירעוודיקע שיכט, וואָס איר טעטיקײַט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם נײַעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אויפן. דער ראַוויניזם איז אַזוי אַרום איצט שוין די אידעאָלאָגיע פון פעאָדאַלן קאָנסערוואַטיוון יידישן בירגערטום, וואָס קלאַמערט זיך אָן די אַלטע, אָפּגעלעבטע פאָרמעס פון עקספּלואַטאַציע; דער כסידיזם איז ל ע כ א ט כ י ל ע די אידעאָלאָגיע פון די פּראָסטערע, מער אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון פעאָדאַלן בירגערטום, וואָס פּאַראַזיטירן אַף דער עקאָנאָמישער פּרימיטיווער

ווירטשאפט פון אוקראַינע און גאַליציע; די האסקאָלע איז די אידעאָלאָגיע פון דער אופקומענדיקער מאָדערנער ייִדישער בורזשואַזיע, פונעם מאָדערניזירטן ייִדישן גרויסנסוחער, פון די ערשטע ייִדישע פאַבריקאַנטן, פון די פּאָדריאַדטשיקעס, פון די באַנקירן און ענדלעך פון דער אינטעליגענץ, וואָס באַדינט זיי.

אין פאַרגלײַך מיט דער אַלגעמיינער אופקלערונג־באַוועגונג, פאַרמאָגט די האסקאָלע א ריי אייגענע, ספּעציפישע שטריכן, אָבער זי איז ניט א דערשײַנונג, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז דער ייִדישער סוויווע. אויך די האסקאָלע איז די אידעאָלאָגיע פון דעם ייִדישן מיטל־בירגער, וואָס וואַקסט איבער אין מאָדערנער בורזשואַזיע. אויך די האסקאָלע איז ארויסגערופן דורכן ארײַנדרינגען פון קאַפּיטאַליזם אין דער אָפּגעשטאנענער האַלב־פעאָדאַלער סוויווע, אין וועלכער ס'לעבט די ייִדישע באַפעלקערונג, און זי באַגריסט די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע אנטוויקלונג, אָריענטירט זיך אַף איר און דערוואַרט פון איר אַן עפּאָכע פון אַלגעמיינעם וווילשטאַנד. אויך זי טיילט איין די געשיכטע פון דער מענטשהײַט אין צוויי גרויסע טקופעס — די טקופע פון פינצטערניש ביז דער האסקאָלע, דער „הימלישער טאָכטער", און די נײַע טקופע, פול ליכט און גליק. „אַלע גליקן פון דער וועלט שטייען מיר אָפן" — שרײַט אויס באַגײַסטערט אקסענפעלדס א העלד, אינמיטן פון דער פינצטערער ניקאָלײַעווסטשינע.

די האסקאָלע־אידעאָלאָגיע, ווי אַן אופקלערונג־אידעאָלאָגיע, איז ראַציאָנאַליסטיש, און דער עצעם טערמין „האסקאָלע" איז אייגנטלעך אדעקוואַט צום טערמין „ראַציאָנאַליזם" (ratio—סייכל). אויך די מאסקילישע דענקער שטרעבן פאָפולער אויסלייגן זייער פילאָסאָפיע, בעלעטריסטיש מאכן זייער וויסנשאפט און פובליציסטיש פאַרשאַרפן זייער בעלעטריסטיק. דער פילאָסאָף מענדעלסאָן שאפט א פּאָפולערן זשורנאַל „קוהעלעס מוסר", דעם ערשטן העברעיִשן זשורנאַל, פאַרפאַסט אויך פאַבלען, און ס'איז פאַראַן אפילע זײַנס א ליד אין העברעיִש; נאַפטאָלע־הערץ ווײַזל איז א דענקער, פּאָרשער — אָבער אויך דער גרונטלייגער פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. דער גאַליציישער מאסקיל ראַפּאָפּאָרט איז א היסטאָריקער און פובליציסט, האָט אָבער אויך עטלעכע ליטעראַרישע ווערק; אזוי אויך פּערל און אנדערע; דער וויסנשאפטלער און פובליציסט לעווינזאָן שרײַבט לידער און פּראָזע, און זײַן פובליציסטישע בראָשור „העפקער־וועלט" קליידט ער אין בעלעטריסטישע פאָרמעס.

פּרוּוון מיר רעווידירן די ייִדישע האסקאָלע אין ליכט פון לעניִנס דרײַ סימאָנים פון אַן אופקלערער, ווערט גלײַך קאָנטיק, ווי ווײַט די האסקאָלע האָט זיך אונטערשיידט פון דער אופקלערונג. עמעס, אויך פאַר דער ייִדישער האסקאָלע איז אייגנטימלעך די הייסע פאַרטיידיקונג פון בילדונג; בילדונג איז פאַר איר א פּאַנאַצעיע, א ווינטשפינגערל, וואָס קען איינציק אראָפּברענגען דעם אַלגעמיינעם גליק און וווילשטאַנד; אויך זי קעמפט פאַר אייראָפּעיִשע פאָרמעס פון לעבן; אויך די ייִדישע האסקאָלע, זײַענדיק אין טאָך א בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, פאַרמאָגט א ריי דעמאָקראַטישע לאָזונגען. ניטאָ אָבער אין די שריפטן פון דער ייִדישער האסקאָלע ביז אין די זעכציקער יאָרן, ביז דער פּויערים־באַפרײַונג, קיין שום קאַמף קעגן לײַבאייגנטום! דאָ אנטפּלעקן זיך שוין ספּעציפישע שטריכן פון דער ייִדישער האסקאָלע. צוליב פאַרשיידענע היסטאָרישע סיבעס, הויפּטזעכלעך צוליב דער שוואַכער אנטוויקלונג פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין דער ייִדישער סוויווע, איז

די האסקאָלע אין אַלע פאלן באדייטנדיק קאָנסערוואטיווער פון דער אייראָפּייִשער אופקלערונג, אסאך ענגער פארבונדן מיט דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, און איר קאמף קעגן פעאָדאליזם איז באדייטנדיק אָפּאָרטוניסטישער. אָנשטאָט לייבייגנטום באקעמפט די האסקאָלע מיטן גרעסטן אימפעט די פעאָדאלע אינסטיטוציע אין דער יידישער סוויווע, דעם קאָהאָל מיט זיין סאָלידארישער אכראיעס. פאכדאָניש און שטאדלאָניש איז איר קאמף פאר עמאנסיפאציע, פאר פּאָליטישער רעכט. אויב עס ליגט אין מעהוס פון דער בורזשואזיע, אז אפילע אין איר רעוואָליוציאָנערן פעריאָד קען זי ניט דער־פירן דעם קאמף קעגן רעליגיע ביזן סאָף, איז אָבער נאָך מער פשאָרעסדיק געווען דער אנטירעליגיעזער קאמף פון די יידישע אופקלערער. ביז אטעיזם דערעדט זיך ניט קיין שום מאסקיל, און די העכסטע שטופע פון מאסקילישער אנטירעליגיעזער פראָנדע איז דער וואָלטעריאניזם פון א יעהוישוע-העשל שאָר און דער גרופּע ארום דעם „החלוץ". דעיזם איז די רעוואָליוציאָנערסטע מאדרייגע פון דעם מאסקילישן געדאנק אפן רעליגיעזן געביט. די דיסטאנץ, וואָס טיילט אָפּ אין אָט דער פראגע מענדעלסאָנען און לעסינגן, גיט גלייכצייטיק די מאָס פארן אָפּאָרטוניזם פון דער יידישער האסקאָלע אין פארגלייך מיט דער אייראָפּייִשער אופקלערונג. אָבער אפילע שאָר און זיינע כאווירים זיינען בלויז דער העכסטער אופשטייג פון מאסקילישער, אנטירעליגיעזער פראָנדע. דער דורכשניט פון דער האסקאָלע באווייזט פיל מוט און קעמפערישקייט אין קאמף קעגן כסידעס, שאנעוועט אָבער, פארשווייגט און אָפּט קאָקעטירט ער מיטן ראווינים.

אויב די אופקלערונג איז די אידעאָלאָגישע באוועגונג פון מיטלבירגער, וואָס ווערט פארוואנדלט אין א מאָדערנעם בורזשוא, איז אין דער יידישער האסקאָלע ביז גאָר דייטלעך דער מיטלבירגער, און אסאך שוואכער זעט זיך ארויס דער מאָדערנער פּאָנעם פון א בורזשוא. די באזע פון דער האסקאָלע אין גאליציע און רוסלאנד איז הויפּטזעכלעך דער גרויס-האנדל, דער האנדל-קאפּיטאל, וואָס וואקסט לאנגזאם אריבער אין אינדוסטריעלן קאפּיטאל. דאָס איז די הויפּט-סיבע פון דער אָפּגעשטא־נענקייט פון דער יידישער האסקאָלע אפילע אין פארגלייך מיט דער אופקלערונג אין די זעלביקע לענדער. אָבער אזא מין אריבערוואקסן, אזא מין פארוואנדלונג אין מאָדערנער בורזשואזיע איז דאָ אפילע אין דער יידישער האסקאָלע—אז ניט, וואָלט קיין האסקאָלע ביכלאל ניט געווען. לייקענען דאָס אינגאנצן, ווי דאָס טוט פּראָפּ. סאָסיס, לויט וועלכן די אופקלערונג ביכלאל, אפילע אין פראנקרייך, אין דייטשלאנד, „איז פארבונדן מיט דער אנטוויקלונג פון דער יונגער בורזשואזיע, פון שטאָטישן האנדל-קאפּיטאל" (די געשיכטע פון די יידישע געז. שטרעמונגען, מינסק 1929, ז. 39), איז א שווערער מעטאָדאָלאָגישער פעלער.

ניט ווייניקער שעדלעך איז דאָס אנטיהיסטאָרישע באהאנדלען די יידישע האסקאָלע ווי איין גאנצקייט, אויסער צייט און רוים. די האסקאָלע אנטוויקלט זיך צייטלעך אף א שטעטך פון א קנאפּן יאָרהונדערט. אויב נעמען אין באטראכט בלויז די האסקאָלע־באוועגונג, וואָס גייט אָן אין העברייִש און יידיש, איז איר צייט פון דעם לעצטן פערטל פון 18־טן י. ה. ביזן לעצטן פערטל פון 19־טן י. ה. טעריטאָריעל אנטוויקלט זיך די האסקאָלע אין דייטשלאנד, עסטרייך און רוסלאנד (און אין אנדערע לענדער, וואָס האָבן אָבער ניט געהאט קיין ווירקונג אף דער האסקאָלע אין דער יידישער

שפראך). אין יעדן פון די דאָזיקע לענדער באקומט די האסקאָלע אן אנדער באפארבונג, ווערט איבערגעבראָכן דורך דער פריזמע פון די אָרטיקע באדינגונגען. די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין יעדן פון די דאָזיקע לענדער גייט אָן אין פארשיידענע טעמפּן, אף פארשיידענע וועגן. די בערלינער האסקאָלע האָט ספּעציפישע שטריכן אין פארגלײַך מיט דער גאליצישער און רוסישער, די רוסישע האסקאָלע אונטערשיידט זיך אָבער אויך היפּש פון דער גאליצישער. 1848 איז יענע אנטשיידנדיקע דאטע אין דער געשיכטע פון גאליציע, וואָס אנטשפּרעכט 1861 אין דער רוסישער געשיכטע. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס שאָרס „וואָלטעריאניזם" קומט אוף אין די 50־ער יאָרן, בײַס ליליענבלומס אדעקוואטע אנטיקלעריקאלע פּראָפּאגאנדע ערשט סאָף 60־ער און אָנהייב 70־ער יאָרן. די דאָזיקע אלע מאָמענטן מוז דער היסטאָריקער נעמען אין אכט.

די האסקאָלע קומט אוף צוערשט בא יידן אין פּרײַסן (די „בערלינער האסקאָלע"), וואָרעם דאָרט ווערט פריער צײַטיק א קלאס פון יידישע פאבריקאנטן און באנקירן, מאָדערנע יידישע בורזשואַ. די דאָזיקע אינדוסטריעל־באנקירישע באזע באווירקט אָבער אויך דעם גיכן טעמפּ פון דער בערלינער אופקלערונג. נאָך אין יאָר 1746 האָט מען צוליב א דײַטשישן בוך ארויסגעשיקט פון בערלין, אף דער פאָדערונג פון דער קעהילע, א יידישן יונגנמאן — דעם באגרינדער פון דער שפּעטערדיקער באנקירן־מישפּאָכע — בלײַכרעדער [1]). אָבער שוין צען יאָר שפּעטער איז דערשינען מענדעלסאָנס ערשטע דײַטשישע שריפט. און 40 יאָר ארום, אין די נײַנציקער יאָרן, זײַנען די סאלאָנען פון דער יידישער בורזשואַזיע א וויכטיקער צענטער פון דײַטשישן געזעלשאפטלעך־ליטערארישן לעבן. ערשט שפּעטער פארפּעסטיקט זיך די האסקאָלע אין גאליציע און רוסלאנד — איר טעמפּ איז אָבער אסאך לאנגזאמער, ווי אין דײַטשלאנד, וואָרעם איר סאָציאלע באזע איז דאָ ווייניקער רײַף. עס איז אָבער דורכויס געזעצמעסיק, אז די יידישע בורזשואַזיע, וואָס רײַפּט אָן אין איין לאנד שפּעטער, נעמט איבער די דערפארונגען און דערגרייכונגען פון אירע קלאסן־ברידער אין א פריער־אנטוויקלטן לאנד. עס איז א שווערער פּאָליטיש־מעטאָדאָלאָגישער פעלער צו באטראכטן די האסקאָלע ווי איין שטראָם, ניט דיפערענצירן זי טעריטאָריעל און צײַטלעך. ניט ריכטיק איז אָבער צו לייקענען דעם ענגן צוזאמענבונד, די ירושע־ און האשפּאָע־באציונגען, וואָס זײַנען פאראן, לאָמיר זאָגן, צווישן די פּרײַסישע „מאספים", די גאליצישע „בכורי העתים" און לעווינזאָנען און זײַן שול. די „בכורי העתים" (אָנגעהויבן דערשײַנען 1820), די ערשטע טריבונע פון דער גאליצישער האסקאָלע, האָבן טאקע זיך באטראכט ווי א פּאָרזעצונג פון דעם דײַטשישן „המאסף", און שוין פון ערשטן באנד גענומען איבערדרוקן „אויסצוגן פון די שענסטע אופזאצן פון המאסף". ב. וואכשטיין מיינט צוליב דעם, אז „די „בכורי העתים" דארף מען באטראכטן ניט ווי א פּאָרזעצונג אָדער גאָר ווײַטעראנטוויקלונג פון „המאסף", נאָר ווי א ריינע איבערכאזערונג פון אים אף אן אנדער טעריטאָריע". („Die hebr. Publizistik in Wien", XV .ז ,1930)

[1]) זע קײַזערלינגס מענדעלסאָן־ביאָגראפיע, ערשטע אויסגאבע, 1862, ז. 12, ווו ס'ווערט גענוי באשריבן די גאנצע געשיכטע.

דאָס איז, נאַטירלעך, ניט ריכטיק. ניטאָ קיין ריינע איבערכאַזערונגען אין דער געשיכטע. אויך די בורזשואזיע יאַ־שנט פריִערדיקע דערגרייכונגען פון אירע קלאַסן־ברידער ניט מעכאַניש, נאָר איבעראַרבעטנדיק און צופּאַסנדיק זיי לויט אירע נײַע באַדערפענישן. און די „בכורי העתים" האָבן טאַקע גלײַך באַקומען אַן אייגענע, זעלבשטענדיקע פיזיאָנאָמיע. א מאָנאָגראַפיע וועגן לעווינזאָנען ווידער, וואָס וועט גענוי ניט אויספאָרשן די גאַליציִשע יערושע אין זײַן שאַפן, וועט זײַן גענוי אַזוי אומפּרוכטבאַר, ווי א מאָנאָגראַפיע וועגן די גרויסע אוטאָפּיסטן פון 19־טן י. ה., וואָס וועט ניט נעמען אין אכט זייער ענגן צוזאַמענבונד מיט דער אופקלערונג פון 18־טן י. ה.—וואָס ס'האָט קעסיידער אונטערגעשטראָכן ענגעלס. א געשיכטע פון דער האסקאָלע אין רוסלאַנד, וואָס וועט ניט נעמען אין אכט איר צוזאַמענהאַנג מיט דער בערלינער און גאַליציִשער האסקאָלע, וועט אויך ווײַט ניט פאַרפאָרן.

מע דאַרף, אַלזאָ, נעמען אין אכט יענע צוזאַמענהאַנגען, יערושע־ און האשפּאָעמאָמענטן, וואָס זײַנען פאַראַן צווישן דער דײַטשישער, גאַליציִשער און רוסישער האסקאָלעס, אָבער יעדע פון די דאָזיקע באַוועגונגען מוז גענומען ווערן באַזונדער, אין יענע קאָנקרעט־היסטאָרישע פאָרמעס, אין וועלכע ס'איז געגאַנגען דער קלאַסנקאַמף אין יעדן באַזונדערן לאַנד. א היפּשן פּלאָנטער האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער דאָזיקער פראַגע כ' ווינערס טעאָריע וועגן צוויי ליניעס פון דער יִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט, פאָרמולירט אין זײַן אקסענפעלד־אויסגאַבע, קיִעוו 1931. כ' ווינער קאָנסטרויִרט „צוויי הויפּט־ליניעס, וואָס ציִען זיך זינט דעם אָנהייב פון דער האסקאָלע ביז צום אָנהייב 20־טן י. ה., ד. ה. אַף א מעהאַלעך פון הונדערט יאָר. די ליניעס „צעטיילן זיך טעריטאָריִעל צווישן פּוילן און אוקראַיִנע". איין ליניע—די „פּוילישע"—ציט זיך פון דער אַנאָנימער גענאַרטער וועלט—פון עטינגערן, פישלזאָן, מאַקמאַן, פּערעץ; די צווייטע ליניע—די „אוקראַיִנישע"—ציט זיך פון לעווינזאָנען, אקסענפעלדן, גאָטלאָבערן, גאָלדפאַדען, איבער לינעצקי, מענדעלע, ביז צו שאָלעם־אַלייכעמען. די „פּוילישע" ליניע „איז פריִער און גיכער אַריבערגעגאַנגען צו קלוימערשט מער עסטעטישע פאָדערונגען, די געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון זײַנען גיכער אָפּגערוקט געוואָרן אַפן צווייטן פּלאַן". די „אוקראַיִנישע" ליניע דאַקעגן „איז מער דורכגעדרונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק" (ז. VIII—X). און כ' ווינער באַמיט זיך געבן א מאַרקסיסטישע דערקלערונג פאַר די ביידע ליניעס אין דער יִדישער ליטעראַטור פון 19־טן י. ה.

עס איז אין טאָך ניט כ' ווינערס דערפינדונג, די דאָזיקע טעאָריע פון די צוויי ליניעס. א קערנדל פון איר איז שוין פאַראַן בא דעם בורזשואַז־ציִעניסטישן קריטיקער באַלמאַכשאָוועס אין זײַן אַרבעט „דאָרעם־יִדנטום און די יִדישע ליטעראַטור אין 19־טן י. ה.". און די עצעם טעאָריע פון די „צוויי ליניעס" איז ביכלאַל א קליינבירגערלעכער געשפּענסט, וואָס שפּאַצירט נאָך אַלץ אַרום פאַראַקשנט אין אונדזער קריטיק און היסטאָריִאָגראַפיע. ענלעך האָט כ' יודיצקי אַרויסגערוקט א בונדיסטישע קאָנצעפּציע וועגן צוויי ליניעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג בא יִדן—א ליטווישע און א דאָרעמדיקע. כ' אָרשאַנסקי האָט אויך אַרײַנגעבראַכט א טעאָריע פון צוויי ליניעס (באַם כ' אָרשאַנסקי הייסן זיי „שיטעס") שוין אין דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראַטור, די „מינסקער שיטע" און די „אוקראַיִנישע שיטע".

דער גרונט־פעלער פון כ׳ ווינערס „צוויי ליניעס״ איז דער זעלביקער, וואָס אין דעם קולטור־היסטאָרישן „סטיל פון דער עפּאָכע״: עס ווערט בא אזעלכע ליניעס פארטושירט דער קלאסן־מאָמענט, די קאָנקרעט־היסטאָרישע באדינגונגען, אין וועלכע ס׳אנטוויקלט זיך דער קלאסנקאמף. בלויז די קולטור־היסטאָרישע שול פארטושירט דעם קלאסן־מאָמענט אין האָריזאָנטאלן דורכשניט, און כ׳ ווינערס קאָנצעפּציע — אין ווערטיקאלן. לעכאטכילע פירט ארויס פריטשע, נאָכגייענדיק בוכארינען, פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור גלײַך דעם „סטיל פון דער עפּאָכע״, דאן צעברעקלט ער אים אין די סטילן פון די איינצלנע קלאסן. פאקטיש בלײַבט בוילעט דאָס, וואָס פארבינדט אלע שרײַבער פון איין עפּאָכע, און ס׳ווערט פארטושירט דאָס קאָנקרעט־קלאסעווע, דאָס, וואָס טיילט אָפּ איין שרײַבער פונעם אנדערן. באם כ׳ ווינער מוז זיך אויך, ניט ווילנדיק, קוידעמקאָל, ארויסרוקן דאָס, וואָס פארבינדט די גאנצע ליניע, דאָס „פּוילישע״, דאָס „אוקראַיִנישע״, און ס׳בלײַבט פארטושירט דאָס קאָנקרעט־היסטאָרישע, דער קלאסעווע־דיפערענצירנדיקער מאָמענט. אין איין ליניע ווערן אויסגעמישט שרײַבער פון פארשיידענע קלאסן און פארשיידענע היסטאָרישע עטאפּן — לעווינזאָן און גאָלדפאדען, אקסענפעלד און שאָלעם־אליכעם — זיי אלע באלאנגען צו איין „אוקראַיִנישער״ ליניע.

אויב כ׳ ווינער וויל בלויז אָנווײַזן, אז א פּויליש־ייִדישן שרײַבער דארף מען אנאליזירן אינעם ספּעציפיקום פון היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס איז אָנגעגאנגען אין קרוין־פּוילן שוין נאָכן פארייניקן צו רוסלאנד — איז עס א ריכטיקע אָנווײַזונג. א מארקסיסט, וואָס וועט באם באהאנדלען פון פּערעצעס, אשס שאפן, פאָדערן נעמען אין אכט די ספּעציפישע באדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָט זיך אנטוויקלט דער קלאסנקאמף אין פּוילן — וועט האנדלען דורכויס ריכטיק. צו וואָס איז אָבער דאן נייטיק די גאנצע אפּאראטור פון די צוויי ליניעס? ביפראט, וואָס כ׳ ווינער, פארפירט דורך אויסערלעכע פאָרמעלע סימאָנים — און ניט צופעליק פארפירט, ווײַל ס׳ליגט שוין אין מעהוס פון אזעלכע מעכאניסטישע טעאָריעס, אז זיי שטעלן דעם טראָפּ דאפקע אף אבסטראקטע פאָרמעלע סימאָנים, ניט אפן קאָנקרעט־היסטאָרישן מעהוס פון דערשײַנונגען — ביפראט, ווען כ׳ ווינער האָט גאליציע אויך פארייניקט צו פּוילן (די אנאָנימע גענארטע וועלט, פארפאסט אין גאליציע ארום 1816). גאליציע איז שוין אָבער זינט 1772 געווען א טייל פון עסטרײַך. די „פּוילישע״ ליניע איז, אלזאָ, באם כ׳ ווינער שוין געוואָרן א פּויליש־גאליצישע ליניע. אָבער גאליציע האָט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, יורידיש, אידעאָלאָגיש דורכגעמאכט אין 19־טן י. ה. גאָר אן אנדער וועג, ווי קרוין־פּוילן. וויַאזוי קען די „מארקסיסטישע״ באזע פונעם כ׳ ווינער באדינען גלײַכצײַטיק עסטרײַך און קרוין־פּוילן, וואָס איז דאן געווען א טייל פון רוסלאנד?

צוליב פארשיידענע סיבעס איז די „פּוילישע״ ליניע, לויטן כ׳ ווינער, א מער עסטעטיזירנדיקע — גראָד אָבער די אנאָנימע „גענארטע וועלט״ איז אָנגעזאפּט מיט שארפסטער געזעלשאפטלעכער פּראָבלעמאטיק, איז אידעאָלאָגיש נעענטער צו אקסענפעלדן, איידער צו עטינגערן. און ווידער האָט כ׳ ווינערן פארפירט אן אויסערלעכער, ניטוועזנטלעכער מאָמענט — דער פאקט, אז „סערקעלע״ איז באווירקט פון דער

גאַליציִשער „גענאַרטער וועלט". כ' ווינער האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז עטינגער האָט גראָד אין זײַן אנטלײַוונג אָפּגעשטויסן זיך פון אַלע שאַרפע קאַנטן פון דער גאַליציִשער פּיעסע. פּערעצ, ווי עטינגער — זאָגט כ' ווינער — איז באַם אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט צוגעגאַנגען צו זײַן שאַפן מיט עסטעטישע מאָטיוון — און כ' ווינער ציטירט פּערעצעס א בריוו פון 1888. שאָלעם־אַליכעם, דאַקעגן, איז לעכאַטכילע צוגעגאַנגען צו זײַן שרײַבן מיט געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון. אָבער ווי וועט כ' ווינער דערקלערן דעם פאַקט, אַז שוין א יאָר שפּעטער פאַרפאַסט פּערעץ זײַנע „בילדער פון א פּראָווינץ־רײַזע", וואָס זײַנען דאָך געזעלשאַפטלעך מער פאַר־שאַרפט, ווי וועלכע ס'איז ווערק שאָלעם־אַלייכעמס? נאָך א פּאָר יאָר שפּעטער האָט דאָך שוין פּערעץ בא די יאָנטעוו־בלעטלעך! איז ווו איז די קלאַמפּערשטע „באַרויִקט־קײַט" פון דער „פּוילישער" ליניע, איר איבערגאַנג פון געזעלשאַפטלעכע צו מער עסטעטישע אויפגאַבעס?

כ' ווינערס „ליניעס" האָבן די טעווע פון אַלע אַזעלכע קאָנצעפּציעס: זיי דערקלערן גאָרניט און פאַרפּלאָנטערן אַסאַך. זיי וואַרפן אָפּ און פאַרטושירן דאָס וועזנטלעכע, דאָס, וואָס צעשטעדט די גאַנצע סכעמע, און רוקן אַרויס אין פאָדערגרונט דאָס אויסערלעכע, און אָפטמאָל צופעליקע. כ' ווינערס „פּוילישע ליניע" גיט ניט קיין איין מאָמענט, וואָס זאָל קאָנען דערקלערן פּערעצעס אידעאָלאָגישן וועג — פון „מאָניש" איבער די יאָנטעוו־בלעטלעך ביז „כסידיש" — און מישט צונויף די גאַליציִשע האַסקאָלע מיט דער פּוילישער, די עפּאָכע פאַר דער פּויערים־רעפאָרם מיט דער עפּאָכע פון פאַנאַנדערגעוויקלטן קאַפּיטאַליזם און אַפילע אימפּע־ריאַליזם.

די מאַרקסיסטישע היסטאָריאָגראַפיע מוז באַטראַכטן די האַסקאָלע היסטאָריש־קאָנקרעט, באַזונדער אין דײַטשלאַנד, באַזונדער אין גאַליציע, באַזונדער אין רוס־לאַנד, און אויך אין רוסלאַנד אויסטיילן קרוין־פּוילן א.א.וו. אָבער דאַן וועט שוין זײַן אַסאַך מער פון צוויי ליניעס. און די עצעם „ליניעס" מוזן צו יעדער צײַט געצויגן ווערן סײַ האָריזאָנטאַל, סײַ ווערטיקאַל, ד. ה. אין דער קאָנקרעט־היסטאָ־רישער באַוועגונג פון קלאַסנקאַמף.

א דריטע דיפערענציר־ליניע גייט דורך דעם עצעם לאַגער פון דער האַסקאָלע. כאָטש די האַסקאָלע איז אין גרונט א בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, שליסט עס ניט אויס, אַז אף א באַשטימטן עטאַפּ, אָפן עטאַפּ פון דעם „דריטן שטאַנד", זאָלן אין לאַגער פון דער האַסקאָלע זיך אײַנגעפינען פאַרשיידענע קלאַסן־גרופּירונגען: גרויסבורזשו־אַזיע, געוויסע שיכטן פון מיטלבירגערטום און פונעם קליינבירגערטום.

פאַר דער אויפקלערונג פון די דײַטשישע יידן זײַנען צ. ב. כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז אירע גיכע טעמפּן, נאָר אויך דער ראַדיקאַלער פאַרלויף פון דער אויפקלערונג בא אייניקע שיכטן פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס דערפירט אין א קורצער צײַט ביז צו דער טויף־עפּידעמיע. שוין אין דער בערלינער אויפקלערונג צייכענען זיך אָן צוויי שטראָמען, וואָס אין א רײַ פראַגעס גייען זיי האַנט־בא־האַנט און

אין אנדערע שיידן זיי זיך פאנאנדער: אַן אופקלערונג־שטראָם, וואָס זײַנען באַזע זײַנען די שפּיצן פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין דײַטשלאַנד, וואָס פּאַרוואַנדלען זיך ראַשיק אין מאָדערנע קאַפּיטאַליסטן, און וואָס ענדיקן מיט פולשטענדיקער אַסימילאַציע, און אַ מער־קאָנסערוואַטיווער „האַסקאָלע״־שטראָם, וואָס זײַן באַזע איז דאָס מיטעלע און קליינבירגערטום, וואָס אַנטוויקלט זיך לאַנגזאַם אין מאָדערנער בורזשואזיע, גייט אָפּ צוליב דעם זייער ניט אַנטשיידנדיק פון דער פריִערדיקער טראַדיציע, און שאַפט אַן אופקלערונג־ליטעראַטור אין העברעיִש און דײַטש־ייִדיש. הערץ האַמבערג און זײַן טעטיקײַט אין גאַליציע סאָף 80־ער יאָרן און שפּעטער שפּיגלט אָפּ בעלי־סאָפעק דעם ערשטן שטראָם, בײַס די גרונט־מאַסע פון די גאַליצישע מאַסקילים קען יאַרשענען בלויז דעם צווייטן, מעאַסעף־שטראָם.
אָבער אויך די א. ג. „בראָדער האַסקאָלע״ איז ניט אינגאַנצן האָמאָגען; עס לאָזט זיך דאָ באַמערקן אַ רעכטער פליגל (לעפין, פּערל, ראַפּאָפּאָרט); אַ לינקער פליגל (מיזעס), א.א.וו. ביז ווידער, דער אָנהענגער פון כסידעס און דער קעמפער פאַר ייִדיש, האָט שוין קיין שום שטריכן ניט פון אַן אופקלערער, דריקט אויס די קליינבירגערלעכע רעאַקציע קעגן דער האַסקאָלע.

אַן ענלעכע דיפערענצירונג איז דײַטלעך אויך אין דער רוסיש־פּוילישער האַסקאָלע אַפילע אין דער עפּאָכע ביז די 60־ער יאָרן. אָבער ברויזנדיק ווערט איר טעמפּ ערשט זינט די 60־ער יאָרן.

עס וואָלט אָבער געווען אַ פעלער די קלאַסן־ליניע ציִען בלויז לויטן שפּראַך־סימען, באַטראַכטן אַן אופקלערער, וואָס שרײַבט דײַטש אָדער רוסיש, שוין אַף דעם סמאַך פאַר אַן אידעאָלאָג פון דער העכערער שיכט פון דער ייִדישער בורזשואזיע, אַ העברעיִשן מאַסקיל—פאַר אַן אידעאָלאָג פון דער מיטעלער בורזשואזיע, אַ מאַסקיל, וואָס שרײַבט אין ייִדיש, — פאַר אַ קליינבירגערלעכן אידעאָלאָג. דעם דאָזיקן פעלער מאַכט, צ. ב., כ׳ נ. שטיף אין דעם אַרײַנפיר צו זײַן כרעסטאָמאַטיע „די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור״, קיִעוו 1929. די שפּראַך אַליין באַווײַזט נאָך גאָרניט. זײַענדיק פּרינציפּיִעלע קעגנער פון דער ייִדישער שפּראַך, האָבן סײַ לעווינזאָן, סײַ אַנדערע מאַסקילים געשריבן און געשאַפן אין ייִדיש. אַקסענפעלד, עטינגער האָבן געשאַפן בלויז אין ייִדיש, און זײַנען דאָך אויסגעשפּראָכענע בורזשואַזע, און ניט קליינבירגערלעכע, אידעאָלאָגן. ביק האָט ייִדיש ניט געשריבן, און איז דאָך אַ קליינבירגערלעכער אידעאָלאָג.

דערפון קען אָבער אויך ניט געמאַכט ווערן דער אויספיר, אַז ס׳איז פּרינציפּיִעל ניט מעגלעך אַ געשיכטע פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור אין ייִדיש, אַז די האַסקאָלע־ליטעראַטור אין ייִדיש האָט ניט קיין ספּעציפישע שטריכן. אויך דאָס וואָלט געווען ניט ריכטיק. דאָס ספּעציפישע אין דער האַסקאָלע־ליטעראַטור אין ייִדיש איז דאָס, וואָס זי ווענדט זיך צום האַמוין, צו דער ברייטער, ווייניק־דיפערענצירטער מאַסע פון ייִדישן קליין־ און מיטל־בירגערטום, באַווירקט אים אין גײַסט פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע און וויל אים פּאַראַגיטירן ווי אַ שוטעף אין די קאַמפן פון דער בורזשואזיע פאַר איר עמאַנסיפּאַציע. דאָס דיקטירט שוין אַן אַנדער צוגאַנג, אַן אַנדער טעמאַטיק, אַנדערע סטיל־מיטלען אין ברייטסטן זין פון וואָרט, ווי אין דער

העברייִשער ליטעראטור. גענוג צו דערמאָנען, אַז אין דער ייִדישער ליטעראטור פון דעם דאָזיקן פּעריאָד, ביז די 80־ער יאָרן — איז ניטאָ קיין שום שפּור פון יענער ראָמאַנטישער שטרעמונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער העברייִשער ליטעראַטור אין דעם פּעריאָד 1850־1830. ניטאָ אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור יענע פּסעוודאָ־קלאַסיק, וואָס בליט אין דער העברייִשער השׂכּלה־ליטעראַטור זינט ווייזלס „מאָזאיִדע" (1789־1785). די העברייִשע השׂכּלה־ליטעראַטור האָט לאַנגע צענדליקער יאָרן ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו אַ רעאַליסטישער דראַמע, בעת די געשיכטע פון דער ייִדישער השׂכּלה־ליטעראַטור עפנט זיך מיט צוויי בורזשואַזע פאַמיליע־דראַמעס: אייכלס „רעב הענעך" (אַנערעך 1793) און וואָלפסאָנס „לייכטזין און פרעמעלייַ" (1796). ניטאָ אויך אין דער ייִדישער השׂכּלה־ליטעראַטור יענע מעליצע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן העברייִשן השׂכּלה־סטיל.

און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט באַרעכטיקט אַ באַזונדערע געשיכטע פון דער ייִדישער השׂכּלה־ליטעראַטור: דער פאַקט, אַז זי פירט צו סיי ביז דער קלאַסישער ליטעראַטור (מענדעלע, ש"א, פּערעץ), סיי ביז דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור רווינטשעווסקי), סיי צו דער ליטעראַטור פון די קליינבירגערלעכע מיטלויפער פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. די גרויסע עפּאָכע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס הייבט זיך אָן זינט די זעכציקער יאָרן פון 19־טן י. ה., שטייט אויף די פּלייצעס פון דער השׂכּלה. זי קען, אַלזאָ, ניט פאַרשטאַנען ווערן אָן דער אויספאָרשונג פון יענעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור אויף ייִדיש.

5

די האַלב־ און גאַנץ־אַסימילירטע ייִדישע גרויסבורזשואַזיע פון 19־טן און 20־טן י. ה. האָט אין גרונט אַדאָפּטירט די השׂכּלה. דאָס ווערט דייַטלעך אין יענע אָפּשאַצונגען, וואָס גרעץ און זייַן שול פון יאַהודישע היסטאָריקער גיבן דער השׂכּלה־עפּאָכע. די ייִדישע גרויסבורזשואַזיע אַדאָפּטירט די אויפקלערונג, ווי איר אייגענע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט מיטגעהאָלפן איר יעציִעס־מיצראַים, איר אַרויסגיין פון געטאָ צו די ברייטע געדעקטע טישן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג „מיט מענטשן גלייַך". אָן עמעצן קולט שאַפט זי אַרום מענדעלסאָנען. מענדעלסאָנס כאַווערשאַפט מיט לעסינגן, זייַן גרויסע פּאָפּולערקייַט צווישן דעם האַלב־געבילדעטן אויפגעקלערטן עולם אין דייַטשלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י. ה. אימפּאָנירט די יאַהודים; זיי זעען דאָ פאַרווירקלעכט זייער טרוים פון אַ כאַווערישן צוזאַמענלעבן און אויסמישן זיך מיט דער ניט־ייִדישער בורזשואַזיע; מענדעלסאָנס קאָנסערוואַטיווקייַט אין רעליגיעזע איניאָנים רעדט וואָס ווייַטער אַלץ מער צום האַרצן פון דער גרויסבורזשואַזיע; מענדעלסאָנס אופטוען ווידער פאַר די געטאָ־ייִדן, זייַן „בעיער" און שטאַדלאָנעס סימבאָליזירן ווידער יענעם אינטערעס, וואָס די יאַהודים ווייַזן אָפּט אַרויס פאַר זייערע „אומגליקלעכע ברידער", וועלכע קענען טאָמיד אויסגעשפּילט ווערן אין די פאַרשיידענע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס פון דער גרויסבורזשואַזיע.

דער אונטערגאַנג פון דער השׂכּלה־אידעאָלאָגיע פאַלט צונויף היסטאָריש מיט די ערשטע טריט פון דער זעלבשטענדיקער קלאַסנווער באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַ־

ריִאַט אין רוסלאַנד. אָנגעשראָקן דורך דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אין קאַמף פאַר דער האַשפּאָע אויף די ברייטע מאַסן, שמידט אויס די בורזשואַזיע אַ נײַע אידעאָלאָגיש געווער—דעם ציִעניזם.

גאָר דײַטלעך ווערט עס זינט די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן פון 19־טן י. ה.; אָבער דער דאָזיקער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען אַסאַך פריִער. שוין פון די זעכציקער יאָרן הייבט זיך אָן די יערידע פון דער האַסקאָלע. די פּאָגראָמען האָבן בלויז שאַרפער אונטערגעשטראָכן שוין פריִער ווירקנדיקע פּראָצעסן. דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם הייבט אָבער אויף אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער האַסקאָלע, באַשולדיקט זי אין אַסימיליאַציע, קאָנסערוואַטיזם, מאַנגל אין נאַציאָנאַלן געפיל א.א.וו. ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די באַרימטע סעריע אַרטיקלען פון סמאָלענסקינען קעגן מענדעלסאָנען און דער בערלינער האַסקאָלע, „עת לטעת“, אַ מאַניפעסט פון קריגערישן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז מער פון דרײַ יאָר געגאַנגען אין „השחר“, איז דערשינען נאָך פאַר די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן (1875־1878). סמאָלענסקינס שטאַנדפּונקט האָט אַ לאַנגע צײַט געהערשט אין דער ציִעניסטישער פּובליציסטיק. נאָך שאַרפער האָט אים אויסגעדריקט ש. בערנפעלד אין זײַן ווערק „דור תהפוכות“ (וואַרשע, 1897), וואָס איז אין טאָך אַ טעמפּעראַמענטפולער פּאַמפלעט קעגן דער בערלינער האַסקאָלע און מענדעלסאָנען.

אויך דער ייִדישיזם אין זײַנע פאַרשיידענע שאַטירונגען האָט ניט געקאָנט אַדאָפּטירן די האַסקאָלע ווי זי שטייט און גייט, אָן קיינע באַוואָרענישן. דער ייִדישיזם באַקעמפט דעם ראַציאָנאַליזם פון דער האַסקאָלע, איר ראַציאָנאַליסטישן אָפּטימיזם דעם ייִדישיסטישן נאַציאָנאַליסט קען ניט זײַן צום האַרצן דער אַנאַציאָנאַליזם פון דער האַסקאָלע, וואָס איז אַן אויסדרוק פון דער שטרעבונג פון דער ייִדישער בורזשואַזיע אַרויסצורײַסן זיך פון געטאָ צו דער ברייטער וועלט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; די עסטעטישע טעאָריע פון ייִדישיזם, וואָס בליט אויף אין די רעאַקציע־יאָרן, וואָס נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905, קרימט זיך אָפן קעמפערישן, פּובליציסטישן טאָן פון דער האַסקאָלע; די פעטישיזירונג פון דער ייִדישער שפּראַך מוז פירן צו אַ שאַרפער קריטיק פון דער מאַסקילישער שפּראַכן־טעאָריע, וואָס האָט ייִדיש אַנערקענט בלויז ווי אַ מיטל צום ציל, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע- און אַגיטאַציע־געווער.

דאָס בילד בײַט זיך אַנטשיידנדיק זינט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען ס׳הייבט זיך אָן דער פאַשיזירונג־פּראָצעס פון אַלע שיכטן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, אונטער וואָס פאַר אַן אידעאָלאָגישער פאָן זיי זאָלן ניט אַרויסטרעטן—ציִעניזם, ייִדישיזם, פאָלקיזם א. א. וו. אַן אַנטשיידנדיקן קער מאַכט איצט דורך די ציִעניסטישע אָפּשאַצונג פון דער האַסקאָלע. מוישע קליינמאַן, דער רעדאַקטער פון „העולם“, דעם ציִעניסטישן צענטראַל־אָרגאַן, פאַרעפנטלעכט אַ ווערק „דמויות וקומות“ (פּאַריז, 1928), ווו ער פאָדערט אַן אַנטשיידנדיקע רעוויזיע פון דעם ביזיצטיקן קוק אויף דער האַסקאָלע, און רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט די נאַציאָנאַליסטישע מאָמענטן אין דער האַסקאָלע. די מאַסקילים זײַנען, לויט קליינמאַנען, געווען ראַפינירטע קעמפער פאַר „קיום האומה“, זיי האָבן געשטרעבט אין אַ צײַט פון אַן אַסימיליאַציע־פאַרפלייצעניש ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך נאָר (17־18): „בלויז אַ שוואַכער אײַנבליק קען פירן צום קוואַליפיצירן די האַסקאָלע ווי אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו די נאַציאָנאַלע ווערטן...

א מער טיפער אנאליז באווײַזט פארקערט, אז אונדזער גאנצע נאציאָנאלע אידעאָלאָגיע איז שוין צוגעגרייט געוואָרן דורך דער האסקאָלע־ליטעראטור". „איצט... ווערן מיר נישטוימעם צו זען, ווי טיף ס'איז אין דער האסקאָלע געווען דער נאציאָנאלער געפיל און ווי אנטוויקלט דער נאציאָנאלער כוש..." א רעאביליטאציע פון דער האסקאָלע פון שטאנדפונקט פון ציִעניזם און העברעייִזם שטעלן אויך פאָר די לערנביכער פון דער געשיכטע פון דער העברעייִשער ליטעראטור פון לאכאָווער („תולדות הספרות העברית החדשה", 1927) און קלויזנער („היסטוריה של הספרות העברית החדשה", 1930). קלויזנער גיט נאָך צו מיט היספּײַלעס, אז „קיין שום העברעייִשער שרײַבער (פון דער האסקאָלע) האָט ניט געוואגט אין זײַנע העברעייִשע ווערק אָפּצולאכן פון די איקרים פון דער יידישער רעליגיע" (ז. 290). דעם שענסטן ספעקטאקל האָבן מיר דערלעבט מיט ד"ר ש. בערנפעלדן. דער מעכאבער פון „דור תהפוכות", דעם שארפסטן ציִעניסטישן פאמפלעט קעגן דער בערלינער האסקאָלע און מענדעלסאָנען (1897), פארפאסט איצט (1929) א יובילײ־ארטיקל וועגן מענדעלסאָנען [1] (אין זאמלבוך „Moses Mendelssohn", בערלין 1929), ווו ער רעווידירט אלע זײַנע ביזיצטיקע אָנשוויונגען אף דעם געביט.

אויך בא א טייל יידישיסטן גייט אָן א נײַע רעוויזיע פון דער האסקאָלע. זיי בלאָזן איצט פאנאנדער די דעמאָקראטישע עלעמענטן און לאָזונגען פון דער האסקאָלע, פארשמירנדיק איר בורזשואזן קלאסן־מעהוס,—זיי פארשווײַגן און פארגלעטן אף שריט און טריט די רעאקציאָנערע שטריכן פון דער מאסקילישער אידעאָלאָגיע, פארוואנדלענדיק די מאסקילים שיר ניט אין רעוואָליוציאָנערן.

אף אזא מין אויפן באקומט זיך אן אייגנארטיקע ארבעט־צעטיילונג בא די בורזשואזע פאָרשער און פובליציסטן: איין טייל—דער אָפּן־פאשיסטישער,—הייבט אויף אפן פאָן די רעאקציאָנערע עלעמענטן פון דער האסקאָלע־אידעאָלאָגיע,—דער צווייטער, קלוימערשט דעמאָקראטישער פליגל, וויל דורך דער אפּאָלאָגיע פון די דעמאָקראטישע לאָזונגען פון דער האסקאָלע פארמאסקירן זײַן פאשיסטישן טאָך און ארײַנגעבן אין נאדן די יידישע ארבעטנדיקע מאסן אויך דאָס אָפּגעשטאנענע, רעאקציאָנערע אין דער האסקאָלע.

ניט קיין ווונדער, אז דער מענדעלסאָן־יובילײ, וואָס איז געפײַערט געוואָרן אין יאָר 1929, האָט געוויזן א רירנדיקע אכדעס, אן איינמוטיקן ענטוזיאזם פון דער יידישער גרויסבורזשואזיע, פון די ציִעניסטן און פון די יידישיסטן. עס איז פארגעסן געוואָרן מענדעלסאָנס נעגאטיווע באציִונג צו יידיש; זײַן „בעיער"; זײַן נישטיקער אָנטייל אין דער העברעייִשער ליטעראטור; זײַן רעליגיעזער קאָנסערוואטיזם; עס איז פארשוויגן געוואָרן די דורכשניטלעכקײַט און אָפּגעשטאנענקײַט פון זײַנע פילאָסאָפישע שריפטן, זײַן פיליסטערישקײַט אף אלע געביטן פון זײַן טעטיקײַט. עס האָט געהערשט אן איינמוטיקער ענטוזיאזם, אָנהייבנדיק פון דעם יידישן וויסנש. אינסטיטוט אין ווילנע, ביז דער ציִעניסטיש־יאהודיסטישער „ענציקלאָפּעדיא יודאיקא" און די פראנקפורטער טאָרא־יידן.

---

1) „Moses Mendelssohns Wirken im Judentum"

שטעלט פון דער ייִדישיסטישער „האסקאָלע־לעגענדע" בלאָנקען ארום אויך אין דער סאָוועטישער פאָרשונג. דאָ זײַנען שוין דערמאָנט געוואָרן אײניקע פעלערן פון נ. שטיף און י. סאָסיס. כ׳ שטיף, ווי געזאָגט, דערקלערט די מאסקילים ווי „די פריִענדיקע אָנזאָגער פון א דעמאָקראטישער אינטעליגענץ, פון א נײַער קלײנבירגערלעכער דעמאָקראטיע" (ז. 7), און נאָך ווײַטער (ז. 18) זאָגט ער נאָך דײַטלעכער, אז די מאסקילים זײַנען „א נײַער שיכט, א שיכט, וואָס וועט זיך שפּעטער קלאָר אויספאָרמירן פאר א ייִדישער קלײנבירגערלעכער דעמאָקראטיע". דאָ ווערט אראָפּגענומען דער בורזשואזער טאָך פון דער אופקלערונג; די מאסקילים זײַנען טאקע אידעאָלאָגן פון א נײַעם קלאס, וואָס פאָרמירט זיך אויס ווי בורזשואזיע, ניט ווי „קלײנבירגערלעכע דעמאָקראטיע". אין שטיפס באהאנדלונג ווערט די האסקאָלע ביכלאל ניט גענומען ווי א טייל פון דער אײראָפּעיִשער אופקלערונג, און אלץ קומט אויס שטיפן אויסטערליש אין דער האסקאָלע: וויבאלד „אָנזאָגער פון דער קלײנבירגערלעכער דעמאָקראטיע", מיט וואָס דערקלערן זיך די פינצטערע פארבן פון דער האסקאָלע? א נאטירלעכע דערשײַנונג בא אידעאָלאָגן פון א קלאס, וואָס אָטעמט מיט סאָציִאלן אָפּטימיזם, וואָס האלט, אז מיט אים הייבט זיך אָן די עפּאָכע פון אלגעמײנעם וווילשטאנד, וואָס איז מיטן פּאָנעם געווענדט צו דער צוקונפט און ברויכט צוליב דעם ניט פארשענערן און פארטײדיקן די פארגאנגענהײַט, רופט ארויס גרויס וווּנדער בא כ׳ שטיפן. שטיף רעגיסטרירט ריכטיק א ריי שטריכן פון דער האסקאָלע, פלאָנטערט זיך אָבער אין זײער דערקלערונג, וויבאלד דער סאָציִאָלאָגישער עקוויוואלענט פון דער האסקאָלע איז לעכאטכילע פאלש בא אים געגעבן. א ייִדישיסטיש רעשטל איז אויך דער טערמין „ייִדישע שרײַבער" אין דעם זין, ווי שטיף באנוצט אים קעסיידער.

נאָך מער פּלאָנטערדיק איז אָבער פּראָפ. סאָסיסעס האסקאָלע־קאָנצעפּציע. קעגן דער מײנונג פון די גרונטלײגער פון מארקסיזם, איז פאר כ׳ סאָסיסן די אופקלערונג ביכלאל, ניט נאָר די ייִדישע האסקאָלע, „די אידעאָלאָגיע פון שטאָטישן האנדלקאפּיטאל" (39). פון דער אנדערער זײַט, איז לויט סאָסיסן די האסקאָלע א רײן אינטעליגענטישע באוועגונג, א באוועגונג פון „ייִדישער יוגנט, מיט אירע אינדיווידועלע באדערפענישן אין אופקלערונג און אירע שטרעבונגען צו א נײַעם עמאנסיפּירטן *פּערזענלעכן* לעבן" (סאָסיסעס קורסיוו, 29). אינטעליגענץ דערשײַנט בא סאָסיסן ווי א זעלבשטענדיקער קלאס; סאָסיס רײַסט ארויס בא דער האסקאָלע איר קלאסן־באזע. דאָס איז אָבער א טיפּיש־פּאָלקיסטישער שטריך: „דער דריטער כאראקטעריסטישער שטריך פון פּאָלקיזם — זאָגט לענין — איז דאָס איגנאָרירן פון דער פארבינדונג פון אינטעליגענץ און פון די יורידיש־פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון לאנד מיט די מאטעריעלע אינטערעסן פון באשטימטע געזעלשאפטלעכע קלאסן" (ב. 2, 335). ניט קײן וווּנדער, אז כ׳ סאָסיס קומט צום אויספיר, אז „דער אידעאליזם פון די מאסקילים האָט זיך געשפּײַזט מיט זײער פולשטענדיקער סאָציִאלער באָדנלאָזיקײַט" (45). די אידעאָלאָגן פון אָנקומענדיקן אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם זײַנען, אלזאָ, געווען „פולשטענדיק סאָציִאל באָדנלאָז"! סאָסיסעס פּאָלקיסטיש־אידעאליסטישע קאָנצעפּציעס גײען אָבער האנט־בא־האנט מיט וווּלגארן מאטעריאליזם: די מאסקילישע אינטעליגענץ ווערט לויט סאָסיסן געבוירן פון די „פרײַע אינטעליגענטישע פּראָפעסיעס" (39),

און איר באציִונג צו דער האסקאָלע דערקלערט זיך בלויז מיט די „גרויסע אויסזיכטן פאר דער ייִדישער יוגנט, וואָס זוכט נײַע ליבעראלע פּראָפעסיעס" (73). אין דעם זינען האָט, אַלזאָ, סאָסיס אונטערגעשטראָכן די שטרעבונג פון די מאסקילים צו „א נײַעם פערזענלעכן לעבן". נאָכמער, אין אָט די פּראָפעסיעס דארף מען זוכן דעם סאָד פון דעם סאָציאַלן אָפּטימיזם פון דער אופקלערונג: „די פרײַע אינטעליגענטישע פּראָפעסיעס, וועלכע וואקסן אויס אפן באָדן פון נײַעם שטאָטישן לעבן, רופן ארויס בא דער נײַער בורזשואזער אינטעליגענץ יענע סאָציאַלע זיכערקײַט, וואָס גיט איר די מעגלעכקײַט דרײַסט ארויסצוטרעטן אלס אוואנגארד פון א נײַעם קלאַס" (39). ניט דער אופשטײַג פון אייגענעם קלאַס, דער היסטאָריש־באשטימטער זיג זײַנער רופט; אַלזאָ, ארויס דעם סאָציאַלן אָפּטימיזם פון די אופקלערער, נאָר זייערע שטעלעס און פּראָפעסיעס... דאָס איז וווּלגאריזירטער מאטעריאַליזם. געוויס האָבן א ריי מאסקילים געשטרעבט צו שטעלעס און נײַע אינטעליגענטישע פּראָפעסיעס, „צו מענטשן גלײַך", אָבער הונדערטער פון זיי האָבן, ניט טראכטנדיק וועגן פעטע שטעלעס, מיט דער גרעסטער מעסירעס־נעפעש געקעמפט פאר זייער קלאַס, יונגע און אַלטע, אינטעליגענטן לויט זייערע פּראָפעסיעס און סטאם סאָכרים, פאבריקאנטן א.א.וו. א „סויכער פון דריטער גילדע" איז געוועזן אקסענפעלד; מענדעלסאָן איז ניט געוועזן קיין יוגנט־לעכער אין וויכטיקסטן פעריאָד פון זײַן טעטיקײַט; דער מוטיקסטער, אומדערשראָקנסטער און קאָנסעקווענטסטער פון די פראנצויזישע מאטעריאַליסטן פון 18־טן י. ה., העלוועציוס, איז געווען א „גענעראלער פאכטער" פון דער פראנצויזישער רעגירונג. נאָענט צו די זעכציקער יאָרן זעט שוין סאָסיס צוויי סאָרטן מאסקילישער אידעאָלאָגיע (זײַט 73): איינע אן „אינטעליגענטישע אידעאָלאָגיע" מיט ראבינאָוויטשן און דומאשעווסקין אין דער שפּיץ, און די צווייטע, וואָס „נאָר זי האָט אן אויסגע־שפּראָכענע קלאסן־אָריענטאציע", „פארטיידיקט די אינטערעסן פון ייִדישן דריטן שטאנד" (די טארנאָפּאָל־דיכטונג). די אינטעליגענץ האָט ניט, אַלזאָ, לויט סאָסיסן, בעטעווע קיין „אויסגעשפּראָכענע קלאסן־אָריענטאציע".

אָט דער עקלעקטישער, קלײנבירגערלעך־פּאָלקיסטישער און וווּלגאר־מאטעריאַליסטישער פּלאָנטער הערשט אין סאָסיסעס גאנצן בוך.

דער פּראָלעטאריאט איז דער איינציקער קלאַס, וואָס איז ניט פארינטערעסירט צו שאפן וועלכע ס'איז לעגענדעס, דעריבער אויך לעגענדעס ארום דער האסקאָלע־באוועגונג. פארקערט, נאָר די פּראָלעטארישע וועלטאַנשויונג און איר פארקערפּערונג אין דיאַלעקטישן מאטעריאַליזם גיט די מעגלעכקײַט אופצודעקן די גאנצע באגרענעצט־קײַט פון דער אופקלערונג־אידעאָלאָגיע.

דאָס באטײַט אָבער ניט, אז דער פּראָלעטאריאט ווארפט אָפּ אינגאנצן די ירושע פון די אופקלערער. די רעוואָלוציאָנערע בורזשואזיע און אירע אידעאָלאָגן, די אופקלערער, האָט אויסגעשטעלט א גאנצע ריי וועקסלען, וואָס זי איז ניט אימשטאנד געוועזן, לויט איר עצעם מעהוס, צו רעאַליזירן. די דאָזיקע וועקסלען הייבט אוף דער פּראָלעטאריאט אין זײַן קאמף אין זייער גאנצער ברייט. די יונגע בורזשואזיע האָט אָפּגעשאפט די שטאנדן־מעלוכע, אָבער זי איז ניט געוועזן אימשטאנד, לויט איר

עצעם קלאסן־נאטור, אָפּשאפן די קלאסן־מעלוכע. זי האָט געפאָדערט פרייַהייַט, און געמיינט די בורזשואזע פרייַהייַט פון קאמף פון אלעמען קעגן אלעמען. זי האָט געקעמפט פאר גלייַכקייַט, און געמיינט די בורזשואזע גלייַכקייַט פארן געזעץ. זי האָט געפריידיקט ברידערלעכקייַט, און דערמיט געפריידיקט קלאסן־שאָלעם, געפּויקט, אז ס'איז מעגלעך שאָלעם צווישן עקספּלואטאטאָרן און עקספּלואטירטע.

דער מאטעריאליזם פון די אופקלערער איז געווען מעטאפיזיש. דער פּראָלעטאַרישער קאמף האָט אים געיארשנט און אופגעהויבן אף א נייַער מאדרייגע—אף דער מאדרייגע פון דיאלעקטישן מאטעריאליזם. די יונגע בורזשואזיע איז געווען אנטי־קלעריקאל און אָפּט אטעיִסטיש—בלויז דער פּראָלעטאריאט דערפירט דעם היסטאָרישן קאמף קעגן רעליגיע קאָנסעקווענט ביזן סאָף, פּראָקלאמירנדיק דורך מארקסן, אז די רעליגיע איז אָפּיום פארן פאָלק, אז די פולשטענדיקע פארניכטונג פון דער רעליגיע, ווי אן אילוזאָרישן גליק פארן פאָלק, איז אן אומבאדינגטע פאָרבאדינגונג פון זייַן עמעסן גליק. אין איינער פון זייַנע לעצטע ארבעטן (1922) האָט אָבער לענין געלערנט, אז מע דארף (און ווי מע דארף) יארשענען די אנטירעליגיִעזע פּראָפּאגאנדע פון די אופקלערער פון 18־טן י. ה. אפן איצטיקן עטאפּ פון פּראָלעטארישן קאמף. ער קוואליפיצירט די דאָזיקע אלטע אופקלערערישע ליטעראטור, ווי א „לעבעדיקע, טאלענטירטע אטעיִסטישע פּובליציסטיק, וואָס באקעמפט אָפן און שארפזיניק די הערשנדיקע פּאָפּאָווטשטשינע", און וואָרנט: „עס וואָלט געווען דער גרעסטער טאָעס און דער ערגסטער טאָעס, וואָס עס קאָן מאכן א מארקסיסט, צו טראכטן, אז די פילמיליאָניקע פאָלקמאסן (ביפראט די פויערשע און האנטווערקערישע), וואָס זייַנען פארמישפּעט דורך דער גאנצער הייַנטיקער געזעלשאפט אף פינצטערניש, אמעראצעס און אבערגלויבן, קענען ארויסגיין פון דער דאָזיקער פינצטערקייַט בלויז אפן גלייַכן וועג פון ריין־מארקסיסטישער אופקלערונג". („О значении воинствующего материализма").

און אין זייַן שוין ציטירטער הויפּט־ארבעט וועגן דער אופקלערונג זאָגט לענין קאטעגאָריש, אז דער מארקסיזם זאָגט זיך ניט אָפּ פון דער יערושע פון דער אופקלערונג: די מארקסיסטן זייַנען, פארקערט, „אסאך קאָנסעקווענטערע, אסאך מער געטרייַע היטער פון אָט דער יערושע, ווי די פאָלקיסטן". „פארשטייט זיך—זאָגט לענין—אז די „טאלמידים" (ד. ה. די מארקסיסטן) היטן ניט די יערושע, ווי ארכיוואריוסן היטן אלטע פאפירן. היטן יערושע—הייסט נאָך ניט זיך באגרענעצן מיט דער יערושע, און צו די פארטיידיקונגען פון די אלטע אידעאלן פון אייראָפּעיִזם פארייניקן נאָך די „טאלמידים" דעם אנאליז פון יענע סטירעס, וואָס ליגן אין גרונט פון אונדזער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג און פון דער אָפּשאצונג פון דער דאָזיקער אנטוויקלונג פון דעם אויבנאָנגעוויזענעם ספּעציפישן שטאנדפונקט". (ב. 2, 339־340).

מע טאָר ניט שטעלן א גלייַכצייכן צווישן דער מייַרעוו־אייראָפּייִשער און רוסישער אופקלערונג און דער יידישער האסקאָלע. צוליב א ריי היסטאָרישע סיבעס איז די האסקאָלע געווען באדייַטנדיק קאָנסערוואטיווער, פשאָרעדיקער, אָפּאָרטוניסטישער, און מעמיילע זייַנען אויך די דעמאָקראטישע, פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין איר יערושע אסאך קלענער. אזעלכע עלעמענטן זייַנען אָבער פאראן אין דער יערושע פון די מאסקילים. לינעצקיס פארביטערטער קאמף קעגן כסידים, קעגן

אָבערגלויבן און זאבאָבאָנעס; מענדעלעס באַשולדיקונג־אקט קעגן דער טאקסע און דער באנדע שטאָט־באַלטויוועס, קעגן דער בעסמעדרעש־„קולטור“; עטינגערס, אייכלס, וואָלפּסאָנס קאמף קעגן די צוואוקעס, די טארטיופן אין דעם יידישן לעבן; אקסענפעלדס טאלענטירטער און שארפזיניקער גערענגל מיטן קאָהאָל, מיטן צאדיקיזם; קאָוונערס „זעצן מיטן שטעקן“ איבער די קעפּ פון דער רעאקציאָנערער באַלעבאטישער פּובליציסטיק,—דאָס אַלץ איז פּראָגרעסיווע מאסקילישע ירושע, פון וועלכער מיר זאָגן זיך ניט אָפּ, וואָס קאָן און דארף געשטעלט ווערן, נאטירלעך קריטיש איבערגעארבעט, צו דינסט דער סאָציאַליסטישער בויונג, דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

מע דארף ניט מעגאזועם זיין דעם ווערט פון דער מאסקילישער ירושע, מע דארף אים אָבער אויך ניט ניטדערשאצן.

ערשטער טייל

עטיודן צו דער געשיכטע פֿון דער בערלינער האסקאָלע

ערשטער קאפיטל

דער אופקום פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין פּרייַסן

דער היסטאָריקער פון די געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען בא ייִדן אין רוסלאנד אין 19־טן יאָרהונדערט וועט זיך ניט קענען רירן פון אָרט אָן אן אנאליז פון דער יערושע פון דער בערלינער האסקאָלע. זי האָט אף די רוסישע ייִדן געווירקט סייַ דירעקט, סייַ ניטדירעקט; אומדירעקט דורך דער גאליצישער האסקאָלע, וואָרעם אין די גאליצישע גרויסע שטעט איז פריִער ווי אין רוסלאנד רייַף געוואָרן דער באָדן פאר די האסקאָלע־אידייען; באארבעט און מאָדיפיצירט, זייַנען די אידייען פון דער בערלינער האסקאָלע געגאנגען פון לעמבערג און בראָד אין פּאָדאָליע און וואָלין, ביז אָדעס. דאָס נאָענטע פּרייַסן האָט ביפראט געהאט א גרויסע האשפּאָע אף די ליטוויִשע ייִדן. „דעריבער—זאָגט גאָטלאָבער אין זייַנע מעמוארן—הייסן די מאסקילים אין ליטע ביז הייַנט „בערלינער". אין וואָלין האָבן זיי געהייסן „בראָדער". און אין פּוילן הייסט נאָך אדהאיעם בא דער אָרטאָדאָקסיע אן אופגעקלערטער „א דייַטש". (פרידקין, גאָטלאָבער און זייַן עפּאָכע, ווילנע 1925, ז.ז. 84, 146).

אין אכצנטן יאָרהונדערט איז דייַטשלאנד געווען א היפּש אָפּגעשטאנען לאנד אין פארגלייַך מיט ענגלאנד און פראנקרייַך. ענגלאנד האָט שוין אין זיבעצנטן יאָרהונדערט דורכגעמאכט איר בורזשואזע רעוואָליוציע, און איז אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י. ה. געגאנגען צו דער גרויסער אינדוסטריִעלער איבערקערעניש. אין פראנקרייַך גייט אָן אין מעשעך פון גאנצן 18־טן י. ה. א קעסיידערדיקער ווּקס פון עקאָנאָמישן און געזעלשאפטלעכן קויעך פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע, א ווּקס, וואָס נעמט אָן שטורמישע טעמפּן ביפראט אין דער צווייטער העלפט פונעם יאָרהונדערט. די סטירע צווישן די מעכטיק אויסגעוואקסענע פּראָדוציר־קויכעס פון לאנד און די אָפּגעשטאנענע, פעאָדאלע פּראָדוציר־פארהעלטענישן לאָדט זיך אויס סאָף יאָרהונדערט אין דעם שטורעם פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. אנדערש אין דייַטשלאנד. דעם קאפּיטאליזם איז דאָ אויסגעקומען קריכן פּאָרויס אף אלע פיר, אונטערן שטעכיקן דראָט־פארצאם פון אומצאָליקע פעאָדאלע ראָגאטקעס. ע נ ג ע ל ס האָט געגעבן די פּאָלגנדיקע ביטערע כאראקטעריסטיק פון די דעמלטיקע דייַטשישע פארהעלטענישן: „דאָס איז געווען בלויז א פוילנדיקע און צעפאלנדיקע מאסע. קיינער האָט זיך ניט געפילט גוט. די מעלאָכע, האנדל, אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט זייַנען דערפירט געוואָרן צו די נישטיקסטע מאסשטאבן. די פּויערים, הענדלער און באלמעלאָכעס האָבן געליטן דעם דאָפּלטן דרוק פון דער בלוטדורשטיקער

רעגירונג און פונעם שלעכטן צושטאנד פון האנדל. די פריצים און פירשטן האָבן געהאלטן, אז זייערע האכנאָסעס, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן אלץ ארויס־געקוועטשט פון זייערע אונטערטאנען, דארפן ניט אָפּשטיין פון זייערע וואקסנדיקע הויצאָעס. אלץ איז געווען שלעכט, און אין לאנד האָט געהערשט אן אלגעמיינע אומצופרידנקייט. עס איז ניט געווען קיין בילדונג, קיין מיטלען צו באווירקן די מאסן, קיין פרייהייט פון פרעסע, קיין עפנטלעכע מיינונג, עס איז ניט געווען א וועלכער ס'איז באדייטנדיקער האנדל מיט אנדערע לענדער, אומעטום בלויז גע־מיינקייט און עגאָיזם... אלץ איז געווען דורכגעפוילט, אלץ האָט זיך געוואקלט, אלץ איז גרייט געווען אומצופאלן, און עס איז אפילע אומעגלעך געווען צו האָפן אף א גינסטיקער ענדערונג, וואָרעם אין פאָלק איז ניט געווען קיין קויעך, וואָס זאָל קענען אָפּראמען די פוילנדיקע טויטע קערפּערס פון די אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס" (באנד 5, ז. 6-7).

די סיבעס פון אזא מין צושטאנד גייען צוריק נאָך אין די פריערדיקע יאָר הונדערטער. דאָ האָבן געשפּילט א ראָלע דאָס אריבערטראָגן דעם וועלט־האנדל צו די ברעגן פון אטלאנטישן אָקעאן, וואָס האָט נאָך אין 16־טן י. ה. אָפּגעוואָרפן דייטשלאנד אָנאזייט פון די גרויסע וועגן פון דעם וועלט־פארקער; די דערמיט פאר־בונדענע אָפּשוואכונג פונעם דייטשישן בירגערטום, צעגראָמירונג פונעם פויערים־אופשטאנד אין יאָר 1525 און וווקס פון דער מאכט פון די פירשטן, ווי די טרעגער פון דער לאָקאלער צענטראליזאציע; דער כורבן און די פארוויסטונג פון דייטש־לאנד אין דער דרייסיק־יאָריקער מילכאָמע (1618—1648), וואָס אין איר רעזולטאט איז ענדגילטיק סאנקציאָנירט געוואָרן די אומגלויבלעכע צעשפּליטערונג פון דייטש־לאנד אין מער ווי 300 קליינע מעלוכעלעך און מער ווי 1000 האלב־סוווערענע ריטערישע גיטער; אין 18־טן יאָרהונדערט איז צוגעקומען דער כורבן אין רעזולטאט פון דער זיבניאָריקער מילכאָמע (1756—1763). דאָס אלץ האָט זיך צוזאמענגעפּלאָכטן, זיך קעגנזייטיק באווירקט און צוזאמענגעווירקט, און אין סאכאקל האָבן די אָפּגע־לעבטע פעאָדאלע פארהעלטענישן געפוילט לעבעדיקערהייט, אָבער אויך די באוועגונג פאָרויס פונעם קאפּיטאליזם איז אָנגעגאנגען מיט די גרעסטע שוועריקייטן, אין לאנגזאמע און ניטגענוגנדיקע טעמפּן. די צעשפּליטערונג פון דייטשלאנד האָט באדייט אויך די צעשפּליטערונג פון דעם דייטשישן בירגערטום, די אָפּשוואכונג פון זיין פּאָליטישן קויעך, פון זיינע אָרגאניזיר־מעגלעכקייטן. די דייטשישע בורזשואזיע איז נאָך אפילע צום סאָף פון 18־טן י. ה. געווען ווייט פון איר פּאָליטישער רעוואָליוציע, און זי האָט אפילע ניט געהאט גענוג קויעך און מוט אויסצונוצן יענע פּערספּעקטיוון און מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך פאר איר געעפנט אין צוזאמענהאנג מיט די מיל־כאָמעס מיטן רעוואָליוציאָנערן פראנקרייך און דעם שפּעטערדיקן ארייננמארשירן פון די נאפּאָלעאָנישע ארמייען.

ווי ניטגענוגנדיק ס'זיינען ניט געווען די טעמפּן פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם אין דייטשלאנד אין 18־טן יאָרהונדערט,—דאָך איז אָנגעגאנגען א געוויסע, וועגן אויך לאנגזאמע, באוועגונג פאָרויס. אף דערדאָזיקער באזע האָט זיך אָנגעהויבן אן אופשטייג ביפראט פון דער דייטשישער ליטעראטור. פון דער קלאסיציסטישער גאָטשעד־שול, וואָס האָט באדייט יענעם עטאפּ אין דער אנטוויקלונג פון דער

דײַטשישער בורזשואַזיע, װען זי שטײט נאָך אױף די קני פאַרן אַבסאָליוטיזם, איבער־ דער קלאָפּשטאָק־דיכטונג, װוּ דערשראָקן און סענטימענטאַל גיט צו װיסן װעגן זיך דער דײַטשישער בורזשואַ, קומט די דײַטשישע ליטעראַטור אין די יאָרן 1750—1770 צו דער מוטיקער, קלאַסנבאַװוּסטזיניקער אױפקלערערישער דיכטונג פון לעסינג. אױך דאָ, אין יענער מאָדרייגע, װאָס די דײַטשישע אױפקלערונג האָט דערלאַנגט אין לעסינגס ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט, איז דײַטלעך די אָפּגע־ שטאַנענקײַט פון דער דײַטשישער בורזשואַזיע אין פאַרגלײַך מיט דער פראַנצױזישער. לעסינג איז געװען אַ באַגײַסטערטער אָנהענגער און טאַלמיד פון דידראָ; אָבער דידראָ איז געװען אַ מאַטעריאַליסט און אַטעיִסט, בעשאַס לעסינג איז געבליבן שטעקן „אױפן ראַנד פון מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם", װי מערינג דריקט זיך אױס, אױפן ראַנד פון דעיִזם און אַטעיִזם, צוקומענדיק, און דאָס אױך אין זײַנע לעצטע יאָרן, צום ספּינאָזיזם, צום „מאַטעריאַליזם אין אַ טעאָלאָגישער קלײדונג". אָבער אַפילע לעסינגס װעג און לעסינגס אידײענקרײַז איז די דײַטשישע בורזשואַזיע ניט בעקױעך געװען װײַטער אַנטװיקלען. די װײַטערדיקע אַנטװיקלונג פון לעסינגס ירושע האָט באַדײַט דאָס אַנטשלאָסענע אַריבערגײן אױף די װעגן און מעטאָדן פון די גרױסע פראַנצױזישע אױפקלערער, פון יענע גרױסע דענקער, „װאָס האָבן אױפגעקלערט די קעפּ פאַר דער אָנקומענדיקער רעװאָליוציע" (ענגעלס). די דײַטשישע בורזשואַזיע איז אָבער ניט געגאַנגען צו איר פּאָליטישער רעװאָליוציע. דער דאָר, װאָס איז געקומען אין דער ליטעראַטור נאָך לעסינגן, יענער דאָר, װאָס זײַנע גרעסטע פּאָר־ שטײער זײַנען געװען געטע און שילער, האָט אַ קערעװע געטאָן אַנאַזײַט פון דער לעסינגישער אױפקלערונג, עס איז געקומען די אָנמעכטיקע רעװאָליוציאָנערישקײַט פונעם „שטורעם און דראַנג" מיט אַ פּרי־ראָמאַנטישן כאַראַקטער, און אױך די דאָזיקע אַבסטראַקטע רעװאָליוציאָנערישקײַט איז גיך אױסגעװעבט געװאָרן. „מיט די יאָרן האָבן געטע און שילער פאַרלאָרן יעדע האָפענונג... אַפילע די בעסטע און שטאַרקסטע אינטעלעקטן פון דעם פאָלק האָבן פאַרלאָרן יעדע האָפענונג אױף דער צוקונפט פון זײער לאַנד" (ענגעלס).

די אױפקלערונג אין דער ייִדישער סבֿיבֿה איז אױפגעגאַנגען אױף דער באַזע פון דעם אַלגעמײנעם פאַמעלעכדיקן אױפשטײַג פון קאַפּיטאַליזם אין דײַטשלאַנד, און איז ענג פאַרבונדן מיט דער דײַטשישער אױפקלערונג. זי האָט אָבער געהאַט אַ רײ ספּעציפישע שטריכן, װאָס דערקלערן זיך מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין װעלכע ס'איז אָנגעגאַנגען דער אױפקום פון אַ מאָדערנער ייִדישער בורזשואַזיע אין דײַטשלאַנד.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָרבאַדינגונגען פאַר דעם אױפקום פון דער אױפ־ קלערונג בײַ די דײַטשישע ייִדן האָבן אױסגערײַפט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, און ס'איז ניט קײן צופאַל, אַז פון אַלע דײַטשישע מעלוכעס און מעלוכעלעך איז גראָד די פּרײַסישע אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע און איר הױפּטשטאָט, בערלין, געװאָרן דער צענ־ טער פון דער האַסקאָלע־באַװעגונג. נאָך דער דרײַסיק־יאָריקער מילכאָמע (1618-1648) הײבט זיך אָן דער לאַנגזאַמער אױפשטײַג פון פּרײַסן, עס צײכנט זיך אָן איר העג־ געמאָניע איבער צאָפן־דײַטשלאַנד, ענלעך, װי עסטרײַך האָט געהאַט די איבערהער־ שאַפט איבער דאָרעם־דײַטשלאַנד. די װײַטערדיקע געשיכטע פון דײַטשלאַנד איז די

געשיכטע פון דעם ווײַטערדיקן גאנג פון פרײַסן צו דער הערשאפט איבער אלע דײַטשישע לענדער. די בראנדענבורגיש־פרײַסישע מאָנארכיע פון 17־18־טן י. ה. איז א פריצישע מעלוכע, וואָס אונטערשטיצט צוליב אירע אייגענע צילן און נוצט אויס דעם האנדל־קאפיטאל. אין דײַטשלאנד אנטשטייט די אבסאָליוטע מאָנארכיע שפּעטער און האלט זיך לענגער, ווי אין מײַרעוו־אייראָפּע, וואָס דערקלערט זיך אָבער מיט דער פארקריפּלטער אנטוויקלונג פון דער דײַטשישער בורזשואזיע. אָבער איר יעסאָד איז דער זעלביקער, ווי אין מײַרעוו־אייראָפּע: די אבסאָליוטע מאָנארכיע אנטשטייט אין איבערגאנג־עפּאָכעס, ווען די אלטע פעאָדאלע שטאנדן צעפאלן זיך, און די מיטל־אלטערלעכע בירגערלעכע שטאנדן פאָרמירן זיך אין דעם קלאס פון מאָדערנער בורזשואזיע, און קיין איינער פון די שטרײַטנדיקע צדאָדים האָט נאָך ניט באקומען די אויבערהאנט. די פעאָדאלע קלאסן זײַנען נאָך גענוג שטארק, ביכדיי ניט צו דארפן טיילן זיך מיטן בירגערטום מיט דער פּאָליטישער מאכט; זיי זײַנען שוין גענוג צע־טרייסלט, ביכדיי אײַנצוזען, אז זייער עצעם עקזיסטענץ פאָדערט צוצופּאסן זיך צו די נײַע עקאָנאָמישע פּראָצעסן און אף וויפל ס'איז מעגלעך אויסנוצן זיי. דאָס בירגערטום ווידער איז צו שוואך, ביכדיי צו קענען פאָדערן א מאמאָשעסדיקן אָנטייל אין דער מעלוכע־פארוואלטונג. די פריצישע מעלוכע ברויכט האָבן צוליב אירע פיסקאלישע און מיליטערישע צוועקן א בליִענדיקן האנדל און אינדוסטריע; אָבער דאָס בירגערטום, וואָס שטעלט זיך ערשט אף די פיס, נייטיקט זיך ניט ווייניקער אין יענעם פעריִאָד אין דער הילף און שוץ פון א שטארקער מעלוכע־מאכט. אזוי ארום שאפט זיך „יענער גלײַכגעוויכט פון קויכעס, ווען די רעגירונג־מאכט באקומט צײַטווײַליק א געוויסע זעלבשטענדיקײַט בענעגייע ביידע קלאסן, ווי א שײַנבארע פארמיטלערן צווישן זיי"—(ענגעלס) [1].

אזעלכע גלײַכגעוויכט־פעריִאָדן צווישן צוויי קלאסן באצייכנט אָבער ענגעלס ווי אן אויסנאם־פאל. און אויך דאן איז די מעלוכע־מאכט בלויז א „שײַנבארע פארמיטלערן צווישן די קלאסן",— פאקטיש איז די האָהענצאָלערן־מאָנארכיע פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט געווען בלויז אן אפּאראט צו עקספּלואטירן די פּויערים דורך די פריצים. „צווישן דעם טוך האָהענצאָלערנשע קורפירשטן—זאָגט מערינג—איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל פארטיידיקן די פּויערים קעגן די פריצים, קיין איינער ניט, וואָס זאָל ניט פארשקלאפן די פּויערים צו די פריצים נאָך אין א גרעסערער מאָס, ווי זײַן פאָרגייער" (לעסינג־לעגענדע, ז. 97). די עצעם עקזיסטענץ פון דער יונקער־מעלוכע האָט אָבער געפאָדערט א שטענדיקן מיליטער, און דער וואקסנדיקער מיליטאריזם האָט אײַנגעשלונגען דעם גרעסטן טייל פון די מעלוכע־האכנאָסעס. בא פרידריך דעם ערשטן (1688־1713) פלעגט דריטהאלבן מיליאָן טאָלער (פון 4 מיליאָן

---

[1]) וועגן דעם קלאסן־מעהוס און אנטשטייונג פון דער אבסאָליוטער מאָנארכיע איז בא אונדז די לעצטע יאָרן אָנגעגאנגען א גרויסע דיסקוסיע. פארגל. אכוץ די אנטשפּרעכנדיקע ושורנאלן דעם זאמלבוך־ИКП. Против механистичееких тенденций в исторической науке. Гиз. 1930.

צו דער פאָרמולירונג, וואָס ווערט דאָ געגעבן אין צוזאמענהאנג מיט דער פרײַסישער אבסאָליוטער מאָנארכיע, פארגל. מארקס, ארטיקל קעגן קארל הײַנצען, „אויס דעם ליטעראַרישן נאכלאס". 1923, ב. II, ז. 463 און „פּײַערבאך", מארקס־ענגעלס־ארכיוו, ב. 1, 1924, ז. 251־252.

מעלוכע־האכנאָסעס) אויסגעגעבן ווערן אפן מיליטער. די ערשטע טאט פון פרידריך ווילהעלם דעם ערשטן, וואָס איז נאָך אים געקומען, איז געווען — פּארטאָפּלען די צאָל באטאליאָנען און עסקאדראָנען. אים איז שוין געלונגען אופהייבן די מעלוכע־האכנאָסעס ביז 7 מיליאָן טאָלער, וואָס דערפון פלעגט גיין אפן מיליטער 6 מיליאָן. אין לעצטן פּעריאָד פון פרידריך דעם צווייטנס הערשאפט — דריטער פערטל פון 18־טן י. ה. — דערגייען די יערלעכע מעלוכע־האכנאָסעס ביז 21 מיליאָן טאָלער, וואָס דערפון שלינגט איַן דאָס מיליטער דירעקט 13 מיליאָן, און 2 מיליאָן גייען נאָך אין א ספּעציעלן פאָנד אפן פאל פון א מילכאָמע. אין סאכאקל איז די פרײַסישע פּרי־צישע מעלוכע פון 17־18־טן י. ה. א מיליטערישע מעלוכע מיט א האסטיק וואקסנדיקן ביודזשעט און א ריזיקן ביוראָקראטישן אפּאראט, וואָס דארף אופטרײַבן דעמדאָזיקן ביודזשעט. דער ביודזשעט וואקסט אָבער גיכער, ווי די אנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קויכעס אין לאנד. עס מוז קומען אן אנטשפּרעכנדיקע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס זאָל שטרעבן אונטערטרײַבן דידאָזיקע אנטוויקלונג. אזא מין פּאָליטיק איז דער מערקאנטיליזם.

די בלי־צײַט פון פרײַסישן מערקאנטיליזם פאלט אף דער רעגירונג־צײַט פון פרידריך־ווילהעלם I און פרידריך II. „די וויכטיקסטע אופגאבע פון דער מעלוכע און פונעם קיניג — האָבן געלערנט די מערקאנטיליסטן — איז שאפן זיך געלט און האלטן עס אין לאנד". „די פינאנץ־קאמער איז דאָס הארץ פון דער מעלוכע, די צירקוליאציע — דער בלוט־אומלויף, די וועגן פון האכנאָסע און הויצאָע — די ווענעס און ארטעריעס, דאָס געלט — דער טרײַבנדיקער מאָמענט אינעם מעלוכע־קערפּער" (יוסטי). דעם פרײַסישן מערקאנטיליזם כאראקטעריזירט אָבער זײַן געקינצלטקײַט, זײַן אויבערפלעכלעכקײַט. ער קומט אוף זייער שפּעט — ווען אין ענגלאנד און פראנקרײַך האלט ער שוין באם אָפּבליען. ער טראָגט אן אויסגעשפּראָכן פיסקאלן כאראקטער, שטרעבט גלײַך אויסצוקוועטשן אלע זאפטן פונעם האנדל און פון דער יונגער אינדוסטריע, נאָך איידער זיי האָבן זיך רעכט געשטעלט אף די פיס. ווי אלע מערקאנטילע פּאָליטיקער, וויל אויך פרידריך II „פאבריקירן פאבריקאנטן" (מארקס [1]), אָבער בייס ענגלאנד און פראנקרײַך האָבן מיט גרויס אָפּפער אונטערשטיצט זייער יונגע אינדוסטריע, האָט פרידריך II אין מעשעך פון זײַן גאנצער רעגירונג דערוף געגעבן די נישטיקסטע סובסידיעס. באם אגראר־פעאָדאלן כאראקטער פון לאנד, מיט ווייניק און קליינע שטעט, אונטער דער שווערער שרויף פון דער מיליטאריסטישער מעלוכע, וואָס האָט פארשלונגען דעם גאנצן צוווקס פון מענטשן און געלט פאר אירע רעקרוטן און הארמאטן, האָט דער פרײַסישער מערקאנטיליזם געמוזט זײַן ביז גאָר בלוטאָרעם און געקינצלט. צעבליט האָט זיך בלויז די ביוראָקראטישע זײַט פון דער מערקאנטילער סיסטעם, א פארפלאָנטערטע און טעמפּע רעגלאַמענטאציע פון די פארשיידנסטע געביטן פון דער פּראָדוקציע און פארטיילונג: פון מאָנאָפּאָליעס און פּריווילעגיעס, פארבאָטן פון ארײַנפירן און ארויספירן, טאריפן פון פרײַזן און ארבעט־לוין, טעכנישע, טעמפּע און ווייניק באהאוונטע קלאָלים פאר דער

[1]) „קאפּיטאל", I באנד, ז. 722, דײַטשישע אויסגאבע, 1914.

פראָדוקציע. פרידריך II האָט צ. ב. אין יאָר 1766 פארבאָטן אריינפירן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי 490 ארטיקלען; אין יאָר 1774 דראָט ער מיט טויט־שטראָף פארן ארויספירן וואָל. ער האָט ניט געבויט שאָסייען, ביכדיי אויסלענדער זאָלן מוזן לענגער פארבלייבן אין לאנד און איבערלאָזן מער געלט...

מיט דער פרייסישער מערקאנטיליסטישער סיסטעם איז אָבער געווען ענג פארבונדן די עצעם עקזיסטענץ פון דער יידישער בורזשואזיע אין לאנד, איר אופקום, די פארוואנדלונג פון אירע שפיצן פון „מיטעלן בירגערטום אין מאָדערנער בורזשואזיע"; די מערקאנטיליסטישע סיסטעם האָט אָבער אויך אָנגעצייכנט די וועגן, אף וועלכע ס'איז געגאנגען די דאָזיקע פארוואנדלונג. די מערקאנטיליסטישע טויער און טעאָרעטיקער אין קימאט אלע אייראָפּייִשע לענדער, און די הערשער, וועמען די דאָזיקע סיסטעם האָט געדינט, זיינען דאן אלע געווען טיף איבערצייגט אין דעם געוואלטיקן נוצן, וואָס די יידן קענען ברענגען מיט זייערע קאפיטאלן און האנדל־טעטיקייט. „צו יידן און אלכימיקער — זאָגט א היסטאָריקער (ראכעל, 176) — זיינען געווען געווענדט די אויגן פון די פירשטן אין זייער שטענדיקער געלט־נויט". און די גרעסטע פיגור פון אייראָפּיִשן מערקאנטיליזם, דער פראנצויזישער מיניסטער קאָלבער ענטפערט די מארסעלער בירגער, וואָס באקלאָגן זיך אפן יידישן האנדל (1663): „ניטאָ קיין בעסערע זאך פארן אלגעמיינעם וווילשטאנד פון האנדל, ווי צו פארמערן די צאָל פון די, וואָס פארנעמען זיך מיט אים, אזוי, אז דאָס, וואָס איז ניט נוצלעך פאר די איינוווינער פון מארסעל, איז אָבער נוצלעך דעם מעלוכע־געדאנק, ביפראט, וויל מע האָט קיינמאָל ניט פארבאָטן דאָס באזעצן זיך פון יידן צוליב האנדל־מאָטיוון, וואָרעם געוויינטלעך פארמערט זיך דער האנדל אומעטום, וווּ זיי וווינען, נאָר צוליב רעליגיעזע מאָטיוון". די דאָזיקע „רעליגיעזע" מאָטיוון וויל אָבער שוין ניט נעמען אין אכט די אבסאָליוטע מאָנארכיע פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט. פארקערט, מע כעזשבנט אויס לעכאטכילע יענע האכנאָסע, וואָס סע וועט ברענגען דאָס צוציִען פון יידישע סאָכרים אין לאנד. דער זאקסישער פּאָרעץ פאָן וואָלפראמסדאָרף פּאָדערט אין זיין שריפט „Portrait de la cour de Pologne" אונטערשטיצן די איינוואנדערונג פון יידן אין זאקסן, ווייל ער מיינט, אז דאָס וועט אריינברענגען דער מעלוכע 5 מיליאָן טאָלער יערלעך. דער גראף פאָן עטינגען מיינט, אז דאָס צוציִען פון יידן דורכן דאָרעם־דייטשישן יאָהאניטער־אָרדען וועט ברענגען צום אופבלי פון זיינע גיטער און ווערן א קוואל פון „וויכטיקע אינטראדן" (האכנאָסעס). דאָס קליינע לענדל „העכסט" וויל צוציִען שפּאנישע יידן און גלויבט דורכ דעם צו באקומען א האכנאָסע פון צוויי מיליאָן טאָלער. אין דער ערשטער סטאדיע פון מערקאנטיליזם זעט מען דעם ווינטשפינגערל פאר געוואלטיקע האכנאָסעס אין האנדל; אין זיין צווייטער סטאדיע איז עס די אינדוסטריע, די מאנופאקטורן. איןביידע פּעריאָדן שטרעבט די אבסאָליוטיסטישע מעלוכע ברייט אויסצונוצן דאָס יידישע בירגערטום. אין ערשטן פעריאָד — ביכדיי אריינצוברענגען קאפיטאל אין לאנד, פארברייטערן דעם סכוירע־אומלויף, פארגרעסערן דעם געלט־אומלויף, דינאמישער מאכן דאָס פארגליווערטע לעבן פון דער צעכן־און גילדיעס־ווירטשאפט; אין צווייטן פעריאָד ווערן די יידישע קאפיטאליסטן געלענקט דורך דער מעלוכע אפן וועג פון מאנופאקטורן־גרינדונגען, בא די יידישע סאָכרים ווערט אויך אָנגעשפאנט זייער גאנצע ענערגיע

צו פאַרשפּרייטן די ס'ראָוו שלעכטע און ניטפּאָפּולערע פּראָדוקציע פון דער יונגער
אינדוסטריע.

די דאָזיקע אַלגעמײנע פּרינציפּן פון דעם מערקאַנטיליזם אין זײַן ייִדן־פּאָליטיק
באַזוערן זיך איבער גאַנץ געטרײַ אויך אין פּרײַסן; נאָכן כורבן פון דער דרײַסיק־
יאָריקער מילכאָמע, בײַ אַ קעסיידערדיקן וווּקס פון דער טעריטאָריע און פון די מי־
ליטער־הויצאָעס, בײַ אַן אָפּגעשטאַנענער, האַלב־נאַטורעלער, פעאָדאַלער ווירטשאַפט,
בײַ אַ קלײנעם און פאַרגליווערט־קאָנסערוואַטיוון שיכט פון אײגענעם בירגערטום,
האָט די פּרײַסישע מעלוכע מער פון אַלע לענדער זיך גענײטיקט אין אַ צופלוס פון
קאַפּיטאַל־קרעפטיקע און רירעוודיקע סאָכרים, און זי האָט זײ צוגעצויגן פון פאַר־
שײדענע לענדער, נאַציעס און רעליגיעס. קימאַט גלײַכצײַטיק ווערן אופגענומען די
פאַרטריבענע פראַנצויזישע הוגענאָטן און די ייִדן: 1671 ווערט געגרינדעט די ייִדי־
שע קעהילע אין בערלין, 1672 — די פראַנצויזיש־רעפאָרמירטע. בײדע קאָלאָניעס
שפּילן זינט דעמלט אַ וויכטיקע ראָליע אין דעם בערלינער ווירטשאַפט־לעבן. נאָך
צום סאָף פון די זיבעציקער יאָרן פון 18־טן י. ה. זײַנען די קאַפּיטאַליסטישע אונ־
טערנעמער אין בערלין באַשטאַנען ס'ראָוו פון פראַנצויזן, ייִדן און טשעכן. די פראַנ־
צויזישע קאָלאָניע האָט דאַן געציילט 5346 מאַן, די טשעכישע—1125, די ייִדי־
שע—4245. מערינג מײנט אַפילע, אַז דאָס האָט אַרופגעלײגט אַ שטעמפּל אַף דער
בערלינער בורזשואַזיע קימאַט ביז אונדזערע צײַטן (231־232).

מיטן וווּקס און אופשטײַג פון דער פּרײַסישער מעלוכע וואַקסט, אַלזאָ, און שטײַגט
אַרוף אויך די ייִדישע בורזשואַזיע. דער שווערפּונקט פון דער ייִדישער באַפעל־
קערונג אין דײַטשלאַנד איז איצט אַריבער אין פּרײַסן. ניט קוקנדיק אַף פאַרשײדענע
באַגרענעצונגען, וואַקסט דאָ גיך די צאָל פון ייִדישע ייִשוּווים און מישפּאָכעס. אין
האַלבערשטאַט זײַנען אין יאָר 1650 פאַראַן 10 מישפּאָכעס, אין יאָר 1699 שוין 97 מיש־
פּאָכעס מיט 639 נעפאַשעס. נאָך אין יאָר 1728 איז עס די גרעסטע קעהילע אין פּרײַסן.
אַף 1191 ייִדישע פאַמיליעס אין קיניגרײַך פּרײַסן ציילט מען דאַן 192 מישפּאָכעס
אין האַלבערשטאַט און בלויז 180 אין בערלין. אין יאָר 1740 ציילט האַלבערשטאַט
207 מישפּאָכעס. (קעלער, 16)[1]. אין פראַנקפורט־אָדער ציילט זיך 43 ייִדישע מיש־
פּאָכעס אין יאָר 1688, און אין יאָר 1700—74. אין פּאָמערן וואַקסט אויס די צאָל
ייִדישע מישפּאָכעס פון 15 אין יאָר 1698 אַף 46 אין יאָר 1705, אין קלעווע—פון
49 אין יאָר 1661 אַף 85 אין 1711. ביפראַט וואַקסט אָבער גיך די בערלינער קעהי־
לע, ווו דער גיכער אופבלי פון דער פּרײַסישער הויפּטשטאָט שאַפט גינסטיקע באַ־
דינגונגען פאַרן ייִדישן האַנדל און אינדוסטריע. דאָ ווירקט סײַ די ווירטשאַפט־פּאָ־
ליטיק פון דער מעלוכע, סײַ דער אופבוי פון דעם פרידריך־ווילהעלם־קאַנאַל, סײַ די
נײַע אינדוסטריעס, וואָס עס שאַפן די הוגענאָטן און די פעלצער. אָטאָ די אַלע גינ־
סטיקע מאָמענטן האָבן קעסיידער צוגעצויגן ייִדישע סאָכרים, וואָס האָבן ווידעראַמאָל
נאָך מער באַלעבט דעם האַנדל און די אינדוסטריע פון דער שטאָט.

[1] Köhler. Die Juden in Halberstadt und Umgebung bis zur Emanzipation, Berlin, 1927

זאַמבאַרט („די ייִדן און דאָס ווירטשאַפט־לעבן", לייפּציג, 1911) האָט ווי באַקאַנט געפּרוּווט עס ברענגען ווי איינעם פון די באַווייַזן פאַר זייַן טעאָריע, אַז „ווי די זון גייט אויף ייִסראָעל איבער אייראָפּע: ווו ער קומט, שפּראָצט ארויס נייַ לעבן, פונוואַנען ער וואַנדערט ארויס, וועלקט אַלץ, וואָס האָט ביז איצט געבליט" (15), ווו ייִדן באַווייַזן זיך, הייבט זיך אָן דער אופבלי פון דער מעדינע, פונוואַנען זיי וואַנדערן ארויס אָדער ווערן פאַרטריבן, הייבט זיך אָן די יערידע פון דעם ווירטשאַפט־לעבן. זאַמבאַרט רוקט דאָ אונטער שאַרלאַטאַניש דעם רעזולטאַט ווי די סיבע: ניט די ייִדן האָבן געבראַכט דעם אופבלי פון פּרייַסן און בערלין, נאָר פאַרקערט, דער קעסיידערדיקער אופשטייַג פון פּרייַסן און בערלין האָט צוגעצויגן וואָס וויַיטער אַלץ מער פאַרמעגלעכע סאָכרים און געבראַכט דעם גיכן וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. שוין אסאַך באַדייַטנדיקער און וויכטיקער איז געווען די ווירטשאַפט־טעטיקייַט פון די פראַנצויזישע הוגענאָטן. זאַמבאַרט האָט אין טאָך מאָדיפיצירט מאַקס וועבערס טעאָריע וועגן פּוריטאַניזם, ווי די טרייַבקראַפט פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, און שאַפט א מין מיסטישן ייִדישן קאַפּיטאַליסטישן „גייַסט". אויך פּוריטאַניזם—דערקלערט פאַטעטיש זאַמבאַרט—איז בלויז א ספּעציאַל־פאַל פון יודאַיזם (213).

ווי אַלע אַנדערע „באַווייַזן" פון זאַמבאַרטס רעאַקציאָנערער טעאָריע, איז אָבער אויך דער פּרייַסישער „באַווייַז" א זייפנבלאָז. דער בורזשואַזער היסטאָריקער ראַכעל, וואָס האָט לעצטנס סומירט (אין דער „צייַטשריפט פיר די געשיכטע דער יודן אין דייַטשלאַנד", בערלין, 1930, ז.ז. 175־196) די רעזולטאַטן פון דער פאָרשונג פאַר דער ווירטשאַפט־טעטיקייַט פון די בערלינער ייִדן אין מערקאַנטיליסטישן פּעריאָד, דערקלערט גאַנץ קאַטעגאָריש: „מע קען בעשומויפן ניט האַלטן,—פאַרקערט, נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז אונדז באַקאַנט, איז עס אויסגעשלאָסן,—אַז דער גייַסט, די איניציאַטיוו אָדער די מעטאָדן פון ייִדנטום האָבן אף וועלכן עס איז אויפן, באַשטימענדיק אָדער אַנטשיידנדיק, געווירקט אפן גאַנג פון בערלינער ווירטשאַפט־לעבן" (ז. 195־196). און ווייַטער: „אויב מע אָנערקענט ווי וויכטיק דערשייַנונגען, לעכאַלאַפּאָכעס זינט דער זיבניאָריקער מילכאָמע, די פאַרהעלטעניש־מעסיק־שטאַרקע קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג אין ייִדישע הענט, זייער באַטייליקונג אין אונטערנעמונגען, די אַנטוויקלונג פון זייערע באַנק־געשעפטן, איז אָבער דאָס אַלץ געווען ניט נייַאַרטיק און ניט באַן־ברעכנדיק (וועגווייַזעריש), און ס'איז געווען גיכער א רעזולטאַט פון אַלגעמיינעם אופשוווּנג, ווי זייַן סיבע".

די געשיכטע פון די ייִדן אין בערלין שטייט אין צענטער פון דער געשיכטע פון דעם גאַנצן ייִדישן קיבעץ אין פּרייַסן. אין אַנדערע שטעט קומט פאָר די אַנטוויקלונג אין אַלגעמיין אין דערזעלביקער ריכטונג, אָבער אסאַך לאַנגזאַמער אין טעמפּ, אסאַך שוואַכער אין צאָל און באַדייַטונג. דערפאַר טאַקע רוקט זיך ארויס די בערלינער קעהילע אין פאָדערגרונט, ביפראַט זינט דער זיבניאָריקער מילכאָמע (1756־1763). מיר האָבן דערמאָנט, אַז ביז דאַן איז נאָך די האַלבערשטאַטער קעהילע געווען די גרעסטע אין צאָל; אָבער ניט נאָר אין צאָל. בייַס דער זיבניאָריקער מילכאָמע לייַט זי נאָך אויס דער בערלינער קעהילע געלט מיטן צאָלטערמין „יאָים ביִעס האַמאָשיִעך", — ד. ה., זי גיט איר אייגנטלעך א געלט־אונטערשטיצונג

אָן דער האָפענונג עס צוריקבאַקומען (גייגער. I באַנד, ז. 67) [1]. דערנאָך בלײַבט אָבער האַלבערשטאַט הינטערשטעליק; די האַנדל־קאַפּיטאַליסטישע קעהילע קען ניט אַניאָגן דעם בערלינער יִשעוו, וואָס אַנטוויקלט זיך שטורמיש אַף נײַע, קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריעל־פינאַנציעלע יעסוידעס. אַן ענלעכע דערשײַנונג איז פאָרגעקומען צ. ב. מיט בערדיטשעוו אין רוסלאַנד אין 19־טן י. ה.; זינט דער פויערים־רעפאָרם הייבט זיך אָן די סיסטעמאַטישע יערידע פון דעם האַנדל־קאַפּיטאַליסטישן בערדיטשעוו, בײַם ס׳צעבליִען זיך די קאַפּיטאַליסטישע צענטרען וואַרשע און אָדעס (מאַרקס האָט אַף דערדאָזיקער דערשײַנונג אָנגעוויזן אין „קאַפּיטאַל“, ב. 3. ז. 311 פון דער דײַטשי־שער אויסגאַבע).

מיטן עדיקט פון 1671 זײַנען אופגענומען געוואָרן אין בערלין יִידישע מישפּאָ־כעס, וואָס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון ווין. זייער צאָל איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרן אַף 50 מישפּאָכעס, וואָס נאָר זיי האָבן באַקומען די שוצפּריווילעגיעס. אָבער שוין אין 1700 זײַנען פאַראַן אין בערלין אַכוץ 70 פאַמיליעס פון שוציִדן (איבער 1000 נעפאַשעס) נאָך 47 „ניטפאַרגלייטעטע“ מישפּאָכעס — ס׳ראָוו מיזרעך־יִדן, וואָס האָבן זיך גלײַך גענומען ציִען צו דער אופבליִענדיקער שטאָט. די אָנגעקומענע יִדן באַשעפטיקן זיך מיט זייערע טראַדיציאָנעלע פאַרנאָסעס: וואָכער, דער האַנדל מיט ניטויסגעלייזטע מאַשקאָנעס, און האַנדל ביכלאַל. די מערקאַנטיליסטישע מעלוכע שטרעבט פון אָנהייב אָן אוועקשטעלן דעם יִדישן האַנדל אַף נײַע יעסוידעס: בײַם דאָס אַלטאַײַנגעזעסענע דײַטשישע בירגערטום האַנדלט נאָך לויט די מיטלאַלטערלעכע גילדיע־פּרינציפּן, ד. ה., נאָר מיט איין אַרטיקל, און נאָר אַף איין אָרט, באַקומען די יִדן דאָס רעכט צו האַנדלען גלײַכצײַטיק מיט קאָלערליי סכוירעס, אַנגראָ און דע־טאַל, אין אָפענע קראָמען און אַף יאַרידן, אין עטלעכע ערטער מיטאַמאָל. מיט צע־כיש־אָרגאַניזירטער מעלאָכע טאָרן זיי זיך ניט פאַרנעמען. דאָס רופט גלײַך אַרויס דעם ווידערשטאַנד פון דעם היימישן בירגערטום. עס העלפט אָבער ווייניק: די מאַכט ענדערט ניט איר פּרינציפּ וועגן דער האַנדל־פרײַהײַט פון די יִדן. די פאַרשיידענע מעסירעס לאָזן זיך אויס בלויז צום קאָפּ פון די אָרעמע, צוגעוואַנדערטע יִדן. אַזוי צ. ב. ווערן אין די דרײַסיקער יאָרן פון 18־ן י. ה. אַרויסגעשיקט פון בערלין אַ פּאָר הונדערט אָרעמע יִדן. צום יאָר 1737 איז די צאָל יִדן אין בערלין באַגרע־נעצט געוואָרן אַף 120 מישפּאָכעס (953 נעפאַשעס). ס׳האָט אָבער קנאַפּ געהאָלפן. אין 1739 ציילט די בערלינער קעהילע 262 שטײַערצאָלנדיקע מיטגלידער, 1743—333 יִדי־שע מישפּאָכעס מיט 1945 נעפאַשעס. בלויז 10 מיטגלידער פון דער בער־לינער קעהילע האָבן אין יאָר 1737 פאַרמאָגט ווייניקער פון 1000 טאָלער, אַלע איבעריקע—פון 2 ביז איבער 20 טויזנט טאָלער. הענדלער מיט אַלטע קליידער און מאַשקן־וואָכערער זײַנען דאַן פאַראַן בלויז שוין 17, דאַקעגן, די איבעריקע זײַנען סאָכרים ס׳ראָוו אין גרויסן מאַסשטאַב, ביפראַט אַפן געביט פון גאָלד־זילבער־יוועליר־האַנדל און פון די פאַרשיידנסטע געלט־געשעפטן. צו אָט דעם פעריאָד הייבט זיך אָן די מאַנופאַקטורן־גרינדונג פון די בערלינער יִדן. שוין אין 1718 האָבן לייווי און מוישע וואָלף אופגעשטעלט אַ פּאָר וואַרשטאַטן אין שאַרלאָטענבורג

[1]) L. Geiger, Geschichte der Juden in Berlin. I-II. Berlin 1871.

פאַר דער ווײַדנבאַנד־אויסאַרבעטונג. א גרעסערע טעטיקייט האָט אנטוויקלט דאַוויד הירש, וואָס האָט אין 1730־1731 געגרינדעט די ערשטע פליוש־ און סאַמעט־פאַבריק אין פרייסן, און דערפירט זי אין יאָר 1739 שוין ביז 100 שטולן.

דער גרויסער ווירטשאַפטלעכער אופשטײַג פון די בערלינער יידן פאַלט אָבער ערשט אף דער רעגירונג־צײַט פון פרידריך II. עס האָט זיי רײַך געמאַכט ביפראַט די זיבן־יאָריקע מילכאָמע, מיט אירע פאַדריאַדן פאַרן מיליטער און, קווידעמקאַל, מיט דער גענעראַלער אַרענדע פון די פרײַסישע מאַטבייעס (מינצן), וואָס איז אין די יאָרן 1755־1763 געלעגן אין די הענט פון בערלינער יידן. דאָס איז געווען א גרויסע פינאַנציעלע אָפּעראַציע, א פאַלסיפיקאַציע אף פאַרשיידענע אויפאַנים פון די געלט־מאַטבייעס, א מין אינפלאַציע פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען פאַפיר־געלט איז נאָך ניט געווען אין געברויך. ווי די אינפלאַציע בעשאַס דער לעצטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע 1914־1918, האָט אויך פרידריכס פאַרוואַסערטע זילבער־און קליינגעלט געדאַרפט דעקן דעם מילכאָמע־באַדאַרף אין געלט. אף זײַנע פאַלשע מאַטבייעס פלעגט פרידריך אַרופדרוקן פויליש־זאַקסישע שטאַמפּן, אָדער ער פלעגט אונטערקויפן די „ברידער פון גאָטס גענאַד״, אַשטייגער דעם פירשט אַנהאַלט־בערנבורג, זיי זאָלן באַצירן מיט זייערע פאָרטרעטן זײַנע פאַלשע מינצן. נאָך פאַר דער מילכאָמע האָט פרידריך אָנגעבאָטן דאָסדאָזיקע געשעפט צוערשט קריסטלעכע סאָכרים, עס איז אָבער גאָרניט דערפון געוואָרן, און די גענעראַל־פאַכט האָבן איבערגענומען די יידן הערץ מוישע גומפערץ, נאָסן פײַטל עפראָים, דאָניעל איציק און מוישע פליס. וואָס ווײַטער ס׳איז געגאַנגען די מילכאָמע, אַלץ ערגער, וואַסערדיקער, זײַנען געוואָרן די מאַטבייעס, אַלץ מער איז באַראַבעוועט געוואָרן די באַפעלקערונג, און די יידישע אַרענדאַטאָרן, ביפראַט פײַטל עפראָים, זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן מיטן האַס און קלאָלע פון די דײַטשישע פאָלק־מאַסן. דער בורזשואַזער היסטאָריקער הוגאָ ראַכעל שרײַבט אָבער וועגן די דאָזיקע בלוט־זויגערישע געשעפטן, וואָס האָבן צוגעײַלט דאָס אויפקומען פון א מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע פון דײַטשלאַנד, אין א פײַערלעכן טאָן, און צעלאָזט זיך ווי א סאָלאָוויי:

„צום ערשטן מאָל זײַנען דאָ יידן באַרופן געוואָרן צו א היסטאָרישער אַקציע, ווי מיטאַרבעטער באַם באַשאַפן דעם אומגעהויערן געלט־באַדאַרף אין מעשעך פון דער לאַנגער מילכאָמע. זיי האָבן די דאָזיקע אופגאַבע אויסגעפירט אין א העכסט געשעפטסטיכטיקן אויפן און זײַנען זייער רײַך געוואָרן, אָבער עס איז דאָך העכסט באַמערקנסווערט, אַז זיי זײַנען אַרויס ריין (אונאַנגעפאַכטן) פון אַזא גליטשיקן געשעפט, ווען די אַרענדע איז ליקווידירט געוואָרן מיטן סאָף פון דער מילכאָמע״ (ז. 186־187).

„ריין״ הייסט מינאַסטאַם באַם בורזשואַזן היסטאָריקער, אַז פרידריך, זייער האַר און שוטעף, האָט זיי ניט אַרײַנגעזעצט אין טפיסע. ראַכעל פאַרצייכנט אויך אַפאָלאָגעטיש, אַז זיי אַליין האָבן דערבײַ פאַרדינט ניט מער (!) ווי 8%. דורך די דאָזיקע טונקעלע אָפּעראַציעס זײַנען אָבער אַנטשטאַנען ריזיקע פאַר יענער צײַט פאַרמעגנס. איינער פון די שוטפים, מוישע פליס, האָט איבערגעלאָזן זײַנע קינדער 516 טויזנט טאָלער! די אַנדערע שוטפים, פײַטל עפראָים און דאָניעל איציק, זײַנען אָן סאָפעק געווען נאָך רײַכער.

די קאַפּיטאַלן, וואָס די ייִדישע בורזשואַזיע האָט דערוואָרבן בײַם דער מילכאָמע, האָט אָבער פרידריך II געשטרעבט לענקן אפן געביט פון אינדוסטריע. נײַע שוץ־פּריווילעגיעס האָט ער באַפוילן אויסשטעלן בלויז אַזעלכע ייִדן, וואָס וועלן גרינדן פאַבריקן (1750 און 1757: „עס זאָלן קיינע יודן נויע פּריווילעגיע קריגן, עס זײַ דאס זי פאַבריקן אָנלייגן"). לויט אן אָרדער פון 1763 האָט אויך א צווייטער זון פון א שוצייִדן בלויז דאן באַקומען א פּריווילעגיע, ווען מע האָט געגרינדעט א נײַע פאַבריק. עס ליגט אין מעהוס פון דער מערקאַנטיליסטישער סיסטעם, אז מע האָט אָפּט אָנגעוויזן די ייִדן, וואָסערע מאַנופאַקטורן און אין וואָס פאַר אן אָרט זיי זאָלן גרינדן. וואָל־פאַבריקאַציע און טאַבאַק־פאַבריקן האָט מען זיי פאַרבאָטן. צום אָנהייב פון פרידריכס רעגירונג האָט שוין עקזיסטירט די שוין דערמאָנטע סאַמעט־פאַבריק פון דאָוויד הירש, און ער איז עס געווען דער פּיִאָנער פון דער זײַד־אינדוסטריע אין פּרײַסן. ביזן 16־טן י. ה. איז די זײַד־אינדוסטריע געווען באַקאַנט בלויז אין איטאַליע, שפּעטער קומט זי אויף אויך אין האָלאַנד, ענגלאַנד און ביפראַט אין פראַנקרײַך, ווו ליאָן ווערט דער צענטער פון דער אינדוסטריע. מע דאַרף דאָ נעמען אין אַכט, אז די פּראָדוקציע פון לוקסוס־שטאָפן האָט אין 18־טן י. ה. געשפּילט די זעלביקע ראָלע, וואָס קוילן און אײַזן אין 19־טן י. ה. די זײַד־פאַבריקאַנטן פלעגן אין פרידריכס צײַט באַקומען אַסאַך פּריווילעגיעס: מע האָט זיי באַפרײַט פון דער צעך־אָנגעהעריקײַט; דערלויבט אָנעמען אַרבעטער, וואָס האָבן נאָך ניט דורכגעמאַכט זייער לערן־צײַט, קעגן די געזעצן פון די צעכן; געשטעלט אין זייער רעשוס קינדער פון די יעסוימים־הײַזער און אַרעסטאַנטן פון די טפּיסעס; אָפּגעגעבן זיי וווין־הײַזער פאַר די אַרבעטער. און דאָך האָבן געפעלט באַלאָנים: ס'איז געווען א נײַע זאַך, וואָס האָט געפאָדערט קאַפּיטאַלן, קרעדיט, קוואַליפיצירטע אַרבעט־קראַפט און געניטשאַפט, טעכנישע יעדיִעס.

דאָוויד הירש האָט אָנגעהויבן מיט זיבן וועב־שטולן, אויסגעאַרבעט האָט ער לעכאַטכילע בלויז סאַמעט, אַרבעטער האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון האָלאַנד, קאָפּענהאַגן, האַמבורג, און האָט געהאַט אויסצושטיין פון זיי אַסאַך צאָרעס. צוליב דעם האָט ער געפוילט, מע זאָל אים איבערגעבן צום אויסלערנען דעם פאַך (דאָס הייסט צו עקספּלואַטאַציע) קינדער פון פּאָטסדאַמער יעסוימים־הויז. [1] צוויי יאָר שפּעטער האָט שוין הירש 15 וועב־שטולן אין זײַן פאַבריק. אין יאָר 1732 נעמט ער איבער בעשותּפעס מיטן רײַכן ייִדן שמועל בענדיקס א צווייטע פאַבריק פון זײַד און האַלב־זײַד, און אביסל שפּעטער גרינדעט ער א דריטע פאַבריק — א פּליוש־פאַבריק. 1742 באַנײַט פרידריך II זײַנע פּריווילעגיעס, גיט אים א יאָר שפּעטער א האַלוואָע פון 8 טויזנט טאָלער, און ער דערגייט ביז 144 וועב־שטולן, שטופּט אַרויס דעם אויסלענדישן אימפּאָרט, בויט אויס סקלאַדן און קראָמען אין מאַגדעבורג, קיניגסבערג און ברעסלע. ער הייסט שוין איצט אין גאַנץ פּרײַסן „דער סאַמעט־יודע".

ווײַטערדיקע זײַד־פאַבריקן בויען אויס אין פּאָטסדאַם מוישע ריס, דער איידעם פון באַנקיר עפראַיִם, און איצכאָק בערנהאַרד. ריס הייבט אָן מיט 20 וועב־שטולן אין יאָר 1748 און אַרבעט ביפראַט פאַר די מערק פון רוסלאַנד, פּוילן און אונגאַרן.

---

[1] „די געבורט פון דער גרויסער אינדוסטריע ווערט געפײַערט דורכן גרויסן העראָיִשן קינדער־רויב" (מאַרקס, „קאַפּיטאַל" I, ז.ז. 722־724).

אויך ער שאפט זיך סקלאַדן אין קיניגסבערג און ברעסלע. בערנהארדן איז די פּרי־ווילעגיע צו עפענען א פאבריק אָנגעקומען ניט לײַכט, ווײַל ער איז געווען א סוי־כער פון זײַד, און פרידריך האָט אים כוישעד געווען, אז ער האנדלט מיט אויסלענ־דישע זאכן. אבוץ די דערמאָנטע 3 ייִדן—הירש, ריס און בערנהארד—זײַנען פאראן בלויז 2 קריסטלעכע זײַד־פאבריקאנטן, א פראנצויז און א דײַטש. אין יאָר 1766 גע־הערן פון 518 וועב־שטולן פאר זײַד—380 צו 4 ייִדישע פאבריקאנטן (לעווי און די 3 דערמאָנטע). די גאנצע זײַד־פּראָדוקציע פון פּרײַסן באטרעפט דאן 624 טויזנט טאַלער, דערפון ארבעטן אויס די 4 ייִדן אף 368 טויזנט, ד. ה. 60%.—באָרעך און גרינדעט אין 1748 א פאבריק פון זײַד־בענדער, ביניאָמין וואָלף—א סאמעט־ און קארטון־פאבריק (1751), זײַן זון איצכאָק־ביניאָמין גרינדעט נאָך א פאבריק פון באוולנע זאָקן; זינט 1774 גייט ער אריבער צו דער זײַד־אינדוסטריע און ווערט דער גרעסטער זײַד־פאבריקאנט צום סאָף פון פרידריכס רעגירונג־צײַט. פײַטל עפראַיִם, דער שוין דער־מאָנטער מינץ־ארענדאטער, נעמט איבער מיט זײַנע זין די גאָלד־ און זילבער־מאנו־פאקטור אין בערלין, און פארוואנדלט דאָס אין א ריזיקער אונטערנעמונג, מיט אייגע־נע שיפן, וואָס קורסירן ביז קאָנסטאנטינאָפּאָל. צום דראָט־ציִען אליין ברענגען זיי אראָפּ 80 קוואליפיצירטע ארבעטער פון אויסלאנד און בויען אויס פאר די ארבעטער הײַזער פאר 70 טויזנט טאַלער. 600 יעסוימים „לערנען זיך בא זיי דעם פאך". דאַ־ניעל איציק ווידער, דער צווייטער מינץ־שוטעף, האָט אָפּגעקויפט די מעלוכישע אײַזן־הוטע און בלעך־פאבריק אין הארץ און איבערגענומען א פאבריק פון ענגלישע לע־דער אין פּאָטסדאם. דער דריטער שוטעף, מוישע פליס, האָט געגרינדעט אין 1765 א זײַד־פאבריק. זינט 1777 ווערט בארימט ווי א זײַד־פאבריקאנט ייִסראָעל מארקוס, 1784 פארמאָגט ער 170 שטולן. אנדערע רײַכע ייִדן פאבריקירן באוול, שפּולן, מוס־לין, פארפומעריע א. א. וו.

ניט נאָר איינצלנע ייִדן ווערן געשטויסן פארוואנדלט צו ווערן אין פאבריקאנטן און ווערן דערצו געשטופּט און אונטערשטיצט — די מעלוכע צווינגט אויך די גאנצע בערלינער קעהילע איבערצונעמען א ריי פאבריקן, וואָס גייען שלעכט.

סאָף יאָרהונדערט ווארפן זיך די ייִדישע קאפּיטאליסטן ביפראט אין דער בוימ־וואָל־אינדוסטריע.

דער אופשטײַג פון ייִדישע פאבריקאנטן גייט, אלזאָ, אָן דערהויפּט זינט דער 7־יאָ־ריקער מילכאָמע, און בא דער אקטיווער מיטווירקונג פון דער רעגירונג. ניטריכטיק איז אָבער דער אפּאָלאָגעטישער האָהענצאָלערניש־לאָיאלער טעזיס פון ראכעל, אז „די ייִדישע פאבריקאנטן זײַנען באהאנדלט געוואָרן צוגלײַך מיט די קריסטלעכע און דער קיניג האָט ניט געמאכט קיין שום אונטערשייד צווישן זיי באם ארויסגעבן פּריווילעגיעס" און א. וו. (ז.ז. 187־188). פרידריך II איז געווען ווײַט ניט קיין ייִדן־פרײַנט. ער האָט אונ־טערגעשטיצט די ייִדישע פאבריקאנטן בעלעס ברירע, מיט דעם ניכטערן כעזשבן פון א מערקאנטיליסט; ווו ער האָט געהאט אן אויסוואל, האָט ער ליבער געשטיצט א ניט־ייִדישן פאבריקאנט. דאָס באווײַזט צ. ב. די געשיכטע מיטן דײַטשישן פאבריקאנט גאָצקאָווסקי, וועמען די רעגירונג האָט געוואָלט אויסשפּילן קעגן די ייִדישע פאבריקאנטן [1].

[1]) „העבר" 2, 1918, פּעטראָגראר, פּראָס. קולישער—היהודים והעשיה המשי בפרוסיא במאה ה י״ח ז. 108—128.

ענדלעך דארף מען דערמאָנען די באנק־טעטיקײַט פון די בערלינער ייִדן. צום יאָר 1807 עקזיסטירן 30 ייִדישע באנקן קעגן 22 ניט־ייִדישע. שוין דאן זײַנען אופגעקומען די באנק־הײַזער פון די מענדעלסאָנס (מוישע מענדעלסאָנס זין), אָפּענהיים, ווארבורג, באמבערגער א א. 1773 זײַנען אין בערלין פאראן 7 געשוואָרענע ייִדישע פאָנד־מעקלער קעגן 5 ניט־ייִדישע. ווען ס'ווערט אין יאָר 1803 געגרינדעט אָפיציעל די בערלינער בערזע, באקומען די ייִדישע סאָכרים, וואָס זײַנען אָרגאניזירט אין אן אייגענער „רעסורסע", 2 פאָרשטייער אף 4 און 10 קאָרפּאָראציע־מיטגלידער אף 20.

אן ענלעכע אנטוויקלונג גייט אָבער אָן אויך אין אנדערע טיילן פון פרײַסן. נעמען מיר צ. ב. קיניגסבערג, זעען מיר אויך דאָרט דעם אומופהערלעכן וווּקס פון דער קעהילע, 1707—26 מישפּאָכעס. ארום דער העלפט פון 18־טן י. ה. — שוין א 80—100 מישפּאָכעס, סאכאקל 307 נעפאשעס. אויך דאָ קומען אוף גרויסע ייִדישע פאבריקאנטן, וואָס גרינדן טוך־פאבריקן, און דער גאנצער אנגראָ־האנדל מיט מאנופאקטור ליגט אין ייִדישע הענט. זיי פאַרמאָגן זילבער־ראפינעריעס און לעדער־פאבריקן. די סאפיאן־פאבריק פון א. מ. ריס עקספּאָרטירט אפילע אירע סכוירעס קײַן אויסלאנד. די גאז־פאבריק פון זעליגמאן יאָסעף (געגרינדעט 1785) באשעפטיקט 20 שטולן און איבער 80 ארבעטער. די זײַד־פאבריק פון קאָפל מעיער ביניאָמין אר־בעט מיט 37 שטולן. אין דער שפיץ פון דער היגער ייִדישער בורזשואזיע שטייען די פרידלענדערס—יאָאכים מוישע פרידלענדער, די ברידער בערנהארד מעיער און וואָלף פרידלענדער. דאָוויד פרידלענדער, דער זון פון יאָאכים מוישע, פאָרט אריבער אין בערלין, האָט דאָרט כאסענע מיט דאָניעל איציקס טאָכטער און רוקט זיך ארויס שפּעטער ווי דער פירער פון דײַטשישן יודנטום [1]. — אין האלבערשטאט האָט שוין 1703 בערענד לעמאן געהאט א גרויסע אײַזנגיסערײַ. אין יאָר 1763 גרינדעט דאָ מיכאָעל אווראָם א גרויסע לײַוונט־פאבריק. (קעלער 52־51).

---

1) א.א.ה. H. Jolowitz. Geschichte der Juden in Königsberg. Posen 1867, p. 93, 101,

די קלאַסן-שיכטונג אין דער ייִדישער סוויווע אין פּרײַסן

מע קען איצט שוין אָנמערקן די פאַנאַנדערשטעלונג פון די קלאַסן-קויכעס אין דער ייִדישער סוויווע אין פּרײַסן און גאַנץ דײַטשלאַנד אין אכצנטן יאָרהונדערט. מע דאַרף קוידעמקאָל פעסטשטעלן, אַז אין דײַטשלאַנד האָבן ביכלאַל אין אכצנטן יאָרהונדערט ניט עקזיסטירט קיין גרויסע ייִדישע מאַסן. נאָך אין יאָר 1825, ווען די ייִדישע באַפעלקערונג אין דײַטשלאַנד איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, איז אין גאַנץ דײַטשלאַנד געווען סאַכאַקל 223 טויזנט ייִדן, דערפון 84 טויזנט אין פּרײַסן. אין יאָר 1813 ווערט אין גאַנץ פּרײַסן געציילט 31,991 ייִדן. אין פּוילן אָבער האָבן געלעבט נאָך מיט א האַלבן יאָרהונדערט פריִער, 1764-1765, איבער 620 טויזנט ייִדן, דערפון בלויז אין דער אָרעמער ליטע איבער 166 טויזנט ייִדן. אין פרידריכס צײַטן איז די ייִדישע באַפעלקערונג אין פּרײַסן געווען גאָר קליין. א גענויע סטאַטיסטיק פון יענער צײַט פעלט, ביפּראַט פעלן אין די רעשימעס אַסאַך ייִדן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין וווינרעכט. דאָך באַקומען מיר א שטיקל באַגריף פון בראַטיגגס רעשימע, לויט וועלכער ס'זײַנען געווען אין פּרײַסן: אין יאָר 1750—אין דער א. ג. קורמאַרק (אײַנגעשלאָסן בערלין און די אַלטמאַרק)—3873 ייִדן; אין יאָר 1780—5858; 1801—5748. אין דער נײַמאַרק—1750—944; 1800—1889. אין שלעזיע, וואָס איז אין פרידריכס צײַט אַריבער צו פּרײַסן, האָבן געלעבט אין 1791—9065 ייִדן. פּויזן אַליין, וואָס איז ערשט סאָף 18־טן י.־ה. אַריבער צו פּרײַסן, האָט לויט איר צאָל ייִדן אויסגעמאַכט גאַנצע 40 פּר. פון אַלע דײַטשישע ייִדן. אין בערלין האָבן צום יאָר 1800 געלעבט 3322 ייִדן (לויט אַנדערע רעשימעס אָבער קימאַט טאָפּלט אַזויפיל), וואָס איז געווען קוים 2 פּראָצ. (און אין בעסטן פאַל 4 פּראָצ.) פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אין גאַליציען בראָד האָבן אָבער שוין אין 1764 געלעבט 7191 ייִדן, אין לעמבערג—6159, אין קראָקע—3457 ייִדן. ייִדן האָבן דאַן אין פּוילן אויסגעמאַכט ביז 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. די גרעסטע פּרײַסישע קעהילעס פון 18־טן י. ה. זײַנען, אַלזאָ, אַסאַך קלענער פון די אַנטשפּרעכנדיקע גרויסע קעהילעס אין די פּוילישע לענדער [1].

די ייִדישע באַפעלקערונג אין פּרײַסן האָט, אַלזאָ, ניט געהאַט אין דעם פּעריאָד פון דער בערלינער האַסקאָלע קיין מאַסעווון כאַראַקטער. דערמיט בינדט זיך א צווייטער

[1]) H. Silbergleit. Die Bevölkerungs und Berufsverhältnisse der Juden im Deutschen Reich B. I. Preussen 348 p. Berlin, 1930.

מאָמענט: ס׳האָבן אין פּרייַסן אין 18־טן י.־ה. געפעלט יענע גרויסע מאסן פון אָרעמן און האָרעפּאשנעם קליינבירגערטום, וואָס זייַנען אזוי כאראקטעריסטיש פאר די פּויליש־רוסישע לענדער אין אכצנטן און נייַנצנטן יאָרהונדערט. די מערקאנטיליסטיש געשטימטע רעגירונג האָט זאָרגפול פילטרירט דעם באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג, אומבערעכנאָנעסדיק ארויסגעטריבן די אָרעמע צוגעוואנדערטע יידן, און ס׳האָבן איר אין דעם אקטיוו מיטגעהאָלפן די פּרייַסישע יידישע קעהילעס. בא די טויערן פון בערלין איז געשטאנען א וואך אויך פון דער בערלינער יידישער קעהילע, און ס׳איז שטארק פּאָפּולער די גראוויור, וואָס ווייַזט, ווי דער יונגער מענדעלסאָן שטייט באם ראָזענטאלער טויער און בעט זיך, מע זאָל אים אריינלאָזן אין בערלין. דעם אָרעמען, אָפּגעשליסענעם שלומיע מיימאָן האָט מען טאקע ניט אריינגעלאָזן אין בערלין (1777; פארגל. זייַן „לעבנסגעשיכטע”, ווילנע 1927 ב. 1, ז. 207־211). אין די זיבעציקער יאָרן פון 18־טן י.־ה. האָבן זיך די בערלינער יידן אפילע געווענדט צו דער רעגירונג מיט א באקאָשע צו פארווערן פּוילישע יידן צו באזוכן די אָרטיקע יארידן. דערמיט דערקלערט זיך די פארקלענערונג פון דער בערלינער קעהילע, וואָס איז פון 3670 נעפאשעס אין יאָר 1778 געזונקען ביז 3363 אין יאָר 1786 (דערבייַ איז דער נאטירלעכער צוּוואוקס געווען דורכויס גרויס). די זעלביקע דערשייַנונג זעען מיר אויך אין קיניגסבערג און אנדערע שטעט.

א נישטיקן פּראָצענט האָבן אויסגעמאכט באלמעלאָכעס בא די פּרייַסישע יידן—צוליב דער מאָנאָפּאָל־שטעלונג פון די קריסטלעכע צעכן, וואָס האָבן ניט אָנגענומען יידן, און די אנטשפּרעכנדיקע פארבאָטן פון דער רעגירונג. פון 12.306 זעלבסטעטיקע יידן אין פּרייַסן אין יאָר 1831 האָבן בלויז 566 זיך פארנומען מיט מעלאָכע (זילבערגלייט, ז. 75), ד. ה. 4,6 פּראָצ. אין אכצנטן יאָרהונדערט איז די צאָל באלמעלאָכעס געווען נאָך אסאך קלענער. אסאך שפּעטער, אין יאָר 1833, קען מען אייַנטיילן די יידישע באפעלקערונג אין פּרייַסן אין אזעלכע גרופּעס: 1) גרויסבורזשואזיע און ליבעראלע פּראָפעסיעס—1691 פאמיליעס אין אלטפּרייַסן, 755 אין פּויזן. 2) מיטעלע סאָכרים—1456 און 1924 פאמיליעס. 3) פעדלער—1384 און 1282; באלמעלאָכעס—1316 און 3841; פּויערים, גערטנער, ארבעטער און לופטמענטשן—2267 און 4712 (זילבערגלייט, ז.ז. 75—76). מע זעט גלייַך דעם אונטערשייד צווישן אלטפּרייַסן און דער געוועזענער פּוילישער פּראָווינץ פּויזן.

אכוץ א מאסעוון קלאס באלמעלאָכעס, האָט אָבער אין פּרייַסן פון 18־טן י.־ה. געפעלט נאָך א כאראקטעריסטישע גרופּע פון יידישן קליינבירגערטום: די גרויסע מאסע יישוווניקעס; אין אוקראינע און גאליציע האָבן ארום דער העלפט פון 18־טן י.־ה. אף 150 טויזנט יידן געלעבט מער פון 62 טויזנט אין 7 טויזנט דערפער; דורכן שניטלעך האָט עס אויסגעמאכט ווייניקער פון 10 יידן אף א דאָרף. געוויס זייַנען געווען יידישע פעדלער אפן פּרייַסישן דאָרף, דאָס איז אָבער דאָך ניט געווען דער טיפּ פון וואָלינער פארכוישעכטן און פארגרעבטן יישוווניק.

צוליבן פעלן פון א מאסעוון קלאס באלמעלאָכעס און פון יישוווניקעס איז די ספּעציפישע וואָג פונעם קליינבירגערטום בא יידן אין פּרייַסן אין 18־טן י.־ה. זייער א קליינע. פאקטיש דארף מען זיך רעכענען אין אָט דער טקופע מיט צוויי שיכטן אין דער יידישער סוויווע: 1) גרויסבירגערטום,—ד. ה. העכערע שיכטן פון

בירגערטום, וואָס וואקסן שוין אריבער אין מאָדערנער בורזשואזיע און שטעלן פאַר א קערנדל פון דער מאָדערנער אינדוסטריעל־פינאנציעלער גרויסבורזשואזיע. 2) מיטל־ און קליין־בירגערטום—מיטעלע און קליינע סאָכרים און וואָכערער, וואָס זייער האנדל־טעטיקייט איז נאָך אינגאנצן צוגעפּאסט צו דער פעאָדאלערווירטשאפט־סיסטעם. די אנטוויקלונג פון די ערשטע גייט אוועק אף מאָדערנע קאפּיטאליסטישע רעלסן, מיט האסטיקע טעמפּ. די צווייטע שיכט איז שטארק אינערט, לעבט נאָך אין פארעל־טערטע פעאָדאלע פארהעלטענישן. עס שאפט זיך וואָס וויַטער אלץ א שארפערער קאָנטראסט און אנטאגאָניזם צווישןביידע שיכטן. די פעאָדאלע קעהילע־אינסטיטוציע, אין וועלכער ס'זייַנען פארייניקט ביידע צדאָדים, פארשארפט נאָך די דאָזיקע סטירע און ברענגט צום אויסברוך פון אָפענע אינערלעכע קאמפן.

דאָס גרויסבירגערטום איז שוין א היפּש אָנזעעוודיקער קלאס בא ייִדן אין דייַטשלאנד און פּרייַסן אין 18־טן יאָרהונדערט. ביפראט אָבער וואקסט אויס דער־דאָזיקער קלאס זינט דער זיבניאָריקער מילכאָמע. נאָך אין די מעמוארן פון גליקל פון האמעלן (ז.ז. 1724־1645) זעט זיך אָן דייַטלעך דער ווירטשאפטלעכער וווקס פון די העכערע שיכטן פון ייִדישן בירגערטום זינט דער דרייַסיקיאָריקער מילכאָמע. א ווינער היסטאָריקער, זיגמונט מייַער, האָט עס איליוסטרירט אפילע דורכן אויסשרייַבן די נאדאן־סומעס, וואָס גליקל רעכנט אויס פאר איר סוויווע אין פארשיידענע פעריאָדן („די ווינער יודן", ווין־בערלין, 1917, ז.ז. 80—82). אין יאָר 1729 פארמאָגט אלטאָנא 297 ייִדישע שטייַער־צאָלער, דערפון פארמאָגן 145 צוזאמען 5.434.300 מארק, ד. ה. 37 טויזנט אין דורכשניט. 32 ייִדן אין האמבורג, אלטאָנא און וואנדסבעק פארמאָגן צוזאמען איבער 6 מיליאָן גולדן. אין פראנקפורט־מייַן איז סאָף 18־טן י.־ה. פאראן 753 ייִדישע שטייַערצאָלער מיט א קאפּיטאל פון מינדעסטנס 6 מיליאָן גולדן. מער ווי א העלפט דערפון איז קאָנצענטרירט בא 12 רייַכע מישפּאָכעס, און א ־געוויסער שפּייער פארמאָגט אליין א מיליאָנען־סומע פאר יענע צייַטן: איבער 600 טויזנט גולדן (זאָמבארט, ז.ז. 217־214). דאָס אופקומען פון א באנקיריש־אינדוסטריעלער ייִדישער גרויסבורזשואזיע אין בערלין און קיניגסבערג האָבן מיר שוין פריִער באהאנדלט.

גלייַכצייַטיק קומט אוף א מאָדערנע אינטעליגענץ. מיטן עקאָנאָמישן אופשוווּנג פון דער בורזשואזיע גייט האנט בא האנט דער קולטורעלער אופשטייַג; עס פאר־שפּרייט זיך פאמעלעך צווישן די אויבערשטע שיכטן פון ייִדישן בירגערטום מאָדערנע וועלטלעכע בילדונג. שוין דער „קב הישר", וואָס איז דערשינען אין פראנקפורט־מייַן 1705־1706, באקלאָגט זיך, אז „די רייַכע ייִדישע פרויען טוען זיך אָן לויט דער מאָדע, באקעט ביז די בריסטן", אזוי, אז ס'איז שווער צו דערקענען, אז דאָס איז א ייִדיש קינד; ער טאדלט אויך, וואָס אין די רייַכע ייִדישע הייַזער לערנט מען די קינדער פראנצויזיש און אנדערע שפּראכן, נאָך איידער זיי קענען העברייִש, דעריקער לערנט מען די פרעמדע שפּראכן, און בלויז צוביסלעך די טראדיציאָנעלע ייִדישע לימודים. אויך גליקל האמעלס שטיפשוועסטער קען פראנצויזיש און שפּילט קלאוויר. פאקטיש זייַנען דאָס אין אָנהייב 18־טן י.־ה. זעלטענע דערשייַנונגען, זיי נעמען אָבער אָן א מאסן־כאראקטער זינט דער צווייטער העלפט פון XVIII יאָרהונדערט. מוישע מענדעלסאָן שרייַבט אין יאָר 1761 צו זייַן קאלע, זי זאָל ניט פארלאָזן דעם לימעד פון פראנצויזיש, „וואָס איז אין בערלין געוואָרן קימאט א מוטערשפּראך" („איך ביטע

זי, מאמזעלן! לערנען זי דיזע שפּראַכע, די קאָן (דאָהי) פּאַסט צור מוטערשפּראַכע וואָרדן". אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט. מענדעלסאָן, העברייִשע שריפטן, ב. 3. בערלין 1929 ז. 21). מענדעלסאָנס קאַלע איז אָבער געווען פון א מיטעלער בירגערלעכער, ווײַט ניט אָנגעזועענער און ניטפּארמעגלעכער מישפּאָכע. דער גאַנצער קרײַז, צו וועלכן ס'געהערט מענדעלסאָנס קאַלע—און זי איז גראָד ניט געווען קיין באַזונדערס אינטערעסאַנטע אָדער טאַלענטירטע פרוי—גייט מיט מיט דער מאָדערנער דײַטשישער און פראַנצויזישער ליטעראַטור, פאַרגיסט שוין טרערן איבער רוסאָס „נײַער העלאָיזע" לייענט אפילע פילאָסאָפישע ווערק, אַשטייגער שעפטעסבערי.

עס קומט אוף א פראָפעסיאָנעלע, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ. מע דאַרף דאָ קוי דעמקאָל דערמאָנען די יידישע דאָקטוירים. שוין אין יאָר 1678 האָט דער קורפירשט דערלויבט יידישע סטודענטן שטודירן אף אַלגעמיינע יעסוידעס אפן אוניווערסיטעט פון פראַנקפורט-אָדער; מע האָט פאַר זיי שפּעטער געעפנט אויך די אוניווערסיטעטן פון גיסען, האַלע, געטינגען א. א. עס הייבט זיך אָן רירן אין דעם שטייענדיקן, קלעריקאַל-קאָנסערוואַטיוון יידישן קולטור-לעבן אין דײַטשלאַנד. עס לוינט דאָ צו פאַרצייכענען דאָס ביכל „מײַסע טעוויע" (מעשה טוביה) פון דעם דאָקטער טעוויע האַקויען (1653—1729), וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין פראַנקפורט-אָדער און פּאַדוּאַ; זײַן ביכל, וואָס באַהאַנדלט פּאָפּולער קאָסמאָגראַפיע, געאָגראַפיע, פיזיק, מעדיצין א. א. וו., איז דערשינען 1707 אין ווענעציע און 1721 אין יעסניץ, דײַטשלאַנד. עס באַווײַזט זיך אין בערלין אַזא קאָלאָריטפולע פיגור, ווי יִסראָעל זאַמאָשץ, א לאַמדן און א פרומער מענטש, א גאַליציאַנער, וואָס איז שפּעטער געווען לערער אין דער זאַמאָשצער טאַלמעטוירע, א מאַטעמאַטישער טאַלענט, וואָס קומט 1741 אין פראַנקפורט-אָדער, ביכדיי דאָ אָפּדרוקן זײַן בוך „נצח ישראל".

שפּעטער איז ער אין בערלין, און ער געהערט צו די ערשטע לערער פון אַרן גומפּערץ און מוישע מענדעלסאָן. ניקאָלײַ שרײַבט וועגן אים, אַז ער האָט דורך אייגענעם נאָכדענקען געפונען די באַווײַזן פאַר וויכטיקע מאַטעמאַטישע טעאָרעמעס, אויך האָט ער „פאַרמאָגט פיל פּאָעטישן געני פאַר העברייִשער פּאָעזיע". ער האָט קאָמענטירט דעם ראַמבאַמס „מוירע נעוווכים", דעם „קוזרי" פון יעהודע האַלייווי, אויפגעשטעלט א גרויסן קרײַז פון טאַלמידים, און איז א מין אָנזאָג אפן רעכטן פליגל פון די „מאַספים", אף ווײַזלען און איצכאָק סאַטאַנאָוו [1]. און א מין אָנזאָג אף מענדעלסאָנען איז די מערקווירדיקע געשטאַלט רעפאָעל לעווי (געבאָרן 1705), וואָס איז געווען בוכהאַלטער באַם באַנקיר שימען וואָלף אָפּענהיימער אין האַנאָווער (ענלעך ווי מענדעלסאָן), ווי אַן אווטאָדידאַקט געלערנט מאַטעמאַטיק, לאַטיין, פראַנצויזיש (ענלעך ווי מענדעלסאָן), ביז ס'איז אופמערקזאַם געוואָרן אף אים דער גרויסער לייבניץ, געלערנט אים און געמאַכט פאַר זײַן בען-בײַס. ער איז געשטאָרבן 1779 אין האַנאָווער, ווו ער האָט זיך לעצטנס פאַרנומען מיט לערערײַ.

א צווייטע, גאַנץ פאַרביקע פיגור פון א יידישן דאָקטער, א קולטורטרעגער איז אַרן גומפּערץ (אַרן עמעריך)—געב. 1723 אין בערלין, געשט. 1769 אין האַמבורג. אויך ער איז געווען אַן אווטאָדידאַקט, געענדיקט שפּעטער מעדיצין, שטודירט אויך

[1] וועגן יִסראָעל זאַמאָשטש זע אויך די שוּאָכים אין מיראַבאָס בראָשור: „Sur Moses Mendelsohn", par le comte Mirabeau, Londres 1787, p. 4—5.

פילאָסאָפיע און מאטעמאטיק. גומפערץ איז געווען באפרײַנדעט מיט די פראנצויזישע פילאָסאָפן פון דער פרײַסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, געדרייט זיך ארום איר פרעזידענט, דעם מאטעמאטיקער מאָפערטיוי, און געווען סעקרעטאר פון דעם מארקיז ד'ארזשאן. ער האָט פיל אופגעטאָן פאר מענדעלסאָנען, געלערנט אים שפראכן, פארשאפט אים לערער, באקאנט געמאכט אים מיט לעסינגן און ניקאָלײַ[1].

א דריטער ד״ר מעדיצין, וואָס איז געוואָרן א וויכטיקער קולטורטרעגער, איז געווען מארקוס הערץ (1747—1803), וואָס האָט ביז 15 יאָר געארבעט אין א געשעפט, און א פּאָר אופגעקלערטע גווירים האָבן אים שפּעטער אויסגעהאלטן מעשעך זײַן שטודירן. ער איז געווען א באליבטער טאלמיד קאנטס, און אף קאנטס פּראָפעסאָרדיסערטאציע פיגורירט ער ווי איר אָפיציעלער פארטיידיקער. ער איז שפּעטער אוועקגעפאָרן אין בערלין און געוואָרן דאָרט דער ערשטער מעוואסער און פּראָפּאגאטאָר פון קאנטס פילאָסאָפיע, נאָך איידער עס זײַנען געדרוקט געוואָרן קאנטס הויפּטווערק. ער האָט אָנגעהערט צו מענדעלסאָנס נאָענטסטע פרײַנט.

יִדישע יונגעלײַט האָבן זיך געוואָרפן צו מעדיצין, ניט האָבנדיק קיין אנדער ברייֵרע: בלויז אפן דאָזיקן פאקולטעט האָבן זיי געקאָנט ענדיקן און באקומען א דיפּלאָם, מעדיצין האָט אויך געגעבן א מאמאָשעסדיקע פארנאָסע. גיך אנטשטייט שוין אן איבערפּראָדוקציע אף דעם דאָזיקן געביט, און מענדעלסאָן שרײַבט שוין אין יאָר 1769 צו א פרײַנט וועגן א יונגנמאן, וואָס וויל שטודירן מעדיצין: „אליין (אָבער) וואָרום דען דאפקע מעדיצין שטודירן? וויפל מעדיצי ברויכט די נאציאָן דען? ווּ וואָלן אלע ברויט נעמען?״ (העבר. בריוו, ז. 127). מע האָט אָבער אויך שטודירט אף אנדערע פאקולטעטן, שוין אָן דירעקט־פּראקטישע אויסזיכטן. ביפראט ציט זיך די מענלעכע יוגנט צו פילאָסאָפיע (בייס די ווײַבלעכע יוגנט אינטערעסירט זיך הויפּטזעכלעך מיט ליטעראטור). קאנט איז ארומגערינגלט מיט יִדישע סטודענטן. אייכל, דער רעדאקטער פון „המאסף״, אליין אויך פון קאנטס ליבלינגען, האָט א קאריקאטוריסטיש געשילדערטן פּאָרטרעט פון א יִדישן קאנטיאנער געגעבן אין זײַן קאָמעדיע „רעב הענעך״ (1792־3).

דידאָזיקע „פילאָסאָפן״ ווערן שפּעטער פארוואנדלט אין לערער, בוכהאלטאָרן, סטאם אָנגעשטעלטע, סאָכרים. די אופגעקומענע יִדישע בורזשואזיע נייטיקט זיך אין אזא מין שיכט פון האלב־ און גאנץ־געבילדעטע, האלב־ און גאנץ־אופגעקלערטע, מענטשן, וואָס קענען שפּראכן, זײַנען אָבער נאָך ניט פרעמד דער יִדישלעכער טראדיציע, קענען פירן סײַ א דײַטשיש־פראנצויזישע, סײַ א העברייִיש־יִדישע קאָרעספּאָנדענץ; זי דארף זיי האָבן ווי אָנגעשטעלטע אין אירע קאָמערציעל־פינאנציעלע אונטערנעמונגען, ווי דערציער פון אירע קינדער,—און ווי אירע אידעאָלאָגן. מיט אומצאָליקע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאפטלעכע פעדעם איז די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ פארבונדן מיט דעם יִדישן גרויסבירגערטום, באדינט דעמדאָזיקן קלאס, פירט אויס אכן אידעאָלאָגישן געביט אין לעצטן סאכאקל זײַן „סאָציאלע באשטעלונג״. זי האָט געוויינטלעך אויך אן אייגענעם אידעאָלאָגישן ניואנס. רעדט אמאָל פארביטערט וועגן אירע ברויטגעבער, די גראָבהויטיקע „קצינים״;

---

1) פארגל. עשעלבאכער, אין פיליפּסאָן־פעסטשריפט, 1916, ז. 168—177, און ריגער, דאָרט, ז. 178—183.

אביסל מיט איראָניע, און מער מיט סימכע שרײַבט דער יונגער מענדעלסאָן צו זײַן קאלע אין יאָר 1761: „האקאָצין רעב פײַטל (עפראָים—מ. ע.) האָט זיך נונמער אלס מײַן פאטראָן ערקלערט. ער ליגט אף זײַנעם לוסטגארטן אונד איך מוז עצלוי (בא אים) שלאָפן אין איינעם פרעכטיקן צימער דאס מיר אָנגעוויזן וואָרדן. קאָן איך ניט שטאָלץ הערויף זײַן? זען זי, איינען זאָ פאָרנעמען כאָסן באקומען זי!" (24). עס איז דער זעלביקער פײַטל עפראָים, דער הויפּטשוטעף אין פרידריכס מינץ־אפערעס. אין אנדערע בריוו רעדט אָבער מענדעלסאָן מיט פיל ביטערקײַט וועגן די זעלביקע „רײַכע בערלינער", די קצינים און אשירים" (זע צ.ב. ז.ז. 27, 28; די זעלביקע וואקלדיקײַט זעט זיך אָן אין מענדעלסאָנס פּאָרטרעט פון פײַטל עפראָים אין בריוו נומ. 31: „דער מאן איזט איין זייער בראווער מאן, בא דעם מיר אָבער צײַט און ווײַלע לאנג ווירד. עס געפעלט אים נישט אלעס וואָס ער זעלבער זאָגט, דאָך האָט ער געוויסע אונעמ־ליכקײַטן, אום דערן ווילן מאן אים פילעס פערצײַט... דער מאן האָט די גאבע דורך זײַנע וויכטיקע מינע זײַנע צוהערער אופמערקזאם צו מאכן. מאן האָרכט, ווירד איבער זײַנען לאנגזאמען פאָרטראג אומגעדולדיק, און פינדעט צולעצט דאָס ער גאָר־ניט זאָגן וואָלן". ז. 42 שרײַבט ער: „ער שײַנט איין פרײַנד פון אירעם הויזע צו זײַן, דאָך ווי קצינים פרײַנד זינד. בא מיר איזט עס איינע אויסגעמאכטע זאך, אונדזערע קצינים זינד צו קיינער פרײַנדשאפט אויפגעלייגט. מאן מוז אויך אויף קיינעם אנדערן פוס מיט אינען לעבן, אלס מיט גוטן בעקאנטן. אָבער צור פרײַנד־שאפט געהערט איין מיטלשטאנד").

עס בלײַבט אָבער בלויז בא לײַכטער פראָנדע. דעם אידעאָלאָגישן ניואנס דארף אָבער דיסקאָנטירן יעדער היסטאָריקער, און אוואדע שוין דער ליטעראטור־היסטאָריקער. אין אייכלס קאָמעדיע „רעב הענעך" זײַנען צ. ב. די פּאָזיטיווע גע־שטאלטן דער אופגעקלערטער גוויר נאטאן, דער אופגעקלערטער ייִדישער דאָקטער און דער סטודענט מארקוס. דעם גווירס אידעאָלאָגיע שטייט אין צענטער פון דער קאָמעדיע, ער גופע איז אָבער אין שאָטן, ווערט געצייכנט סכעמאטיש, בייס אָן א פארגלײַך מער ליכט פאלט אף די פּאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ. דאָס זעלביקע זעען מיר אויך אסאך שפּעטער אפן גאנצן שטעטך פון דער מאסקילישער דראמא־טורגיע.

דער אָביעקטיווער אינהאלט פון דער אידעאָלאָגיע פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ איז, אלזאָ, א בורזשואזער, באדינט די אינטערעסן פון די פײַטל עפראָימס; בעסער געזאָגט,—אפילע איר פראָנדע, וואָס דערלויבט איר אופריכטיק ארויסטרעטן אין נאָמען פון גאנצן דריטן שטאנד, „פון דער גאנצער נאציאָן", באדינט אויך, און באדינט גוט, די אינטערעסן פון די געלטזעק. עס האָט גוט געדינט די אינטערעסן פון די עפראָימס און איציקס, וואָס טרעטן אויף אף דער ארענע פון מאָדערנעם קאפּיטא־ליזם, ארומגערינגלט מיט דער קלאָלע פון די דײַטשישע פאָלק־מאסן, דער עצעם פאקט פון דער עקזיסטענץ פון א „ייִדישן סאָקראטעס"; מענדעלסאָנס אפּאָלאָגיע פון דער ייִדישער רעליגיע, ווי די איינציקע פארנונפט־רעליגיע, איז פאר די עפראָימס געווען וויכטיק און נוצלעך, אפילע ווען זיי גופע האָבן שוין געהאלטן באם טויפן זיך; די מילכאָמע־ספּעקוליאנטן האָבן זיך אפילע ניט אָפּגעזאָגט פון יענעם ביבל־ייִכעס, וואָס איז געגאנגען פון דער טאנאך־גריבלערײַ פון די „מאספים". ניט קיין

ווונדער, אז די עפראָיִמס רופן ארויס צו זיך אין „לוסטגארטן" די אָרעמע מענדעלסאָנס און האלטן זיי לאנגע און לאנגווייליקע דראָשעס.

עס איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, אז דעם פראָספעקט צום „המאסף", דעם „נחל הבשור" (1783) כאסמענען פיר מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע, און דאָס זיינען: צוויי פרידלענדערס (שימען און זאנוול פרידלענדער) און צוויי סטודענטן, לערער בא די רייכע פרידלענדערס: איציק אייכל און מענדל ברעסלע. אין בערלין איז זייער פאָרשטייער יויעל בריל (לעווע), לערער אין הויז פון דאָוויד פרידלענדער. אייכל איז שפּעטער בוכהאלטער אין בערלין. מענדעלסאָן איז צוערשט בוכהאלטער באם פאבריקאנט בערנהארד, שפּעטער, נאָך בערנהארדס טויט, דער שוטעף פון זיין אלמאָנע. נאפטאָלע־הערץ וויזל, דער גרעסטער פּאָעט פון דער בערלינער האסקאָלע, איר קלאָפּשטאָק, איז געווען; א סויכער, שפּעטער אן אָנגעשטעלטער בא פייטל עפראָיִם, דערנאָך ווידער סויכער, אָנגעשטעלטער, און צולעצט לערער און אָנגעשטעלטער בא דאָוויד פרידלענדער. ארן האלע וואָלפסאָן איז געווען אינספּעקטער פון א שול אין ברעסלע. ייִצכאָק סאטאנאָווער איז געווען לערער פון ייִדישע לימודים אין די הייזער פון די קצינים אין בערלין, א געוויסע צייט א פארוואלטער פון דער דרוקעריי פון דאָניִעל איציק און דאָוויד פרידלענדער; בען־זייוו איז געווען א קאָרעקטער אין א דרוקעריי; יויסעף האָעפּראָסי איז געווען א לערער אין רייכע הייזער אין אויבערשלעזיע, א. א. וו., א. א. וו.—קורץ, די „מעאספים" זיינען א גרופּע לערער און בוכהאלטאָרן, וואָס סיי זייער אָרגאן, סיי זייער אָנפירנדיקער קערן ווערט אויסגעהאלטן און געשטיצט דורך די רייכע פרידלענדערס.

די צווייטע שיכט אין דעם דעמאָלטיקן פּרייסישן ייִדנטום זיינען מיטעלע סאָכרים, וואָכערער, פּעדלער, א. א. וו. פאָרשטייער פון דעם מיטעלן סאָכרישן קאפּיטאל, וואָס האָט זיך ארייגעקוועטשט פּאראזיטיש אין די פּאָרן פון פּעאָדאלן פּראָדוציר־אויפן. פארן האנדל־קאפּיטאל איז, ווי באקאנט, כאראקטעריסטיש א געוויסע סטירעדיקע דאָפּלזייטיקייט פון זיין ראָלע באם איבערגאנג פון דער פּעאָדאלער געזעלשאפט אין דער קאפּיטאליסטישער: פון איין זייט שווענקט ער אונטער, לייגט פאנאנדער די פּעאָדאלע באציִונגען, פון דער אנדער זייט קאָנסערווירט ער זיי און טאָרמאָזירט אף אזא מין אויפן די אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם. דאָס ייִדישע מיטלבירגערטום אין פּרייסן אינעם 18־טן י.־ה. דריקט אויס בוילעט די קאָנסערווירנדיקע ראָלע פון האנדל־קאפּיטאל. עס שטעקט טיף אין די פּעאָדאלע פארעלטערטע פארהעלטענישן, ליגט ווי א וואָרעם אין מיטלאלטערלעכן כרייִן און מיינט, אז זיסער איז שוין ניטאָ,—עס קאָנסערווירט די פארגליווערטע פארהעלטענישן און ווערט פון זיי קאָנסערווירט. די מאכט־אינסטיטוציע פון אָט דער שיכט אין דער ייִדישער סוויווע איז די פּעאָדאלע קעהילע, און זי באהערשט זי נאָך ביזן סאָף פון 18־טן יאָרהונדערט.

אָטאָ די צוויי קלאסן־שיכטן זיינען כאראקטעריסטיש פאר דער ייִדישער סוויווע אין פּרייסן אין 18־טן י.־ה. און אין טאָך אויך פאר גאנץ דייטשלאנד. דערמיט ווערן אָבער קלאָר אסאך מערקווירדיקע שטריכן אין דער געשיכטע פון דייטשישע ייִדן: אין דייטשלאנד איז צ. ב. כסידעס קיינמאָל ניט ערנסט ארייגעדרונגען, ס'האָבן געפּעלט יענע גרויסע מאסן פון קליינבירגערטום, וואָס זיינען די

באזע פון דער כסידישער באוועגונג. אין די ליטעראַרישע און פּובליציסטישע ווערק פון דער בערלינער האסקאָלע פעלט אויך יענער ברייטער „סאָציאַלער" שטריך, ד.־ה. יענע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע לאָזונגען, געווענדט צו די האַרעפּאַשניקעס און אָרעמשאַפט, וואָס האָבן געפונען אזוי אָדער אנדערש אָן אָפּשפּיגלונג אין די שריפטן פון דער יידישער האסקאָלע אין רוסלאַנד. די בערלינער האסקאָלע קעמפט קעגן מיטלבירגערטום און פאַרן מיטלבירגערטום,—קעגן דעם פעאָדאַלן, קאָנסערוואַטיוון אין מיטלבירגערטום און פאַר די געשאָמעס פון זיינע מאסן, ביפראַט פון זיין יונגן דאָר, וואָס איז פילבאַרער צו די נייע טענדענצן. אין אייכלס „רעב הענעך" קעמפן פאַרביטערט צוויי גווירים: דער גוויר נאַטאַן, וואָס איז שוין א מאָדערנער בורזשוא, און דער גוויר רעב הענעך, וואָס האנדלט אפן פעאָדאַלן שטייגער מיט אלטע קליידער און זילבער, און שטעלט פאָר דעם אלטן, קאָנסערוואַטיוון האנדל־קאַפּיטאַל. ביידע זיינען זיי גווירים; אָבער נאַטאַנס פּאָנעם איז געווענדט צו דער אָנגייענדיקער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג און צו זיינע קלאַסנברידער, דער ניט־יידישער בורזשואַזיע, בייס הענעך דרייט זיך אויס מיט מוירע מיטן פּאָנעם צו דער פאַרגאַנגענהייט, האָפט, אז ס׳וועט געלינגען אָפּשטעלן די ראָד פון דער געשיכטע, און איז ענג פאַרקוויקט מיטן יידישן קלעריקאַליזם. דאָ האנדלט זיך ניט וועגן דווירעס און ניט וועגן גרייס פון זייערע קאַפּיטאַלן, נאָר וועגן דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קוואַליטעט, אין וועלכער ס׳איז איבערגעוואַקסן נאַטאַנס פאַרמעגן און זיין פונקציע אין דער געזעלשאַפט.

דריטער קאַפּיטל

דער קאַמף פון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין פּרײַסן פאַר איר פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע

עס איז, אַלזאָ, געוואַקסן עקאָנאָמיש דאָס ייִדישע בירגערטום אין פּרײַסן, אויסטײלנדיק אַן אויבערשטע שיכט פון קימאַט מאָדערנער בורזשואַזיע, וואָס אייראָפּייִזירט זיך האַסטיק אויך אפן געביט פון שטייגער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. אַ דײַטשישער שריפטשטעלער פאַרצייכנט אין יאָר 1779, אַז די בערלינער ייִדן זײַנען זייער אויסגעוואַקסן און שטאַרק פאַרענדערט זיך אין זייער באַנעמען זיך, קליידונג און געזעליקײַט, און אַז זיי זײַנען גרויסע ליבהאָבער פון ליטעראַטור און טעאַטער. אַ אַנדערער רײַזנדער כאַראַקטעריזירט אזוי די יידישע בורזשואַזע געזעלשאַפט אין קיניגסבערג: „קיניגסבערג, דעם 6 אויגוסט 1770. דאָ זײַנען פאַראַן באַדײַטנדיקע האַנדלהײַזער, און אַכוץ די קאַבצאָנישע ייִדן אין די פּאָרשטעט, אַ רײַכע ייִדנשאַפט, וואָס וווינט אין אייגענע הײַזער אין דער שטאָט. פון זיי האָבן געוויסע מישפּאָכעס גרויס אָנזען. אַסאַך פון זייערע פרויען און טעכטער גייט מען דאָ אָפּ קאָוועד, און אייניקע דעליקאַטע שיינקײַטן, ווען זיי וועלן לייענען די דאָזיקע שורעס, וועלן געוויס דרייען מיטן נעזל (ד. ה., די ניט־ייִדישע לייענערקעס וועלן ניט זײַן צופרידן. מ. ע.), דעהײַנע—זיי ווערן אופגענומען אין די בעסטע געזעלשאַפטן פון די היגע אײַנוווינער, און איך קען בעעמעס זאָגן, אַז אינעם פאַרקער מיט זיי האָב איך זיך אָפּט געשעמט מיטן פאָרורטייל, וואָס איך האָב אײַנגעזויגן, אַז די דאָזיקע נאַציע איז מיקלוימערשט ניט פייִק צו באַזיצן די מײַלעס פון אַ גוטן אַרט דענקען, פון געשמאַק און לעבנפירונג" (יאָלאָוויטש, ז. 93). רײַכערע בערלינער ייִדן האָבן שוין גרויסע קונסט־און־ביכערזאַמלונגען. די פרידלענדערס אין קיניגסבערג זאַמלען בילדער, קופּערשטאָכן, ווערטפולע ביכער אין דײַטש, פראַנצויזיש, ענגליש, זיי פאַרמאָגן אויך גרויסע זאַמלונגען פון העברייִשע ספאָרים. אין לעצטן פערטל פון 18־טן יאָרהונדערט איז, אַלזאָ, שוין פאַראַן אַ היפּשע שיכט פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך אין קולטורעלן זינען, אין שפּראַך און שטייגער, קימאַט אַסימילירט מיט דעם קולטור־לעבן פון די דײַטשישע הערשנדיקע קלאַסן, און אין געוויסע הינזיכטן זיך אַפילע שוין אַרויסגערוקט אין זייער שפּיץ. דאָס איז ביפּראַט נעגייע די פרויען, וואָס זײַנען אין קעגנזאַץ צו די מענער זייער שוואַך געווען פאַרבונדן מיט דער ייִדישער טראַדיציע. עס שלאָגט די שאָ פון די באַרימטע „סאַלאָנען" פון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין

בערלין און ווין סאָף 18־טן און אָנהייב 19־טן י. ה., וואָס האָבן געשפּילט א גרויסע
ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישן און אַפילע פּאָליטישן לעבן פון זייער
צײַט. שלייערמאַכער שרײַבט אין יאָר 1798: „ס'איז נאַטירלעך, אַז יונגע געלערנטע
און מענטשן פון דער „געזעלשאַפט“ באַזוכן אָפט די גרויסע הײַזער פון די ייִדן,
ווײַל דאָס זײַנען די רײַכסטע פאַמיליעס פון דעם מיטלשטאַנד, און די דאָזיקע הײַזער
זײַנען די איינציקע, וואָס פאַרמאָגן אַסאַך באַזוכער און מע קען דאָרט טרעפן אויס־
לענדער פון פאַרשיידענע שטאַנדן, ווײַל די ייִדן האָבן באַציִונגען מיט אַלע לענדער.
דערפאַר שטרעבט יעדערער, וואָס וויל זײַן א פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער
„געזעלשאַפט“, צו פאַרקערן אין די דאָזיקע הײַזער, ווו מע נעמט אויף יעדערן פרײַנט־
לעך און ער פאַרברענגט אָנגענעם די צײַט, ווײַל די ייִדישע פרויען (די מענער
פאַרנעמען זיך נאָך מיט פלײַס מיט מיסחר) פאַרמאָגן אַסאַך בילדונג, קענען ריידן
וועגן אַלץ און באַהערשן ס'ראָוו אויך א געביט פון דער פרײַער קונסט“. שלייער־
מאַכער באַקלאָגט זיך אָף די פרײַע באַציִונגען צווישןביידע געשלעכטער, וואָס
הערשן אין די ייִדישע סאַלאָנען, און דאָס געפעלט אים ניט. „מיר איז קלאָר—שרײַבט
שלייערמאַכער—אַז מע קומט דאָרט בלויז צוליב די פרויען“. אַן אויסנאַם זײַנען
לויט שלייערמאַכער די סאַלאָנען פון הענריעטע הערץ און פון פײַט. ער פירט טאַקע
א ליבע, עפּשער א פּלאַטאָנישע, מיט דער שיינער הענריעטע הערץ, דער פרוי פון
דעם דאָקטער און פילאָסאָף מאַרקוס הערץ, פאַרקערט קעסיידער אין איר סאַלאָן,
וואָס איז געווען אַזוי באַרימט, אַז ס'קורסירט דאַן א שפּריכוואָרט אין בערלין:
„ווער ס'האָט ניט געזען דעם זאַנדאַרמען־מאַרק און מאַדאַם הערץ, דער האָט ניט
געזען בערלין“. נאָך א גרעסערע ראָלע האָט געשפּילט דער סאַלאָן פון ראַהעל,
ד. ה. פון ראָכל לעווין, ווו ס'האָבן פאַרקערט די ברידער הומבאָלדט, די ברידער
שלעגעל, מאַדאַם דע־כטאַל און די שפּיצן פון דער דעמאָלטיקער פּריצישער אַריס־
טאָקראַטיע. דער דאָזיקער סאַלאָן האָט, אַגעוו, דער ערשטער אַנטוויקלט אַן עמעסן
„געטע־קולט“. א דריטער סאַלאָן איז געווען דאָראָטעאַ מענדעלסאָנס, מוישע מענדעל־
סאָנס טאָכטער וואָס האָט זיך געגעט מיט איר מאַן שימען פייט און כאַסענע געהאַט
מיט פרידריך שלעגעל. די סאַלאָנען פון די טעכטער פון דאַניעל איציק אין בערלין
און ווין זײַנען מער געווען פאַרבונדן מיט דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, ווי מיט
דער ליטעראַריש־קינסטלערישער באָהעמע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די האַלב־ און
גאַנץ־אַסימילירטע ייִדישע בורזשואַזיע שמעלצט זיך צונויף ניט מיטן דײַטשישן ביר־
גערטום פון יענער צײַט, נאָר מיט דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע און דער
קינסטלערישער וועלט. דאָ שפּיגלט זיך אָפּ די ענגע עקאָנאָמישע פאַרבינדונג פון
די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן מיט דעם פעאָדאַליזם און די אָפּגעשטאַנענקײַט פון דײַ־
טשישן בירגערטום פון יענע צײַטן. דער אופשטײַג פון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין
פּרײַסן איז אויך געגאַנגען אין שטענדיקע רײַבונגען און קאַמף מיט דער קאָנקורירנ־
דיקער דײַטשישער בורזשואַזיע. ווי א לאָגישער פּויעל־יויצע קומט די טויפ־
עפּידעמיע און די שידוכים פון רײַכע ייִדישע פרויען מיט דײַטשישע פּריצים און
ליטעראַטן. נאָך אין מענדעלסאָנס צײַט, 1776, האָבן זיך געטויפט די טעכטער פון
דעם רײַכן ייִדן מוישע האַלפערן און כאַסענע געהאַט מיט פּרײַסישע פּריצים (פאַרגל.
מענדעלסאָנס אורטייל וועגן דעם, העבר. בריוו נומ. 279). לויט פרידלענדערס כעזשבן

אין יאָר 1811 האָבן זיך פאַר די פאַרגאַנגענע 5־8 יאָר געטויפט ניט ווייניקער ווי
32 פאַמיליע־פאָטערס און 18 באָכרים (גײַגער, פאָר הונדערט יאָרן, 51).

אין אַ שרײַענדיקן קאָנטראַסט צו דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער וואָג פון
דער ייִדישער בורזשואַזיע אין פרײַסן שטייט אָבער איר פּאָליטיש־יורידישע
לאַגע. פּאָליטיש איז זי נאָך אַלץ פאַרשקלאַפט צו אומצאָליקע מיטלאַלטערלעכע באַ־
גרענעצונגען און אינסטיטוציעס. די פעאָדאַלע מעלוכע האָט צוליב אייגענע מערקאַנטי־
ליסטיש־פיסקאַלע צוועקן געגעבן אַ רײ עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס דעם ייִדיש
בירגערטום, שטרעבנדיק אַרויסצופּרעסן פון אים וואָס מער שטײַערן און אָפּצאָ־
לונגען. אין פּאָליטיש־יורידישן געביט האָט זי אָבער איבערגעלאָזן און נאָך מער
פאַרטיפט די פאַרשיידנסטע מיטלאַלטערלעכע באַגרענעצונגען. ייִדן זײַנען יורידיש
באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „פרעמדן־קאָלאָניע“. ניט אומעטום האָבן זײ געמעגט וווינען
אין אַ רײ פּרײַסישע שטעט (שטעטין, קאָלבערג, מאַגדעבורג, עלבינג) האָבן זײ
בכלל ניט געטאָרט וווינען. אין די שטעט, וווּ זײ זײַנען אויפגענומען געוואָרן,
איז געווען פעסטגעזעצט די צאָל ייִדישע פאַמיליעס, און פון צײַט צו צײַט פלעגט
„רעגולירט“ ווערן דער באַשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג—ס'פלעגן אַרויס־
געטריבן ווערן די „ניטגעשיצטע“ און ניטפאַרמעגלעכע ייִדן. דורך פאַרשיידענע פאַר־
באָטן און שווערע אָפּצאָלונגען פלעגט מען פאַרשווערן די ייִדישע שידוכים. גראָד אין
דער רעגירונג־צײַט פון פרידריך II אַנטשטייט דאָס רעאַקציאָנערסטע ייִדן־געזעץ פון
יאָר 1750, אַ געזעץ, וואָס האָט געזאַמלט, פאַרטיפט און פאַרשאַרפט די פריערדיקע
באַגרענעצונגען. דאָס געזעץ באַשרענקט די באַפעלקערונג־צאָל פון די ייִדן, טיילט
זײ אײַן אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס און גרופּעס, שליסט זײ אויס פון אַ מענגע
פּראָפעסיעס און פּאַרנאָסעס, באַגרענעצט זייער האַנדל. געוויינלעך זײַנען די פּרײַסישע
ייִדן געטיילט געוואָרן אין „שוציִידן“ און „געדולדעטע“ ייִדן. בלויז די ערשטע האָבן
געלעבט אויפן סמך פון פּריווילעגיעס, וואָס די רעגירונג האָט זײ געגעבן. די שוציִידן
האָבן זיך אָבער אויך געטיילט אויף פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס: 1. גענעראַל־פּריווילע־
גירטע, וואָס האָבן געמעגט וווינען און האַנדלען אין גאַנצן לאַנד, און זייערע
פּריווילעגיעס זײַנען בײַערושע אַריבער צו זייערע קינדער. 2. „אָרדנטלעכע“ שוצ־
ייִדן, וואָס זײַנען געווען באַגרענעצט מיט אַ באַשטימטער פּראָפעסיע אין איין שטאָט,
און זייער פּריווילעגיע האָט געקאָנט יאַרשענען בלויז איינער פון זייערע קינדער.
3. „אויסעראָרדנטלעכע“ שוציִידן, וועמעס פּריווילעגיע איז געווען ריין פּערסאָנעל און
ניט געקאָנט אַריבערגיין צו דער מישפּאָכע. אין ברעסלע טיילט אײַן די מאַכט די ייִדן
אין 4 קאַטעגאָריעס: 1. גענעראַל־פּריווילעגירטע. 2. פּריווילעגירטע. 3. טאָלערירטע—
ד. ה. „געדולדעטע“ ייִדן. 4. די אַ. ג. „פיקסענטריסטן“, ד. ה. אַזעלכע, וואָס האָבן
בלויז צײַטווײַליק געמעגט וווינען אין ברעסלע (זאָמבאַרט. 209).

גרויס זײַנען געווען די לאַסטן און שטײַערן פון ייִדן. זײ צאָלן ש'צגעלט, אַן
אָפּצאָל פאַר די פּריווילעגיעס, און 1768 באַטרעפט עס 52 טויזנט טאָלער יערלעך.
צו דעם קומט צו „רעקרוטן־געלט“, דאַן „זילבערליפערונג“—אַ העזעק פון 24 טויזנט
טאָלער יערלעך, און נאָך קלענערע שטײַערן. פאַר אַלע די שטײַערן ענטפערן ייִדן
סאָלידאַריש, ד. ה., דער קאָל ענטפער טפאַרן יאָכיד, דער יאָכיד פאַרן קאָל.
ס'קומען צו אָרטיקע שטײַערן. נאָר שווער איז ענדלעך די לאַסט פון אויסערגעוויינ־

לעכע אָפּצאָלן, אזוי צ. ב. פאר דער וואל פון פארנייסים, פאר לעשן סרייפעס, פאר קאָלערליי שטעמפל־הויצאָעס, און סטאם ווילדע, צוגעטראכטע פּאָדערונגען. ייִדן האָבן צ. ב. געמוזט אָפּקויפן דעם פּאָרצעלײַ פון דער קיניגלעכער פאבריק, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט נעמען אין האנט, און ס׳פּלעגן אויסוואקסן דערפון כּוויוּעס אין די הונדערט טויזנטער טאָלער. אין די יאָרן 1769־1788 האָט געגאָלטן א פאראָרדענונג, אז בא יעדער כאסענע, בא יעדער פאמיליע־סימכע, באם אופבויען א הויז א.א.וו. מוזן ייִדן קויפן פּאָרצעלײַ אף א סומע ביז 300 טאָלער. ייִדישע קעהילעס פלעגט מען צווינגען איבערצונעמען מעלוכישע פאבריקן, ווען ס׳האָט געהאלטן מיט זיי שמאָל. ייִדן האָבן געמוזט אָפּצאָלן „לײַב־צאָל", ד. ה. באם אריבערפאָרן פון איין פּראָווינץ אין דער אנדערער געמוזט באצאָלן צאָל פארן אייגענעם קערפּער. ערשט אין יאָר 1797 איז עס אין פּרײַסן באָטל געוואָרן פאר די אָרטיקע ייִדן, אָבער ניט פאר פרעמדע. די ייִדישע קעהילעס האָבן באקומען דעם כאראקטער פון א רעליגיעז־פּאָליטישן (ריכטיקער—פּאָליצייִשן) פארבאנד. זיי האָבן געמוזט קאָנטראָלירן דעם שריט פון יעדן יאָכיד, זײַן האנדל־טעטיקײַט, פארמעגן־צושטאנד, זײַן אופירונג און מאָראל. וואָרעם אויך דאָ האָט עקזיסטירט די סאָלידארישע אכרײַעס: די גאנצע קעהילע איז געווען פאראנטוואָרטלעך פאר יעדער גנייווע, פאר יעדן פארדעכטיקן באנקראָט, פאר יעדן שטײַער־אויספאל. עס באקומט זיך א בילד פון אומגעהויערער ענגשאפט, שטיקנדיקער אטמאָספער, פארשארפטן געטאָ,—ביוראָקראטיש און אָפּט אכזאָריעסדיק רעגירט,— און אזא צושטאנד האָט נאָך געדויערט לאנג נאָכן אויסברוך פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע! אפילע באם רויקן, פשאָרעדיקן מענדעלסאָן רײַסן זיך ארויס פון צײַט צו צײַט ביטערע קלאָגענישן: „דאָ, אין דעם דאָזיקן אזוי גערופענעם טאָלעראנטן לאנד, לעב איך אזוי אײַנגעענגט, דורך עמעסער ניטטאָלעראנץ פון אלע זײַטן באשרענקט" (שריפטן, ב. 5, 567). דאָס שאדט אָבער ניט, אז אין דער האקדאָמע צו מ. הערצס איבערזעצונג פון מענאשע בען ייִסראָעלס „רעטונג דער יודען" (1782) זאָל מענדעלסאָן שרײַבן וועגן דער דאָזיקער „טאָלעראנטער מעלוכע" און איר הערשער: „איך לעב אין א מעלוכע, אין וועלכער איינער פון די קלוגסטע רעגירער, וואָס האָבן ווען עס איז געהערשט איבער מענטשן, האָט קונסט און וויסנשאפטן צו בליִען, און פארנינפטיקע פרײַהײַט צו דענקען אזוי אלגעמיין געמאכט, אז זייער ווירקונג שפּרייט זיך אויס ביז אפן קלענסטן אײַנוווינער פון זײַן מעלוכע" (שריפטן, ב. 3, 180).

ערשט נאָכן טויט פון פרידריך II (1786) הייבט זיך אוף די עמאנסיפאציע־אקציע פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין פּרײַסן. דער שוואכער פּאָליטישער קאמף פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין פרידריכס צײַטן דערקלערט זיך ערשטנס מיט איר שטארקסטער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקײַט פונעם פעאָדאלן רעזשים, מיט וועלכן זי איז דעמאָלט געווען פארקניפּט און פארשוטעפט מיט טויזנטער פעדעם. אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן האָבן אין לעצטן סאכאקל ניט געליטן פון דער פעאָדאלער מאָנארכיע, פארקערט, זי האָט ערשט רעכט אופגעבליט אין פרידריכס צײַטן. צווייטנס, מיט דער אומגעהויערער שוואכקײַט פון דער דײַטשישער בורזשואזיע, וואָס האָט נאָך אפילע ערנסט ניט געקאָנט טראכטן וועגן איר פּאָליטישער עמאנסיפאציע, דריטנס, מיט דער ריזיקער מאכט פון פּרײַסישן אבסאָליוטיזם אין פרידריכס צײַטן. גלײַך נאָך

זייַן טויט, ווען די לייצעס פון דער מאָנארכיע ווערן אביסל אָפּגעלאָזן, הייבט זיך אָן א ברייטע פּאָליטישע אקציע פון דער יידישער בורזשואזיע. יעכידים האָבן נאטירלעך געזוכט פאר זיך אן אינדיווידועלן אויסוועג. אזוי צ. ב. האָט דאָניעל איציק באקומען פאר זיך און פאר זייַן גאנצער צאָלרייַכער מישפּאָכע (16 קינדער, אויך איידעמס) אין יאָר 1791 דאָס נאטוראליזאציע־בירגעררעכט (ד. ה. פולשטענדיקע גלייַכבארעכטיקונג). אנדערע האָבן דעם אויסוועג געפונען אין טויפן זיך. דאָס איז אָבער געווען אן אויסוועג בלויז פאר יעכידים, פאר איינצלנע רייַכע יידן. פאר א גאנצן קלאס איז עס ניט געווען קיין דערעך. און זינט 1787 הייבט זיך אָן די עמאנסיפּאציע־באוועגונג פון דער יידישער בורזשואזיע אין פּרייַסן, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט א געוויסן דערפאָלג (אויך בלויז א טיילווייַזן) ערשט מיטן עדיקט פון 11 מארט 1812, ווען נאפּאָלעאָנס באגנעט האָט געצווונגען דעם דייַטשישן פעאָדאליזם אין אסאך פראגעס גיין אף האנאָכעס. ס'איז געווען א לאנגער, פארוויקלטער און פארפּלאָנטערטער קאמף, פול סטירעס, אקציעס און קעגנאקציעס. דעם עדיקט פון 1812 זייַנען פאָרויסגעגאנגען דריי רעפאָרם־פּרווון: דער ערשטער פון די יאָרן 1787–1793, דער צווייטער 1795–1798, דער דריטער 1800–1801. אלע דריי פּרווון זייַנען געבליבן אָן דערפאָלג, זייַנען דערטרונקען געוואָרן אין דעם מאבל אקטן פון דער פארגליווערטער פּרייַסישער ביוראָקראטיע. קעגן דרויסן, קעגן דער מאכט, איז די דאָזיקע עמאנסיפּאציע־באוועגונג קוים אריבערגעוואקסן די שטופע פון שטאדלאָנעס; אָבער אינעווייניק, אין דער יידישער סוויווע, האָט זי גלייַך ארויסגערופן שארפע רייַבונגען און קאָנפליקטן צווישן דער אופגעקומענער בורזשואזיע און דעם אלטפרענקישן מיטלבירגערטום, האָט ארויסגערופן דעם לייַדנשאפטלעכסטן קאמף אין אלע פּרייַסישע קעהילעס און האָט אופגערעגט די געמיטער.

וואָרעם שוין דאָ, אין דער געשיכטע פון דער בערלינער האסקאָלע, זעען מיר יענע דערשייַנונג, וואָס איז שפּעטער כאראקטעריסטיש קימאט פאר דער גאנצער האסקאָלע: זי איז פשאָרעדיק און האכנאָעדיק אין אירע פאָדערונגען צו דער מעלוכע, זי איז אגרעסיוו אין איר קאמף אף אינעווייניק, קעגן דעם קאָנסערוואטיוון מיטלבירגערטום. די יונגע יידישע בורזשואזיע שטרעבט קוידעמקאָל פּאָטער ווערן פון דער וויכטיקסטער פעאָדאלער אינסטיטוציע אין דער יידישער סוויווע—פון דעם קאָהאָל און זייַן „סאָלידארישער אכרייַעס“. קאָהאָל איז די באסטיליע, וואָס עס שטורעמט די אופקומענדיקע יידישע בורזשואזיע. זי שטרעבט האָבן פרייַע הענט אין איר אנטוויקלונג, און די קאָהאָל־אינסטיטוציע פּענטעט זי, בינדט זי סייַ עקאָנאָמיש, סייַ פּאָליטיש, סייַ קולטורעל, מאכט זי פאראנטוואָרטלעך פארן שיקזאל אויך פון די איבעריקע יידישע מאסן, שטערט איר ווייַטערדיקן קאמף פאר פולשטענדיקער פּאָליטישער עמאנסיפּאציע. אנדערש דאָס אלטפרענקישע, האנדלקאפּיטאליסטישע מיטלבירגערטום, פאר וועלכן קאָהאָל איז א וויכטיקער מאכט־אפּאראט, א מיטל אריבערצוּווארפן א גרויסן טייל שטייַערן און אנדערע לאסטן אף אונטן, אף די אָרעמע שיכטן. טיילווייַז אָבער אויך אף אויבן, אפן גרויסבירגערטום, וויבאלד אין צאָל, נומעריש, האָט דאָס מיטלבירגערטום אן אויבערמאכט אין דער קעהילע, און וויבאלד

[1]) די געשיכטע פון דיזאָזיקע עמאנסיפּאציע־קאמפן שילדערט די מאָנאָגראפיע:
I. Freund: Die Emanzipation der Juden in Preussen. Berlin 1912. I–II.

דער קלער, די ראבאָנים זײַנען דער געטרײַסטער שותף און אינסטרומענט. עמאנסיפאציע באדײַט פארן מיטלבירגערטום דעם סאָף פון זײַן הערשאפט אין קאָהאָל, באדײַט א שפרונג אין א ניטזיכערער צוקונפט, באדײַט מיליטערדינסט, באדײַט דעם וווקס פון אייראָפּייִזאציע־טענדענצן אין יִדישן לעבן און אן אָפּשוואכונג פון קלעריקאליזם, זײַן וויכטיקסטן אידעאָלאָגישן געווער. אָפן און אנטשיידן ניט מיטגיין קאָן ניט די דאָזיקע שיכט,—אף וויפל עמאנסיפאציע באדײַט דאָס אָפּשאפן א גאנצע ריי מיטלאלטערלעכע באגרענעצונגען, דאָס באָטל ווערן פון דעם גאנצן שוץ־סיסטעם און פון די פארשיידנסטע מיטלאלטערלעכע מאקעס, וואָס זי האָט אויך גאנץ גוט געפילט אף דער אייגענער הויט,—און אף וויפל עס דריקט אף איר אויך דער עקאָנאָמישער קויעך פון יִדישן גרויסבירגערטום, גייט זי פּאָרזיכטיק, מיט כשאד, פול אומצוטרוי, א שריט פאָרויס, צוויי צוריק, און טאָרמאָזירט מער ווי זי העלפט.

עס איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, אז אין דער שפיץ פון דער עמאנסיפאציע־באוועגונג איז געשטאנען דאָוויד פרידלענדער, איציקס איידעם. ווען מע ווײלט אויס יִדישע דעפוטאטן, וואָס זאָלן אונטערהאנדלען מיט דער רעגירונג, ווערט ער אויסגעוויילט פארן גענעראל־דעפוטאַט. ער רעדאגירט עס דעם אויספירלעכן מעמאָראנדום פון יאָר 1787, א מין „מאגנא קארטא" פון די דעמלטיקע פאָדערונגען פון דער יִדישער בורזשואזיע. און אָט איז א טשיקאווער עפיזאָד פון די עמאנסיפאציע־קאמפן אין פרײַסן: ווען מע ווײלט אין קיניגסבערג דעפוטאטן, קומט צו א שפאלטונג אין דער קעהילע. די אָרטאָדאָקסיע (ד. ה. דאָס מיטלבירגערטום) האָט די מערהײַט אין דער קעהילע, די אופגעקלערטע זײַנען אין א מינדערהײַט, ציילן אָן סאכאקל 34 באלעבאטים. דאָס זײַנען אָבער די רײַכסטע מענטשן אין שטאָט, וואָס רעפרעזענטירן מער ווי א העלפט פון די געצאָלטע שטײַערן. זיי ווילן אן אייגענעם מינדערהײַט־פאָרשטייער, וואָלף פרידלענדער, ער ווערט אָבער ניט אָנערקענט פון די קיניגלעכע קאָמיסארן (פּרוינד, ז. 62). אין א מעמאָראנדום פון 24 אווגוסט 1792 טרעט ארויס די קיניגסבערגער קעהילע (ד. ה. די אָרטאָדאָקסיע) קעגן פארשיידענע פונקטן פון דער געפלאנטער רעפאָרם, דער הויפט אָבער קעגן דער אָפּשאפונג פון דער סאָלידארישער אכרײַעס. אָבער אויך די 34 אופגעקלערטע גווירים אין קיניגסבערג שווײַגן ניט און פאָדערן, פארקערט, אָפּשאפן די סאָלידארישע אכרײַעס און מאכן א סאָף צו דער דיקטאטור פון מיטלבירגערטום אין די קעהילעס. זיי שרײַבן צ. ב. אין זייער מעמאָראנדום פון 17 יאנוואר 1793: „פון דער אנדער זײַט דריקן אונדז די קייטן פון דער סאָלידארישער פארבינדונג, די לאסט פון שטײַערן, ביפראט אָבער די סאָלידארישע פאָרם, אין וועלכער מיר מוזן זיי צאָלן; די מער אָדער ווייניקער גרויסע אָפּהענגיקײַט, אין וועלכער ס'האלטן אונדז אונדזערע פאָרשטייער און עלטסטע, מוז אונדז וואָס ווײַטער אלץ מער אומדערטרעגלעך ווערן" (פרוינד, ב. 2, 92).

דעם דאָזיקן קאמף פון דער יִדישער בורזשואזיע פאר איר פּאָליטישער עמאנסיפאציע וועט, אגעוו, שילדערן אייכלס קאָמעדיע „רעב הענעך" (1792־1793).

דער קעגנזאץ צווישן דעם מיטלבירגערטום, וואָס וואקסט איבער אין מאָדערנע בורזשואזיע, און דעם פארגליווערטן, אלטפרענקישן, פעאָדאלן מיטלבירגערטום —

דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע טעמעס פון דער בערלינער האסקאָלע־ליטעראַטור. מיר וועלן אים געפינען אויך אין דער רוסישער און גאַליצישער האַס־קאָלע־ליטעראטור. דאָרט איז אָבער דער קלאסנקאמף אין דער יידישער סוויווע אסאך קאָמפּליצירטער, פארביקער. וואָרעם דאָ איז דאָ נאָך א דריטער סאָציאַלער קויעך: א ריזיקע מאסע פון האָרעפּאשניקעס און אָרעמשאפט, צו וועלכער די בורזשואזיע וועט אפּעלירן אין איר קאמף קעגן דעם יידישן מיטלאלטער, פאנאנדערוויקלענדיק פאר איר דעם גרויזאמען לייוונט פון קאָהאָלשער עקספּלואטאציע. אזויארום וועט אנטשטיין די באזע פאר א פארצווייגטער האסקאָלע־ליטעראטור אין דער יידישער שפּראך, א באזע, וואָס האָט געפעלט אין דער געשיכטע פון דער בערלינער האסקאָלע.

די מענדעלסאָן־לעגענדע

פראנץ מערינג האָט פארפאסט א גאנצן בוך, ביכדיי אָפּצורייניקן לעסינגס לעבן, ווירקן און שאפן פון די אומצאָליקע לעגענדעס, וואָס די בורזשואזע פאָרשונג האָט געשאפן ארום דעם דאָזיקן גרויסן פאָרשטייער פון דער דײַטשישער אופקלערונג. ניטווייניקער, און עפשער נאָך מער לעגענדעס זײַנען געשאפן געוואָרן ארום מױשע מענדעלסאָן. עס שײַנט אפילע, אז מענדעלסאָנס מישפּאָכע האָט קאָרעגירט מענדעלסאָנס געבורט־יאָר פון 1728 אף 1729, עס זאָל אויסקומען, אז ער איז געבאָרן געוואָרן מיט לעסינגן אין איין יאָר (זע „דור תהפוכות”, ב. 1, 40). ער איז געווען אן אידעאָלאָג פון אן איבער־גאנג־שיכט אין אן איבערגאנג־צײַט, און שוין דאָס אליין האָט געשאפן א ברייטע גאמע פון יערושע־מעגלעכקײַטן פאר פארשיידענע קלאסן־שיכטן, האָט מעגלעך נעמאכט א פארשיידנארטיקע ווירקונג פון זײַן שאפן און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט. די לעגענדע האָט זיך גענומען וועבן שוין בעשאס זײַן לעבן, און נאָך א יאָר פאר זײַן טויט, אין דעם „המאסף” פון 1785, האָט מען אים שוין פארגליכן צום ראמבאם און אף אים אריבערגעטראָגן דעם זאץ „ממשה ועד משה לא קם כמשה”. בא אָט דעם אפּאָטעאָז איז אין אלגעמיין פארבליבן די גאנצע האסקאָלע. נאָך אין יאָר 1867, ווען גאָטלאָבער פובליקירט זײַן איבערזעצונג פון מענדעלסאָנס „יערושאָלײַים”, באגלייט ער זי מיטן עפּיגראם (ז. XXX):

משה בן עמרם קבל התורה מן השמים
משה בן מימון נפח באפה נשמת רוח חיים,
משה בן מנחם עשה לה מ דש בירושלים.

(מױשע ראבײנו האָט די טוירע באקומען פון הימל, דער ראמבאם האָט אין איר ארײַנגעבלאָזן א לעבעדיקן גײַסט, מענדעלסאָן האָט איר אופגעשטעלט א ט מפל אין זײַן „יערושאָלײַים”).

א גוטן גרונט צו יארשענען מענדעלסאָנען האָט די האלב־ און גאנץ־אסימילירטע יידישע גרויס־בורזשואזיע. עס נעמט אָן מענדעלסאָנען אפילע איר רעכטער, אָרטאָדאָקסישער פליגל פון פראנקפורטער שניט, וואָס זעט אין אים דעם באגרינדער פון דער נעאָ־אָרטאָדאָקסיע בא יידן (פארגל. בערנפעלד, זאמלבוך מענדעלסאָן, 79). אָבער אויך די יאהודישע רעליגיעזע רעפאָרם־באוועגונג, וואָס ציט איר ייכעס פון פריד־לענדערן, פארופט זיך אף מענדעלסאָנען. א פּאָר יאָר פאר זײַן טויט (1834) האָט פרידלענדער איידעס געזאָגט, אז מענדעלסאָן איז אין טאָך געווען קעגן די „מצוות מעשיות”, ד. ה. קעגן דער רעליגיעזער פראקטיק. דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער פּאָלעמיק קעגן רעדזשיאָ, וואָס איז אין זײַן בוך „התורה והפילוסופיה” (1828) ארויס־

געטראָטן קעגן די טאַלמידים פון מענדעלסאָנען, וואָס ווילן אראָפּוואַרפן די לאַסט פון די פּראַקטישע מיצוועס (דור תהפוכות, ב. 2, 19). קייזערלינג, מענדעלסאָנס ביז איצט באַדייַטנדיקסטער ביאָגראַף, רעפּרעזענטירט דעם שוין קימאַט אסימילירטן פליגל פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע אין דייַטשלאַנד, און פאַר אים איז מענדעלסאָן דער נאָוואַטאָר אין ייִדישן לעבן, דער גרויסער דייַטשישער פּאַטריאָט און שריפט־שטעלער, דער כאַווער פון לעסינגן און אַנדערע דייַטשישע אויפקלערער, א באַוווּנ־דערער פון פרידריך II און פון דער האָהענצאָלערנישער מאָנאַרכיע, דער קעמפער קעגן דער ייִדישער שפּראַך, קעגן פּוילישע מעלאַמדים און קעגן פּוילישע ייִדן בכלל, וואָס קייזערלינג האָט זיי פייַנט טאַכלעס סינע. מיט קליינע, מער קלעריקאַלע מאָדי־פיקאַציעס איז עס אויך גרעצס שטאַנדפּונקט.

פאַר דעם גרעסטן טייל בורזשואַזע פאָרשער איז כאַראַקטעריסטיש יענע אַנט־שיידנדיקע ראָלע, וואָס זיי שרייַבן צו מענדעלסאָנס אויפטריט אין דעם ייִדישן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס שטימט מיטן בורזשואַזן קוק אויף געשיכטע, ווי העלדן־געשיכטע. „פון מענדעלסאָנען,—זאָגט קייזערלינג,—איז אַרויס די גאַנצע אַנטוויקלונג, וואָס די ייִדן האָבן גענומען אין גייַסטיקער און בירגערלעכער הינזיכט, און יעדע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געבילדעט אין ייִדנטום, האָט זיך אָן אים אָנגעלענט" (ערשטע אויס־גאַבע, 385). און לייענט איר איבער קייזערלינגס בוך, ווערט אייַך קלאָר, אַז אָן מענדעלסאָנען וואָלטן מיר נאָך אַלץ געהאַלטן באַם 18־טן יאָרהונדערט, באַ יאַנקעוו עמדען און דעם ווילנער גאָען. פערעץ סמאָלענסקין, דער אידעאָלאָג פון רוינירטע און צוליב דעם נאַציאָנאַליסטיש־צעיושעטע שיכטן פון קליינבירגערטום, איז, ווי באַ־קאַנט, סאָף זיבעציקער יאָרן אַרויס אין שאַרפן קאַמף קעגן מענדעלסאָנען און דער בערלינער האַסקאָלע. אָבער אויך ער לייקנט ניט די דאָזיקע אַנטשיידנדיקע ראָלע מענדעלסאָנס, כאָטש ער פאַרופט זיך אויף „רוח הזמן". פאַרקערט, טאַקע אַרויסגייי־ענדיק פון דער זעלביקער האַנאָכע, זידלט ער אַזוי טעמפּעראַמענטפול דעם דעסער, באַשולדיקט אים אין צוויִעס און ראַפינירט־פאַרהילטע אַסימיליאַטאָרישע טענדענצן. און מוישע לייב ליליענבלום, וואָס איז דאַן (1879) נאָך געווען „סאָציאַליסטיש" גע־שטימט, ענטפערט סמאָלענסקינען: „דער גייַסט פון דעם דעמאָלטיקן דייַטשישן דאָר האָט אַרויסגערופן אַזאַ מענטשן, און אויב דער גורל וואָלט ניט געפאַלן אויף אַ הוי־קער, וואָס הייסט מוישע מענדעלסאָן, וואָלט אויף זייַן אָרט געקומען אַן אַנדערער, א נאָרמאַל־וווּקסיקער מיט אַן אַנדער נאָמען". (כל כתבי ליליענבלום, ב. 2, 165). בערנפעלד האָט אין יאָר 1897 אין זייַן מאָנאָגראַפיע „דור תהפוכות", — עמעס, מיט מער באַוואָרעניש, — פאַרטיידיקט אין טאָך סמאָלענסקינס פּאָזיציע בענוגייע מענדעלסאָנען. אין פאַרגלייַך מיט סמאָלענסקינען אונטערשטרייַכט ער שוין, אַז „מענדעלסאָן האָט ניט באַשאַפן די דאָזיקע טקופע, נאָר זי איז פון זיך געוואָרן דורך טויזנט באַקאַנטע און ניט באַקאַנטע סיבעס". פון דער בורזשואַזער אַנטי־נאָמיע „פּערזענלעכקייַט און געשיכטע" גייט אָבער אויך בערנפעלד ניט אַרויס. מענדעלסאָנען האָט טאַקע באַשאַפן „די טקופע", עס לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מענדעלסאָן האָט פאַרהאַלטן איר לויף, און נאָך זייַן טויט, ווייַל ער האָט ניט איבערגעלאָזן יאָרשים פון זייַן פאָרמאַט, איז טאַקע געקומען די אַסימיליאַציע־פאַרפלייצעניש (ב. 1, 125). סמאָלענסקינס צעיושעטן נאַציאָנאַליזם דערגאַנצט בערנ־

פעלד מיט קלעריקאַלן אָבסקוראַנטיזם. ב. 1, ז. 94 דערקלערט ער קאַטעגאָריש, אַז „אָן אַ שטעקן און אַ בײַטש קען מען ניט רעגירן מיטן פאָלק", און פאַרטיידיקט דערמיט דאָס ראַבאָנישע רעכט אויפן כיירעם. ז. 40 זעט ער „די געטלעכע האַנט" אין דעם פאַקט, וואָס מענדעלסאָן האָט זיך מיסיאַכעס געווען מיטן פוילישן ראָוו רמ"אָ; שפּורן פון גאָטס אויפזיכט זעט בערנפעלד אויך אין דעם פאַקט, אַז מענדעלסאָנס העלפער באַם „בעער" איז געווען דער פוילישער לאַמדן שלוימע דובנע (ב. 1, 95). אויף אַן אַנדער אָרט (ב. 1, 104) פאַרטיידיקט בערנפעלד די ראַבאָנים, אויף וועלכע ס'איז לויט בערנפעלדן ניט גערעכט אָנגעפאַלן ווײַזל, וואָרעם זיי זײַנען געווען גרויסע מענטשן, כאָטש ס'האָבן זיי געפעלט יענע „פלאַכע" זאַכן, וואָס ס'האָט פון זיי געפאָדערט ווײַזל, ד. ה. עלעמענטאַרע בילדונג־ידיעס. בערנפעלד גיט, אַלזאָ, בלויז אַ וואַריאַנט פון סמאָלענסקינס שטאַנדפּונקט; וואָרעם אויך סמאָלענסקין, ווען ער איז מאַסקים מיט מענדעלסאָנען, אַז רעליגיע טאָר ניט האָבן קיין וועלטלעכע מאַכט, פאָדערט ער אָבער, אַז קאָלזמאַן אַנדערע רעליגיעס האָבן אַזאַ מין מאַכט, מוז זי האָבן אויך דער ייִדישער קלער, „אַנדערש וועט אויסגעגראָבן ווערן אַ קייווער פאַר דער ייִדישער רעליגיע. וואָרעם די אַנדערע רעליגיעס וועלן זײַן געשיצט, און די ייִדישע רעליגיע וועט קיינער ניט באַשיצן". אַנדערש געזאָגט, פאַר סמאָלענסקינען האָט רעליגיע אַ ווערט ווי אַ צעמענטיר־מיטל פון דער ייִדישער נאַציע, בעשאַס פאַר בערנפעלדן, וואָס פאַרצייכנט מיט פאַרגעניגן, אַז „אין אונדזער צײַט איז אונטערגעגאַנגען די האַשפּאָע פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע" (ב. 1, 54), האָט די רעליגיע אַ זעלבשטענדיקן ווערט. בערנפעלד שטרעבט צו זײַן „אָביעקטיוו" בענעגייע מענדעלסאָנען און דעם ערשטן דאָר מאַסקילים; אָבער זײַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג איז אַ נעגאַטיווע. די ערשטע מאַסקילים זײַנען לויט אים „פלאַכע פלאַפּלער". אין מענדעלסאָנס ווירקן זײַנען פאַראַן אויך געוויסע פּאָזיטיווע שטריכן, אָבער ער איז ווײַט ניט געווען קיין „גדול בחכמי ישראל" (ב. 2, 127). אין דער לעצטער צײַט, ווען די מיטעלע ייִדישע בורזשואַזיע און טיילן פון קליינבירגערטום ווערן פּאַשיזירט, גייען אונטער דער אָנפירונג פון דער גרויסבורזשואַזיע אויך אויפן אידעאָלאָגישן געביט, האָט בערנפעלד רעווידירט זײַן אָפּשאַצונג פון מענדעלסאָנען אין זײַן פון מאָריס ווינטשעווסקיס באַרימטן פעליעטאָן „נאָך מײַן טויט" (ב. 4, ז. 110־116). פריִער האָט בערנפעלד געשריבן, אַז מענדעלסאָן און זײַן דאָר זײַנען אין טאָך געווען אַ נעגאַטיווע דערשײַנונג, האַגאַם ניט אָן מײַלעס; היינט שטרײַכט ער אונטער זייערע מײַלעס, וואָס זײַנען אָבער ניט פרײַ געווען פון פעלערן. פריִער האָט ער געשריבן וועגן די „מעאספים", אַז זייערע שריפטן קען אַ לייענער מיט געשמאַק ניט לייענען אָן אַ ווידערווילן („דור תהפוכות, ב. 1, 41); היינט (מענדעלסאָן־זאַמלבוך, ז. 94) געפינט ער איין, אַז „דער דאָזיקער יונגער קרײַז איז אויפגעטראָטן זיגעסבאַוווסט און גלײַך פון אָנהייב אַגרעסיוו, ביכדיי דערהויפּט צו וועקן בײַ זײַן פאָלק דעם זין פאַר אַ שיינעם, מען קען אַפילע זאָגן פאַר אַ קלאַסישן העברייִשן סטיל און איידעלער מאַכן זייער ליטעראַרישן געשמאַק". אויך יויסעף קלויזנער אין זײַן לעצטדערשינענער געשיכטע פון די „מעאספים" געפינט פאַר נייטיק צו קאָרעגירן די קימאַט־איינמוטיקע אָפּשאַצונג פון מענדעלסאָנען, וואָס ס'האָבן געגעבן סמאָלענסקין, בערנפעלד, אַכאַד האָאָם („על פרשת דרכים", ב. 3, 2, 37־41) אין אַ מער אַפּאָלאָגעטישן גײַסט. (ז. 81־87).

דעמזעלביקן פּראָצעס פון צוזאַמענוואַקסן מיט דער יאַהודישער גרויסבורזשואַזער אידעאָלאָגיע דעמאָנסטרירט אויך דער ייִדישיסטישער לאַגער; אויך ער האָט אָפּאָ־לאָגעטיש געפּײַערט מענדעלסאָנס יובילײ אין יאָר 1929, אָפּגעדרוקט באַראָדיאַנסקעס יאַהודישן אַרטיקל אין די „היסטאָרישע שריפטן" פון ייִוואָ און אײַנגעאָרדנט באַגײַסטערטע מענדעלסאָן־אָוונטן.

מע רעדט אָפט וועגן צוויי דוירעס פון דער אויפקלערונג אין פראַנקרײַך: דעם „עלטערן" און דעם „ייִנגערן". דער אונטערשייד צווישן ביידע „דוירעס" באַדײַט די נײַע קוואַליטעט, וואָס ס'האָט אַרײַנגעבראַכט דער ווײַטערדיקער וווּקס פון קאַפּיטאַ־ליסטישע עלעמענטן אין שויס פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג, דער אויסגעוואַקסענער קלאַסן־באַוווּסטזײַן פון דער יונגער בורזשואַזיע, איר אויסגעוואַקסענע רעוואָליוציאָ־נערישקײַט. דער „דוירעס"־טערמין טראָגט אַ ריין־באַדינגלעכן כאַראַקטער; מיר קענען זען דעם אונטערשייד אפילו אין דער שאַפונג פון דעם זעלביקן שרײַבער (פאַרגל. צ. ב. דידראָס ראָמאַן „Les bijoux indiscrets" פון זײַן יוגנט־פּעריאָד מיט זײַן „זשאַק דער פאַטאַליסט" (1773), וואָס זאָגט שוין אָן די גרויסע פראַנצויזישע רע־וואָליוציע); „עלטערע" אויפקלערער, וואָס רעפּרעזענטירן אַ מער־אָפּגעשטאַנענע שיכט פון דער בורזשואַזיע, קענען עקזיסטירן גלײַכצײַטיק מיט דער „יונגער" אויפקלערונג.

מוישע מענדעלסאָן (אָדער מוישע מידעסוי, ווי ער פלעגט זיך אליין כאַסמענען) איז אַ פאָרשטייער פון דעם „עלטערן" דאָר אויפקלערער. דער מיטל־בירגער זעט זיך אָן דײַטלעך אין זײַן אידעאָלאָגיע, כאָטש אויך דאָ קומט פאָר אַ לאַנגזאַמע עוואָליו־ציע אין דער ריכטונג פון מאָדערנער בורזשואַזיע. די לאַנגזאַמקײַט פון דער דאָזיקער עוואָליוציע, אַנדערש געזאָגט, מענדעלסאָנס קאָנסערוואַטיווקײַט ווערט באַ־שטימט דורך דער אָפּגעשטאַנענער אַנטוויקלונג פון דײַטשלאַנד אין זײַן צײַט, דורך דער פאַרקריפּלטער אַנטוויקלונג פון דער דײַטשישער בורזשואַזיע, דורך דער אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער ייִדישער סוויווע, אין וועלכער ער האָט טיף גע־שטעקט. זײַן קאָנסערוואַטיווע אויפקלערונג שטעלט פאָר אַ דיִאַלעקטישע אײנהײַט, און מען קען ניִט אָפּטיילן זײַן טעטיקײַט אין דער דײַטשישער סוויווע פון זײַן טע־טיקײַט אין דער ייִדישער סוויווע (ווי דאָס טוט צ. ב. קלויזנער, ז. 83). עס איז ניט ריכטיק, אַז מענדעלסאָן איז געווען אַ מעכטיקער קעמפער (לוחם כביר) אין דער דײַטשישער ליטעראַטור, און אַ פשאָרעדיקער קאָנסערוואַטער אין דער ייִדישער סוויווע. אַ „לוחם כביר", אַ מעכטיקער קעמפער אין דער דײַטשישער ליטעראַטור איז געווען לעסינג, ניט מענדעלסאָן; און מענדעלסאָן און ניקאָלײַ האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זייער רעשוס, ביכדיי אָפּצוהאַלטן לעסינגן פון זײַנע קאַמפן, פונקט ווי לעסינג האָט קעסיידער געשטרעבט צוצוגיסן פײַער און טעמפּעראַמענט אין מענדעלסאָנס אַרויסטרעטונגען. אין אַ בריוו פון דעם 9־טן יאַנוואַר 1777 שרײַבט לעסינג צו מענדעלסאָנען: [1] „איך בעט אײַך, אויב איר וועט ענטפערן, טוט עס וואָס מוטיקער און מיט דער גאַנצער מעגלעכער ענערגיע (ב. V, 183). און באַ אַן אַנדער

---

[1]) עס האַנדלט זיך וועגן דעם לאַוואַטער־שטרײַט.

געלעגנהייט: „Er würde es doch nicht wiederum nach einem so hämischen Schlage mit einem verräterischem Streicheln hinterher gut sein lassen wollen.“ „ער (מענדעלסאָן), דארף זיך דאָך ניט באפרידיקן, נאָך אזא ברוטאלן קלאפּ, מיט א פארעטערישן גלעטן פון הינטן ארום“ (פארגל. קייזערלינג, ערשטע אויסגאבע, 62, 201, 210 און א. וו.).

מענדעלסאָן איז ניט געווען קיין קעמפער, ניט אין דער דייטשישער סוויווע, ניט אין דער יידישער. אין דער שריפט „פּאָפּ, איין מעטאפיזיקער“ (1755), וואָס ער האָט געשריבן מיט לעסינגן, זיינען די שארפע פיילן קעגן דער אקאדעמיע לעסינגס אייגנס, ניט מענדעלסאָנס. אין די שטרייטן מיט לאוואטער און באָנע איז מענדעלסאָן ארייינגעצויגן געוואָרן קעגן זיין ווילן, און טייקעף געשטרעבט זיך ארויסציען פון קאמף. ער איז געווען אויך קעגן עפנטלעכן פּאָליטישן קאמף פאר די אינטערעסן פון זיין קלאס און נאציע, און פארמאָגט וועגן דעם עטלעכע זייער טרוקענע און נעגאטיווע ארויסזאָגונגען (פארגל. קייזערלינג, 191, 270). ווען זיין פריינט, דער דייטשישער פראָפעסאָר אבט, האָט אים מיטגעטיילט, אז ער וויל דיסקוטירן די פראגע וועגן דעם גורל פון מענדעלסאָנס לאנדסלייט, ד. ה. די יידישע פראגע, האָט דער לעצטער קאלט געענטפערט: „איך וואש אָפּ מיינע הענט, איך ווייס גאָרניט. ס'וועט זיין דאָס, וואָס עס קען זיין, לויט די געשעענישן. וואָס עס באוומרויקט ניט מיין סיסטעם, דאָס מאכט אויך מיר ניט זאָרג. פּאָמפּאדור, בריל, די יעזויטן, גלויבנס-ריכטער, יאם-רויבער, טיראנען, גיפט-מישער און לאנד-פארעטער,—וואָס ארט עס? מיט דעם קאלטזין פון א דייטשישן מעטאפיזיקער היל איך מיך איין אין מיין מאנטל, און זאָג ווי פאנגלאָס: די דאָזיקע וועלט איז די בעסטע“. (שר-פטן ב. V, 325). עס שטעקט דאָ א פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט און אָפּנייגונג בענעגייע געזעלשאפטלעכן קאמף, אין קעגנזאץ צו לעסינגן. מענדעלסאָן האָט אָפּט געהאָלפן יידישע קעהילעס אין מאָמענטן פון רעדיפעס אף זיי, אָבער ניט אין עפנטלעכן קאמף, נאָר דורך פריוואטע פארבינדונגען און שטאדלאָנעס. ער פלעגט ווירקלעך באווייזן טעמפעראמענט בלויז דאן, ווען עפּעס „האָט באאומרויקט זיין סיסטעם“ — דאן פארפאסט ער זיינע „יערוזאלעם“, זיינע „מאָרגן-שטונדן“. אזוי אויך אין דער יידישער סוויווע. ווען די שווערינער קעהילע האָט אים געבעטן אין יאָר 1771 אינטערווענירן מעקויעך דעם פארבאָט פון דער מאכט צו באגראָבן די יידישע מייסים דעם זעלביקן טאָג,—א פארבאָט, וואָס איז געווען צום הארצן דעם אופקלערער מענדעלסאָן—דערקלערט ער דער קעהילע, אז דער פארבאָט גייט ניט קעגן די פרינציפּן פון דער יידישער רעליגיע, אָבער גלייכצייטיק פארפאסט ער א באקאָשע לויט איר ווונטש. ער שטרעבט אין מעשעך פון זיין גאנצן לעבן ניט איינרייסן מיט דער אָרטאָדאָקסיע, מיט ראבאָנים, און פירט א פּאָרזיכטיק-העפלעכע (ריכטיקער — כניפעסדיקע) קאָרעספּאָנדענץ מיטן אבסקוראנטישן ראָוו עמדען, וואָס שעמט זיך גראָד ניט פון צייט צו צייט אים דערלאנגען מאמאָשעסדיקע קלעפּ. מענדעלסאָנס ניטקעמפערישקייט פארצייכנט ווי א כעסאָרן נאָך זיין ערשטער ביאָגראף, איציק אייכל, און טייטשט עס אויס מיט מענדעלסאָנס שווערער יוגנט (זע „המאסף“, 1788, ז. 120).

מענדעלסאָן איז געווען א מעסיקער קאָנסערוואטיווער אופקלערער. א צוויי יאָרצענדליקער איז מענדעלסאָן געווען שטארק פּאָפּולער בא דעם אויסגעוואקסענעם

שיכט פון בירגערלעכע און פריצישע האלב־אופגעקלערטע. זײַן טעטיקײַט אין דער דײַטשישער ליטעראַטור פאלט אף א צײַט, װען גרויסע מאסן פון דײַטשישן ביר־גערטום און פארבירגערלעכטע פריצים װערן ארײַנגעצויגן אין דער אופקלערונג־באװעגונג, זײַנען נאָך אָבער צו קאָנסערװאַטיװ, ביכדיי צו קענען מיטגיין מיט אזעלכע אװאנגארדישע פּיאָנערן, װי לעסינג צ. ב., — עס איז א צײַט פון רעלאַ־טיװן שטילשטאנד, פון לאנגזאם רײַפנדיקן בורזשואזן קלאסן־באװוסטזײַן אונטערן קנאפל פון דער האָהענצאָלערנישער דעספּאָטיע, װען די באװעגונג גייט מער אינ־דערברייט, װי אינדערטיף. דידאַקטיקע צװישנצײַט האָט אָבער מעגלעך געמאכט דעם גרויסן רום פון מענדעלסאָנס עפּיגאָנעריש־עלעגאנטער, פלאכער פילאָסאָפיע. עס איז גע־װען א שװינדזיכטיקער רום, װאָס איז אזוי גיך פארשװונדן, װי גיך ער איז געקומען. אין די אכציקער יאָרן פון אכצנטן י. ה. איז מענדעלסאָן געשטאָרבן ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גײַסטיק פאר דער דײַטשישער קולטור און ליטעראַטור. טיילװײַז האָט ער עס אליין גע־פילט אין זײַנע לעצטע יאָרן. ער שרײַבט דאן אליין: „איך װייס, אז מײַן פילאָסאָפיע איז שוין ניט מער די פילאָסאָפיע פון דער צײַט". (שריפטן, ב. 2, 236). די עפּאָכע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעװאָלוציע, פון קאַנטס פילאָסאָפיע, פון געטעס און שילערס דיכטונג, האָט אים פולשטענדיק ליקװידירט — און מער איז ער שוין אין דײַטשלאנד ניט אופגעשטאנען טכיעס־האמייסים. הײַנט צו טאָג װערט מענדעלסאָן — און מיט רעכט — קוים דערמאָנט אין דער געשיכטע פון דער דײַטשישער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור.

אנדערש אָבער אין דער ייִדישער סװיװע. בא די דײַטשן איז מענדעלסאָן פּאָפּולער געװאָרן אדאנק דעם קאָנסערװאַטיזם פון זײַן אופקלערונג, אין דער ייִדי־שער סװיװע איז אָבער זײַן באדײַטונג באשטאנען אין דער אופקלערערישקײַט פון זײַן קאָנסערװאַטיזם. בא די דײַטשן האָט ער דערלאנגט דעם גרעסטן רום מיט זײַן „פעדאָן", װײַל ער האָט אין דעמדאָזיקן װערק געליפערט „באװײַזן", אזױצוזאָגן, פאר די האלב־אופגעקלערטע, װאָס באשטעטיקן די אומשטערבלעכקײַט פון דער נעשאָמע; אין דער ייִדישער סװיװע װאָלט מער בולעט ארויסגעקומען זײַן עצעם שטרעבן צו דערװײַזן מיט „ס ײ כ ל ד י ק ע" ארגומענטן דעמדאָזיקן טעזיס, װאָס איז א ייִדישע רעליגיִעזע דאָגמע. אין מענדעלסאָנס א בריװ צו װײַזלען פון יאָר 1768 (העבר. בריװ, נום. 98) שרײַבט ער טאקע, אז ער האָט לעכאטכילע מוירע געהאט אים צוצושיקן זײַן „פעדאָן", װאָרעם אין דעמדאָזיקן װערק ברענגט ער ראיעס און באװײַזן פאר א זאך, װאָס איר ריכטיקײַט קען ניט זײַן אין סאָפעק פאר קיין שום ייִדן: „והנה תוך ימים מועטים יגיע לידו כרך החבור הקטן מהשארת הנפשות אשר חברתי בלשון אשכנז, באמת יראתי להקריבו לפניו עד כה, כי אמרתי פן אהיה לבוז בעיניו שאני דורש ומביא ראיות ונותן מופתים על דבר אשר לא תסופק אמתתו בעיני כל איש אשר בשם ישראל יכונה, כי הוא סעיף מעקרי אמונתנו הקדושה... והייתי בעיניו כמתעתע"). האָט ער טאקע דעם „פעדאָן" פארפאסט אין דײַטש, כאָטש לעכאטכילע האָט ער געטראכט אים אָנצושרײַבן אין העברעיִש (זע דעם דערמאָנטן בריװ). אנדערש געזאָגט: בא א געװיסן שיכט פון דײַטשישן לייענדיקן אוילעם האָט מענדעלסאָנס „פעדאָן" ארויסגערופן א באגײַסטערונג, װײַל ער האָט פארפעסטיקט זייער שװאנקנ־דיקן גלויבן; אין דער שטייענדיקער בלאָטע פון דער ייִדישער סװיװע װאָלט ער

געהאט גאָר אן אנדערן עפעקט: ער וואָלט געשלאָגן איבער די ייִדישע רעליגיעזע דאָגמעס, וויבאלד ס'אנטשטייט די נויטווענדיקייט זיי ארויסצופירן פון א לאָגישער ארגומענטאציע.

בא די דייטשישע ייִדן איז פאקטיש שוין צום סאָף פון 18־טן י. ה. פון אים געבליבן בלויז א לעגענדע, און די געשיכטע פון זיין אייגענער מישפּאָכע רעדט דייטלעך וועגן יענעם טהאָם, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט שוין 10 יאָר נאָך זיין טויט פון דעם נייעם דאָר פון דער אופגעקלערטער ייִדישער בורזשואזיע אין דייטשלאנד. פרידלענדערס שוין דערמאָנטער פארופן זיך אף מענדעלסאָנען אין זיין קאמף קעגן די פראקטישע מיצוועס באווייזט, אז בלויז דער וועג פון א „לעגענדע" האָט מעגלעך געמאכט דאָס יארשענען פון מענדעלסאָנס אידייען מיצאד די שפּיצן פון דער ייִדי־שער בורזשואזיע אין דייטשלאנד. אין דער שוידערלעך אָפּגעשטאנענער מיזרעך־אייראָפּע האָבן אָבער זיינע שריפטן, זיין לעבן און טעטיקייט נאָך אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן געווירקט אופקלערעריש אין דער ייִדישער סוויווע, ניט קוקנדיק אף זייער גאנצן קאָנסערוואטיזם. ביז די 60־ער יאָרן, ביזן האסטיקן וווקס פון קאפּיטאליזם אין רוסלאנד, האָט די ייִדישע סוויווע אין מיזרעך־אייראָפּע פאָרגע־שטעלט דעם דאנקבארסטן באָדן פאר די אידייען פון מענדעלסאָנען און זיין שול, און ווען ניט די פארהאסטע מיזרעך־ייִדן, וועגן וועלכע גרעץ און קייזערלינג ריידן מיט אזויפיל פאראכטונג, וואָלטן פון מענדעלסאָנען אויך אין דעם ייִדישן קולטור־לעבן ניט געבליבן קיין גרעסערע שפּורן, ווי אין דער דייטשישער קולטור.

מוישע מענדעלסאָן איז געווען א מיטלבירגער און א מיטלמענטש, א פיליסטער אין אלע הינזיכטן, אין זיין פּערזענלעכן לעבן, אין זיין לעבנשטייגער, אין זיין פילאָסאָפיע און זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. די ניט לאנג פארעפנטלעכטע בריוו זיינע צו דער קאלע (בערלין, 1929, 16־טער באנד פון דער נייער אויסגאבע) גיבן א גוטן באגריף וועגן זיין פּערזענלעכן שטייגער־אידעאל. בלויז דער מיטלשטאנד איז פאר אים יענער קלאַס, וואָס איז דער טרעגער פון אלע טוגנטן (צ. ב. „צור פריינט־שאפט געהערט איין מיטלשטאנד", ז. 42, בריוו נומ. 32 פון 1761). א קאלע האָט ער זיך אויסגעקליבן, ווי ער שרייבט צו לעסינגן, „ניט קיין שיינע, ניט קיין גע־לערנטע און אָן פארמעגן" (שריפטן, ב. 5, 165). און פראָמעט גוגנהיים איז טאקע געווען ניט שיין, אָבער אויך ניט מיעס, ניט שטארק געבילדעט, דאָך ניט אָן וויסן, אָן פארמעגן, אָבער פון א ייִכעסדיקער פאמיליע,—א מיטלמעסיקייט אין אלע הינזיכטן. אין פאמיליע־לעבן האָט ער געזען דעם הויפּטגליק פון מענטשן: „אם ענדע איזט עס דאָך נור דאָס הויזליכע לעבן, אין וועלכעס דער מענטש גליק און בארויקונג פינדעט". ער איז געווען לעכאטכילע לערער בא בערנהארדן, דעם פאבריקאנט, שפּעטער בא אים בוכהאלטער, האָט אָבער אונטערגעהאנדלט, אָבער אף א קליינעם, מעסיקן אופן ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מינץ־ספּעקולאציע, זוכנדיק אויך אין האנדל דעם מיטעלן וועג (בריוו, נומ. 62, 63). ער האָט זיך דערבײַ פארנומען אויך מיט שאדכאָנעס, און אזא מין „דבר הגון" („אָנשטענדיקער געשעפט") האָט אים שפּעטער מעגלעך

געמאכט זיך שטעלן אף די פיס און ווערן א שותף אין דער פאבריק פון בערנהארדס אלמאַנע (פארגל. „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ב. 1, 310). נאָך א צען יאָר פאר זײַן טויט איז ער גרינדער און איינער פון די טעטיקסטע טוער פון דער בערלינער „הייראַט־געזעלשאפט" (1776; זע סטאטוט בא קײַזערלינגן, ערשטע אויסגאבע, ז. 559־563).

ער האָט זיך זײַן גאנץ לעבן געפירט פרום, שטרענג אָפּגעהיט אלע יידישע דינים, און גלײַך פון אָנהייב האָט מען עס באטראכט ווי צוויִעס. דער מארקיז ד'ארזשאן האָט אין יאָר 1763 אונטערגעשטיצט מענדעלסאָנס ביטע וועגן א שוצפּריווילעגיע בא פרידריך II מיט דער פאָלגנדיקער צושריפט: „א פילאָסאָף, א שלעכטער קאטאָליקער, בעט א פילאָסאָף, א שלעכטן פּראָטעסטאנט, צו געבן די פּריווילעגיע א פילאָסאָף, א שלעכטן יידן" (קײַזערלינג, 126). די יידישע אָרטאָדאָקסיע אין דײַטשלאנד האָט שוין אין זײַן צײַט געקוקט אף אים מיט כשאד, און שטילערהייט געמורמלט וועגן זײַן אפּיקאָרסעס; דער בארימטער ראָוו יאנקעוו עמדען וואָרנט אים אין א בריוו פון 1772 (בריוו, ז. 168), אז „סײַווי איז גרויס די צאָל פון יענע, וואָס באקלאָגן זיך, אז ער האָדעוועט א שלעכטן הונט אין זײַן שטוב" (שבלאו-הכי רבו המתלוננים על מעלתו שמגדל כלב...." (כלב רע בתוך ביתו), ד. ה., אז זײַן באשעפטיקונג מיט פילאָסאָפיע און דײַטשישע שריפטן וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען. זײַענדיק אליין פרום, האָט ער אָבער טאָלערירט ארום זיך פרײַנט און טאלמידים, וואָס זײַנען שוין לאנג אָפּגעגאנגען פון יידישע רעליגיִעזע דינים און מינהאָגים, אשטייגער הערץ האָמבערג אָדער איציק אייכל (וועגן אייכלען האָט דער בערלינער ראָוו מיט ביטער־קײַט זיך געוויצלט: אמאָל האָט א כאזער געגעסן אייכלען, הײַנט עסט אייכל כאזער). אן אנדער זאך איז, אז אויך ער אליין האָט שוין געפילט די נויטווענדיקײַט מיט סייכלדיקע ארגומענטן בארעכטיקן סײַ די טעאָרעטישע יעסוידעס פון דער יידישער רעליגיע, סײַ איר „צערעמאָניאל־געזעץ", איר רעליגיִעזע פּראקטיק. דערין אנטפּלעקט זיך שוין די אויפקלערערישע זײַט פון זײַן אידעאָלאָגיע.

ער טוט עס אף אזא מין אויפן, אז ער דערקלערט די יידישע רעליגיע ווי די איינציקע „נאטירלעכע רעליגיע", ד. ה. די איינציקע, וואָס שטימט גענוי מיט די פאָדערונגען פון סייכל. „געלויבט צו גאָט, וואָס האָט אונדז געגעבן די טוירעס־עמעס"—שרײַבט ער אין א בריוו צו עלקאן הערץ, 1771 (בריוו, ז. 151),—„מיר האָבן קיין שום איקרים, וואָס זײַנען קעגן דעם סייכל אָדער העכער פון סייכל. צו דער נאטירלעכער רעליגיע גיבן מיר בלויז צו מיצוועס און געזעצן, געלויבט צו גאָט. אָבער די איקרים און די יעסוידעס פון אונדזער רעליגיע זײַנען אײַנגעפונדעוועט אף די זײַלן פון סייכל און שטימען מיט דער פאָרשונג און עמעסער פארטיפונג פון אלע זײַטן, אָן קיין שום סטירע און מאכלויקעס. און אין דעם באַ־שטייט די מײַלע פון אונדזער רעליגיע אין פארגלײַך מיט אלע אנדערע ליגנערישע רעליגיעס (דתות הכוזבות)". די יידישע רעליגיע איז, אלזאָ, לויט מענדעלסאָנען, די איינציקע פארנונפט־רעליגיע, אין קעגנזאץ צו דער קריסטלעכער „געאָפנבארטער (אנטפּלעקטער) רעליגיאָן... דאס איבער און ווידער (קעגן) די פארנונפט איזט" (דאָרט). פון א שפּעטערדיקן בריוו דערוויסן מיר זיך (ז. 153), אז מענדעלסאָן האָט פארפאסט א גאנצע שריפט קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע,—ער האָט אָבער באשלאָסן זי קיינמאָל ניט צו פארעפנטלעכן.

דעם דאָזיקן קוק אויף דער ייִדישער רעליגיע האָט מענדעלסאָן אַנטוויקלט אין אַ ריי שריפטן, ביפֿראַט אין זײַן „יערוזאַלעם, אָדער איבער רעליגיעזע מאַכט און יודענטום", בערלין 1783. ער שרײַבט טאַקע אין דעם זעלביקן גײַסט אין „יערוזאַלעם": „מיט איין וואָרט קען מען זאָגן: איך גלויב, אַז דאָס ייִדנטום ווייס ניט פֿון קיין שום אַנטפּלעקטער רעליגיע אין דעם זין, ווי דאָס ווערט פֿאַרשטאַנען דורך די קריסטן. די ייִדן האָבן געטלעכע געזעצגעבונג, געזעצן, מיצוועס, באַפֿעלן, לעבן־קלאָלים, לימעד פֿון גאָטס ווילן, ווי זיי זאָלן זיך פֿאַרהאַלטן, ביכדיי צו דערלאַנגען צײַטלעכע און אייביקע גליקזעליקייט; אַזעלכע זאַצן און פֿאָרשריפֿטן זײַנען זיי ניסגאַלע געוואָרן דורך מוישע־ראַבייני אויף אַ וווּנדערבאַרן און איבערנאַטירלעכן אופֿן; אָבער קיין שום לערמיינונגען, קיין שום געוועלע־עמעסן, קיין שום אַלגעמיינע פֿאַרנונפֿטזאַצן. די דאָזיקע אַנטפּלעקט אונדז גאָט, ווי אַלע איבעריקע מענטשן, צו יעדער צײַט דורך נאַטור און זאַך, קיינמאָל ניט דורך וואָרט און שריפֿט־צייכן" (III, 311).

דורך אַזאַ מין קוק אויף דער ייִדישער רעליגיע איז אָבער מענדעלסאָן געוואָרן דער פּאָטער פֿון דער בורזשואַז־קלעריקאַלער אַפּאָלאָגעטיק, יענער אַפּאָלאָגעטיק, וואָס איז דער אײַזערנער באַשטאַנד־טייל פֿון דער „כאָכמאַס האַיאַהאַדוס", פֿון דער ייִדישקײַט־וויסנשאַפֿט פֿון דער ייִדישער גרויסבורזשואַזיע, און איר אָנהייב דאַרף מען רעכענען ניט פֿון צונצן, יאָסטן אָדער גרעצן, נאָר פֿון מענדעלסאָנען. די אַפּאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער רעליגיע איז אָבער באַ אים געגאַנגען האַנט באַ האַנט מיט דער פֿאָדערונג אָפּצוטיילן די קירך פֿון דער מעלוכע־מאַכט,—אַ טיפּיש־בורזשואַזע אויפֿקלערערישע פֿאָדערונג. אין דער זעלביקער שריפֿט פּריידיקט ער וועגן דעם פּרינציפּיעלן אונטערשייד פֿון די געביטן פֿון דער קירך און פֿון דער מעלוכע: דער מעלוכע געהערט דער געביט פֿון די מענטשלעכע טאַטן, דער קירך—פֿון די מענטשלעכע געזינונגען. די מעלוכע רעגירט, די קירך דערציט, און ביידע טאָרן ניט און דאַרפֿן ניט אַרײַנדרינגען איינע אין דער צווייטערס געביטן.

בערנפֿעלד קען ניט אַנטשיידן די פּראָבלעם פֿון מענדעלסאָנס סוביעקטיווער צוויִעס („דור תהפוכות, ב. 1, 66). דאָ האַנדלט זיך אָבער ניט וועגן סוביעקטיווע קאַוואָנעס, נאָר וועגן יענער סטירעדיקער איינהײַט פֿון קאָנסערוואַטיווער אויפֿקלע־רונג, וואָס דרינגט אַדורך מענדעלסאָנס גאַנצע סיסטעם אָנשויונגען. אין אַ בריוו צו הענינגסן פֿון יאָר 1784 זאָגט מענדעלסאָן, אַז „אַן אויפֿקלערער דאַרף אויפֿהייבן דעם פֿאַרהאַנג נאָר אין יענער מאָס, אין וועלכער דאָס ליכט קאָן ברענגען אַ פּעולע זײַן קראַנקן". מענדעלסאָן האָט אַליין גוט געוווּסט און געשריבן, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן אין ייִדנטום פֿאַרשיידענע שיימעס („שאַרטעקן", שריפֿטן, ב. 3, 42); לאַוואַטערן ענטפֿערט ער עפֿנטלעך, אַז „ליידער האָט ער געפֿונען אין זײַן רעליגיע פֿאַרשיידענע צוגאָבן, וואָס פֿאַרטונקלען איר ליכט: ווו איז עס יענער ליבהאָבער פֿון וואָרהײַט, וואָס זאָל זיך קענען באַרימען, אַז ער האָט געפֿונען זײַן רעליגיע ריין און פֿרײַ פֿון מיצוועס, וואָס זײַנען דאָס ווערק פֿון מענטשן?". אַ יאָר שפּעטער שרײַבט ער אָבער צו עלקאַן הערץ (1770; בריוו, ז. 142), אַז „ער איז ווײַט ענטפֿערנט מאמר אחד ממאמרי חז"ל כאַס־ווּעשאָלעם פֿאַר שאַרטעקע צו ערקלערן". די זעלביקע סטירע וועלן מיר זען אין מענדעלסאָנס הילצערן־אָרטאָדאָקסישער האַקדאָמע צו דער ביבל־איבערזעצונג— וועגן וואָס ס'וועט נאָך ווײַטער זײַן אַ רייד.

ער איז געווען איינער פון לעסינגס נאָענטסטע פרײַנט, און זינט 1754 ביז לעסינגס טויט (1781) האָט זייביידן פאַרבונדן אַן אופריכטיקע, האַרציקע פרײַנטשאַפט. עס איז אָבער געווען די פרײַנטשאַפט פון אַן אָדלער, וואָס רײַסט זיך פאָרויס און אַרויף, און אַ קרעבס, וואָס ציט טאָמיד אַף צוריק. קײַזערלינג שרײַבט וועגן מענדעלסאָנס באַציִונג צו לעסינגן אַפּאָלאָגעטיש: „מענדעלסאָן האָט טאָמיד באַורטיילט לעסינגן מיט דער מאָס, מיט וועלכער ער דאַרף אַליין געמאָסטן ווערן" (62). עס איז ריכטיק: ער האָט טאָמיד מיט זײַן קלײנער פּיליסטערישער מאָס באַורטיילט לעסינגס לעבנ־פירונג און זײַנע שטורמישע, טעמפּעראַמענטפולע געזעלשאַפטלעכע קאַמפן. ער האָט געטאַדלט לעסינגס אומגאַנג מיט אַקטיאָרן, וואָרעם דאָס זײַנען מענטשן, „וואָס האָבן ערשט אין דער נײַער צײַט באַקומען די פרײַהײַט צו דער־שײַנען אַף דער בינע". מערקווירדיק קלינגט דער דאָזיקער אַרגומענט אין מויל פון אַ רעכטלאָזן ייִדן. ער האָט געטאַדלט לעסינגס קעמפערישקײַט, זײַן פּאָליטיש־פּאָלעמישן טעמפּעראַמענט. ער האָט געטאַדלט לעסינגס אומרו: „מע קען גאָרניט טאָן מיט אײַך, שווינדליקע, איר האָט קיינמאָל ניט קיין פעסטע שטעל, און ווען ס'טרײַבט אײַך אַרום דאָס קוועקזילבער, ווינטשט איר אײַך נאָך גליק דערצו. רײַזט, אַלזאָ, קעסיידער. וואַנדערט דורך די וועלט. שליסט באַקאַנטשאַפט מיט טויזנט נאַרן, ביכדיי אויסגעלאַכט צו ווערן פון נאָך גרעסערע נאַרן; באַקענט זיך מיט טויזנט עלנטע, ביכדיי צו באַוועגן צו מיטלייד נאָך עלנטערע..." מיט רעכט זאָגט פראַנץ מערינג: „מענדעלסאָן האָט געפּײַניקט לעסינגן מיט זײַן שולמעסיקער זעלבסטצופרידנקײַט בענעגייע זאַכן, וואָס לעסינג איז שוין אַריבערגעוואַקסן, וואָס זײַנען אָבער פאַר מענדעלסאָנען געווען אַ גרויסער פּראָגרעס. מענדעלסאָן האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער איז געוואָרן אַ דײַטשישער פּיליסטער, און ניט אַ ייִדישער אַפּעריסט. לעסינג איז אָבער שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן דעם פּיליסטער סײַ אין זײַנע ריזיקע שוואַכקײַטן, סײַ אין זײַנע קלײנטשיקע טוגנטן... עס איז אים געווען אומאָנגענעם צו הערן מוסער אין דעם פּראַט פון מענדעלסאָנען, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם זין פון זײַן לעבנקאַמף". („די לעסינג־לעגענדע", 280).

אַ היפּשן וועג איז מענדעלסאָן אַדורך מיט לעסינגן—אַנערעך ביז לעסינגס „לאַאָקאָאָן". זינט דאַן האָט לעסינג געשטורעמט פאָרויס, און מענדעלסאָן האָט שוין אײגנטלעך ניט פאַרשטאַנען, וווהין גייט זײַן פרײַנט, מיט עמעסן ווייטיק און אומ־רויִקײַט באַמיט ער זיך אָפּצוהאַלטן לעסינגן פון זײַנע גרויסע און שווערע, איינזאַמע קאַמפן. מיט ניקאָלײַ האָט ער צ. ב. זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן לעסינגן פון צו פאַרעפנטלעכן די באַרימטע אַנטירעליגיִעזע ריימאַרוס־פראַגמענטן, און ער האָט שוין גאָרניט פאַרשטאַנען אין לעסינגס קאַמף סײַ קעגן דער אָפיציעלער טעאָלאָגיע, סײַ קעגן דער מאָדערנער האַלב־אופגעקלערטער טעאָלאָגיע, וואָס האָט געפּריידיקט „סייכלדיקן קריסטנטום",—קעגן דער ערשטער, „וואָס איז אים ליבער, וואָרעם זי געפינט זיך אין אָפענער סטירע צום געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, בעשאַס די צווייטע וויל אים אונטערקויפן". מענדעלסאָן האָט עס ניט געקאָנט פאַר־שטיין אויך צוליב דעם, וואָס ער אַליין האָט דאָך אויך געפּריידיקט אַ מין „סייכלדיקן ייִדנטום", און אויך זײַן גאַנצע טעטיקײַט האָבן אומבאַראַכמאָנעסדיק געשלאָגן לעסינגס ווערטער פונעם באַרימטן בריוו צו זײַן ברודער פונעם 2 פעוראַל 1774:

„דאָס זאָל איך זײַן אומצופרידן דערמיט, וואָס ס'איז פאַראַן א שטרעבונג אופצו־קלערן די וועלט? האָב איך דען ניט געוואָלט פון גאַנצן הארצן, אז יעדערער זאָל פּאַרנינפטיק זיך באַציִען צו רעליגיע? איך וואָלט זיך אַליין פאַראַכט, ווען כ'וואָלט מיט מײַן גאַנצן טינטלען ניט געהאַט קיין אַנדער ציל, ווי העלפן פאַרווירקלעכן די דאָזיקע גרויסע שטרעבונגען. אָבער לאָז מיר איבער מײַן אויפן פון האַנדלען, מיט וועלכן כ'וויל דערגרייכן דעם זעלביקן ציל... וואָרעם וואָס איז אונדזער נײַמאָדישע טעאָלאָגיע, אין פאַרגלײַך מיט דער אָרטאָדאָקסיע, אויב ניט טינעף פאַרגליכן מיט שמוציקן וואַסער? מיט דער אָרטאָדאָקסיע האָט מען זיך, געלויבט צו גאָט, געהאַלטן פונדערווײַטן, צווישן איר און דער פילאָסאָפיע איז געווען אופגעשטעלט א וואַנט... וואָס־זשע קומט איצט פאָר? די וואַנט צעשטערט מען און מע מאַכט פון אונדז העכסט ניטסייכלדיקע פילאָסאָפן, אונטערן אויסרייד צו פאַרוואַנדלען אונדז אין סייכלדיקע קריסטן... דעם הויז פון מײַן שאָכן דראָט אײַנצופאַלן. אויב מײַן שאָכן וויל אים אַרונטערײַסן, בין איך גרייט אים פולקאָם אונטערשטיצן. אָבער ער וויל אים ניט אַרונטערײַסן, נאָר אונטערשפּאַרן און אונטער אים אונטערפירן א פונדאַמענט אפן כעשבן פון דער פולשטענדיקער צעשטערונג פון מײַן אײגענעם הויז...“

און וואָס איז אָביעקטיוו געווען מענדעלסאָנס אַפּאָלאָגיע פון דער ייִדישער רעליגיע, אויב ניט דאָס שטרעבן אונטערצושפּאַרן זי און צעמענטירן מיט א סייכל־דיקײַט־פונדאַמענט און אַריבערצופירן אף אזא מין אויפן ניטצעשטערט אין די נײַע באַדינגונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט? פּאָליטיש האָט עס באַדײַט: פאַרוואַנדלען די רעליגיע פון א וואָפן פון די פעאָדאַלע קלאַסן אין א וואָפן פון דער בורזשואַזיע.

אויך דאָ באַשטעטיקט זיך, אלזאָ, דער טאָך פון מענדעלסאָנס קאָנסערוואַטיוויער אופקלערערײַ: זי איז אופקלעריש בענעגייע די אַלטע, פעאָדאַלע צושטאַנדן, און זי איז קאָנסערוואַטיוו בענעגייע די נײַע אופקומענדיקע בורזשואַזע צושטאַנדן. זי איז אופקלעריש אין אַספּעקט פון אַלטן האַנדל־קאַפּיטאַליסטישן ייִדנטום און ייִדיש־קײַט, זי איז שטאַרק געמעסיקט און פּאַרזיכטיק אין אַספּעקט פון דער נײַער קאַפּי־טאַליסטישער ייִדישער בורזשואַזיע.

דער הויפּט־געביט פון מענדעלסאָנס טעטיקײַט איז געווען די פילאָסאָפיע, גראָד דאָ אָבער איז ער געווען אַן עפּיגאָנער פון דער לײבניץ־וואָלפישער שול, און ניט צופעליק דערמאָנט אים קאַרל מאַרקס אין צוזאַמענהאַנג מיט „יענעם פאַרדריסלעכן, מיטלמעסיקן עפּיגאָנערטום, וואָס פירט איצט דעם אויבנאָן אינעם געבילדעטן דײַטש־לאַנד און וואָס געפינט זיך דעם פאַרגעניגן צו באַהאַנדלען העגעלן אזוי, ווי דער בראַווער מוישע מענדעלסאָן האָט אין לעסינגס צײַטן באַהאַנדלט שפּינאָזען, דעהײַנע, ווי א טויטן הונט“ (פּאָרוואָרט צו דער צווייטער אופלאַגע פון „קאַפּיטאַל“, ב. 1, 1873). נאָך שאַרפער דריקט זיך אויס מאַרקס וועגן מענדעלסאָנען אין זײַן בריוו צו קוגעל־מאַנען פון 27 יון 1870: „אין איין פראַט דערמאָנט ער (פ. א. לאַנגע) מיר מוישע מענדעלסאָנען. דער דאָזיקער פּראַטאָטיפּ פון נישטיקסטן מענטשן האָט געשריבן צו לעסינגן: „ווי האָט אײַך געקאָנט קומען אפן זינען ערנסט צו נעמען דעם דאָזיקן טויטן הונט, — שפּינאָזען!“.

אין דער פילאָסאָפיע האָט מענדעלסאָן עקלעקטיש געשטרעבט אויסצובעסערן די וואָלפיש־לייבניצישע סיסטעם פון דאָגמאטישן ראַציאָנאַליזם, צוזאמענשמעלצנדיק זי מיט דער ענגלישער עמפיריש־סענסואַליסטישער שול פון לאָק און שעפטסבערי. די איראָניע פון דער געשיכטע האָט געוואָלט, אז שוין זיין ערשטע גרעסערע פילאָסאָפישע שריפט זאָל אָנשטויסן זיך אף אזא קעגנער, ווי קאנט. צום קאָנקורס פון דער פרייסישער אקאדעמיע אף דער טעמע, צי זיינען די מעטאפיזישע וויסנשאַפטן פייִק צו דער זעלביקער עווידענץ, ווי די מאטעמאטישע, האָבן זיך געמאָלדן מענדעלסאָן און קאנט. די פרעמיע האָט אָבער באקומען מענדעלסאָן (1763), כאָטש — ריכטיקער, טאקע דערפאר, ווייל — קאנטס שריפט האָט שוין פארמאָגט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון זיין שפּעטערדיקער פילאָסאָפיע. קאנטס הויפט־ווערק — „די קריטיק פון דער ריינער פארנונפט" איז דערשינען 1781, 5 יאָר פאר מענדעלסאָנס טויט, איז אָבער פאר מענדעלסאָנען געבליבן פארשלאָסן אף זיבן שלעסער. ער שרייבט אָפן צו עליזע ריימארוס, אז ער פארשטייט ניט קאנטס „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט", און אז ער איז צופרידן, וואָס ער פארלירט ניט פיל, אויב ער וועט שטארבן, ניט האָבנדיק פארשטאנען דאָס דאָזיקע ווערק. בעסער און טיפער האָט, דאקעגן, קאנט אָפּגעשאצט מענדעלסאָנס פילאָסאָפישן אופטו (עמעס, אין דער העפלעכסטער פאָרם). דעם טיפן אונטערשייד צווישן ביידע דענקער, צווישן דעם מאסשטאב פון זייער דענקען, גיט מענדעלסאָנס מיינונג, אז דער מיינונגען־קאמף אין דער פילאָסאָפיע איז אין טאָך בלויז א וואָרט־שטרייט, דער רעזולטאט פון דער פעלערדיקער און ניטפינקטלעכער פילאָסאָפישער טערמינאָלאָגיע, — בייס קאנט האָט געלערנט, אז אין יעסאָד פון שטרייטן, ביפראט אין דער פילאָסאָפיע, וועלכע גייען אָן א לענגערע צייט, האנדלט זיך קיינמאָל ניט וועגן א וואָרט־שטרייט, נאָר וועגן א קאמף צוליב דער זאך גופע.

מע דארף אָבער פארצייכענען, אז, ווי בא אן עכטן וואָלפיאנער, איז מענדעלסאָנס אידעאַליסטישער ראַציאָנאליזם טאָמיד געווען טעאָלאָגיש אָריענטירט און באזירט. די גרויסקייט פון מעטאפיזיק — האָט מענדעלסאָן געלערנט — באשטייט אין דעם, וואָס זי פירט צו איין ריינעם באגריף, — צום באגריף פון דעם צומייסטן פולקאָמענען וועזן — צו גאָט. דער „אָנטאָלאָגישער גאָט־באווייז"[1]) דרינגט אדורך מענדעלסאָנס אלע שריפטן און איז דער גרונטשטיין פון זיין גאנצער פילאָסאָפישער סיסטעם. זיין מעטאָד צו „דערווייזן" די „אומשטערבלעכקייט פון דער נעשאָמע" אין „פעדאָן" איז בלויז א ספעציעלער פראט, אן אָנווענדונג פון דעם דאָזיקן הויפט־טעזיס פון זיין פילאָסאָפיע; ער שטיצט זיך דערביי אף צוויי „באווייזן": אפן פרינציפ פון קאָנטינויִטעט, ד. ה. נאָכן „זיין" קען ניט גלייך קומען דער „ניטזיין", עס מוז זיין אן איבערגאנג צווישן ביידע צושטאנדן, און אפן פרינציפ פון דער איינפאכקייט פון דער נעשאָמע, וואָס קען ניט פאנאנדערפאלן זיך אף טיילן מיטן טויט, וויבאלד זי באשטייט

[1]) דעם „אָנטאָלאָגישן גאָט־באוויין" האָט ענגעלס אזוי כאראקטעריזירט: „דער דאָזיקער באוויין באשטייט אָט אין וואָס: דענקענדיק גאָט, דענקען מיר אים ווי א גאנצקייט פון פולקאָמענהייטן. אָבער צו דער גאנצקייט פון אלע פולקאָמענהייטן געהערט אויך דאָס זיין, ווארעם א ניטעקזיסטירנדיק וועזן איז אומפארמיידלעך ניטפולקאָם. אלזאָ, מוזן מיר צו גאָטס פולקאָמענהייטן צורעכענען אויך די עקזיסטענץ. אלזאָ, גאָט מוז עקזיסטירן". (אנטי־דיורינג, ז. 37).

ניט פון טיילן. ווי א שטיקל טרייסט פארצייכענען די מענדעלסאָן־אפּאָלאָגעטן, אז ער איז מיט זײַנע עסטעטישע טעאָריעס טיילווײַז פאָרויסגעגאנגען קאנטן, ענלעך ווי קאנט פאָרמולירט דעם עסטעטישן געשמאַק ווי א „ניטפאַרינטערעסירטן וווילגעפעלן".

גראָד אף דעם פילאָסאָפישן געביט, ווו מענדעלסאָן האָט דערלאַנגט זײַן גרעסטן רום אין דער דײַטשישער סוויווע, זײַנען, אלזאָ, זײַנע אופטוען נישטיקע, עפּיגאָנעריש־עקלעקטישע, און דער בורזשואזער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט זיי אָפּגעראַמט פון וועג שוין אין יאָר 1781 מיט קאנטס הויפּט־ווערק. אסאַך א גרעסערע היסטאָרישע באַדײַטונג האָט גראָד באַקומען מענדעלסאָנס א זײַטיקער טעטיקײַט־געביט—זײַן ביבל־איבערזעצונג אין דײַטש און זײַן קאָמענטאַר, וואָס אלץ צוזאַמען האָט אין דער יידישער סוויווע באַקומען דעם נאָמען „בעיאור" (באור—קאָמענטאַר).

דער „בעיאור" איז א קאָלעקטיווע שאַפונג, דאָס ווערק פון א גאַנצן מאַסקילישן דאָר. דאָך האָט דאָ מענדעלסאָן דעם באַדײַטנדיקסטן אָנטייל: ער האָט איבערגעזעצט אף דײַטש די 5 חומשים, טילים, קוהעלעס, שיר־השירים, און אָנגעשריבן דעם גאַנצן קאָמענטאַר צום סייפער „שמויס" און צו דער ערשטער פארשע ברײשיס; ער איז געווען דער רעדאַקטער פון דער גאַנצער טוירע־איבערזעצונג און איר אָרגאַניזאַטער; ער האָט זי פינאַנסירט (און צוגעלייגט דערבײַ מער פון 3 טויזנט טאָלער); ער האָט אײַנגעשטעלט דעם נוסעך פון דער אויסגאַבע, לויט וועלכן ס'האָבן זיך געהאַלטן אלע זײַנע און שפּעטערדיקע מיטאַרבעטער; זײַן נאָמען און אווטאָריטעט האָבן געשוועבט איבער דער גאַנצער אונטערנעמונג אויך נאָך זײַן טויט. דער פּראָספּעקט פון דער מענדעלסאָנישער אויסגאַבע „עלים לתרופה" איז דערשינען 1778; די גאַנצע חומעש־איבערזעצונג מיטן קאָמענטאַר איז פארענדיקט געוואָרן אין יאָר 1783. אַחוץ מענדעלסאָנען האָבן זיך באַטייליקט, ווי קאָמענטאַטאָרן, דער פּוילישער לאַמדן שלוימע דובנע (קאָמענטאַר צו ברײשיס), נאַפטאָלע הערץ ווײַזל (קאָמענטאַר צו וואַיקראָ), אַרן יאַראָסלאַוו (באַמידבאָר) און הערץ האָמבערג (דוואָרים).

וואָס זײַנען געווען די צילן און מאָטיוון פון דער דאָזיקער ביבל־איבערזעצונג און פונעם קאָמענטאַר? אין דעם אַרײַנפיר „אור לנתיבה" דערציילט וועגן דעם מענדעלסאָן פארשיידענע זאַכן: 1. די איבערזעצונגען פון חומעש, וואָס קורסירן ביז איצט צווישן די דײַטשישע יידן, זײַנען געשריבן אין א פאַרדאָרבענער שפּראַך (ד. ה. אין יידיש), אשטייגער, בליצס איבערזעצונג פון יאָר 1679, אזוי, אז זיי רופן אַרויס א ווידערווילן באַם לייענער, וואָס רעדט ריכטיק. אָבער ביז איצט האָט קיינער ניט געטראַכט איבערזעצן דעם חומעש אין דער פאַרפולקאָמטער שפּראַך, וואָס איז אָנגענומען אין אונדזער צײַט (ד. ה. הויכדײַטש): „...תרגם בלשון עלגים מקולקל ומשחת מאד, תגעל בה נפש הקורא היודע לדבר צחות. ומאז ועד עתה אין איש שם על לב לתקן המעוות ולתרגם את התורה הקדושה בלשון המתוקן הנהוג ומורגל בדורנו" (ז. XXVII, ציטירט לויטן איבערדרוק פון אדם הכהן לעבענזאָן און בען־יאַנקעוו, ווילנע 1849).
2. יידישע קינדער, וואָס ווילן פאַרשטיין דעם טאַנאַך, מוזן צוליב דעם זיך ווענדן צו די קריסטלעכע איבערזעצונגען פון טאַנאַך אין דײַטש. די קריסטלעכע איבערזעצער האַלטן זיך אָבער ניט בא דער יידישער טראַדיציע, און דאָס טויג ניט פאַר די

יידישע לייענער. 3. ווײַטער קומען פערזענלעכע מאָטיוון, וואָס האָבן א קנאפע באדײַטונג: די איבערזעצונג האָט מענדעלסאָן צוערשט פארפאסט פאר זײַנע קינדער, און באשלאָסן זי פארעפנטלעכן בלויז אף דער באקאָשע פון שלוימע דובנע, וואָס איז געווען דער לערער פון דיקדעק פון זײַן זון יוסעף, מיטן תנאי, אז דובנע זאָל פארפאסן דעם קאָמענטאר, און אז פאר א שותף צו דער אויסגאבע זאָל דובנע נעמען מענדעלסאָנס ברודער שאָול א.א.וו. א מער דײַטלעכן לאָשן רעדט מענדעלסאָן אין זײַן בריוו צו אווגוסט העניגס פון יאָר 1779 (קײַזערלינג, 522), ווו ער שרײַבט: „לויטן ערשטן פּלאן פון מײַן לעבן, אזוי ווי כ'האָב אים אָנגעוואָרפן אין מײַנע בעסערע יאָרן, בין איך זייער ווײַט דערפון געווען צו ווערן ווען עס איז א ביבל־ארויסגעבער אָדער איבערזעצער... עס איז אָבער געפעלן געוואָרן דער האשגאָכע מיך צו פירן אף א גאנץ אנדערן וועג... נאָך א געוויסער אונטערזוכונג האָב איך אײַנגעפונען, אז דער רעשט פון מײַנע קויכעס וועט נאָך קלעקן טאָן א גוטן דינסט פאר מײַנע קינדער און עפשער א באדײַטנדיקן טייל פון מײַן נאציע, ווען כ'וועל זיי געבן אין די הענט א בעסערע איבערזעצונג און דערקלערונג פון די הייליקע ביכער, ווי די, וואָס זיי האָבן ביז איצט געהאט. דאָס איז דער ערשטער שריט צו דער קולטור, פון וועלכער מײַן נאציע ווערט, לײַדער, געהאלטן אין אזא דיסטאנץ, אז מע וואָלט געקאָנט קימאט זיך מיסיאעש זײַן אין א מעגלעכקײַט פון א פארבעסערונג"... (אונדזער קורסיוו—מ. ע.).

אין סאכאקל ווארפן מיר אָפּ די פערזענלעכע מאָטיוון, וואָס קענען ניט שפּילן קיין גרעסערע ראָלע, ווײַבאלד דאָס ווערק איז ארויס פון די מישפּאָכע־ראַמען און איז פארוואנדלט געוואָרן אין א גרויסער געזעלשאפטלעכער אונטערנעמונג. אין דעם בריוו צו העניגס רעדט מענדעלסאָן דײַטלעך וועגן „א גוטן דינסט" אויך פאר א באדײַטנדיקן טייל פון דער נאציע, און שאצט אָפּ גאָר הויך די געזעלשאפטלעכע באדײַטונג פון דער אונטערנעמונג, ווי „אַן ערשטן טריט צו דער קולטור". דער מאָטיוו, אז די איבערזעצונג דארף ארויסשטופּן די דײַטשישע קריסטלעכע ביבל־איבערזעצונגען, איז אויך ווייניק איבערצײַגנדיק. מע האָט זיי גאָר ווייניק גענוצט אין יידישע הײַזער, און ס'איז א מאָטיוו פאר דער אָרטאָדאָקסיע, ווועמען סע ווערט אונטערגערוקט דער געדאנק, אז פון צווי בייזן (די קריסטלעכע איבערזעצונגען און מענדעלסאָנס) איז שוין בעסער דאָס קלענערע בייז. בלײַבן צווי מאָטיוון, און זיי האָבן טאקע באשטימט די באדײַטונג פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג: 1) עפענען דער נאציע דעם וועג צו דער ביבל דורך א גוטער דערקלערונג און איבערזעצונג. 2) ארויסשטויסן די יידישע שפּראך, וואָס רופט ארויס דעם ווידערווילן פון דעם „קורא יודע לדבר צחות", ד. ה. פון דער אופגעקומענער יידישער בורזשוזיע, לעטוועס דער רייניער דײַטשישער שפּראך. אין צוזאמענהאנג מיט דער שווע־פּאָרמולע פאר יידן, וואָס מענדעלסאָן האָט פארפאסט אין הויכדײַטש טאקע אין פעריאָד פון דער ביבל־איבערזעצונג (1782), שרײַבט ער צו קלײַן: „איך וואָלט זייער ניט געגערן אופגענומען... ווען די יידיש־דײַטשישע מונדארט און די פארמישונג פון העברייִש מיט דײַטש וואָלט אווטאָריזירט געוואָרן דורכן געזעץ. איך האָב מוירע, אז דער דאָזיקער זשארגאָן האָט ניט ווייניק בײַגעטראָגן צו דער אומזיטלעכקײַט פון דעם געמיינעם מענטשן (פּראָסטן מענטשן), און כ'דערווארט זייער א גוטע ווירקונג

פון דעם אופקומענדיקן געברויך פון דער ריינער דײַטשישער מונדארט צווישן מײַנע ברידער... ריין דײַטש, אָדער ריין העברייִש... נאָר ניט קיין פארמישונג פון די שפראכן" (קײַזערלינג, 283).

„ריין דײַטש, אָדער ריין העברייִש! נאָר ניט קיין פארמישונג פון די שפראכן!" — דאָס איז לאנגע צענדליקער יאָרן דער טעאָרעטישער לאָזונג פון דער גאנצער האסקאָלע, אפילע פון יענע מאסקילים, וואָס האָבן אליין געשריבן יידיש (צ. ב. לעווינזאָן, דער מעכאבער פון דער „העפקער־וועלט", וואָס שרײַבט פונדעסטוועגן אין זײַן „תעודה בישראל", ז. 38: „אזוי אויך קענען מיר זאָגן אין דערדאָזיקער מעדינע (רוסלאנד): צו וואָס יידיש? אָדער ריין־דייטש, אָדער רוסיש").

און אויב מענדעלסאָן רעדט אין דעם ארײַנפיר „אור לנתיבה" מיט א האלבן מויל, דערעדט אָבער אלץ ביזן סאָף נאפטאָלע־הערץ ווײַזל אין זײַן ליבגעזאנג־ליד „מהלל רע", וואָס איז געדרוקט לעקאָוועד דעם „בעיער" צום סאָף פון ארײַנפיר, און ווײַזל פאָרמולירט דרײַ צילן פון דעם „בעיער": 1. פאר ריין־דײַטש, קעגן דעם „זשארגאָן" („כשפת גויי ארץ מלל למדנו, אך לא כהם דבר צחות חמדנו, נחנו עלגים, שפתי עמים בללנו"). 2. אופלעבונג פון דער טאנאך־קענטעניש. 3. אופלעבן דעם לימעד פון העברייִש.

דאָס באדײַט אָבער, אז די ערשטע גרויסע באוועגונג פון דער יידישער בורזשואזיע איז געגאנגען גלײַכצײַטיק אונטער דער פאָן פון הומאניזם און פון אופקלערונג, — אנדערש געזאָגט, אז יענע אידעאָלאָגישע עוואָליוציע פון דעם אייראָפּייִשן בירגערטום, וואָס איז געגאנגען אין צוויי גרויסע עטאפּן, — הומאניזם, ווי א באוועגונג פון סאָכרישן קאפּיטאל, און אופקלערונג, ווי דער אָנזאָג פון אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם, — איז פאר דער פארשפּעטיקטער, פארקריפּלט־אנטוויקלטער יידישער בורזשואזיע צונויפגעפאלן אין איין עטאפּ. דאָס זעט זיך שוין אָן דײַטלעך אין מענדעלסאָנס ביבל־איבערזעצונג און אין דער טעטיקײַט פון די „מאספים": דער רענעסאנס פון העברייִשן דיקדעק, דאָס פּראָקלאמירן פון דער ביבל, ווי דעם ערשטן שריט צו אייראָפּייִשער קולטור, איז א טיפּישער הומאניסטי־שער שטריך, א מיטל דורך דער אנטיקער קולטור אָפּשטויסן זיך פון דער פעאָדאלער קולטור. אין דער יידישער סוויווע באדײַט דאָן דער ביבל־ און דיקדעק־קולט א קאמף פאר רעפאָרמירן און ראציאָנאליזירן די יידישע רעליגיע. דער קאמף פאר ריין דײַטש איז אָבער דער אופקלערערישער לאָזונג פון דער יידישער בורזשואזיע, וואָס שטרעבט צעברעכן דעם פּאָליטיש־קולטורעלן געטאָ, אָפּראמען די שפּראך־ראָגאטקע, וואָס שטייט צווישן איר און דער ארומיקער וועלט. יידיש דערשײַנט פאר די אויגן פון די בערלינער מאסקילים ווי די פאראכטע שפּראך פון מיטלאלטערלעכע פארהעל־טענישן, אליין א פּראָדוקט פון דער אָפּגעשלאָסנקײַט און באגרענעצטקײַט פון דער יידישער סוויווע, אָבער אויך א פאקטאָר, וואָס קאָנסערווירט די דאָזיקע באגרע־נעצטקײַט.

אָבער סײַ די אופקלערערישע, סײַ אפילע די הומאניסטישע לאָזונגען פון דעם „בעיער" האָבן אף דעם יידישן קאָנסערוואטיוון מיטלבירגערטום געקאָנט ווירקן אופ־רייצנדיק — און אזוי איז עס טאקע געשען. מענדעלסאָן באמיט זיך אויך דאָ פּשאָרעדיק גיין דעם קאָמף אויסן וועג (ניט אומזיסט האָט זײַן ביבל־איבערזעצונג

געהייסן „נתיבות שלום", ד. ה. די וועגן פון שאָלעם), אויסמײַדן אים, אף וויפל דאָס איז מעגלעך, און פארוואלירט זאָרגפול, ווי מיר האָבן געזען, די אייגנטלעכע צילן פון דער ביבל־איבערזעצונג. מער נאָך: ער גיט זיך אונטער פולשטענדיק דער אָרטאָדאָקסיע אין די פרינציפיעל־מעטאָדישע פראָבלעמעס פון דער איבערזעצונג. ער שרײַבט, אלזאָ, אין דעם ארײַנפיר גאנץ טראדיציאָנעל, אז מוישע־ראביינו האָט די גאנצע טוירע געשריבן פון אָנהייב ביזן סאָף, אפילע די לעצטע פסוקים, ווו ס׳רעדט זיך פון מוישעס טויט (ז. V); אז עס קאָן ניט זײַן קיין סאָפעק, אז די זיבן מיצוועס פון די בניי־נויעך האָבן אָדאָם און כאווע געהערט פון גאָט אליין, און אין לאָשן־קוידעש (ז. IX); ער וואגט אפילע ניט אָנעמען עליאָהו באָכערס ביסל קריטישע באמערקונגען וועגן דעם רעליאטיוו־שפעטן עלטער פון ניקעד און אקצענטירונג אין טאנאך,—א קריטיק, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן פאר 250 יאָר; דאָס שענסטע איז, וואָס עליאָהו באכערס קריטיק ווערט אָפּגעוואָרפן דורכן פארופן זיך אפן זויהאר, כאָטש מענדעלסאָן ווייס גאנץ גוט יענע ספייקעס, וואָס זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן בענעגייע דעם עלטער פון דעם זויהאר אפילע דורך פרומע ראבאָנים (אשטייגער, עמדען). אין זײַן איבערזעצונג, זאָגט מענדעלסאָן, אויב דער טראדיציאָנעלער דראש איז אינגאנצן אנדערש, ווי דער פשאט, ד. ה. ווי די ריכטיקע באדײַטונג פון ביבלישן טעקסט, האָט ער זיך געהאלטן באם דראש: „אויב דער וועג, וואָס שײַנט אונדז צו זײַן דער פשאט פון טעקסט, שטייט אין א סטירע צום וועג פון דראש, וואָס איז אָנגענומען און אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך אונדזערע כאכאָמים, אזוי, אז ס׳איז אומעגלעך, אז ביידע זאָלן זײַן ריכטיק... איז אונדזער פליכט צו האלטן זיך באם דראש, און איבערזעצן לויט אים דעם ביבל־טעקסט, וואָרעם פאר אונדז גילט בלויז די טראדיציע פון אונדזערע כאכאָמים" (ז. XXIX). אנדערש געזאָגט, ווען די כאכאָמים דארשענען קעגן געזונטן מענטשלעכן פארשטאנד, זײַנען זיי גערעכט, ניט די לאָגיק... ענלעך האָט מענדעלסאָן געשריבן אין זײַן קאָמענטאר צו קויהעלעס (1770): „אף פיר וועגן קען אויסגעטײַטשט ווערן אונדזער הייליקע טוירע—דורך פשאט, דרוש, רעמעז, סאָד, און אלע זיי זײַנען דאָס געטלעכע וואָרט און אלע זײַנען זיי ריכטיק".

און דאָך האָט דאָס אלץ ניט געהאָלפן, און נאָך אין מענדעלסאָנס צײַטן, ניט־קוקנדיק אף זײַן רום און זײַנע אײַנפלוסרײַכע פארבינדונגען סײַ אין דער יידישער, סײַ אין דער ניט־יידישער סוויוועָ, האָבן ראבאָנים ארײַנגעלייגט אין כיירעם דעם „בעיער" (רעפאָעל האקויען אין אלטאָנא—האמבורג), ער איז פארבאָטן געוואָרן אין פויזן, ליסא, פירט, ווילנע, פראָג, און אין אייניקע ערטער אפילע עפנטלעך פארברענט געוואָרן. דערהויפט טאקע צוליבן „בעיער" האָט „דער דעסער" באקומען דעם שעם פון אן אפיקוירעס בא דער יידישער אָרטאָדאָקסיע,—זי האָט מיט אויסגעצייכנטן קלאסנכוש דערשמעקט די געפאר. אין א באדײַטנדיקער מאָס האָט טאקע דער „בעיער" אויסגעפילט זײַנע אופגאבעס. פון אים האָט מען טאקע געלערנט דײַטש—מער ווי טאנאך. ער האָט געגעבן דעם שטויס פארן אופלעבן פון אינטערעס צו דער ביבל, צו העברייִש און העברייִשע פאָרשונגען אין דער האסקאָלע־ליטעראטור. בא זײַן גאנצן קאָנסערוואטיזם, האָט ער דאָך אף א פילבארן אויפן געשלאָגן דעם טאלמודישן פילפל און דרוש. זײַן גרעסטע ווירקונג האָט אָבער דער „בעיער" געהאט

אין די מיזרעך־אייראָפּייִשע לענדער. דאָס אריבערוואקסן פון ייִדישן בירגערטום אין מאָדערנער בורזשואזיע איז אין דײַטשלאנד אוועק מיט אזעלכע גיכע טעמפּן, אז ס'זײַנען מיטאמאָל פארעלטערט און אומברויכבאר געוואָרן די הומאניסטישע טענדענצן פונעם „בעיער", און אפילע זײַן אופקלערערישער רוף צו דער דײַטשישער שפּראך,— מע האָט דײַטש שטודירט שוין פון עכטן קוואל, פון געטע און שילער, און ניט אפן אומוועג פון מענדעלסאָנס איבערזעצונג. אנדערש אין גאליציע, פּוילן, ליטע, רוסלאנד, ווו די קאפּיטאליסטישע אנטוויקלונג איז געגאנגען אָן א פארגלײַך לאנגזאמער, און די אָפּגעשטאנענקײַט פון דער ייִדישער סוויווע איז געווען נאָך לאנגע צענדליקער יאָרן זייער גרויס.

אזוי, צ. ב., שרײַבט דער פּאָפּולערער און רירעוודיקער לעמבערגער מאסקיל אווראָם מענדל מאָהר (1815־1868) אין זײַן אויטאָביאָגראפיע („שבילי עולם", III טייל לעמבערג 1865, ז. 146): „נאָך א ייִנגל פון 12 יאָר האָב איך אָנגעהויבן שטרעבן צו וויסנשאפטלעכע און קולטור־ווערק. די צײַטן זײַנען אָבער געווען פינצטערע... דערפאר האָב איך מײַן שטרעבונג דורכגעפירט בעסאָד, באטאָג האָב איך געלערנט געמאָרע, און באנאכט, ווען אלע ארום זײַנען אײַנגעשלאָפן, האָב איך געלייענט דעם טאנאך מיטן „בעיער" אין דער דײַטשישער איבערזעצונג... און די דײַטשישע איבערזעצונג איז פאר מיר געווען א יעשועע צו פארשטיין דורך איר די דײַטשישע שפּראך... און מיט איר הילף האָב איך אָנגעהויבן לייענען וויסנשאפטלעכע ווערק אין דײַטש". און אויך פאר מאָריס ווינטשעווסקען איז דער „בעיער" נאָך אין יאָר 1870 געווען יענע בריק, וואָס האָט געפירט צו לודוויק בערנע.

נאָך אין די יאָרן 1849־1853 איז דער „בעיער" דערשינען אין ווילנע אין 17 בענדער, ארויסגעגעבן דורך די באקאַנטע מאסקילישע שריפטשטעלער— אַדאָם לעבענזאָן און ייִצכאָק אײַזיק בען־יאנקעוו.

מע קען איצט שוין אונטערפירן א שטיקל סאכאקל. מענדעלסאָן איז געווען א קאָנסערוואטיווער אופקלערער, ד. ה. אן אידעאָלאָג פון בירגערלעכע שיכטן, בא וועלכע עס וואקסט אָן לאנגזאם דער בורזשואזער קלאסן־באוווסטזײַן און וועלכע זײַנען נאָך שטארק פארבונדן און געבונדן מיט קאָלעריי פעאָדאלע טראדיציעס.

זײַן וועלט־אָנשויונג האָט זיך פאָרמירט ארום דער העלפט פונעם 18־טן י. ה., ווען ס'האָט זיך ערשט געהאלטן באם אויספּיקן א מאָדערנע ייִדישע בורזשואזיע אין דײַטשלאנד, און מעמיילע שפּיגלט אָפּ זײַן אידעאָלאָגיע דעם ערשטן עטאפּ פון דער דאָזיקער בורזשואזיע, אן עטאפּ, ווען די בורזשואזיע אידעאָלאָגיע איז נאָך באלאָדן מיט שווערע פעאָדאלע רעשטן. דערפון די סטירעס אין מענדעלסאָנס טעאָריע און פּראקטיק. דער דאָזיקער ערשטער אידעאָלאָגישער עטאפּ פון דער מאָדערנער ייִדישער בורזשואזיע אין דײַטשלאנד אנטשפּרעכט ניט דעם ניוואָ פונעם אוואנגארד פון דער דײַטשישער בורזשואזיע, וואָס אים האָט פארקערפּערט צ. ב. לעסינג, נאָר דער גרויסער מאכנע בירגערלעכע און פּריצישע אופקלערער, וואָס האָט זיך געשלעפּט אין א היפּשער דיסטאנץ הינטער לעסינגן, גערוקט זיך פאָרויס

אָבער לאנגזאם, פאכדאָניש, זיך אומקוקנדיק קעסיידער מיט מוירע אף צוריק—בא זיי האָט עס דערלאנגט זײַן רום מענדעלסאָן.

די סטירעס פון מענדעלסאָנס אידעאָלאָגיע קומען צום אויסדרוק אין אלע זײַנע שריפטן, אינעם „פעדאָן" ווי אין די „מאָרגנשטונדן", אין „יערוזאלעם" ווי אינעם „בעיער". צום דײַטלעכסטן און צום קלאָרסטן לאָזט זיך דאָס באמערקן אין זײַן „יערוזאלעם": פון איין זײַט, איז עס א טעמפעראמענטפולער פאמפלעט קעגן דער וועלטלעכער מאכט פון דער קירך, מיט א שארפער פאנאנדערגרענעצונג פון די געביטן פון דער מעלוכע און פון דער קירך, וואָס פירט צו דער בורזשוואזער פאָלי־טישער פאָדערונג פון אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע. עס איז אַן אלגעמיין־בורזשוואזע פאָדערונג, וואָס באדינט אָבער אויך אויסגעצייכנט אקטועלע אינטערעסן פון דער יידישער בורזשוואזיע, וואָרעם עס ראמט אָפּ איינעם פון די פּאָפּולערסטע ארגומענטן פון די פעאָדאלע קרײַזן קעגן דער עמאנסיפּאציע פון יידן, און איז איינצײַטיק געווענדט קעגן דער מאכט פונעם יידישן קלער אין דער יידישער סוויווע. מיט אויסגעצייכנטן קלאסן־כוש ווארפט אָפּ מענדעלסאָן קאטעגאָריש דאָמס פּאָרשלאג וועגן איבערלאָזן די יידן געוויסע אווטאָנאָמע אינסטיטוציעס (ב. 3, 193—202), און דאָ קומט צום אויסדרוק סײַ די מוירע פון דער אופשטײַגנדיקער יידישער בורזשוּ־אזיע פאר ניטפולשטענדיקער עמאנסיפּאציע, פאר א נײַ־געשלייערטן געטאָ, סײַ איר דראנג צו געמיינזאמע פּאָליטישע אינסטיטוציעס מיט דער ארומיקער בורזשוואזיע אף אלע אָן אויסנאם געביטן, סײַ איר שטרעבן צו ליקווידירן די פעאָדאלע אינסטיטוּ־ציעס אין דער יידישער סוויווע. ביז איצט האָבן מיר פאר זיך א טיפּישן אופקלערער, א טאלמיד און ווײַטערפירער פון די טעאָריעס פון האָבס און לאָק. די סטירע הייבט זיך אָן, ווען די טעאָריע דארף דורכקאָנטראָלירט ווערן אפן קאָנקרעטן בײַשפּיל פון דער יידישער רעליגיע, ווען די נעגאציע פון קירכלעכער מאכט דראָט צו פאר־ניכטן ביכלאל די עצעם יעסוידעס פון דער יידישער רעליגיע, וואָרעם, ווי ס'האָבן ריכטיק געטײַנעט מענדעלסאָנס קעגנער, „דאָס באוואָפנטע קירכנרעכט איז דאָך טאָמיד איינער פון אירע וויכטיקסטע גרונטשטיינער" (ז. 307). אָטאָ דאָ גיט מענדעלסאָן האסטיק א קער אף צוריק, און די אפּאָלאָגיע פון מענטשלעכן סייכל ווערט סאָפּיסטיש איצט שוין געשטעלט צו דינסט דער אפּאָלאָגיע פון דער יידישער רעליגיע.

אין זײַן בריוו צו העניגסן, געשריבן אין זײַנע לעצטע יאָרן (1784), זאָגט מענדעלסאָן זיך אזוי ארויס איבער אופקלערונג: „ווען אופקלערונג אײַלט פּאָרויס דער קולטור, קען זי שעדלעך זײַן און צופעליק אפילע פארהאלטן אף א צײַט די אנטוויקלונג פון קולטור" (קולטור הייסט בא מענדעלסאָנען די געזעלשאפטלעכע סוויווע אין אירע זיטן, געזעליקײַט, קונסט א.א.וו., ד. ה. דאָס „פראקטישע לעבן", בייס אופקלערונג איז די טעאָריע, די דערקענטעניש, דאָס אָפּשאפן פון פאָרורטיילן). ווײַטער הייסט עס בא מענדעלסאָנען אין דעם זעלביקן בריוו: „ווען ס'וואָלט געווען אין מײַן רעשוס, וואָלט איך זיך זייער געהיט מיט איין פעדערשטריך אופצודעקן אלע פאָרורטיילן. דער אופקלערער, וואָס וויל ניט ברענגען שאָדן, דארף זאָרגפול נעמען אין אכט צײַט און פארהעלטענישן און אופהייבן דעם פאָרהאנג נאָר אין יענער מאָס, אין וועלכער דאָס ליכט קען ברענגען א פעולע זײַן קראנקן. אָבער די אנטשיידונג דארף

מען אים אליין איבערלאָזן, און קיין שום עפנטלעכע אנשטאלט טאָר דאָ ניט באַ־שטימען די מאָס און דעם ציל". בא אָט די פּרינציפּן האָט זיך מענדעלסאָן געהאלטן אין זײַן טעטיקײַט סײַ אין דער דײַטשישער, סײַ אין דער יידישער סוויווע, און סײַ דאָ, סײַ דאָרט האָט ער געמיינט, אז די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג וועט אָנגיין זייער לאנגזאם, און ביפראט אין דײַטשלאנד האָט ער איבערגעשאצט דעם אינערציע־קויעך פונעם יידישן קאָנסערוואטיזם בירגערטום. די געשעענישן זײַנען אָבער אוועק אין אסאך א גיכערן טעמפּ, ווי ער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, און ביפראט נאָך זײַן טויט. אין דעם איז איבעריקנס באשטאנען אויך די טראגעדיע פון דער העברייי־ישער האסקאָלע אין דײַטשלאנד.

מענדעלסאָן האָט ניט געהאט קיין פּאָליטישן טעמפּעראמענט, ניט געווען קיין קעמפער־נאטור. ווי א טיפּישער אופקלערער, האָט ער אויך ניט געהאט קיין שום כוש פאר געשיכטע, פאר היסטאָרישע צוזאמענהאנגען. אין 1765 שרײַבט ער צו אבטן, אז „אלץ, וואָס האָט דעם נאָמען געשיכטע: נאטור־געשיכטע, ערד־געשיכטע, מעלוכע־געשיכטע, געלערטן־געשיכטע, איז אים קיינמאָל ניט געקראָכן אין קאָפּ", און אז ער גענעצט טאָמיד, ווען ער דארף לייענען עפּעס היסטאָרישעס.

ער איז געווען א מיטלמעסיקער פילאָסאָף, און אפילע זײַן באגײַסטערטער ביאָגראף קײַזערלינג (27) שטאמלט ארויס, אז מע קען אים ניט פארעכענען פאר א פילאָסאָף ניט פון ערשטן און ניט פון צווייטן ראנג.

א גלענצנדיקער קענער און סטיליסט פון העברייִיש, האָט ער אָבער בלויז א פאָר נישטיקע זאכן געגעבן דער העברייִישער ליטעראטור. ער געהערט ניט ניט צו דער העברייִישער, ניט צו דער יידישער ליטעראטור. זײַן טעטיקײַט האָט אָבער געהאט א גרויסע האשפּאָע סײַ אף דער העברייִישער, סײַ אף דער יידישער ליטעראטור.

סטיכייִש האָט זיך נאָך בא זײַן לעבן ארום אים געשאפן א גאנצע שול, און נאָך בא זײַן לעבן האָט די האסקאָלע זײַן נאָמען אופגעשריבן אף איר פאָן. דער מאטקילישער אינטעליגענץ האָט אין אים אימפּאָנירט אלץ: זײַן לעבן־געשיכטע, זײַן שטעלונג אין דער דײַטשישער געזעלשאפט,—און דאָס וויכטיקסטע—זײַן אידייען־וועלט, וואָרעם זײַן מעסיקע אופקלערערײַ האָט געשאפן גרויסע מעגלעכקײַטן אריבערצופלאנצן זײַן אידעאָלאָגישע ירושע אין דער אָפּגעשטאנענער יידישער סוויווע אין מיזרעך־אייראָפּע. דעם מעטאָד צו באגרינדן אופקלערונג־לאָזונגען מיט ציטאטעס פון די טראדיציאָנעל־רעליגיעזע יידישע שריפטן,—יענעם מעטאָד, וועלכן ס'האָט שפּעטער מיט אזא דערפאָלג גענוצט לעווינזאָן אין זײַן „תעודה בישראל",— האָט, צ. ב., אָנגעווענדעט שוין מענדעלסאָן (אין זײַן „בעיער", אין זײַנע דיסקוסיע מיט עמדען וועגן דעם טייקעפדיקן באגראָבן מייסים א.א.וו.). די דײַטשישע יידישע בורזשואזיע האָט, דאקעגן, בא אים געיארשנט דערהויפּט זײַן אפּאָלאָגיע פון דער יידישער רעליגיע; אין א געוויסער טראנספאָרמירונג זײַנען זײַנע רעליגיעזע אָנשויונגען געוואָרן אויך דער אויסגאנג־פּונקט פאר די יאהודישע רעליגיע־רעפאָרמעס.

מענדעלסאָן איז ניט געווען קיין פערזענלעכקײַט פון גרויסן פאָרמאט. געקייפלט אָבער אף וויכטיקע היסטאָרישע סיבעס און סיטואציעס, האָט זײַן גאנצע טעטיקײַט באקומען א גרויסע באדײַטונג און לאנגדויערנדיקע ווירקונג.

ציטירטע מענדעלסאָן־ליטעראַטור:

1. שריפטן. M Mendelssohns gesammelte Schriften. I-VII. Leipzig 1843-1845

2. שריפטן. נײַע אויסגאַבע. ביז יוני 1931 זײַנען דערשינען 4 בענדער. Moses Mendelssohn. gesammelte Schriften. Jubiläumausgabe. Akademie-Verlag. Berlin 1929-1931. I-II— Schriften zur Philosophie und Aesthetik. VII. Schriften zum Judentum·

3. בריוו (העברייִשע בריוו)—מענדעלסאָנס יִדישע און העברייִשע בריוו, בערלין 1929. זעכצנטער באַנד פון דער דאָזיקער אויסגאַבע.

4. מענדעלסאָן־זאַמלבוך: Moses Mendelssohn, herausgegeben von der Encyclopedia Judaica. Berlin 1929. צום סאָף אַן אויספירלעכע ביבליאָגראַפיע.

5. קײַזערלינג: M. Kayserling. Moses Mendelssohn. Sein Leben und seine Werke. Leipzig 1862. צווייטע אופלאַגע, לײַפּציק 1888; דאָ ווערט ציטירט די ערשטע אופלאַגע, וואָס האָט אַ בריוו־בײַלאַגע.

6. איציק אייכל. תולדות רמבמ״ן—בערלין 1789, ווין 1814, לעמבערג 1860. צוערשט געדרוקט אין „המאסף“ תקמ״ח־תקמ״ט.

7. פראַנץ מערינג. די לעסינג־לעגענדע. ציטירט לויט דער רוסישער אויסגאַבע, מאָסקווע 1924 „Легенда о Лесинге“.

8. ש. בערנפעלד. דור תהפוכות. ב. 1־2. וואַרשע 1897.

9. פ. לאַכאָווער. תולדות הספרות העברית החדשה. 1 באַנד. טעל־אָוויוו 1928.

10. י. קלויזנער—היסטוריה של הספרו העברית החדשה. 1 באַנד. יערושאַלאַיִם 1930. ז. 33-87.

11. כ. באָראָדיאַנסקי—מוישע מענדעלסאָן און זײַנע יִדישע בריוו. אין „היסטאָרישע שריפטן“ פון ייוו״אָ. 1־טער באַנד, וואַרשע 1930, 297-346.

12. שלוימע מײַמאָנס לעבנגעשיכטע. איבערזעצט פון א. י. גאָלדשמידט. ווילנע 1927 צווייטער באַנד, קאַפּיטלעך 11-12.

13. פּ. סמאָלענסקין—„עת לטעת“, „השחר“ 1876-79.

14. Mirabeau. Sur Moses Mendelssohn, sur la reforme politique des juifs... Londres, 1787 (אַ ווערק, וואָס האָט שטאַרק באַווירקט אייכלס מענדעלסאָן־ביִאָגראַפיע).

צולאָג.

אייניקע כאַראַקטעריסטישע אַרויסזאָגונגען פון מוישע מענדעלסאָן.

אפּאָלאָגיע פון סויכער, פון פרייער קאָנקורענץ:

„... ווער הייסט דען, אייגנטלעך, פּראָדוצירער און פאַרברויכער? ווען בלויז דעריעניקער פּראָדוצירט, וואָס העלפט שאַפן עפּעס מאַטעריעלעס, אָדער פאַרבעסערט עס דורך דער אַרבעט פון זיינע הענט, דאַן באַשטייט דאָך דער ווײַכטיקסטער און גרעסטער טייל פון דער מעלוכע בלויז פון פאַרברויכער. דער גאַנצער לערן-און־אָפּוועראַשטאַנד פּראָדוצירט גאָרניט לויט אַזאַ מין שטאַנדפּונקט, סיידן די ביכער, וואָס יענער שרייבט, זיינען אַן אויסנאַם. באַם דערנערונג־שטאַנד דאַרף מען אַראָפּרעכענען, קוירעמקאָל, די סאָכרים, טרעגער, לאַנד־און-וואַסערפאָרער, און סאָפּקאָלסאָף וועט דער קלאַס פון די אַזויגערופענע פּראָדוצירער באַשטיין ס'ראָיִ פון אַקער־קנעכט און האַנטווערק-געזעלן; ווײַרעם די ערד־אייגנטימער און מייסטער לייגן צו ס'ראָוו זעלטן די האַנט צו דער פּראָדוקציע. אָף אַזאַ מין אויפן וועט די מעלוכע באַשטיין, אַכוץ יענעם אַכטונגוווערטן, דאָך קלענערן טייל פון פאָלק, וואָס ניט זיי ברענגען אַרויס, ניט זיי פאַרפּולקאָמען דורך דער אַרבעט פון זייערע הענט די פּראָדוקטן פון דער נאַטור, אַלזאָ, בלויז פון פאַרברויכער, און ווי? עפּשער איך פון אומנוציקע מיילער, וואָס פאַלן צו לאַסט דעם פּראָדוצירער?

... ניט בלויז דער, וואָס אַרבעט מיט די הענט, נאָר איבערהויפּט, ווער ס'טוט בלויז עפּעס, ברענגט אַרויס, באַגינסטיקט, פאַרלייכטערט דאָס, וואָס קאָן פאַרשאַפן זיין כאָווער נוצן אָדער פאַרגעניגן, פאַרדינט דעם נאָמען פּראָדוצירער... מאַנכער סויכער, וואָס מאַכט ספּעקוליאַציעס אין זיין ביוראָ, אָדער פאַרפּאַסט פּלענער אין זיין פאָטעל, פּראָדוצירט אין טאָך מער, ווי דער אַרבעטער און באַלמעלאָכע, וואָס מאַכט דעם גרעסטן גערויש. דער מיליטערמאַן פּראָדוצירט, ווײַרעם ער פאַרשאַפט דער מעלוכע רו און זיכערקייט... בלויז אין אַן אָנפאַל פון שלעכטער שטימונג קאָן אַזאַ קלוגן מענטשן, ווי רוסאָ, איינפאַלן, אַז דער ביסקוויט־בעקער אין פּאַריז פּראָדוצירט מער, איידער די אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן...

פאַרדינט דען דער צווישנהענדלער דעם נאָמען פון אַן אומנוציקן פאַרברויכער? די מאָטיוון פאַר אַ קליינעם צווישנהענדלער זיינען נאָך מער איבערצייגנדיק, ווען מע ווענדט זיי אָן אויפן גרויסן צווישנהענדלער, אויפן אייגנטלעכן סויכער, וואָס פירט און זעצט אָפּ די פּראָדוקטן פון דער נאַטור און פונעם פלייס, פון לאַנד אין לאַנד, פון וועלטגעגנט אין וועלטגעגנט. ער איז דער עמעסער ווילטעטער פון דער מעלוכע און ביכלאַל פונעם מענטשלעכן געשלעכט, און, אַלזאָ, בעשומויפן ניט אַן אומנוציקער מויל, וואָס מוז אומזיסט אויסגעהאַלטן ווערן פונעם פּראָדוצירער...

מע דאַרף שטרעבן, ווי ווייט מעגלעך, פאַרמינערן די באַגרענעצונגען, אָפּשאַפן די מאָנאָפּאָליעס, פּריווילעגיעס און אויסשליסונג־רעכט, געבן גלייכע רעכט און פרייהייט דעם קלענסטן אויפקויפער מיט גרעסטן האַנדל־הויז; מיט איין וואָרט, אַנטוויקלען די קאָנקורענץ אָף אַלע אויפאַנים צווישן די פאַר־מיטלער, דערוועקן צווישן זיי אַ געוועט... בלויז דורך קאָנקורענץ, אומבאַגרענעצטער פרייהייט און גלייכהייט אין די רעכט פון קויפן קאָן מען דערגרייכן די דאָזיקע צילן...“

(באַנד 3, ז. 189—192).

מעלוכע און קירך:

„... די קירך האָט קיין שום רעכט ניט אויף פֿאַרמעגן און אייגנטום, זי קאָן ניט האָבן קיין שום פּרעטענזיע אויף בײַטראָג און אָפּזאָג... אַלע מענטשלעכע אָפּמאַכן האָבן דער קירך ניט געקאָנט געבן רעכט אויף פֿאַרמעגן און אייגנטום, וואָרעם לויט איר מהוס קאָן זי דאָס ניט פֿאָדערן... זי קאָן, אַלזאָ, קיינמאָל ניט האָבן קיין צוואַנגרעכט, און די מיטגלידער קאָן ניט אַרופֿגעלייגט ווערן קיין שום צוואַנג־פֿליכט בענעגייע איר... אַזוי־אַרום האָט די קירך אויך ניט קיין רעכט מײַסים צו באַלוינען אָדער צו באַשטראָפֿן. די בירגערלעכע מײַסים געהערן צו דער מעלוכע, און די אייגנטלעכע רעליגיעזע מײַסים פֿאַרטראָגן ניט לויט זייער מהוס קיין שום צוואַנג אָדער אונטערקויפֿן... אויך די מעלוכע האָט ניט געקאָנט באַקומען דורך קיין שום אָפּמאַך דעם מינדעסטן צוואַנגרעכט איבער די מיינונגען...“

(באַנד 3, ז. 283—285).

פֿרײַהײַט פֿון געוויסן באַדײַט פֿרײַהײַט פֿון רעליגיעזע מיינונגען; אָבער אַנטירעליגיעזע מיינונגען, אַטעיזם, דאַרף באַקעמפֿט ווערן.

„... ניט די מעלוכע און ניט די קירך זײַנען באַרעכטיקטע ריכטער אין רעליגיע־איניאָנים... עמעס, די מעלוכע דאַרף פֿינוויַטן אַכטונג געבן, אַז ס׳זאָלן ניט פֿאַרשפּרייט ווערן קיין שום לערעס, מיט וועלכע ס׳פּאָרט זיך ניט דער עפֿנטלעכער וווילשטאַנד, וואָס גראָבן אונטער, ווי אַטעיזם און עפּיקורייזם, דעם יעסאָד, אויף וועלכן ס׳רוט די גליקזעליקײַט פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן... פּלוטאַרך און בייל מעגן זיך פֿאָרשן, צי שנײַדט ניט אָפּ די מעלוכע בעסער באַם אַטעיזם, ווי באַם אָבערגלויבן, זיי מעגן כעזשבענען און פֿאַרגלײַכן יענע פּלאָגן, וואָס זײַנען ביז יעצט אַנטשטאַנען און דראָען נאָך אַנטשטיין פֿון די דאָזיקע פֿאַרשיידענע קוואַלן פֿונעם עלנט פֿאַרן מענטשלעכן געשלעכט. אין טאָך באַדײַט עס ניט עפּעס אַנדערש, ווי אויסצופֿאָרשן, וואָס דראָט גיכער מיטן טויט, לאַנגזאַמער אָדער היציקער פֿיבער?... אַזוי־אַרום וועט יעדע בירגערלעכע געזעלשאַפֿט גוט טאָן, ווען זי וועט ניט דערלאָזן קיינעם פֿון ביידע, ניט דעם פֿאַנאַטיזם און ניט דעם אַטעיזם, זיך אײַנוואָרצלען און זיך פֿאַרשפּרייטן... אָן גאָט און אָן האַשגאָכע און אָן קינפֿטיקן לעבן איז מענטשנליבע אַן אײַנגעבוירענע שוואַכקײַט...“

(ב. 3, ז. 286—287).

קעגן מאַטעריאַליזם און אַטעיזם.

„... דער פֿאָרשטעלונג־אויפֿן (פֿונעם פֿאָשעטן מענטשן) פֿאַרמאָגט עפּעס פֿעלערדיקעס, אָבער ער פֿירט דירעקט צו דער דערקענטעניש פֿון אַ ניטזיכטבאַרן, אַלמעכטיקן וועזן... אָבער ווי נאָר אַן עפּיקור אָדער לוקרעץ, אַ העלוועציוס אָדער יום קריטיקירט דאָס ניטפֿולשטענדיקע אינעם דאָזיקן פֿאָרשטעלונג־אויפֿן און מאַכט איבערפֿלייצונגען אויף דער אַנדערער זײַט, און וויל טרײַבן אַ פֿאַרפֿירערישן שפּיל מיטן וואָרט נאַטור, דערוועקט די האַשגאָכע ווידעראַמאָל אַנדערע מענטשן אין פֿאָלק, וואָס טיילן אָפּ דעם פֿאָרורטייל פֿונעם עמעס, קאָרעגירן דאָס איבערגעטריבענע פֿון ביידע זײַטן, און באַווײַזן, אַז דער עמעס באַשטייט, אַפֿילע ווען ס׳ווערט אָפּגעוואָרפֿן דער פֿאָרורטייל...“

(ב. 3, 317).

קעגן העלוועציוסעס ווערק „וועגן גײַסט“.

„... לויט אײַער און דעם הערן לעסינגס רעקאָמענדאַציע האָב איך איבערגעלייענט העלוועציוסעס בוך „וועגן גײַסט“. אָבער, דערלויבט, מײַנע הערן! איך געפֿין ניט, אַז דאָס בוך איז אַזוי אויסערגעוויינלעך, ווי איר האָט עס מיר געלויבט. מע קאָן ניט לייקענען, דער מענטש האָט אַן אויסגעצייכנטן סטיל, אָבער דאָס איז אַלץ. זײַן פֿילאָסאָפֿיע איז אויסערגעוויינלעך פֿלאַך... איך האַלט, אַז ער פֿאַרמאָגט ניט גענוג שאַרפֿזיניקײַט, קעדיי וואָרשײַנלעך מאַכן זײַנע פּאַראַדאָקסן... אַז איך האָב איבערגעלייענט דאָס ווערק, האָב איך באַקומען כיישעק מאַכן אַ פּאָר פֿערזן... איך האָב געשריבן:

די אייגנשאַפֿטן דיזעס באַנדעס
זינד וויץ, געשמאַק, פֿיל פֿאַנטאַזיי,
פֿראַנצעזישע סאָפֿיסטערײַ
אונד וועטערלויכטען דעם פֿערשטאַנדעס...“

(בריוו צו אַבטן, 22 פֿעברואַל 1762, ב. 5, 250—251).

א ייִד קאָן ניט און טאָר ניט זיך באפרייַען פון די געזעצן פון דער ייִדישער רעליגיע.

„... און בעעמעס, איך זע ניט איַין, ווי־אַזוי קאָנען זיך די יעניקע, וואָס זיַינען געבאָרן אין יאנקעווס הויז, זיך באפרייַען אף וועלכן ס'איז געוויסנהאפטיקן אופן פון גאָטס געזעץ. עס איז אונדז דערלויבט ארומצוטראכטן וועגן דעם געזעץ, זיַין גייַסט צו דערפאָרשן, דאָ און דאָרט, ווו דער געזעצגעבער האָט ניט אָנגעגעבן א מאָטיוו, מעשאער זיַין א מאָטיוו... אָבער קאָלזמאן מיר קאָנען ניט דאָקומענטירן אן אויטענטישע באפרייַונג פון גאָטס געזעץ, קען אונדז אונדזער גריבלערייַ ניט באפרייַען פון דעם שטרענגן געהאָרכזאם, וואָס מיר זיַינען שולדיק דעם געזעץ, און די ערפורכט פאר גאָט שאפט א גרענעץ צווישן ספעקוליאציע און אויספירונג, וואָס ס'טאָר ניט איבערשרייַטן קיין שום געוויסנהאפטער... פערזענלעכע געבאָטן, פליכטן, וואָס זיַינען ארופגעלייגט געוואָרן אפן בען־ייִסראָעל אָן א פארבינדונג מיטן בייס־האמיקדאָש און ערד־אייגנטום אין פאלעסטינע, מוזן שטרענג געהאלטן ווערן לויטן וואָרט פון גאָטס געזעץ ביז דער אויבערשטער וועט באווייַזן אונדזער געוויסן און הויך און עפנטלעך באקאנטמאכן זייער באָטל ווערן... און אפילע ווען עמיצער פון אונדז גייט אריבער צום קריסטלעכן גלויבן, פארשטיי איך ניט, ווי־אַזוי גלויבט ער, אז דורכדעם קאָן ער זיַין געוויסן באפרייַען און אראָפוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון גאָטס געזעץ?...“

(ב. 3, 356—357).

די מעאספים

די ערשטע וויכטיקע אויסווירקונג פון מענדעלסאָנס „בעיער"־אונטערנעמונג איז געווען די געזעלשאַפט „חברת דורשי לשון עבר" (פריינט פון דער העברעיִשער שפּראַך, דייטש: „געזעלשאַפט העברעיִשער ליטעראַטורפרוינדע"), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קיניגסבערג אין יאָר 1783 מיטן ציל ארויסצוגעבן א העברעיִשן זשורנאַל. אויך אין דעם פּראַט איז זיי מענדעלסאָן פאָרויסגעגאַנגען,— מיט זיין העברעיִשן זשורנאַל „קהלת מוסר", וואָס ער האָט ארויסגעגעבן מיט זיין פריינט טעוויע באָק אין בערלין אין יאָר 1750, נאָך איידער ער האָט געשריבן דייטש. פון מענדעלסאָנס זשורנאַל, וואָס האָט פּאָפּוליאַריזירט לייבניץ־וואָלפס פילאָסאָפיע און געשטרעבט אופצולעבן די העברעיִשע שפּראַך, זיינען אָבער ארויס בלויז א פּאָר בלעטלעך — די יִדישע אָרטאָדאָקסיע האָט אים גלייך אָפּגעשטעלט. דרייסיק יאָר שפּעטער איז אָבער די לאַגע געווען גאַנץ אַנדערש. דער קיניגסבערגער זשורנאַל האָט שוין געקאָנט דערשיינען ניט געשטערט. עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס דער אָרגאַן פון דער דייטשישער העברעיִשער האַסקאָלע האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין קיניגסבערג: עס איז געווען, ווי מיר וויסן שוין, א צענטער פון אופגעקלערטע, ענלעך ווי בערלין; די נאָענטקייט צו מיזרעך־אייראָפּע, די גרויסע צאָל ליטוויש־פּוילישע צוגעפאָרענע יִדן אין דער שטאָט גופא, די פּראָווינציִעלע אָפּגעשטאַנענקייט לעגאַבע דער פּרייסישער הויפּטשטאָט,— דאָס אַלץ האָט אין קיניגסבערג געשאַפן א מער גינסטיקע סוויווע פאַר א זשורנאַל אין העברעיִש. ער איז טאַקע גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א „זאַמלער" (המאסף), אין א זאַמלפּונקט פון אַלע מאַסקילים פון זיין צייט, וואָס האָבן געשריבן העברעיִש.

די קיניגסבערגער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון יונגעלייט פון א פאַרשיידענער סאָציִאַלער לאַגע,— אָרעמער אינטעליגענץ און קינדער פון רייכע, אופגעקלערטע גבירים — פון א פאַרשיידענעם גראַד בילדונג,— א טייל מיט בלויז יִדיש־טראַדיציִאָנעלער בילדונג, א טייל שוין וועלטלעך געבילדעט, אויטאָדידאַקטן און סטודענטן פון אוניווערסיטעט (לויט זייער בריוו צו ווייזלען: „אגודת בחורים משכילים מהם תורניים ומהם יודעי לשונות זרים יון ורומי ויתר העמים ומביני ענין בחכמות השמושיות והרמות").

דער הויפּטאיניציִאַטער איז געווען איציק אייכל, קאַנטס א סטודענט אפן קיניגסבערגער אוניווערסיטעט און אן אָרעמער לערער אין הויז פון די פרידלענדערס, וואָס איז דאַן אַלט געווען 27 יאָר. שוין צוויי וואָכן נאָך דער גרינדונג פון דער געזעל־

שאפט בעט זי בא מענדעלסאָנען און נאַפטאַלי־הערץ וויזל, זיי זאָלן איבערנעמען די רעדאַקציאָנעלע אופזיכט (וברבות הימים ישלחו ההעתקות והפירושים הנבחרים שבהם למעלתך הרמה ולכבוד החכם מהור״ר משה נ״י לשפוט עליהם״). ביפראט האָפט די געזעלשאַפט אף דער נאָענטסטער מיטאַרבעטערשאַפט פון נאַפטאַלי־הערץ וויזל, בעט בא אים לידער און אַרטיקלען, טיילט אים מיט די פּראָגראַם פון זשורנאַל (א פערטל בויגן יעדע וואָך, מיטן אינהאַלט: 1. העברייִשע לידער, 2. אַרטיקלען וועגן מאָראַל און וויסנשאַפט, אויך ביאָגראַפיעס פון גרויסע ייִדישע לייט, 3. נייַס, וואָס קומען פאָר בא ייִדן, ביפראט וועגן זייער עמאַנסיפּאַציע אין א טייל לענדער, וועגן פּראָגרעס פון דערציִונג, א. א. וו., עס זאָל זיי קאָנען לייענען א מענטש, וואָס פאַרשטייט ניט אַנדערע שפּראַכן). דער זשורנאַל איז באַשטימט צום נוצן פון דער יוגנט, וואָס זוכט וויסן, און צו דער פאַרוויילונג פון אירע דערוואַקסענע ליבהאָבער. פינאַנציעל איז ער געזיכערט דורך דער אונטערשטיצונג פון אייניקע גווירים.

ענלעך ווי באַם „בעיער״, זעען מיר אויך אין דער דאָזיקער פּראָגראַם א געמיש פון הומאַניסטישע און אופקלערערישע טענדענצן. דער דריטער פּונקט דערציילט אונדז וועגן יענע עמאַנסיפּאַציע־האָפענונגען, וואָס האָבן זיך דערוועקט בא דער אופקומענדיקער ייִדישער בורזשואַזיע אין צוזאַמענהאַנג מיטן רעפאָרם־עדיקט פון דעם עסטרייַכישן קייזער יאָזעף II (1781), און באַטאָנט די שטרעבונג פון זשורנאַל צו האָבן א געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַדייַטונג און אָנפירן א פּראָפּאַגאַנדע אויך צווישן יענע שיכטן פון ייִדישן בירגערטום, וואָס לייענען בלויז אין העברייִש. עס איז, אַלזאָ, ניט קיין ווונדער, אַז די איניציאַטערס פון „המאסף״ ווענדן זיך קודעם־קאָל צו וויזלען, מיינענדיק דערבייַ ניט נאָר דעם דיכטער און געלערנטן, נאָר אויך, און עפשער קודעמקאָל, דעם געזעלשאַפטלעכן קעמפער. וואָרעם אָקאָרשט (1782) זייַנען דערשינען וויזלס בריוו „דברי שלום ואמת״, ווו ער האָט באַגריסט די אַקציע פון דער עסטרייַכישער רעגירונג און געפאָדערט א רעפאָרם פון דער ייִדישער דערציִונג־בריוו, וואָס האָבן אַרויסגערופן א שטורעם בא דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע, ביפראט בא אַזעלכע זייַלן אירע, ווי יעכעסקל לאַנדע, ווי דער ווילנער גאָען און א ריי ראַבאָנים פון קלענערן פאָרמאַט.

וויזל איז אָבער נאָך ווייניקער פון מענדעלסאָנען געווען א קעמפער. ווי מיר וויסן שוין, איז ער געווען פרימער און מער טראַדיציאָנעל געשטימט, ווי דער דעסער, אַזוי ווייַט, אַז מענדעלסאָן האָט מוירע געהאַט אים שיקן דעם „פעדאָן״. ווען ס׳איז אָבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער עדיקט פון יאָזעף II, האָט אף א ווייל אופגעפלאַקערט וויזלס בירגערלעכער קלאַסן־באַוווסטזייַן. עמעס, פאַר זייַן קאָנסערוואַטיזם איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן עדיקט פאַרשאַרפט ער די אופמערקזאַמקייט בלויז אף דערציִונג־פּראַגעס. דאָך רייַסט זיך אַרויס בא אים אַזא שאַרף וואָרט פאַר יענע צייַטן, (א פּאַראַפראַזע פון א טאַלמודישן וואָרט), אַז א טאַלמיד־כאָכעם, וואָס פאַרמאָגט ניט וועלטלעכן וויסן, איז ערגער פון א נעווײלע, וואָרעם א נעווײלע קען כאָטש נוצן ניט קיין ייִד, באַשאַס אַזא מין ייִדישער לאַמדן טויג ניט פאַר ייִדן, ניט פאַר קריסטן.

עס איז אָבער געווען בלויז שטרויענער פייַער. שוין צוויי יאָר שפּעטער האָט וויזל טשוווע געטאָן, אַוועק אין קאַנאָסע, און ניט ווייל ס׳האָבן אים דערשראָקן די

זידל־דראָשעס פון דעם ליסער ראָוו דאָוויד־טעוול, וואָס האָט געפּײַערט אפן „שויטע, ראָשע, גראָבן יונג, נאר” ווײַזל, אָדער פון דעם פּראָגער ראָוו יעכעסקל לאַנדע, וואָס האָט אים באצירט מיטן עפּיטעט „ראָשע”, אָדער דעם ווילנער גאָענס אופטוען, וואָס האָט זײַן סאָפּקאָלסאָף גאנץ אומשולדיקן ביכל געהייסן צוערשט אופהענגען אין פּאָליש אף דער קייט, און דערנאָך פארברענען עפנטלעך, אָדער די נעגישעס פון די אָרטאָדאָקסן אפילע אין בערלין, וואָס האָבן אים שיר ניט פארטריבן פון שטאָט. אין זין פון זײַנע איבערצײַגונגען איז ווײַזל געווען א גאנץ אומבויגזאמער מענטש. ניט פאר זײַנע אָרטאָדאָקסישע פארפאָלגער האָט ער זיך דערשראָקן, נאָר פאר זיך אליין, פאר דעם אייגענעם געדאנק, וואָס האָט אים צו ווײַט אוועקגעפירט, פאר דעם שטראָם, וואָס האָט אים אוועקגעשלעפּט אסאך ווײַטער, ווי ער האָט אליין געוואָלט, און צוגעגעבן זײַן ארויסטרעטונג אזא באדײַטונג, וואָס ער האָט אליין ניט געמיינט. און אין זײַן לעצטן בריוו פון דער זעלביקער סעריע א. ט. „רחובות” (1784) קלאָגט ער שוין, אז די נײַגעעפנטע רעפאָרמירטע יידישע שולן גיבן זיך אָפּ מער מיט דײַטש און וועלטלעכע לימודים, ווי מיט רעליגיעזע יידישע לימודים, און אז דער עדיקט פון יאָזעף II האָט ביכלאל ניט געבראכט יענע רעזולטאטן, אף וועלכע מע האָט געהאָפט, און ער פארענדיקט פעסימיסטיש: „סוף דבר: תחת חטה יצא חוח ותחת שעורה־באָשה. תמו דברי נפתלי”.

אין אזא געמיטצושטאנד איז צו ווײַזלען אָנגעקומען דער בריוו פון די קיניגסבערגער יונגע מאסקילים, און ער אײַלט זיך זיי ענטפערן אין א דורכויס קאָנסערוואטיוון גײַסט. ער וואָרנט זיי, זיי זאָלן אָנגיין ביז גאָר פאָרזיכטיק, און ביפראט האלטן זיך בא אזעלכע זאצן: 1. זיי זאָלן געדענקען, אז גאָטפּאָרכטיקײַט גייט פאר כאָכמע. און זי זאָל טאקע אָנפילן אלע זייערע ווערק. 2. ניט דערמאָנען אין די לידער די גריכישע און די רוימישע מיטאָלאָגיע, 3. ניט דרוקן גלוסטיקע ליבע־לידער, אשטייגער, ווי די לידער פון אימאָנועל הארוימי און אסאך פון די מאָדערנע אייראָפּײַשע שרײַבער. 4. „איר זאָלט ניט פארפאסן אָדער איבערזעצן מעליצעס און שפּאָט־דערציילונגען אָפּצולאכן פון אײַערע ברידער און זייערע מײַסים... מיט די מיטלען פון סאטירע (ווײַזלס קורסיוו.—מ. ע.)... האָניק און מילך זאָל זײַן אף אײַער צונג”. 5. ניט באנוגענען זיך בלויז מיט דער פאָרשונג פון העברייאיש ווי א שפּראך פאר זיך, נאָר ווי א מיטל און וועג צום טאנאך.

ווײַזל שטרעבט, אלזאָ, גלײַך אָפּהאקן די פליגלען פון דעם נײַעם האסקאָלע־אָרגאן, באגרענעצן אים אין אן אָרגאן פאר העברייאיש־ביבלישע פאָרשונגען אין א מאָראלישן און רעליגיעזן גײַסט. אכוץ די פונקטן 2 און 3, וואָס זײַנען קליינלעך־פּיליסטרישע, קאָנסערוואטיווע פאָדערונגען, איז כאראקטעריסטיש די פאָדערונג אויסצומײַדן דעם וועג פון א סאטירישן זשאנער, ארויסצורײַסן בא די יונגע מאסקילים דעם נאטירלעכסטן וואָפן פון א יונגן, אופשטרעבנדיקן קלאס [1]. די קיניגסבערגער געזעלשאפט איז אָבער געווען נאָך אזוי רוי און אומדערפארן, אזוי בונט אין איר סאָציאלן באשטאנד, אזוי מעטושטעש און אומבאהאָלפן אין איר אידעאָלאָגישן פּארצעף,

---

1) אויך מענדעלסאָן האָט געפּריידיקט, „אז ניט פארשפּאָטונג,—דאָס איינציקע מיטל צו פארשפּרייטן עמעסע אופקלערונג איז אופקלערונג”. זע זײַן ארטיקל, באנד III, ז. 413—415, אויסגאבע 1843,

אַז זי האָט אין גרונט אָנגענומען קימאַט אַלע פֿאָדערונגען פֿון וויזלס אולטימאַטום, צוויי כאַדאָשים שפּעטער דערשײַנט דער פּראָספּעקט פֿון זשורנאַל א. ט. „נחל הבשור", וווּ ס׳ווערט פּובליקירט די קאָרעספּאָנדענץ מיט וויזלען, און די צילן און באַדינגונגען פֿון זשורנאַל ווערן קאָנצענטרירט אַרום 5 פֿראַגעס: 1. וואָס? 2. ווער? 3. פֿאַר וועמען? 4. צו וואָס? 5. וויאַזוי?

געענטפֿערט ווערט אַזוי: צו 1 (וואָס?): דער זשורנאַל וועט דרוקן העברעיִשע לידער ביז איצט ניטפֿאַרעפֿנטלעכטע אָדער ערשט פֿאַרפֿאַסטע, אָבער ניט ליבע־לידער, וואָס זײַנען פֿול טײַוועס, אָדער לידער, וואָס פֿאַרופֿן זיך אויף פֿרעמדע געטער (אין זין פֿון וויזלס פֿאָדערונגען); אַרטיקלען אַלגעמיין־לינגוויסטישע און וועגן דער העברעיִשער שפּראַכוויסנשאַפֿט, טײַטשן פֿון טאַנאַך, פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען, אויך וועגן מאָראַלישער און פֿיזישער דערציִונג. אָפּהאַנדלונגען וועגן טאַלמודישע פֿראַגעס, אָבער קעגן דעם פּילפּל־מעטאָד, ביִאָגראַפֿיעס פֿון גרויסע ייִדישע לײַט — גרויסע ראַבאָנים, געלערנטע און אויך ייִדישע גווירים און פֿילאַנטראָפּן, צײַט־יעדיִעס, און ענדלעך רעצענזיעס.

צו 2 (ווער?): אַרויסגעבער איז די שוין כאַראַקטעריזירטע געזעלשאַפֿט פֿון יונגעלײַט.

צו 3 (פֿאַר וועמען איז דער זשורנאַל באַשטימט?): ער איז לעכאַטכילע פֿאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ יוגנט־זשורנאַל („ביד בחורי ונערי בני ישראל").

צו 4 (צו וואָס ווערט דער זשורנאַל אַרויסגעגעבן?): 1. צו פֿאַרשפּרייטן וויסן, 2. צו פֿאַרשפּרייטן די קענטשאַפֿט פֿון העברעיִש.

צו 5: דער זשורנאַל דערשײַנט איין מאָל אין כוידעש א. ט. „המאסף", אין דער גרויס פֿון 1 בויגן, מיט דײַטשישע בײַלאַגעס אין דער דײַטשישער שריפֿט.

אין אַזעלכע מאָגערע באַדינגונגען האָט דער „המאסף" אָנגעהויבן דערשײַנען, — אַ יוגנט־זשורנאַל פֿון קלײנטשיקן פֿאָרמאַט, מיט אַ שטרענג־אַרומגעשווירענער און באַגרענעצטער פּראָגראַם. דרײַ יאָר איז ער דערשינען אין קיניגסבערג אונטער אייכלס הויפּט־רעדאַקציע (1784־1786); דערנאָך קומט אַ האַפּסאָקע פֿון אַ יאָר צײַט. די געזעלשאַפֿט „פֿרײַנט פֿון דער העברעיִשער שפּראַך" ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ „חברת שוחרי הטוב והתושיה" — אין פֿרײַנט פֿון גוטס און קולטור, — ד. ה., זי באַקומט אַ מער אויפֿקלערערישן כאַראַקטער, און אויך דער „המאסף", וואָס ווערט איצט באַנײַט אין בערלין (1788־1790), וואַקסט אויס אין פֿאָרמאַט, אַקטיוויקײַט, באַדײַטונג, ווערט דרייסטער אין טאָן — עס הייבט שוין אָן ווירקן דער פֿלאַקער פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָליוציע, און דער „המאסף" וואַגט אַפֿילע געבן אַ באַריכט וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג אין פּאַריז, וועגן דער צעשטערונג פֿון דער באַסטיליע, און די פּעטיציע פֿון די פּאַריזשער ייִדן (1789־, ז. 365־372). זינט 1791 ווערט דער „המאסף" ווידער אָפּגעשטעלט, און אַ נײַער פּרווו ווערט געמאַכט אין די יאָרן 1794־1797, ווען ס׳דערשײַנען ווידער אַ פּאָר העפֿטן. אין יאָר 1797 איז פֿאַקטיש דער „המאסף" שוין אונטערגעגאַנגען. אַ פּאָר דורעס מאַסקילים האָבן זיך אָבער געמיט אויפֿצולעבן דעם זשורנאַל. 1809־1811 גיט אַרויס אונטערן זעלביקן טיטל דער מאַסקיל שאָלעם האַקויען נײַע 3 בענדער, 1829 גיט אַרויס אַ געוויסער פֿירשטנטאַל אַ באַנד אין ברעסלע. אַן אויסוואַל פֿון אַלטן „המאסף" ווערט סיסטעמאַטיש איבערגעדרוקט

אין דעם אָרגאַן פון די גאַליציש מאַסקילים „בכורי העתים" (זינט 1820). און נאָך אין יאָר 1862 דרוקט איבער מעיער לעטעריס פוּלשטענדיק, און מיט אסאך דערגאַנצונגען, דעם גאַנצן ערשטן יאָרגאַנג פון „המאסף" (1784).

דער „המאסף" האָט, אַלזאָ, געהאַט אַ שווערע און געמאַטערטע עקזיסטענץ. אין משך פון 13 יאָר (1784־1797) זיינען דערשינען בלויז 7 בענדער, אָנשטאָט אַ כּוֹידעש־זשורנאַל איז ער פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַרטאַל־שריפט. דאָך האָט ער באַוויזן צו ווערן די פאָן פון אַ גאַנצער באַוועגונג, אַ פאָן, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך וויַיטערדיקע דורות פון דער העברעיִשער האַסקאָלע אין מיזרעך־אייראָפּע. עס האָט זיך איבערגעכאַזערט די זעלביקע געשיכטע, ווי מיט מענדעלסאָנס „בעיער": אין דייַטשלאַנד איז זיין מעסיקע, קאָנסערוואַטיווע אויפקלערעריַי גיך געוואָרן פאַרעלטערט און קיינעם ניט נייטיק. דער „המאסף" האָט געהאַט אַ קליינע בייַלאַגע אין דיַיטש מיט דייַטשישע אויסיעס,—עס זיַינען אָבער גיך אויפגעקומען אָרגאַנען אין דיַיטש מיט קליינע בייַלאַגעס אין העברעיִש,—ווי „שולמית", „ידידיה",—די יידישע בורזשואַזיע אין דיַיטשלאַנד איז מיט ענערגישע שריט אַוועק צו דער דיַיטשישער קולטור און שפּראַך, און אַריבערגעשפּריַיזט איבערן טויטן קערפּער פון דער העברעיִשער האַסקאָלע. אין מיזרעך־אייראָפּע, אין גאַליציע און רוסלאַנד האָט אָבער נאָך צענדליקער יאָרן געלעבט די מעאַספ־טראַדיציע, ווי אַ טראַדיציע פון אַ בונטאַרישער אויפקלערערישער באַריקאַדע.

אַזאַ מין באַריקאַדע, אַ זאַמלפונקט פון בונטאַרישע אויפקלערער איז אָבער דער „המאסף" ניט געווען. ער איז אָבער אויך ניט געווען, אַ שוצוואַל, אויפגעשטעלט קעגן דער פליַיצנדיקער כוואַליע פון אַסימיליאַציע, ווי עס טראַכטן איצט אויס די ציאָניסטישע אַפּאָלאָגעטן, די קליינמאַנס און קלויזנערס. ניט ריכטיק איז אויך קלויזנערס טעאָריע (290), אַז וויַיל די „מעאַספים" האָבן געשריבן אין העברעיִש, זיַינען זיי געווען קאָנסערוואַטיוו. פאַרקערט, דער קאָנסערוואַטיזם פון זייער אויפקלערעריַי האָט געפירט צו העברעיִש, פּונקט ווי ער האָט געפירט צו דער פּסעוודאָ־קלאַסיק.

דער „המאסף" איז געווען אַן אָרגאַן פון קאָנסערוואַטיווער אויפקלערונג, דער אויסדריקער פון בירגערלעכע שיכטן, וואָס האָבן לאַנגזאַם גענומען איבערוקן זיך פון געטאָ צו אויפקלערונג. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע, וואָס האָט אָפּגעפרישט אַפילו דאָס דיַיטשישע אָפּגעשטאַנענע לעבן, האָט גליַיך אונטערגעהאַקט דעם צוויַיג, אויף וועלכן ס׳זיַינען געזעסן די מעאַספים. ענלעך ווי מענדעלסאָנס „בעיער", איז אויך דער „האַמעאַסעף" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בריק, איבער וועלכן טויזנטער יידישע יונגעליַיט פון מיטלבירגערטום האָבן זיך אַריבערגערוקט צו דער אייראָפּייִשער קולטור. אין דיַיטשלאַנד האָט זיך אָבער דאָס געטאָ גיך דערנעענטערט צום אַלגעמיינעם לעבן, און דער בריק איז געוואָרן איבעריק.

ניט קיין שוצמויער איז געווען דער „האַמעאַסעף"—ער איז געווען אַ בריק. אָבער מער ווי אַ בריק האָט ער ניט געקאָנט זיַין. ער האָט ניט געקאָנט פּראָגרעסירן, זיך אַנטשיידנדיק ראַדיקאַליזירן, וואָרעם דאָס איז מעגלעך געווען בלויז אַוועקוואַרפנדיק סיַי די הומאַניסטישע ביבלפאַרשונגען, סיַי די פּסעוודאָקלאַסיק, סיַי העברעיִש,—ד. ה.

ווערנדיק אויס „המאסף", ליקווידירנדיק זיך אליין. דער „המאסף" האָט געקאָנט עקזיסטירן און האָבן א ווירקונג בלויז קאָלזמאַן די כוואַליעס פון בורזשואזן קלאַסןבאַוווסטזיַין, פון קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג האָבן לאַנגזאַם צוגענומען אין דער יידישער סוויווע. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער שלאָגן, האָט זיך גלײַך איבערגעקערט דאָס בידנע שיפל פון דער העברייִשער האסקאָלע.

מענדעלסאָן, וויַיזל און די מעאספים,— דאָס זיַינען די דריַי זיַילן פון דער קאָנסערוואַטיווער יידישער אופקלערונג אין דיַיטשלאַנד. ניט אומזיסט זיַינען מענדעלסאָן און וויַיזל געשטאַנען בא דעם וויגעלע פון „המאסף". זייער פּשאָרעדיקער, קאַמפמיַידנדיקער גייַסט דרינגט דורך אויך דעם „המאסף". מענדעלסאָן האָט בלויז א פּאָר לידער און אַרטיקלען געגעבן אין דעם זשורנאַל. ברייט האָט זיך דאַקעגן פאַנאַנדערגעלייגט אין „המאסף" וויַיזל—מיט לידער, טאַנאַכישע פאָרשונגען, געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען, אלץ לאַנג, לאַנגוויַיליק און טויט ביז גאָר.

דער עפּיזאָד מיט די „דברי שלום ואמת" (1782-1784) איז וויַיזלס איינציקע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונג. אף זיך אליין האָט וויַיזל טאָמיד געקוקט ווי אף א פאָרשער און קאָמענטאַטאָר פון דער ביבל; און זיַין גרויסע פּאָעמע, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט, זיַין „מאָזאיִדע", האָט ער אין טאָך פאַרפאַסט אויך בלויז, ביכדיי אויסצוטיַיטשן דעם ביבלישן טעקסט פון יעציִעס־מיצראַיִם, נעמענדיק אין אכט, אז לידער ווערן מער געלייענט, ווי וויסנשאַפטלעכע קאָמענטאַרן...

די דאָזיקע „מאָזאיִדע" ווערט אָבער באַטראַכט ווי די גרעסטע דערגרייכונג פון דער דיַיטשישער מאַסקילישער פּאָעזיע, און וויַיזל — ווי דער גרעסטער פּאָעט פון דער בערלינער האסקאָלע. עס איז נאָך איין באַוויַיז פאַרן גייַסטיקן און קינסטלערישן עלנט פון דערדאָזיקער באַוועגונג. די „מאָזאיִדע" („שירי תפארת") האָט וויַיזל אָנגעהויבן שריַיבן קימאַט צו זעכציק יאָר. איר ערשטער נוסעך איז פאַרענדיקט געוואָרן אין מעשעך פון 4 יאָר (1785-1789), וויַיזל האָט אָבער אָן אופהער געאַרבעט איבער דער פּאָעמע קימאַט ביז זיַין טויט (1805) ד. ה. 20 יאָר. עס איז א ווערק פון א זאָקן. עס קומט אָבער אין דער „מאָזאיִדע" צום אויסדרוק אויך די גאַנצע זיקנעס, די גאַנצע פאַרעלטערטקיַיט און עפּיגאָנערישקיַיט פון דער בערלינער העברייִשער האסקאָלע.

די „מאָזאיִדע" איז געשריבן אין סטיל פון קלאָפּשטאָקס „מעסיִאַדע". אין די אכציקער יאָרן פון אכצנטן יאָרהונדערט איז אָבער קלאָפּשטאָקס „מעסיִאַדע" שוין לאַנג געווען אן אַנאַכראָניזם אין דער דיַיטשישער ליטעראַטור. די ערשטע 3 געזאַנגען פון קלאָפּשטאָקס פּאָעמע זיַינען דערשינען 1748. אָבער שוין 5 יאָר שפּעטער האָט דער יונגער לעסינג פאַרצייכנט:

> Wer wird nicht einen Klopstock loben?
> Doch wird ihn jeder lesen?—Nein.
>
> („Sinngedichte").

25 יאָר האָט קלאָפּשטאָק געאַרבעט איבער דער פּאָעמע, און ווען ער האָט זי פאַרענדיקט אין יאָר 1773, איז באַלד אוועק א ווערטל איבער דיַיטשלאַנד, אז ס'איז

ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל האָבן זי געלייענט ביזן סאָף. ענלעך האָט ש. ד. לוצאטאָ דערקלערט, אז ער האָט קיינמאָל ניט געהאט קיין קויעך צו דערלייענען ביזן סאָף וויזלס פּאָעמע (אגרות שד״ל 3, 374). •

און דאָך איז ריכטיק, אז ארום דער העלפט פון אכצנטן יאָרהונדערט זיינען קלאָפּשטאָקס ערשטע געזאַנגען געווען אן אנטפּלעקונג פארן ליטעראַרישן דייטשלאנד. קלאָפּשטאָק האָט, עמעס, בלויז נאָכגעמאכט מילטאָנס „פארלוירענעם גאניידן״, א ווערק, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם אייגנאַרטיקן גאנג פון דער ענגלישער בורזשואזער רעוואָליוציע. „די קריגערישע מאכנעס מאלאָכים אין מילטאָנס „פארלוירענעם גאניידן״ — זאָגט פראנץ מערינג — זיינען אין טאָך, אין א דיכטערישער איבערקלײדונג, בלויז קראָמוועלס דראַגונער״ („צור ליטעראַטור־געשיכטע״, בערלין 1929, ב. 1, 50). אויב די ענגלישע בורזשואזע רעוואָליוציע איז אָבער געגאנגען אונטער דער פאָן פון פּוריטאניזם, האָט אין דייטשלאנד דער רעליגיעזער לעוווּש פון קלאָפּשטאָקס פּאָעמע אויסגעדריקט בלויז די שוואכקייט פון בירגערלעכן באוווּסטזיין, די קאָנסערוואטיווקייט און פארשקלאָפטקייט פון דער יונגער דייטשישער בורזשואזיע. אפן פאָן פון דעם דאזיקן פארגליווערטן בירגערלעכן לעבן האָבן אין 1748 געקלאָנגט נאָך פּריש און רעוואָליוציאָנער קלינגען קלאָפּשטאָקס מעליצעס, אשטייגער קריסטוסעס רוף צום גאָט־פאָטער.

— — — איך שווער דיר בא מיר אליין,

וואָס איך בין גאָט ווי דו, — איך וויל די מענטשן אויסלייזן.

דערנאָך האָט קלאָפּשטאָק א פערטל יאָרהונדערט וויטער געשמידט און געהאַמערט זיין פּאָעמע, וואָס קיינער האָט שוין ניט געדארפט האָבן. מיט א שטארקן טעמפּ איז אוועק דאָס לעבן נאָך דער זיבניאָריקער מילכאָמע. עס האָט דורכגערוישט לעסינג. עס איז אָנגעקומען דער „שטורעם און דראנג״. געטע האָט שוין לאנג פארפאסט דעם „ווערטער״ (1774) און שילער „די רויבער״ (1781), — און די בערלינער העברייִשע האסקאָלע האָלט ערשט רעכט באַם אופלעבן קלאָפּשטאָקן!

געוויס זיינען אין וויזלס פּאָעמע פאראן א פּאָר שיינע לירישע ערטער (אשטייגער דער מאָנאָלאָג פון יוכעוועד, איידער זי ווארפט אריין מוישען אין טייך); געוויס ליגט אף דער פּאָעמע א דינער אופקלערערישער הויך (מוישע איז צ.ב. א מין קאָנסערוואטיווער מאסקיל, א מאסקיל איז אויך זיין שווער יִסרע). דאָך איז די „מאָזאַידע״ צומייסטן פול מיט דידאַקטישן מוסער, מיט דידאַקטישע מעליצעדיקע לויבגעזאנגען צו גאָט, — זי איז א שול־פּאָעמע אין נאָך א גרעסערער מאָס, ווי קלאָפּשטאָקס „מעסיאַדע״.

וויזלס „מאָזאַידע״ און דער ענטוזיאזם, וואָס האָט זי באגלייט בא עטלעכע דורעס מאסקילים, איז די מאָס פון דער אָפּגעשטאנענקייט פון דער גאנצער בערלינער העברייִשער האסקאָלע. די זעלביקע פארעלטערטקייט פון דעם אידעאָלאָגישן צוגאנג, פון דער טעמאַטיק, פילט זיך אָבער אפן גאנצן „המאסף״. פון דייטשישע דיכטער ווערן דאָ איבערזעצט בלויז די עלטערע — ראמלער, האלער, געסנער, קלייסט, לעסינג א. א. מיטן גאנצן „המאסף״ רעגירט דער גייסט פון שטייפן ראציאָנאליזם, — די כוואַליעס פון „שטורעם און דראנג״, די שאפונג פון די יונגע געטע און שילער איז דאָ איג־

גאנצן ניט דערגאנגען. דער פּאָפּולערסטער זשאנער פאר אייגענער בעלעטריסטיק און איבערזעצונגען זײַנען מעשאָלים און מאָראַלישע סענטענצן (עפּיגראַמען), „זינגע־דיכטע", ווו ס׳פּילט זיך שטארק סײַ די פּראַקטיק פון לעסינגס מעשאָלים, סײַ זײַן מעשאָלים־טעאָריע. עס איז אָבער א כאראקטעריסטישער זשאנער פון דער עלטערער אופקלערונג, אַן עזאָפּישער, פּאָרזיכטיקער, ניטדרייסטער זשאנער פון דער יונגער, ניטזעלבשטענדיקער בורזשואזיע. ווען ער בליט אָפּ אין פראנקרײַך און דײַטשלאנד מיט דער פארשטארקונג פון די פּאָזיציעס פון בורזשואזן קלאס, געפינט ער נאָך אַלץ א דאנקבארן באָדן און גרויסע פּאָרשטייער אין מיזרעך־אייראָפּע (קראשיצקי בא די פּאָליאקן, קרילאָוו און א ריי אנדערע בא די רוסן, עטינגער אין דער יידישער ליי־טעראטור).

ווײַזלס „מאָזאידע" דאָקומענטירט אָבער אויך דעם פּסעוודאָ־קלאסישן סטיל, ווי דעם הערשנדיקן סטיל אין דער העברייִשער האסקאָלע סײַ אין דער בערלינער טקופע, סײַ יאָרצענדליקער שפּעטער. די פּסעוודאָ־קלאסיק איז אָבער דער סטיל פון דעם צוזאמענשלוס פון דער יונגער, האנדל־קאפּיטאליסטישער בורזשואזיע מיט דער אבסאָליוטער, פעאָדאלער מאָנארכיע, עס קומט אין איר אין לעצטן סאכאקל צום אויס־דרוק יונגער, אָבער ניט זעלבשטענדיקער, פארשקלאפטער בירגערלעכער באוווסטזײַן. אין דער פּסעוודאָ־קלאסיק פון דער העברייִשער האסקאָלע דאָקומענטירט זיך נאָכא־מאָל איר אָפּגעשטאנענקײַט, ניטזעלבשטענדיקײַט און קאָנסערוואטיזם.

אכוץ אין ווײַזלס „שירי תפארת" און די צאָל־רײַכע נאָכמאכענישן פון דעם ווערק (לאכאָווער ציילט אָן ביז 20 נאָכמאכונגען, ז. 76 און 146), דריקט זיך אויס די פּסעוו־דאָ־קלאסיק פון דער בערלינער האסקאָלע אין איר קלענערער לירישער פארם (אָדעס, אידיליעס א. א. וו.) און דערהויפּט אין איר דראמאטורגיע. עס איז כאראקטעריסטיש, אז די מעאספים האָבן ניט פארפאסט אין העברייִש קיין איין רעאליסטישע פּיעסע, פּונקט ווי זיי האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין איין רעאליסטישע דערציילונג אָדער ראָ־מאן. דערפאר פארמאָגט די בערלינער האסקאָלע א ריי פּסעוודאָ־קלאסישע דראמעס, אָריגינעלע און איבערזעצטע.

דער מאָגערער „המאסף", אין וועלכן ס׳דאָמינירן לאנגווײַליקע דיסקוסיעס און טראקטאטן וועגן ביבלישע אויסדרוקן און פּסוקים, גיט ניט קיין פולן בילד פון דער ליטעראַרישער באוועגונג פון דער בערלינער האסקאָלע.

די מעאספים זײַנען א בונטער, פארשיידנארטיקער אוילעם. דאָך מאכן זיי א גע־וויסן איינהײַטלעכן אײַנדרוק, כאָטש, אָדער ריכטיקער, ווײַל עס זײַנען פאראן צווישן זיי קאָנסערוואטיווע פּאָרשטייער, וואָס רעפּרעזענטירן דעם רעכטסטן פליגל, אשטיי־גער ווײַזל, ייִצכאָק סאטאנאָוו, און מער ראדיקאלע אופקלערער פון אייכלס און וואָלפסאָנס שניט. עס באקומט זיך א מין מיטלאריטמעטישע, און זי גיט עס דעם אײַנדרוק פון א געוויסער איינהײַטלעכער ליניע פון מעסיקער אופקלערונג.

עס זײַנען פאראן צווישן די מעאספים טיפּישע הומאניסטן, אשטייגער ייִצכאָק סאטאנאָוו. אופקלערערישע שטריכן זײַנען אין זײַן גאנץ שאפן און טעטיקײַט ניט קאָנטיק. אָבער ווי אַן עמעסער הומאניסט איז ער א זאמלער און ארויסגעבער פון אַלטע טעקסטן, און א הומאניסטישער שטריך איז אויך זײַן פעלשן טעקסטן, זײַן גלענצנדיקער אימיטירן פארשיידנסטע ליטעראַרישע סטילן—פון ביבל ביזן זוהאר—

און דאָס פּובליקירן זיי ווי עכטע אָריגינאַלן. ער איז דער בעסטער סטיליסט אין דער העברעיִשער האַסקאָלע, א ביז גאָר פאַרביקע פּערזענלעכקייט און זײַן פעלשונג־מאַניע (אַפילע דאָרט, ווו זי איז לאַכלוטן ניט נייטיק) דערגייט ביז עמעסער פּאַטאָלאָגיע.

עס זײַנען אָבער פאַראַן צווישן די מעאַספים אויך ניט ווייניק טוער, וואָס שטייען אַף דער הייך פון דער דעמלטיקער קולטור, טאַלמידים פון קאַנטן, ווי אייכל, שלוימע מײַמאָן, א ריי פון זיי גוט באַהאַוונט אין דער אייראָפּייִשער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן. זיי האָבן זיך אָבער, ווײַזט אויס, שטאַרק געראַכנט מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פון זייער באַלעבאַטישער אודיטאָריע, און אין זייער טעטיקייט אין העברעיִש ליגט אויך אַף זיי דער געבאָט פון מענדעלסאָנען און ווײַזלען צו האַנדלען פּאָרזיכטיק, פּשאָרעדיק, און זייער גאַנץ גרויסע קולטור קומט צו קיין שום טאַכלעס ניט. און ווען אייכל מאַכט נאָך מאָנטעסקיעס „פּערסישע בריוו" אין זײַנע „אגרות משולם בן אוריה האשתמועי" (המאסף, 1790) גייט ער אָן אַזוי פּאָרזיכטיק און אײַנגעהאַלטן, אַז ס'באַקומט זיך א לאַנגווײַליקער גענעץ אין פאַרגלײַך מיט מאָנטעסקיעס שפּרודלדיקן, שאַרפזיניקן ווערק.

אסאַך פּאַטאָס האָבן די מעאַספים געוויזן באַם רעסטאַוורירן ווערק פון העברעיִשן מיטלאַלטער. זיי האָבן אַנטוויקלט א ריזיקן קולט אַרום דעם אַרויסגעבן און קאָמענטירן דעם „מורה נבוכים", און שלוימע מײַמאָן האָט אַפילע געפּרוווט פאַרבינדן דעם ראַמבאַם מיט קאַנטן, זיי האָבן אופגעהויבן פון שטויב די הומאַניסטישע „מחברות" פון אימאַנועל האָרומי. זיי האָבן פאַרעפנטלעכט דעם קוזרי און אַנדערע ווערק פון דער ספּאַרדישער פּאָעזיע און פילאָסאָפיע, זיי האָבן איבערגעזאָסן אין העברעיִש די ביבלישע אַפּאָקריפן און פאַר זיך גופע האָבן זיי רעסטאַוורירט א ביבלישן פּסעוודאָ־קלאַסישן שפּראַך־סטיל, קעגנשטעלנדיק אים דעם טאַלמודיש־אַראַמישן לאָשן.

געוויס האָבן זיי אין דער פאַרגאַנגענהײַט געזוכט יערושע, אַף וואָס אָנצושפּאַרן זיך, געוויס האָט געערדט צו זייערע געפילן דעם ראַמבאַמס ראַציאָנאַליזם און זײַן ניט גאָר געהויבענע באַציִונג צום טאַלמוד, געוויס האָט זייער ליבע צו דער ביבל אויסגעדריקט אן אייגנאַרטיקע פּסעוודאָ־קלאַסיק. זיי האָבן אָבער קעסיידער געגאָסן לעבן אין אַלטע שיימעס און אַליין אַלץ מער אָפּגעשניטן געוואָרן פון געשיכטלעכן אַרום, עס האָבן זיך אין זייער ליטעראַטור אויסגעמישט הומאַניזם, פּסעוודאָ־קלאַסיק און אופקלערונג—צום ווינציקסטן אָבער אופקלערונג, צומייסטן הומאַניזם און פּסעוודאָ־קלאַסיק — אינעם קער צום ביבלישן העברעיִש, אינעם רעסטאַוורירן דעם ספּאַרדישן מיטלאַלטער, אינעם דרייען זיך אין דעם פאַרקישעפטן קרײַז פון קלאָפּשטאָק און ראַסין, פּסעוודאָ־קלאַסישע אָדעס און אידיליעס און פּסעוודאָ־קלאַסישע דראַמאַטורגיע. דאָס האָט דעצידירט וועגן דער טויטקייט פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, ווו ס'פילט זיך גאָר שוואַך דער דויפעק פון לעבן.

און זי איז אין דײַטשלאַנד מעשונעדיק גיך אראָפּגעשוווּנקט געוואָרן. שוין זינט 1790 גייט אָן די גסיסע פון דער בערלינער העברעיִשער האַסקאָלע, „המאסף נאסף",— עס איז אָפּגעשטאָרבן צוביסלעך דער „המאסף", און ווען דער יונגער מאַסקיל שאָלעם האַקויען איז 1799 געקומען אין בערלין און פאַרגעלייגט אייכלען, דעם גרינדער פון „המאסף", צו באַנײַען דעם אָרגאַן און ווידער נעמען זיך אופלעבן די באַוועגונג פאַר העברעיִש, האָט אייכל אים געענטפערט מיט א פאַרצווייפלטן בריוו:

„כ'באַדויער דיך, פרײַנט מײַנער, כ'באַדויער, וואָס דו האָסט געבראַכט אַ טײַער שטיין, און קיינער קוקט זיך ניט אום, האָסט מיטגעבראַכט אַ באַלזאַם, אַ היילונג פאַר אַלע זוכער פון מאָראַל, און קיינעם אַרט עס ניט. פאַרוואָס ביזטו אַזוי שפּעט געקומען? פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן, און איצט, אַז דו רופסט, ענטפערט קיינער ניט... אויך איך האָב געטרונקען פון דעם גיפט־בעכער, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן ייִדישן פאָלק און זײַנע מאַסקילים.

עס זײַנען אַוועק די ליבע־טעג, אַריבער די טעג פונעם בונד צווישן מיר און די זין פון ייִסראָעל, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די שפּראָצונגען פון כאָכמע, און העברעייִש האָט געבליט אין רום און פּראַכט, און די ייִדישע יוגנט איז אַרויס יעדן טאָג זאַמלען פון די פּרוכטן פון איר וויסן — איצט זײַנען זיי אַנטלאָפן און זײַנען ניטאָ, — ווײ, זיי וועלן שוין אויך ניט צוריקקומען. זינט זיי האָבן זיך געזעגנט: פול איז די גאַנצע ערד וויסן, איז זיי מיִעס געוואָרן די שפּראַך פון זייערע עלטערן, און זיי האָבן זי אַוועקגעוואָרפן. אויך מיך האָבן זיי פאַרגעסן און פאַרלאָזן ווי אַן איינזאַמען אין סטעפּ... גיי אַדורך די גאַסן, וואַנדער אַדורך די הויפן, עפן די אויגן און זע, צי וועסטו געפינען כאָטש איינעם אין אַ שטאָט און צוויי אין אַ מישפּאָכע, וואָס וועלן דיך הערן... אַזוי האָבן זיך געענדערט די צײַטן און זייער געשיכטע, אַזוי האָבן זיך געענדערט די מענטשן און זייערע אָנשויונגען!...” (די בריוו פון אייכל און שאָלעם האַקויען זײַנען אָפּגעדרוקט אין דעם לעצטנס בריוונשטעלער „כתב יושר”, ווין, 1820).

און נאָך צוויי יאָר פריִער, 1797, שרײַבט אייכל אין דעם אַרײַנפיר צו זײַן בײַכעלע „איזט נאָך דעם ייִדישן געזעצע דאָס איבערנאַכטן דער טאָטן ווירקליך פערבאָטן?” (געדרוקט אין ברעסלע אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו יויעל־בריל־לעווע): „ווען מיר האָבן מיט 14 יאָר צוריק אײַנגעזען די נוצלעכקײַט אַרויסצוגיין אין דער עפנטלעכקײַט מיט אידייען, זיטן, מינהאָגים און ליטעראַטור־זאַכן פון אונדזער נאַציע, און צו דעם צוועק פּראָיעקטירט אַ פּעריאָדישע שריפט בלויז פאַר ייִדן, האָבן מיר באַטראַכט די העברעייִשע שפּראַך פאַר פולשטענדיק גענוגנדיק. מיר האָבן דאַן געקאָנט נאָך רעכענען אויף לייענער, ווײַל צו יענער צײַט האָט נאָך יעדער ייִדישער ליטעראַט באַטראַכט פאַר אַ פאַרדינסט צו פאַרשטיין העברעייִש. וואָרעם ס'האָט געלעבט צווישן אונדז אַ מאַן, וועמעס פילאָסאָפיע האָט אים ניט געשטערט, ניט קוקנדיק אויף זײַן אינטימקײַט מיט אַריסטאָטעלעס און פּלאַטאָן, צו שטודירן אַכוצדעם די ביבל און אירע קאָמענטאַרן... ליידער האָט דער גײַסט פון אונדזער נאַציע זינט דעם טויט פון אונדזער לערער אָנגענומען אַ מיִעסע געשטאַלט... בייזער ווילן האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער אַמאָליקער אומוויסנקײַט...”

און אייכל קומט צום אויספיר, אַז איצט, אויב מע שרײַבט העברעייִש, לייענען עס ניט די, וואָס פאַרשטייען העברעייִש, און די, וועמען אַזעלכע שריפטן וואָלטן געווען צום האַרצן, פאַרשטייען עס ניט. שרײַבן אין דײַטש און אין דער דײַטשישער שריפט טויג אויך ניט — מע טראָגט אַרויס די אייגענע אָפּגעשטאַנענקײַט און אייגענע כעסרוינעס צום ברייטן דײַטשישן עולם, דאָס ווערק בלײַבט דאַן ניט „אין דער יהודים־שולע” (אין דער ייִדישער גאַס). עס איז פאַראַן איין אויסוועג: באַנײַען דעם „המאסף” אין ריין־דײַטש מיט ייִדישע אותיעס. „זאָפיל נור פאָרלויפיג איבער די פאָרם, נאָך וועלכער איך דעם „מעאַסעף” ווידער לעבן און נײַעס אינטערעסע צו געבן ווינטשע”.

ענלעכע טרויעריקע טענער קלינגען אויך אין דעם פאָרוואָרט פון דעם גראמאטיקער פון די מעאספים, בען-זיוו, אין זײַן „אוצר השרשים" (ווין, 1807־1808) „אָט איז שוין 20 יאָר זינט דער צדיק (מענדעלסאָן) איז געשטאָרבן, און זינט דעמלט איז די העברעיִשע שפראך געזונקען צען מאָל אזויפל ווי זי איז געשטיגן אין זײַנע צײַטן, וואָרעס די, וואָס קענען די שפראך, שטודירן ניט אירע שריפטן, און די, וואָס לייענען אירע שריפטן, קענען ניט די שפראך. באם גאנצן אוילעם איז געבליבן בלויז דאָס שטרעבן צו לערנען די אנדערע שפראכן... און אזוי איז ניט נאָר מיט דער העברעיִשער שפראך, נאָר אויך דער לימעד פון טאנאך און טאלמוד ווערט אלץ אָרעמער און מאָגערער פון יאָר צו יאָר". די הויפּטסיבע פון דער דאָזיקער דערשײַנונג איז לויט בען-זיוון דער אויסגעוואקסענער געשעפטלעכער פארקער, די גרעסערע לעבן-פאָדערונגען, און צוליב דעם „גרייטן די עלטערן זייערע קינדער קוידעמקאָל צו די לימודים און וויסנשאפטן, וואָס מאכן זיי פייִק צום געשעפט, און דאָס איז שרײַבן און ציפער און די גערעדטע שפראכן, און זיי האלטן זיך פעסט בא צען שפראכן פון די ניט־יִדן, וואָס זײַנען נייטיק צום האנדל און געשעפט, און אנטלויפן פון דער העברעיִשער שפראך, וואָס האָט צו זיי ניט קיין שײַכעס. א כוץ דעם לערנט מען די קינדער נאטורוויסנשאפט, געשיכטע און געאָגראפיע און אייניקע לערנען אויך מוזיק און טאנצן".

בען-זיוו האָט ריכטיק געשטעלט דעם דיִאגנאָז. די פאנאנדערוויקלונג פון קאפּי־טאליסטישע באציִונגען האָט ליקווידירט און איבעריק געמאכט די בערלינער העב־רעיִשע האסקאָלע.

זעקסטער קאַפּיטל

די ערשטע ייִדישע בורזשואַזע קאָמעדיעס.

פון דעם זעלביקן קרײַז מעאספים זײַנען אָבער אַרויס אויך צוויי ווערק, געשריבן האַלב־דײַטש, האַלב־ייִדיש, וואָס זײַנען די ערשטע מאַניפעסטאַציע פון בורזשואַזן סטיל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס זײַנען איציק אייכלס קאָמעדיע „רעב הענעך אָדער וואָס טוט מען דערמיט" (1792־1793) און אַרן האַלע וואָלפסאָנס „לײַכטזין און פרעמעלײַ" (1796). אין קעגנזאַץ צו דער העברעיִשער ליטעראַרישער פּראָדוקציע פון דער בערלינער האַסקאָלע, ווו ס'הערשט אַלמעכטיק די פּסעוודאָ־קלאַסיק, ווו די טעמאַטיק איז ס'ראָוו א ביבלישע, אָפּגעריסן פון דער הײַנטצײַטיקײַט, און די דראַמאַטורגיע באַשטייט אָפּט פון פּאַראַפראַזירטע איבערזעצונגען (פראַנקאָ מענדעסעס „גמול עתליה" און „תשועת ישראל בידי יהודית" זײַנען צ. ב. פּאַראַפראַזעס פון ראַסין און מעטאַסטאַסיאָ), ווו ס'בליט א פּוסטע און לאַנגווײַליקע רעטאָריק,—זײַנען אייכלס און וואָלפסאָנס פּיעסעס עכטע אויפקלערונג־ליטעראַטור, רעאַליסטישע בורזשואַזע פאַמיליע־דראַמעס, וואָס שטייען אַסאַך העכער אין קינסטלערישן זינען פון דער גלײַכצײַטיקער פּראָדוקציע פון די איפלאַנדס און שרעדערס, זײַנען ניט ערגער פון לעסינגס יוגנט־פּיעסעס און קענען זיך רויִק פאַרמעסטן אפילע מיט דידראָס באַרימטע בירגערלעכע טרערן־קאָמעדיעס „דער נאַטירלעכער זון" (1757) און „דער פאַמיליע־פּאָטער" (1758), וואָס האָבן באַדײַט אן עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פון בורזשואַזן ליטעראַרישן סטיל.

די זעלביקע אייכל און וואָלפסאָן האָבן אָבער, שרײַבנדיק אין העברעיִש, ניט אויסגעטיילט זיך פון אַנדערע מעאספים, און מיר האָבן שוין דערמאָנט, ווי בלאַס און אָן לעבן האָט זיך באַקומען אייכלס פּרווו נאָכצומאַכן אין העברעיִש מאָנטעסקיעס „פּערסישע בריוו". עס וואָלט אָבער געהייסן איבערכאַזערן קלויזנערס טעאָריע אין א ייִדישיסטישער מאָדיפיקאַציע, ווען מיר וואָלטן דעם טיפּיש־אויפקלערערישן כאַראַקטער פון „רעב הענעך" און „לײַכטזין און פרעמעלײַ" אויסגעטײַטשט דורך דער שפּראַכלעכער פאָרם—דורכן קויעך פון דעם ייִדיש־דײַטש, אין וועלכן די פּיעסעס זײַנען געשריבן. עס איז גראָד פאַרקערט: ניט די שפּראַך האָט באַשטימט דעם בורזשואַז־אויפקלערערישן און רעאַליסטישן סטיל פון די קאָמעדיעס, נאָר די שאַרפע געזעלשאַפטלעכע טענדענץ פון די פּיעסעס. דער פאַקט, וואָס זיי זײַנען אַנטשטאַנען באַם שײַן פון דער פלאַקערנדיקער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין רעכטן ברען פון שאַרפן קלאַסן־קאַמף אין דער ייִדישער סוויווע, האָט געשאַפן די נויטווענדיקײַט זיך

ווענדן צו א מאסן־שפראך, צום יִדיש־דײַטש. די דאָזיקע קאמף־אטמאָספער האָט אָבער גלײַך דיקטירט אנולירן, אָפּשאפן ווײַזלס בארימטן געבאָט, מע זאָל לעמאן־האשעם „ניט פארפאסן שפּאָט־דערציילונגען אָפּצולאכן פון אײַערע ברידער און זייערע מײַסים מיט די מיטלען פון סאטירע". אין קעגנזאַץ צו דער העברייִשער האסקאָלע, ווי ס'פליסט טאקע לויט ווײַזלס אויסדרוק „מילך און האָניק", ווערט דאָ אפן קאָל געלאכט פון די אייגענע ברידער. און ווי א מאָטאָ צו זײַן קאָמעדיִע נעמט אייכל טאקע א ציטאט פון האָראצס סאטירעס (25־24,1,1): „וואָס קען פארווערן לאכנדיק זאָגן דעם עמעס"?

Ridentem dicere verum quid vetat?

(אגעוו, אויך דידראָס דערמאָנטע קאָמעדיעס זײַנען אײַנגעלייטעט דורך האָראַ־צישע ציטאטעס).

מיט אייכלען, דעם איניציִאטאָר און רעדאקטער פון „המאסף", זײַנען מיר טייל־ווײַז שוין באקאנט. איציק אווראָם אייכל איז געבאָרן געוואָרן אין 1756 אין קאָפּענ־האגען (דענעמארק), לויט אן אנדער מאָקער—27־טן סענטיאבער 1758. ער לערנט, ווי געוויינטלעך אין יענער צײַט, בא פוילישע מעלאמדים געמאָרע; פאָרט אָבער אריבער צו 17 יאָר (1773) אין קיניגסבערג, געטריבן פון דורשט צו וועלטלעכן וויסן, ווערט דאָ לערער בא די רײַכע פרידלענדערס, קומט אָן אין יאָר 1781 אין קיניגסבערגער אוניווערסיטעט, אפן פילאָסאָפישן פאקולטעט — ער ווערט קאנטס א טאלמיד. קאנט האלט פיל פון אים, און ווען ס'האָט אין יאָר 1786 דעמיסיאָנירט דער פּראָפעסאָר פון העברייִש קעלער, רעקאָמענדירט קאנט אף זײַן אָרט ווי א לעקטער אייכלען. קאנט איז דאן דעקאן פון פילאָסאָפישן פאקולטעט, און אין זײַן רעקאָמענדאציִע שרײַבט ער וואַרעם וועגן אייכלען: „דער אלס פערפאסער (!) איינער העברייִשן פעריאָדישן שריפט שאָן רימליך בעקאנט איסט", „דיזן געשיקטן יונגען מאן", א.א.וו. עס איז אָבער גאָרניט דערפון געוואָרן; אפן ווונק פון דער רעגירונג, וואָס האָט געפאָדערט „מער געשיקטע קאנדידאטן", ווארפט אָפּ דער פילאָסאָפישער פאקולטעט אייכלס באקאָשע און מאָטיווירט עס דערמיט, וואָס לויטן סטאטוט מוז יעדער דאָצענט זײַן אן עוואנגעליקער, אויך וועט זיך דער יִדישער לערער פון העברייִש האלטן בא דער ראבאָנישער אויסלייגונג פון שריפט, און דאָס וועט געוויס ברענגען צו קאָנפליקטן צווישן אים און די קריסטלעכע לעקטערס און סטודענטן. דעם זעלביקן קאנטן, אין זײַן אייגנשאפט פון דעקאן, קומט אויס אייגנהענטיק אָנצושרײַבן יענעם דאָקומענט, ווו עס ווערט אָפּגעוואָרפן אייכלס קאנדידאטור (דאָס האָט ארײַנ־געבראכט אין א פלאָנטער אסאך פאָרשער. פארגל. מײַן ארבעט „נײַע מאטעריאַלן וועגן אייכלען"; צײַטשריפט ב. 5, מינסק 1931).

אזוי זײַנען צערונען געוואָרן אייכלס האָפענונגען. און האָפענונגען האָט ער געהאט גאָר גרויסע: אין זײַן באקאָשע דריקט ער אויס דעם ווונטש, אז שפּעטער, אויב ער וועט זיך באוואָרענען אלס לעקטער, וועט ער אויך באקומען „דאָס יוס־לעגענדי עט דאָצענדי אף שטענדיק". דער דורכפאל מיט דער דאָצענטור גיט דעם לעצטן שטויס צום אריבערפאָרן אין בערלין. ער האָט זיך אָבער דאָרט געריסן נאָך פריִער. לעטעריס (אין זײַן „המאסף"־אויסגאבע, 1862, ז. 136) פארעפנטלעכט א בריוו

פון יועל בריל־לעווע צו אײכלען פון יאָר 1784, ווו ער מעלדעט אים, אז „מיר האָבן א גרויסע האָפענונג אײַנצואָרדענען דיך דאָ אף שטענדיק (ד. ה. אין בערלין), ווי מיר האָבן אָפּגערעדט מיטן גוויר, דעם מאסקיל דאָוויד פרידלענדער און זײַן שוועער (ד. ה. דאָניעל איציק)". עס האָט געצויגן אײכלען אין בערלין די גרויסע שטאָט, איר באדײַטנדיקער קרײַז מאסקילים און מענדעלסאָן, מיט וועלכן אײכל איז באקאנט געוואָרן בעשאס דעם דעסערס באזוך אין קיניגסבערג 1777, און נאָענט געוואָרן זומער 1784, ווען אײכל האָט זיך אופגעהאלטן אין בערלין אף זײַן רײַזע אין קאָפּענהאגען. מענדעלסאָן גיט אים דאַן מיט א ווארעמע רעקאָמענדאציע, אדרעסירט צו זײַן שוואָגער יוסעף גוגענהיים און צו מוישע פירסט (העבר. בריוו, נומ. 275), געהאלטן אין הומאָריסטישן טאָן.

אף שטענדיק איז אָבער אײכלען געלונגען זיך באזעצן אין בערלין ערשט נאָך מענדעלסאָנס טויט, אין יאָר 1787. ער ווערט דאָ פּארוואלטער (אף יִצחאָק סאטאנאָווס אָרט) פון דער דרוקערײַ בא דער שול „חנוך נערים", וואָס ס'האָבן געגרינדעט דאָוויד פרידלענדער און זײַן שוואָגער איצכאָק יאָפע (דאָניעל איציקס זון), שפּעטער איז ער בוכהאלטער אין דעם געשעפט פון מײער ווארבורג. ער איז אין בערלין געבליבן שוין ביז זײַן טויט (דעם 18 יון 1804).

אײכלס שריפטשטעלערישע און געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט הייבט זיך אָן אין יאָר 1781, ווען ער פּובליקירט א העברייִשע בראָשור „שפת אמת", ווו לויט ווײַזלס מוסטער פּאָדערט ער גרינדן א מאָדערנע שול אין האסקאָלע־גײַסט אין קיניגסבערג, ענלעך צו דער פרײַשול, וואָס איז אדאנק דאָוויד פרידלענדערן שוין אין יאָר 1778 געגרינדעט געוואָרן אין בערלין. עס איז אין צוזאמענהאנג מיט דער דאָזיקער אקציע געקומען צו פארביטערטע קאמפן אין דער קיניגסבערגער קעהילע, וואָס איז געשפּאָלטן געוואָרן אין צוויי לאגערן. די אָרטאָדאָקסן מיטן אָרטיקן ראָוו שמועל אוויגדער אין דער שפּיץ האָבן געשטעלט א הארטנעקיקן ווידערשטאנד און ס'איז גאָרניט דערפון געוואָרן. אין רעזולטאט האָבן די מאסקילים אָנגעהויבן סאבאָטירן די ארבעט פון דער קעהילע און פלעגן קומען צו די זיצונגען בלויז, ווען ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן פינאנציִעלע איניאָנים (ה. יאָלאָוויטש, „געשיכטע דער יודן אין קיניגסבערג", פּויזן 1867).

דערנאָך איז געקומען אײכלס וויכטיקסטער אופטו: די גרינדונג פון דער געזעלשאפט „דורשי לשון עבר" און דאָס ארויסגעבן פון „המאסף". אײכל האָט פארפאסט דעם פּראָספּעקט „נחל הבשור", געווען אין משך פון 6 יאָר דער הויפּט־רעדאקטער פון „המאסף" און אָפּגעדרוקט דאָרט א גרויסע צאָל ארטיקלען—אשטייגער, די ביִאָגראפיעס פון יִצחאָק אבארבאנעל, פון ראמבאם, א גרויסע (אדהאיעם לויט איר מאטעריאל ווערטפולע) ביִאָגראפיע פון מוישע מענדעלסאָן, בריוו פון א רײַזע אין קאָפּענהאגען, קימאט אלע ארטיקלען קעגן דעם טייקעפדיקן באגראָבן מייסים, די שוין דערמאָנטע „אגרות משולם" אין מאָנטעסקיע־גײַסט, די גרויסע האקדאָמע צום „המאסף" פון יאָר 1788, א פּאָר לידער, אסאך רעצענזיעס א. א. וו.[1] ער האָט אָנטײלגענומען אין דער ווײַטערדיקער ארבעט איבערן „בעיער" און האָט איבערגעזעצט אין דײַטש און קאָמענטירט „משלי" (בערלין 1790). ער איז דער ארויסגעבער פון דעם ראמ־

---

[1]) פארגל. מײַן נאָטיץ אין „ביבליאָלאָגישן זאמלבוך", קיִעוו 1930, ז. 512,—513.

באמס „מורה נבוכים" מיט שלומע מײַמאָנס קאָמענטאַר (פונעם ערשטן טייל, די אַנדערע צווײ האָט ארויסגעגעבן ייִצכאָק סאטאנאָווער, אָן מײַמאָנס קאָמענטאַר). אין קסאוויאד איז פארבליבן זײַנע א פולשטענדיקע העברייִשע איבערזעצונג פון מענדעלסאָנס „יערוזאלעם", וואָס שטיקער פון איר האָט ער פובליקירט אין זײַן מענדעלסאָן-ביאָגראפיע.

אייכל איז, אלזאָ, א טיפישער „מעאסף", מיט א ברענענדיקער ליבע צו העברייִש, א פארערער פון מענדעלסאָנען, א גרינטלעכער קענער פון אסאך שפראכן און ביכלאל א מענטש פון גרויס וויסן, אין זײַן אופקלערעריש-געזעלשאפטלעכער טעטיקייט צענטריסטיש-געמעסיקט, אין זײַן פריוואטן לעבן שטארק פרײַ און ניט רעליגיעז. ער איז א מעקורעוו בא די פרידלענדערס און שטייט אין זייער דינסט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן,—צוערשט בא די קיניגסבערגער פרידלענדערס, דערנאָך אין בערלין בא דאָוויד פרידלענדערן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אז זײַן „רעב הענעך" איז געשריבן אף דירעקטער באשטעלונג פון די פרידלענדערס. וואָרעם די קאָמעדיע איז אנטשטאנען אין פײַער פון די קאמפן פאר דער עמאנסיפאציע פון די יאָרן 1787—1793, יענע קאמפן, ווו דאָוויד פרידלענדער האָט געשפילט אזא גרויסע ראָלע, ווי דער גענעראלער פאָרשטייער פון אלע ייִדישע דעפוטאטן.

די דאָזיקע ערשטע גרויסע עמאנסיפאציע-באוועגונג פון דער ייִדישער בורזשואזיע אין פרײַסן האָבן מיר שוין פריִער באהאנדלט. זי הייבט זיך אוף גלײַך נאָכן טויט פון פרידריך II, ווען ס'האָט אביסל אָפּגעלאָזן די פויסט פון פרײַסישן אבסאָליוטיזם; עס גיסן צו פײַער צוערשט די טאָלעראנץ-עדיקטן פון יאָזעף II, וואָס זײַנען פאר דער ייִדישער בורזשואזיע אין אסאך לענדער געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער גלײַכבארעכטיקונג,—און שפעטער דער אויסברוך פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע. די עמאנסיפאציע איז צום סאָף פון 18-טן י.-ה. געוואָרן א פראגע פון לעבן און טויט פאר דער ייִדישער בורזשואזיע אין פרײַסן, און מיט קימאט א טראגישער פאטעטיק אָטעמען אירע פעטיציעס און מעמאָראנדומס צו דער רעגירונג (אשטייגער, דער שוין דערמאָנטער מעמאָראנדום פון די 34 קיניגסבערגער מאסקילים). עס איז אָבער גלײַך קלאָר געוואָרן דעם אוואנגארד פון דער ייִדישער בורזשואזיע, אז דער דאָזיקער קאמף אירער קען געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג בלויז, ווען ס'וועט געבראָכן ווערן דער ווידערשטאנד פון דעם קאָנסערוואטיוון ייִדישן מיטלבירגערטום, פון דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט צו יענער צײַט געהאט א מערהײַט קימאט אין אלע ייִדישע קעהילעס אין פרײַסן און מיט אלע קויכעס טאָרמאָזירט דעם גאנג פון דער עמאנסיפאציע-אקציע. אין דידאָזיקע קאמפן איז נייטיק געווען א שארף אידעאָלאָגיש געווער, געווענדעט קעגן דער אינערלעכער רעאקציע, און דאן איז געבאָרן געוואָרן אייכלס קאָמעדיע, פול מיט שארפסטער סאטירע קעגן דער אָרטאָדאָקסיע, א בורזשואזע טענדענץ-קאָמעדיע, וואָס איר וויכטיקסטער ציל איז געווען פראָפּאגאנדע פאר דער ייִדן-רעפאָרם. און ביכדיי דאָס ווערק זאָל ארײַנדרינגען אין די ברייטסטע מאסן, פארפאסט עס אייכל ניט אין העברייִש, נאָר אין ייִדיש-דײַטש.

אייכל היט זיך פון דערמאָנען צו אָפט דעם אייגנטלעכן ציל פון דער קאָמעדיע—די רעפאָרם. דאָך ווערט זי א פּאָר מאָל דערמאָנט. שוין אין די ערשטע סצענעס פון דעם ערשטן אקט ברענגט ארײַן דער שאמעס אן אײַנלאדונג פאר רעב הענעך, דעם

פארנעס, צו א זיצונג אין דער קעהילע — מע דארף באהאנדלען א נייע ווענדונג פון דער רעגירונג מיקויעך דער רעפאָרם. אין א וויטערדיקער סצענע פון ערשטן אקט לייענט דער אופגעקלערטער דאָקטער א „האנטשרייבן", א פּראָיעקט פון דער נייער רעפאָרם, וואָס מאכט באָטל די סאָלידארישע אכרייעס, און דער דאָקטער מאכט אזא באמערקונג: „מעגן זי יעצט נור שרייען, ווי זי וואָלן (זי — ד. ה. די אָרטאָדאָקסן); אין דער פאָלגע ווערן זי דאָך איינזען לערנען, דאס דיזע נויע פערפאסונג די קרעפּ־טיקסטע שטיצע דעס יודענטומס איז". נאָך אין א שפּעטערדיקער סצענע פונעם ערשטן אקט שמועסן רעב ארן דער גראָווירער און דער באָרד־שערער וועגן דער נייער רעפאָרם, און רעב ארן דערציילט, אז „רעב סענדער, רעב קאלמען און קע־דוימע לוי לאָזן זיך אָשרוי שעל קוירעך קאָסטן, אום די גזיירע מעוואטל צו זיין".
אין דער קאָמעדיע פיגורירט אפילע איינער פון די, וואָס זיינען זיך צומייסטן מיש־טאדל וועגן דער נייער רעפאָרם — דער אופגעקלערטער גוויר, דער פּראָווינציאַל־דעפּוטירטער נאטאן, רעב הענעכס א מעכוטן. און אין דעם לעצטן אקט אנטוויקלט זיך צווישן נאטאנען און רעב הענעכן א דיסקוסיע, וואָס איז טיפּיש פאר די קאמפן צווישן די אָנהענגער פון דער רעפאָרם און אירע קעגנער:
„נ א ט א ן: ער זאָל אין מיין קאָנטאָר דינען... מיטלערווייל (דערווייל) קעמט, ווילס גאָט, די רעפאָרם צושטאנדע, זאָ קאָן ער זיך זעלבסט עטאבלירן.
ה ע נ ע ך (שאדנפרא): די רעפאָרם, די וועט ווילס גאָט ניכט צושטאנדע קאָמען, דאס וויס איך בעסער.
נ א ט א ן: וויל אינען, ווען די ווערע לענגסט צושטאנדע געקומען, זאָ העטן זי פּיליכט אלע די טרויעריקע פאָרפאלע ניט געהאבט.
ר ע ב ה ע נ ע ך: פּשיטע! (שפּעטיש) האָ בעהאָ טאליע (איינס הענגט אָפּ פון דעם אנדערן). מיינע סאָנים זאָלן לעבן! ווען וויר באלמעלאָכעס און באלמילכאָמעס זיין, דאן וועט עס קיין פּוישים אונטער זי זיין? וועט איר דאָס ענדערן, מיין ליבער פריינט, הע!
נ א ט א ן: מיין ליבער פריינט, איך קאָן פריליך ניט בעהויפּטען, דאס עס בעסער זיי א שופליקער צו זיין אלס איין באנקיר, זעהע וואָהל איין, דאס עס בעקוועמער איזט אויף איין זאָפא צו זיצן, אלס שילדוואכע צו שטיין. עס איז דאָך אָבער אלעס בעסער, אלס בעטלען און בעטריגן, וויר מיסן נון איינמאָל דארוף דענקען, דען צושטאנד אונדזערעס פאָלקעס צו פערבעסערן, און וויר קענען פריליך די רעכטע דעס שטאטס־בירגערס ניט ערלאנגען, — ווען וויר ניכט אויך זיינע פליכטן איבערנעמען"...
אזוי גייט די דירעקטע פּראָפּאגאנדע פאר דער רעפאָרם. מיט ניטדירעקטן ענ־לעכן שטאָף איז אָבער אויסגעפילט די גאנצע קאָמעדיע. אין א גרויסן מאָנאָלאָג ווערט געגעבן דער ווידע פון הענעכס זון, הערצקע, און דער דאָזיקער ווידע האָט דעמלט געמוזט רירן דאָס האַרץ פון אסאך יידישע יונגעלייט. הערצקע דערציילט, ווי פארקריפּלט מע האָט אים דערצויגן, קלאָגט אף דער איצטיקער לאגע, ווו ס'איז ניטאָ צו וואָס זיך צו נעמען, סיי צוליב די באגרענעצונגען פון דער רעגירונג, סיי צוליב דעם פאנאטיזם פון די עלטערן. ער וויל ווערן א בוי־מייסטער. — וואָס, רופט אויס דער פאָטער, כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט, א ייד זאָל זיין א בוי־מייסטער. היינט איז

עס פארבונדן מיט סאקאָנעס־נעפאָשעס און ס׳ברענגט צו כילעל־האַשעם. ער וויל ווערן סקולפּטאָר, — „פּשיטע, האָט געשריִען דער פאָטער, פּסאָלים צו שניצן!" אזוי קומט ער אָן אף דער לער צו דעם פרומען רעב ארן גראווירער, וואָס האָט אים אָבער גאָרניט אויסגעלערנט. אפן ביישפּיל פון רעב הענעכס איידעם, מאָדל, ווערט געוויזן, ווי וואָכער דערנידעריקט דעם יידן, דעמאָראליזירט זיין כאראקטער. מאָדל דערוויסט זיך, אז זיין ווייב פאַראַט אים מיט לייטענאנט האָרן, ווערט אָבער ווייכער, ווען דער לייטענאנט דראָט, אז אויב מאָדל וועט מאכן סקאנדאלן, וועט ער פארלירן די קונדשאפט פון דעם גאנצן רעגימענט. עס ווערט געוויזן די צוויִעס פון דעם פרומען לאגער, זיין ענגהארציקייט אפילע צו די קינדער, זיין ׳עגאָיִזם אפילע צו די קרויווים, זיין ניטדאנקבארקייט אפילע צו רעטער און אויסלייזער.

שלאָגנדיק קרעפטיק איבער די הענעכס, די הארטקעפּיקע פּאָרשטייער פון דעם קאָנסערוואטיוון מיטלבירגערטום, שטרעבט די קאָמעדיע גלייכצייטיק צו דערוויזן, ווי אונטערמינירט איז דידאָזיקע גאנצע שיכט, וואָס טרייבט די אופקלערונג דורך דער טיר, און זי קריכט אריין צוריק דורכן פענצטער. דעמלט קומט אָבער די אופקלערונג שוין פארקריפּלט, פארוואסערט, פארפלאכט—די אופקלערונג ווערט פאר־וואנדלט אין „לייכטזין", אין פאלשער אופקלערונג. אין דעם דאָזיקן אייגנארטיקן קאמף סיי קעגן די אָרטאָדאָקסישע פרומאקישע הענעכס און סיי קעגן דער פלאכער, „לייכטזיניקער" אופקלערונג פון די הערצקעס און עליזאבעטס — אנטפלעקט זיך די מעסיקע, צענטריסטישע אופקלערעריי פון אייכלען און דעם גרעסטן טייל פון מעאספים. עס איז, עמעס, א ראדיקאלערע אופקלערעריי, ווי די, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די ערשטע יאָרגענג פון „המאסף", דאָך נאָך רעכט מעסיק. אין דעם אָקאָרשט דערמאָנטן פּראָגראמאטישן ארייַנפיר צום „המאסף" פון יאָר 1788 טיילט איין אייכל־די קעגנער פון דער האסקאָלע אין דריי גרופּעס: 1. די ערשטע, וואָס איז מעגאזעם די שווערקייטן, וואָס זיינען פארבונדן מיטן שטרעבן צו וויסן און אופקלערונג—די אָפשרעקער פון מאסקיל (מפחידי המשכיל). 2. די צווייטע גרופּע האָט קוים עפּעס דערשמעקט פון דער האסקאָלע, ווארפט זי שוין ספייקעס אף עמונע־זאכן און רעדט ניטדערלאָזבארע זאכן וועגן גאָט און זיין שאפונג—דאָס זיינען די פארקלענערער פון דער האסקאָלע (מקטיני המשכיל). 3. די דריטע גרופּע איז די אָרטאָדאָקסיע, די פאַרהעצער פון מאסקיל (משטימי המשכיל).

א גרעסערע באדייטונג האָבן בלויז די צוויי לעצטע גרופּעס—די אָרטאָדאָקסיע און די „פאלשע אופקלערונג",—און זיי איז טאקע געווידמעט אייכלס קאָמעדיע.

די וויכטיקסטע געשטאלטן פון דער קאָמעדיע זיינען רעב הענעך, א רייכער, פרומער יידישער סויכער, ייטל זיין פרוי, זיינע זין הערצקע אָדער הארטוויג און דער פרומאק שמועל, זיינע טעכטער האָדעס אָדער העדוויג און עלקע אָדער עליזאבעט. עלקע איז א כאסענע־געהאטע. איר מאן איז דער יוועליר און וואָכערער מאָדל. די קלענערע געשטאלטן זיינען: הענעכס מעכוטן, דער רייכער, אופגעקלערטער גוויר נאטאן, דער צוויקער (באָרד־שערער) מאָזעס מערקל, דער גראווירער רעב ארן, אן אופגעקלערטער יידישער דאָקטער, דער סטודענט מארקוס, דער אָפיצער האָרן און זיין פרייַנט טעלער, די יונגעלייט ברייטנבליק—א יידישער סטודענט, א קאנטיאנער, א שויטע,—און דער לעביונג פלומפּ, דער פראנצויז דעקאמפּ און אנדערע.

די שטוב פון דעם פרומען און טקיפעסדיקן רעב הענעך איז אונטערמינירט, און ער אליין הייבט ניט אָן דערפון צו וויסן. דער זון הערצקע האָט זיך שוין א נאָמען געגעבן הארטוויג, דרייט זיך אין א פאדדעכטיקער קאָמפּאניע, הוליעט און שפּילט אין קאָרטן. הענעכס האָפענונג איז דער פרומער זון שמועל, עס לאָזט זיך אָבער אויס סאָף קאָמעדיע, אז אויך דאָס איז א טאכשיט, א שטילער וואָרעם, וואָס האָט דערוויַיל פארפירט די קעכן. די נארישע האָדעס־העדוויג לויפט אויך ארום מיט יונגע־לייַט און האלט זיך פאר א טיף־געבילדעטע און אופגעקלערטע. די קליגערע און עלטערע עלקע־עליזאבעט האָט פייַנט דעם מאן, דעם פּראָצענטניק־אָרטאָדאָקס מאָדל, און פון גרויס סינע צו אים פירט זי א ליבע מיטן פּרייַסישן לייטענאנט האָרן. דער צוואַק מערקל, דער באָרד־שערער, הענעכס ליבלינג, אנטפּלעקט זיך ווי א גאנעוו און שווינדלער. די אייַנציקע ליכטיקע געשטאלטן אין דער פּיעסע זייַנען גראָד די אלע, וואָס הענעך האָט זיי פייַנט פון גאנצן הארצן,—דער אופגעקלערטער יידישער דאָקטער, א קלאָל־טוער און פילאנטראָפּ, וואָס אונטערשטיצט די יוגנט, וואָס רייַסט זיך צו בילדונג, דער מאָדערנער גוויר נאטאן, דער קעמפער פאר עמאנסיפּאציע, און דער שטילער, פלייַסיקער און טוגנטלעכער סטודענט מארקוס. וואָס ווייַטער עס אנטוויקלט זיך די פּיעסע, אלץ מער צאָרעס און איבעראשונגען שיטן זיך אף רעב הענעכס קאָפּ, און ס׳פארענדיקט זיך מיט א סצענע פון פאניק, כאאָס און צע־טומלונג:

„רעב הענעך: וואָס טוט מען דעמיט?

ייטל: און איך זאָג דיר: מע טוט יאָ דעמיט!

אלע: „שוין געגוג, וואָס טוט מען דעמיט!"

די געשעענישן פון דער קאָמעדיע קומען פאָר אין די יאָרן 1792־1793. דאָ ווערן שוין דערמאָנט די קאמפן פון פּרייַסישן מיליטער מיטן רעוואָלוציאָנערן פראנקרייַך, עס ווערט שוין גערעדט וועגן דער פאָרשטייענדיקער גילאָטינירונג פון „בירגער לודוויג קאפעט". אָרט פון דער האנדלונג איז, ווייַזט אויס, בערלין.

פאר דער קאָמעדיע איז כאראקטעריסטיש איר רעאליזם. דאָ איז געגעבן א גרויסע צאָל געשטאלטן, פאראן דאָ אָבער אויך די שטרעבונג יעדע געשטאלט אויסצומאָלן מיט א מעגלעכסט גרויסער צאָל פּראָטים און שטריכן, מיט דער גרעסטער דעטאלי־זירונג. ניט קוקנדיק אף דער טענדענץ אויסצומאָלן אין די פינצטערסטע פארבן דאָס קאָנסערוואטיווע מיטלבירגערטום, איז אָבער אייכל ניט אוועק ווייַט פון דער ווירק־לעכקייַט, האָט גאָר ווייניק געברויכט מעגאזעם צו זייַן — פארקערט, זייַן אופ־קלערערייַ, זייַן סאטירישער צוגאנג האָט מעגלעך געמאכט א גאנץ געטרייַע שיל־דערונג פון דעם אונטערגייענדיקן שיכט. אָט איז דער עפּיזאָד מיטן דרייַעק: עלקע־מאָדל־לייטענאנט האָרן: דער לייטענאנט לייַט געלט באם יידן און ראָמאנסירט מיט זייַן ווייַב. ס׳איז געווען א פארשפרייטע דערשייַנונג יענע צייַטן, און הענריעטע הערץ שרייַבט אין אירע מעמוארן: „די יידישע טעכטער... האָבן דערהויפּט געוואָלט ניט זשענירט און אין דער מאָדעשפּראך קאָנווערסירן מיט הויפקאוואלירן און מיט שיינע יונגע אָפיצערן, וועלכע האָבן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געליִען בא די טאטעס, אָפט באצאָלט בלויז מיט די אופמערקזאמקייַטן, וואָס זיי האָבן געשאָנקען די טעכ־

טער" (ז. 119־120) [1]. אזוי אויך אין דער שילדערונג פֿון געשטאלטן. שווער צו גלויבן, אז אין לעבן איז רעב הענעך אנדערש, בעסער, ליכטיקער, ווי אין דער קאָמעדיע, און ס'איז טאקע א געשטאלט, וואָס איז אראָפּגעכאפּט פֿון לעבן. זײַן סקארבאָווער „וואָס טוט מע דעמיט" האָט עפּשער דירעקט געדארפֿט טײַטלען אף א באשטימטער, גוט באקאנטער פֿיגור אין די בערלינער קרײַזן. גלײַכצײַטיק וואקסט אויס דער דאָזיקער אויסגעשריי, דער טאָמיד צוריקערנדיקער רעפֿריין „וואָס טוט מע דעמיט" אין א סימבאָל פֿון קאעס, פֿארלוירנקײַט, צעטומלטקײַט, אן אויסגעשריי פֿון א שיכט, וואָס א גרוב עפֿנט זיך אונטער אירע פֿיס, און וואָס ראנגלט זיך מיט די לעצטע קויכעס פֿאר איר קיעם.

די צענטראלע פֿיגור אין דער קאָמעדיע איז רעב הענעך, און ס'איז געלונגען אייכלען זי אויסצובויען אין א מאָנומענטאלער געשטאלט, אין א גרויסארטיקע טיפּישע פֿארקערפּערונג. רעב הענעך איז די צענטראלע פֿיגור אין דער קאָמעדיע, מיט אים איז פֿריילעך, לעבעדיק און אינטערעסאנט; גייט ער נאָר אראָפּ פֿון דער סצענע, פֿארלאנגזאמט זיך דער לויף פֿון דער פּיעסע, די רעדעס ווערן רעטאָריש, די אקציע ניט וויכטיק, ניט אינטערעסאנט, שלאבעריק... רעב הענעך איז געגעבן מיט א שטוינענדיקער רײַכקײַט פֿון פּראָטים און שטריכן. ברייט ווערט ביפּראט געשילדערט זײַן גאדלעס. רעב הענעך האלט שטארק פֿון זיך. אין דער יוגנט, דערציילט ער, איז ער געווען „א פֿײַנער היפּשער בורש", ער האָט אויסגעזען „כתואר פּני המלך". דיכטונג און ווארהײַט מישט זיך אויס בא אים, ווען ס'קומט צו זײַן אייגענער פּערזאָן. ער כאסמעט זיך „הענעך קאצענעלנבאָגן מעהאלבערשטאט", כאָטש „פֿון זײַן אָוועס־אוויסיינו איז קיינער ניט געווען אין האלבערשטאט". „מײַן מישפּאָכע שרײַבט זיך מיקאדמעס מעהאלבערשטאט, וואָרום? וייס איך אליין ניט",—אזוי דערקלערט עס אניוועסדיק רעב הענעך. אינדערעמעסן נעמט זיך עס דערפֿון, וואָס ס'איז אין יענע צײַטן געווען א יכעס צו שטאמען פֿון האלבערשטאט, דער גרעסטער פּרײַסישער קעהילע ביז דער העלפֿט פֿון 18־טן י.־ה. דעם באָרדשערער דערציילט הענעך אנעקדאָטן, וואָס דארפֿן איליוסטרירן זײַן כאָכמע און שארפֿזין,—דאָס זײַנען אָבער אלטע וויצן, און ווידער האָט דאָ הענעך א מאָדנעם שוואכן זיקאָרן. געגאנוועט און ערגעץ געהערט זײַנען מינאסטאם אויך די דיוורע־טוירע, וואָס הענעך לאָזט הערן ווי אייגענע.

דער דאָזיקער רײַכער סויכער, וואָס האנדלט מיט אלטווארג און זילבער, פֿירט אָן מיט דער גאנצער קעהילע, זיצט שוין 15 יאָר בא קאָהאָלס טיש, און יענע צײַטן האָט קאָהאָל א גרויסע מאכט איבערן יאָכיד, ניט קלענער, ווי אין רוסלאנד אין ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן. רעב הענעך קאָן צו יעדער צײַט ארויסשיקן א יונגנמאן, אן אָרעמאן, א מאסקיל פֿון שטאָט... אזוי וואקסט ער אויס אין א מין יידישן „סאמאָדור": א סאטראפּ אין דער קעהילע, א סאטראפּ אין שטוב, אין דער מישפּאָכע. אין דער קעהילע גיבן צ. ב. ארויס די הענעכס פּריקאזן, מע זאָל ניט וואגן קומען שאבעס אין שול אין שטיוול און שווארצע זײַדענע האלדזטיכער, וואָרעם דערפֿון איז צו זען, „אז זיי אָנפאנגען כויקרים און פֿילאָסאָפֿן צו ווערדן"...

---

[1] Henriette Herz, ihr Leben und ihre Erinnerungen. J. Fürst 2 Aufl. Berlin 1858.
פֿארגל. אויך: Henr. Herz, Jugenderinnerungen. Berlin 1896.

דעם צוויקער וויל הענעך אָן קיין שום געריכט ארויסשיקן פון שטאָט. אן עמער־סער שטורעם הייבט זיך אוף ארום דעם יונגן, שטילן סטודענט מארקוס, וואָרעם מע האָט אים געזען אין שטאָט עסנדיק ניט איבערגעקליבענע פלוימען... א סאטראפ, א בלינדער סאטראפּ איז אָבער הענעך אויך אין שטוב. ווי טאָמיד אין פרומע, יידישע הייזער, ארן אים ווייניק די טעכטער. ער ווערט ניט ניספּאָעל פון דער ליכטזיניקער אופירונג פון זיין כאסענע־געהאטער טאָכטער עלקע, און קיין גרויסע סקאנדאלן מאכט ער אויך ניט דער יינגערער טאָכטער העדוויג, וואָס האָט „געסאָפּט" מיטן ענגלענדער פרייטיקצונאכטס, וויבאלד ער דערוויסט זיך, אז געסאָפּט הייסט געגעסן אָוונטברויט, און ניט ערגערע זאכן. דערפאר אָבער רוידעפט ער דעם אופגעקלערטן זון הערצקע, און ס'ארט אים ניט, אויב ער וועט ביזן טויט פוילן אין טפיסע פאר כויוועס. דערפאר צאצקעט ער זיך מיטן צוואוקישן זונדל שמועל, און פארטיידיקט אים אפילע נאָכן פיינעם אופטו מיט דער קעכן, וואָס שמועל האָט פארפירט, מיטן בעפיירעשן פּאָסיק: „אין אפוטרופס לעריות". וואָרעם הערצקע איז פאר הענעכן א מין סימבאָל פון א גאנצן לאגער, מיט וועלכן ער קעמפּט פארביטערט, מיט אלע מיטלען, פריוואט און געזעלשאפטלעך. ס'איז א פארביטערטער קאמף, ווייל רעב הענעך פילט, אז ער שטייט פאר א קויעך, וואָס איז שטארקער פון אים. ער בארימט זיך נאָך, אז ס'וועט גאָרניט ווערן פון דער רעפאָרם. דאָך ווייס ער, אז „די גויים" זיינען אפן צאד פון די אופגעקלערטע, און די אופגעקלערטע זיינען אגעוו גווירים, קצינים אדירים. דאָס ווערט קלאָר ביפראט אין יענע אויסגעצייכנטע סצענעס, ווו הענעך שמועסט זיך דורך מיט זיין מעכוטן, דעם פּראָווינץ־דעפּוטאט און קעמפער פאר דער רעפאָרם נאטאן. רעב הענעך האָט רעספּעקט פאר נאטאנען,—ס'איז א קאָצין אדיר, רייך ווי קוירעך; ער האָט פיינט נאטאנען פאר זיין וויטקייט פון יידישקייט, א וואָרט טוירע קען נאטאן ניט ליידן; פאר זיין דייטשישער שפּראך, פאר זיין הילעך און גאנג אין לעבן. אלץ צוזאמען גיסט זיך אויס אין א פארביסן־איראָנישער באציונג, און ס'קלינגט מאָדנע באקאנט, ווען רעב הענעך הייסט נאטאנען „מאכן דערפון (פון די אלע געשעענישן) א בוך". עס דערמאָנט אן ענלעכע שטעלע אין גאָגאָלס „רעוויזאָר".

קורץ, שווער צו זאָגן, אז רעב הענעך איז אן אוטאָרירטע, טענדענציעז צוגעפוצטע געשטאלט. ער שטייט פאר אונדז אין גלאנץ און שפּיל פון אלע לעבנקאָלירן, מיט זיין ליבע צו די קינדער און מיט יענער פינצטערקייט, וואָס מאכט בלינד און טונקל די וועגן פון זיין ליבע, מיט זיין ניכטערן, אָבער שמאָלן, סאָכרישן לעבנכוש, וואָס פארשטעלט אים ברייטערע פּערספּעקטיוון, מיט זיין כאיעשער ליבע צו געלט, וואָס הייסט אים אָפּזאָגן זיך פון זון, ניט באלוינען דעם ענגלענדער, וועלכער האָט אים, הענעכן, געראטעוועט זיין לעבן,—פון אָט דער שווערער, מאסיווער געשטאלט האָט נאָך אייכל פארשטאנען אויסשלאָגן פונקען פון הומאָר, פון געזונטן געלעכטער דורך וויצן, ווערטלעך, אנעקדאָטן און סטאם קאָמישע סיטואציעס.

אין דריי לאגערן צעפאלן זיך אייכלס יידישע העלדן: דעם קאָנסערוואטיוון לאגער רעפּרעזענטירן הענעך, ייטל, די צוואוקעס שמועל און דער באָרדשערער, דער איידעמס מאָדל, דער גראָווירער רעב ארן. זיי קעגניבער שטייט דער „ליכטיקער", שטראלנדיקער לאגער פון די „עכטע" אופקלערער—דער דעפּוטאט נאטאן, דער דאָקטער, דער סטו־

דענט מארקוס. און איצט קומט דער דריטער לאגער: די „פאלשע אופקלערונג״, דער „לײַכטזין״, ווי וואָלפסאָן רופט עס; דאָ געהערן רעב הענעכס טעכטער עלקע או העדוויג, דער זון הערצקע, דער „פילאָסאָף״ ברייטנבליק. צום שוואכסטן איז אייכל אין דער שילדערונג פון דעם „ליכטיקן״ לאגער פון דער עמעסער אופקלערונג. אלע דרײַ געשטאלטן פון דעמדאָזיקן לאגער קײַען פאפיר, אלע זײַנען אזוי איידל, אז דעם מענטשן זעט מען שוין אינגאנצן ניט ארויס. אייגנטלעך זײַנען סײַ דער דאָקטער, סײַ מארקוס פולשטענדיק איבעריק אין דער קאָמעדיע. נאָר מיילע, דער דאָקטער איז עפשער נײַטיק, ביכדיי אויסצוהערן הערצקעס ווידע אין דער טפיסע (כאָטש צוריקגעשמועסט, האָט עס געקאָנט אויסהערן אויך נאטאן). אקעגנזשע האָט אבסאָליוט קיין שום פונקציע ניט מארקוס. אייכל האָט אים ארײַנגעבראכט, ביכדיי ער זאָל רעפּרעזענטירן דעם אידעאל פון דער מאסקילישער יוגנט: אן אָרעמער באָכער, וואָס עסט טעג, שטודירט און וואקסט דער קינפטיקער שטאָלץ פון דעם יידישן פאָלק, אזא מין באָכער איז דאָך אמאָל געווען א מוישע מענדעלסאָן, א מארקוס הערץ. און עפשער דערפון שטאמט דער נאָמען פון אייכלס פאָזיטיוון העלד, א נאָמען, וואָס איז שפּעטער אוועק איבער דער יידישער מאסקילישער קאָמעדיע.

בא די פיגורן פון אָט דעם לאגער פעלט לעבן, און נאטירלעך אויך הומאָר. דערפאר ווערט ער ניט געזשאלעוועט בא די „פאלשע אופגעקלערטע״. ס'ווערט בײַסיק אויסגעלאכט דער טיפעש ברייטנבליק, וואָס האָט א פול מויל מיט קאנטס פילאָסאָפישע טערמינען, פון וועלכע ער פארשטייט אָבער גאָרניט, און וויל מיט זײַן „פילאָסאָפיע״ אימפּאָנירן הענעכס ייִנגערע טאָכטער, דער גאנדז העדוויג. זי איז נאיִוו, ניט פארדאָרבן, אָבער ניט קלוג, ניט אנטוויקלט און ניט געבילדעט, כאָטש זי האָט שוין פארשטאנען פון האָדעס פארוואנדלט צו ווערן אין א העדוויג. רײַפער איז שוין די עלטערע טאָכטער עלקע־עליזאבעט, אירע האסקאָלע־אידעאלן האָבן זיך שוין געענדיקט בא פרײַסישע אָפיצערן. פאר די אלע געשטאלטן האָט אייכל בלויז דעם וואָפן פון סאטירע, ער פארטיפט ניט און מאכט ניט טראגיש זייערע שיקזאלן, און ליקווידירט לײַכט און אָן גרעסערן טומל די עמעסע טראגעדיע פון דער פּאָר מאָדל־עלקע: קען דען טאקע עלקע אזוי לײַכט פון דעם אָפיצער צוריקקומען צום פרומען מאן, וועמען זי האָט ניט ליב?

וועט טאקע מאָדל אזוי לײַכט אלץ פארגעסן און אלץ מויכל זײַן? אייכל האָט דאָ געזאָלט ווײַזן, ס'ארא געוואלטיקע ראָלע סע שפּילט בא די פרומאקעס געלט, און ס'האָט זיך געעפנט א באקוועמער אויסוועג: דער אָפיצער האָט געדראָט צוצונעמען די כיִונע, און מאָדל ווערט טייקעף ווייך ווי פּוטער, פארגעסט וועגן געט. און אגעוו איז עס א לעקציע וועגן דעב, אז די טראדיציאָנעלע יידישע פארנאָסעס זײַנען אן אייביקער קוואל פאר דערנידעריקונגען און ביזיוינעס.

און דאָס וויכטיקסטע: אייכלס מעסיקע אופקלערערײַ, זײַן שטרעבן צו דערווײַזן, אז אופקלערונג פירט ניט אוועק פון דעם יידנטום, נאָר איז פארקערט „די קרעפטיקסטע שטיצע דעם יודנטום״, האָט ניט דערלויבט פאנאנדערוויקלען דעם דאָזיקן עפּיזאָד אין א פארטיפטער, טראגישער ריכטונג, דיקטירט אים די פלאכע אידיליע פון דער טשוווע־טועודיקער טאָכטער, וואָס קערט זיך אום צוריק אפן שויס פון דער מישפּאָכע.

מיט טראַגישע שטריכן האָט אייכל דערקעגן אויסגעמאָלט דעם יונגן הערצקע, וואָרעם ער האָט אים אוועקגעשטעלט אַף דער גרענעץ פון פאַלשער און עכטער האַסקאָלע, ער ווײַזט אים דעם וועג פון טשוווע און גלויבט אין זײַן צוקונפט. מאָשמאָעס, אין די הערצקעס האָט אייכל נאָך געגלויבט, פאַר זיי עפּשער געשריבן זײַן קאָמעדיע, פאַר זיי געשאַפן זײַנע כעוורעס.

אין אייכלס קאָמעדיע באַקומט די ייִדישע ליטעראַטור איר ערשטע בורזשואַזע פאַמיליע־דראַמע, מיט אַלע מײַלעס און כעסרוינעס פון דעם דאָזיקן ליטעראַרישן זשאַנער. אַ „פאַמיליען־געמעלדע“ רופט זי אייכל אַליין. אין די ראַמען פון אַ פאַמיליען־דראַמע האָט אָבער אייכל באַוויזן צו געבן אַ גרויסן אויסשניט פון דעמלטיקן לעבן, אַרײַנפירן דעם טומלדיקן קאַמף אַרום דער עמאַנסיפּאַציע, שילדערן די באַציִונגען פון דעם ייִדישן בירגערטום מיט די ניט־ייִדישע פּריצים, אָפיצערן, אינטעליגענץ. אייכל האָט זיך געיאָגט נאָך אַסאַך געשטאַלטן, און ס'איז אַ מײַלע פון דער פּיעסע, אָבער אויך אַ קאָנסטרוקציע־כעסאָרן. אָפט האָבן די געשטאַלטן זיך אַרויסגעגליטשט אים פון האַנט, און אייניקע זײַנען אַזוי נישטיק און אומבאַדײַטנדיק, אַז זיי זײַנען בלויז אַ באַלאַסט פאַר דער קאָמעדיע.

דער שאַרפער קעמפערישער כאַראַקטער פון אייכלס פּיעסע באַוואָרנט זי פון דער סענטימענטאַלקײַט פון אַסאַך דעמלטיקע בירגערלעכע פּיעסעס. זי איז שטאַרק און לעבעדיק אין איר קריטיק, דאָ, ווו ס'האַנדלט זיך וועגן די פיגורן פון דער אָרטאָדאָקסיע אָדער פון דער לײַכטזיניקער יוגנט. זי איז סכעמאַטיש און מעליצעדיק בא די פּאָזיטיווע פיגורן, בא די געשטאַלטן פון אייגענעם לאַגער. זי אָריענטירט זיך אָפן מאָדערנעם, אויפגעקלערטן גוויר (נאַטאַן) און אַף דער מאָדערנער בורזשואַזער אינטעליגענץ (מאַרקוס, דער דאָקטער). אָבער נעענטער איז איר די אינטעליגענץ, בייס נאַטאַן ווערט באַוויזן פון דער זײַט. און דאָך איז נאַטאַן דער יעניקער, וואָס צעשנײַדט דעם אינטריגע־פּלאָנטער, וויקלט פאַנאַנדער די קאָנפליקטן און גלײַכט זיי אויס. זײַן שטאַרקער האַנט זינגט עס דעם לויבגעזאַנג דער מאַסקילישער שרײַבער. און אַזוי וועט עס בלײַבן קימאַט אין אַלע ווײַטערדיקע מאַסקילישע דראַמעס.

די סאַטירע, ווי דער וויכטיקסטער קונסט־מיטל, פאַרוואַנדלט די פּיעסע אין אַ האַלבע קאָמעדיע, אַ האַלבע דראַמע. און ווי יעדע קימאַט אויפקלערונג־דראַמע, איז עס אַ „מאָראַלישע“ פּיעסע,—אַ פּיעסע, וואָס רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט די „הויכע מאָראַל“ פון דער אויפגעקלערטער בורזשואַזיע און שילדערט די מאָראַלישע צעפוילטקײַט פון דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלער מישפּאָכע. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזער פּיעסע איז אויך די שאַרף־קריטיקירנדיקע, נעגאַטיווע באַציִונג צו די פעאָדאַלן טעלער און האָרן.

די פּיעסע האָט אייכל געשריבן אין דײַטש מיט ייִדישע אויסיעס. איר רעאַליסטישער, סאַטירישער נוסעך האָט אָבער געפאָדערט געגוי צו קאָפּירן דעם הילעך, די מאַנירן, די שפּראַך, דעם סטיל פון יעדן העלד. רעדט טאַקע דער נײַער דאָר ריין דײַטש, און דער קאָנסערוואַטיווער לאַגער—פּראָסט ייִדיש. פאַראַן אָבער אין דער

קאָמעדיע אויך אַן ענגלענדער און אַ פראַנצויז — און זיי ריידן כּאָצי — דײַטש, פּאָלאַ־וינע ענגליש־פראַנצויז. נאַטירלעך ריידן דײַטש אויך די קריסטלעכע דײַטשן, אָבער דער רעאַליזם פון דער פּיעסע דריקט זיך אויס אויך אין דעם, אַז די מענטשן פון פּאָלק, אשטייגער דער זעלנער אָדער די „שאַבעס־גויע", ריידן זייער פּאָלקדיאַ־לעקט. דער דײַטש פון דער אופגעקלערטער ייִדישער בורזשואַזיע ווימלט מיט פראַנ־צויזישע ווערטער און אויסדרוקן, און אַזוי לעמאָשל זאָגט נאַטאַן: „נון, רעב הענעך, פון אירער פרוי האָב איך פלען פּוּוואַר" (פולע פולמאַכט). — אַזוי רעדט אָבער די גאַנצע דעמלטיקע דײַטשישע געבילדעטע געזעלשאַפט, און שוין ל. גייגער האָט אופמערקזאַם געמאַכט אויף דער גרויסער צאָל פראַנצויזישע אויסדרוקן אין מענדעל־סאָנס בריוו צו דער קאַלע, — „מע דאַרף עס באַטראַכטן ווי אַ באַוויַז, אַז אין דער שפּראַך פון די דעמלטיקע בערלינער, ייִדן ווי קריסטן, איז פראַנצויזיש געווען אַ מאַמאָשעסדיקער עלעמענט" („מאָנאַטשריפט", 1906, 357־360). די רעמאַרקעס פון דער פּיעסע זײַנען אין דײַטש.

עס האָט זיך אַזוי אַרום באַקומען אַ געמישט־שפּראַכיקע, דײַטש־ייִדישע פּיעסע. און אומזיסט וויל שטיף זען דערין אַ באַוויַז, אַז אייכל איז ניט געווען קעגן ייִדיש. גראָד פאַרקערט: וויבאַלד ייִדיש ריידן בלויז די נעגאַטיווע פיגורן פון קאָנסערוואַטיוון לאַגער, קעגן וועלכע ס'איז געווענדעט אייכלס הויפּטפײַער, באַקומט זייער ייִדיש אָביעקטיוו דעם כאַראַקטער פון נאָך איין סאַטירישן מיטל, פון נאָך איין וויכטיקן שפּאָט־עלע־מענט. דער אַלטער יאָסט איז אין דעם זינען געווען אַסאַך נעענטער צום עמעס, ווי שטיף.

די פּיעסע, ווי ס'זאָגן איידעס יאָסט און לעטעריס, איז דערשינען נאָך אייכלס טויט (1804), מינאַסטאַם אין ערשטן צענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט, אין ייִדישע אויסיעס. אַ צווייטע אופלאַגע, אַ שטאַרק פאַרענדערטע און אין דײַטשישע אויסיעס, איז דער־שינען אין בערלין אין יאָר 1846, אַ דריטע (אַ שונדויסגאַבע) אין די 60־ער יאָרן פון 19־טן י.־ה. נאָך בעשאַס דעם לעבן פון מעכאַבער און אַ פּאָר יאָרצענדליקער שפּעטער האָט זי קורסירט אין אָפּשריפטן. עס זײַנען שוין הײַנטצוטאָג באַשריבן דרײַ אַזעלכע קסאַוויאַדן (אין ברעסלע, אַמסטערדאַם און ירושלים). אויספאָרשנ־דיק די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז אַלע דרײַ זײַנען אויטענטישע וואַריאַנטן, ד. ה. די ענדערונגען אין זיי שטאַמען פון אייכלען גופע, און אַז אַלע דרײַ שטעלן ניט פּאָר דעם אורטעקסט, ד. ה., קיין איין קסאַוויאַד שטעלט ניט פּאָר דעם ערשטן נוסעך פון דער קאָמעדיע אָדער זײַן קאָפּיע. די עלטערע וואַ־ריאַנטן פון דער קאָמעדיע (צו וועלכע ס'געהערט דער פּאַלעסטינער קסאַוויאַד) זײַנען די מעסיקסטע; אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אייכל נאָך מער פאַנאַנדערגע־וויקלט, אויסגעבעסערט און מאָטיווירט זײַן קאָמעדיע, פאַרשאַרפט איר אָנגרײַפערישע שפּיץ, (אַזוי צ. ב. צוגעגעבן די סצענעס, ווו ס'ווערט נעגאַטיוו געשילדערט די פּרי־צישע אָפּיצערן־סוויטע). (פאַרגל. מײַנע אַרבעטן „די ערשטע ייִדישע קאָמעדיע", פילאָ־לאָגישע שריפטן פון ייוואָ, ווילנע דריטער באַנד, 1929, און „נײַע מאַטעריאַלן וועגן אייכלען" צײַטשריפט פון ייִדסעקטער בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, מינסק 1931, ווו ס'ווערט אַנאַליזירט די גאַנצע אייכל־ליטעראַטור. די קאָמעדיע גופע איז איבערגעדרוקט פון אַמסטערדאַמער קסאַוויאַד דורך ז. רייזינען אין „טעאַטעראַרכיוו" פון ייוו"א, ווילנע 1930).

דער פאַרפאסער פון דער צווייטער קאָמעדיע, „לײַכטזין און פרעמעליי", אַרן האַלע וואָלפסאָן, איז געווען אייכלס אַ נאָענטער פרײַנט און מיטאַרבעטער. זיי האָבן מיטגעאַרבעט אין „המאסף", און אין דעם בערלינער פעריאָד פון „המאסף" האָט וואָלפסאָן געהערט צום באַשטאַנד פון דער רעדאַקציע פון דעם דאָזיקן אָרגאַן. ער איז ווי אייכל איינער פון די טעטיקסטע „בעיעריסטן", ד. ה. פון יענע נאָכפאָלגער מענדעלסאָנס, וואָס האָבן ווײַטער געפירט זײַן אַרבעט אַרום דעם איבערזעצן אין דײַטש און קאָמענטירן די ביבל. ער אַרבעט צוזאַמען מיט אייכלען אין דיזעלביקע געזעלשאַפטן (די בערלינער „געזעלשאַפט פון פרײַנט", אויך די „חברת שוחרי הטוב והתושיה"). אייכל, וואָלפסאָן און יויעל בריל־לעווע זײַנען אַ פעסט צוזאַמענגעשמידטער אין פרײַנדשאַפט און וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט דרײַלינג.

אַרן האַלע וואָלפסאָן איז געבאָרן געוואָרן 1754 אין נידער־ענהיים, אין עלזאַס. זײַן פאָטער איז געווען דער דאָקטער וואָלף (דערפון די פאַמיליע: וואָלפסאָן), וואָס איז אין יאָר 1760 אַריבער אין פירט. אַ לענגערע צײַט האָט וואָלפסאָן געלעבט אין האַמבורג, שפּעטער אַריבערגעפאָרן אין בערלין. זינט 1792 איז ער מיטברילן אין ברעסלע, ווו ער איז אינספּעקטער אין דער ווילהעלם־שול, און זינט 1802, נאָך ברילס טויט, דירעקטער פון דער שול. עס איז אַ רעפאָרמיסטישע שול, וואָס איז אַרומגערינגלט מיטן האַס פון דער אָרטאָדאָקסיע, און וואָלפסאָן ווערט גלײַך פאַרמישט אין אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די אָרטיקע פרומאַקעס. ראַזענטאַל פאַרצייכנט אַן אַנעקדאָט וועגן וואָלפסאָנען, לויט וועלכן וואָלפסאָן מאַסקירט זיך פורים־צײַט פאַר אַן אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם מעס, ביכדיי צו דערווײַזן דער אָרטאָדאָקסיע, אַז ס'איז שעדלעך דער יידישער מינעג צו באַגראָבן פאַרשטאָרבענע טייקעף נאָך זייער טויט („יודע ספר", ז. 176). אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף האָט ער געפירט קעגן דעם טאַלמוד, און סאָפקאָלסאָף פאַרטריבן דעם דאָזיקן לימעד פון דער שול. אין יאָר 1807 איז ער אַוועק פון דער שול, „מע איז אים אַוועק", ווײַזט אויס צוליב זײַן קריגערישקײַט (פרוידנטאַל, ז. 61־60 [1]). אַ געוויסע צײַט איז ער געווען צענזאָר איבער יידישע שולביכער, ווי ברילס אַ פאַרטרעטער (דאָרט, 71). זינט 1807 האָט ער געלעבט אין בערלין ווי אַ דערציִער פון די דרײַ ברידער בער, צווישן זיי דער שפּעטערדיקער באַרימטער קאָמפּאָזיטער מעיער־בער (אַגעוו, זײַנע קרויווים). פון זײַן ווײַטערדיקער טעטיקײַט און לעבן איז ווינציק וואָס באַקאַנט. טעוויע פעדער באַרימט זיך אין זײַן באַקאַנטן ענטפער־בריוו צו ביקן אין צוזאַמענהאַנג מיט לעפינס קויהעלעס־איבערזעצונג, אַז זײַן (פעדערס) שאַרפע קריטיק פון וואָלפסאָנען אין זײַן בוך „להט החרב המתהפכת" (1804) האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף וואָלפסאָנען, אַז ער איז אַוועק פון דײַטשלאַנד אין פראַנקרײַך און איז נאָך ביז איצט (ד. ה. ביז 1815) ניט צוריקגעקומען („והאפראָפעסאָר, בראותו כי היה ללעג... עזב ארץ אשכנז ויּלך צרפתה ועודנו לא ישוב"). אין יאָר 1821 איז ער אָבער, ווײַזט אויס, שוין געווען אין פירט. ער איז דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1835. אויף דער עלטער זאָל ער אַפילע האָבן פאַרגעסן די העברייִשע שפּראַך. (פאַרגל. לעוונשטיין, אין יאָר־בוך דער יידיש־ליט. געז. פראַנקפורט־מײַן,

[1]) Freudental, Die ersten Emancipationsbestrebungen der Juden in Breslau. 1890

1911, ז. 154, אויך דר. שאצקיס ארטיקל אין „פינקעס", 1, 1929, ניו־יאָרק, וואָס באַהאנדלט אָבער דערוויל בלויז וואָלפסאָנס יִכּעס).

אין „המאסף" ארבעט ער מיט אקטיוו זינט 1788. ער דרוקט דאָרט די פארשיידנסטע זאכן: פאבלען און עפיגראמען, סראָוו גאנץ טאלענטירטע זאכן, נאטורוויסנשאפטלעכע פּאָפּולערע ארטיקלען, און לאנגע עקזעגעטישע מײַמאָרים. ער איז אין דעם דאָזיקן פעריאָד אויך שטארק פארטאָן אין דער בעיעריסטישער ארבעט (ער האָט איבערזעצט און קאָמענטירט אייכאָ, רוס, עסטער, איִוו, מעלאָכים), פארפאסט אויך לערנביכער.

זײַן „לײַכטזין און פרעמעלײַ" איז דערשינען אין ברעסלע 1796 (מיטגעדרוקט אין יידישע אויסיעס „די שטאָלצע וואשטי" פון דעם דײַטשישן שריפטשטעלער פרידריך ווילהעלם גאָרטער). און אין א צווייטער אופלאגע, שוין אָן גאָרטערס פיעסע, אין אמסטערדאם 1798. אין דער האקדאָמע דערציילט וואָלפסאָן, אז זײַן „לוסטשפיל" דארף ארויסשטויסן די „זינלאָזע" פּורים־שפּילן („אָן דער שטעלע דער זאָנסט געוויינלעכן זינלאָזן אונד צווּעקווידריגן הארלעקינאדן דינען זאָל"), און „מיט לעבהאפטע פארבן" פּאָרשטעלן דער נאציע די שלעכטע פאָלגן סײַ פון שטרענגן פאנאטיזם און צוויִעס פון איין זײַט, סײַ פון דער „פאלשער אָדער אונעכטער אופקלערונג אונדזערע יעציגן מאָדישן יוגנט" פון דער צווייטער זײַט. די האסקאָלע האָט אלזאָ—נאָכגייענדיק לעסינגס געבאָט—געזוכט א וועג צום טעאטער, און געמוזט אויסנוצן יענע שמאָלע און עלנטע מעגלעכקײַט, וועלכע ס׳האָט געגעבן דער מינעג פון פּורים־שפּילן. זײַן פּיעסע האָט וואָלפסאָן, ווי־זט אויס, פארפאסט צום אופירן אין זײַן שול, פארטראכט זי לעכאטכילע ווי א טעאטער־שטיק, אין קעגנזאץ צו אייכלס קאָמעדיע, וואָס האָט אין די דעמאָלטיקע באדינגונגען געשטעלט דער אופירונג אויסערגעוויינלעכע שוועריקײַטן. צוליב דעם זעלביקן צוועק — ארויסצושטויסן די אלטע יידישע פּורים־שפּילן — האָט וואָלפסאָן, ווײַזט אויס, מיטגעדרוקט גאָרטערס פיעסע. די ברעסלער אויסגאבע האָט טאקע געהאט דעם טיטל: „לוסטשפּילע צור אונטערהאלטונג באם פּורים־פעסטע, ערשטענס בענדכען". וואָלפסאָן האָט, אלזאָ, געהאט בעדייע ווײַטערצופירן זײַן דראמאטורגישע טעטיקײַט (אין דער האקדאָמע שרײַבט ער טאקע, אז אויב דאָס ביכל וועט האָבן דערפאָלג, וועלן „מערערע פאָלגן"). ער האָט אָבער סאכאקל ארויסגעגעבן נאָך איין ביכעלע פון 16 זײַטן „דאָוויד, דער בעזיגער דעס גאָליאַס" (ברעסלע 1802 און פירט, ?1815).—„א שוישפּיל מיט געזענגען אין צוויי אופציגן צור בעלוסטיקונג אם פּורים פעסטע"—א שולמעסיקע ביבלישע פּיעסע, באשטימט אויך, ווײַזט אויס, פאר זײַנע טאלמידים אין דער ווילהעלם־שול, אָן קיין שום ליטעראַרישן ווערט (פארגל. שאצקי אין טעאטער־ארכיוו פון ייִוו״א 1930, ז. ז. 147־150).

דערפון דארף אָבער ניט געמאכט ווערן דער אויספיר, אז וואָלפסאָנס „לײַכטזין און פרעמעלײַ" האָט א וועלכע ס׳איז שײַכעס צום פּורים־שפּיל, אז די יידישע בורזשואזע דראמע האָט אף איר ערשטן עטאפּ געצויגן איר יעניקע פון אלטן פּורים־שפּילפּונקט פארקערט: נאָר ברעכנדיק אינגאנצן מיט דער פאָרם, שפּראך, סיוזשעט און סטרוקטור פון די יידישע פּורים־שפּילן, איז מעגלעך געוואָרן די מאָדערנע יידישע דראמע. וואָלפסאָן האָט עס אויסגעצייכנט פארשטאנען און גערופן טאקע צום קאמף קעגן דער אלטער פּורים־שפּיל. מע קען ניט מאסקים זײַן אפילע מיט דאָברושינס

פאַרמולירונג, אז „אָנהייבער פון יענער צײַט האָט באשטימט געצויגן קוידע מ ק נאָכצומאכן דער דיאַלאָגישער פאָלק־פאָרם פון די גאנגבארע אײַנגעוואָרצלטע אין זיקאָרן פארשיידענע פאָרשטעלערישע פורים־שפּילן" („שאָלעם אלייכעמס דראמאטורגיע", מינסקער צײַטשריפט, ב. 2־3, 1928, 408), אָדער מיט אויסלענדערס מיינונג, אז וואָלפסאָנס „אומיטלבארער קאָמיזם" שטאמט פון פורים־שפּיל („די עלטערע יידישע דראמע און איר קינסטלערישע אויסשטאטונג", טעאטער־בוך, קיעוו, 1927). בא די פורים־שפּילן האָבן די ערשטע מאסקילים געוואָלט אויסנוצן בלויז א באשטימטע טראדיציע: אז פורים ווערט בא יידן געשפּילט טעאטער. מיט דעם שעפּט זיך אויס די פארבינדונג פון דער מאסקילישער דראמע מיט דעם פורים־יאָנטעוו. די בעסטע איליוסטראציע גיט די גאליצישע אנאָנימע „געגנארטע וועלט" (ארום 1815), וואָס איז געווען אויסגערעכנט אופגעפירט צו ווערן פורים־צײַט, אָבער איר איינציקער פורים־עלעמענט באשטייט אין דער רעמארקע, אז „די מײַסע... הייבט זיך אָן עסטערטאַנעס נאָך דער מעגילע און לאָזט זיך אויס פורים בא דער סודע". אויך עטינגערס „סערקעלע" (ארום 1830) פלעגט מען אופירן פורים־צײַט (זע „קסאָווים", ב. 1, 47 רוימיש), וואָס פאר א שײַכעס האָט אָבער „סערקעלע" צו די פורים־שפּילן און זייער „דיאַלאָגישער פאָלקפאָרם"?

פאקטיש איז אויך וואָלפסאָנס „לײַכטזין און פרעמעלײַ" א טיפּישע בורזשואזע פאַמיליע־דראמע פון דעם זעלביקן שניט, ווי אייכלס „רעב הענעך". ס'איז לײַכט צו זען, אזביידע קאָמעדיעס האָבן אסאך בארירונג־פונקטן. ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, ווען מע נעמט אין אכט, אז וואָלפסאָן און אייכל זײַנען כאוויירים, פארבונדן דורך פרײַנטשאפט און שוטפישער ליטעראַרישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט, וואָס האָבן זיך מינאסטאם געטוי אינפאָרמירט וועגן זייער לויפנדיקער ליטעראַרישער ארבעט. דער הויפּטהעלד פון אייכלס קאָמעדיע הייסט הענעך, און אזוי הייסט אויך דער הויפּטהעלד פון וואָלפסאָנס פּיעסע (רעב כאנויך). מער נאָך: ס'איז דער זעלביקער טיפּ, די זעלביקע געשטאלט. אייכלס הענעך האָט א פרומען זון שמועל, און אויך רעב כאנויך דערמאָנט (אָבער בלויז דערמאָנט) א זון שמועל, וואָס וואקסט אן אילוי. די טאָכטער פון וואָלפסאָנס כאנויך הייסט יעטכען, און ס'איז אין טאָך דער זעלביקער טיפּ, וואָס אייכלס העדוויג אָדער עלקע, אויך זי איז לײַכטזיניק, ווערט פארפירט, קומט צוריק מיט כאראָטע. אייכלס קאָמעדיע פארמאָגט צוויי צוואקעס: דעם טאמעוואטן שמועל, הענעכס זון, און דעם דורכגעטריבענעם צוויקער. פון שמועלן ווערט מעובערעס די קעכן, און דער כניפעסדיקער צוויקער איז א גאנעוו און א שווינדלער און סטאם א מיעסע בריע. אין וואָלפסאָנס קאָמעדיע פיגורירט בלויז איין צוואק, דער מעלאמעד רעב יויסעפקע, ס'איז אָבער א קאָמבינאציע פון ביידע טיפּן, א מין סינטעז פון שמועלן מיטן צוויקער. אויך ער טשעפּעט זיך צו דער קעכן שיינדל, און צום סאָף געפינט מען אים אין א שאנדהויז. סײַ אייכלס הענעך, סײַ וואָלפסאָנס כאנויך זײַנען ווײַט ניט קיין נאראָנים, און דאָך ווערן זיי באשווינדלט און אָפּגענארט פון די צוויעסדיקע פרומאקעס. טעלצע, כאנויכס ווײַב, איז קימאט דער זעלביקער טיפּ, וואָס אייכלס ייטל (מער ניט זי איז אביסל פרײַער פון ייטלען). און פונקט ווי יעטכען איז א קאָמבינאציע פון עלקען מיט העדוויג, רעב יויסעפקע א קאָמבינאציע פון שמועלן מיטן צוויקער—אזוי איז דער פּאָזיטיווער טיפּ וואָלפסאָנס (וואָס הייסט

אויך מארקוס) א קאָמבינאַציע פון עטלעכע איידעלע העלדן אייכלס: דעם דעפּוטאַט נאַטאַן, דעם דאָקטער און דעם סטודענט מארקוס. קימאַט אַלע העלדן וואָלפסאָנס פיגורירן, אַלזאָ, אויך אין אייכלס קאָמעדיע; אויך די פּראָבלעם איז די זעלביקע: דער לייַכטזין פון דעם נייַעם, פּוסטן דאָר און די „פרעמעליי״, די צוויַעס פון דעם אָרטאָדאָקסישן מיטלבירגערטום. אויך די שפּראַך־באַהאַנדלונג איז די זעלביקע: דער נייַער דאָר רעדט דייַטש, דער אַלטער יידיש. אגעווו: דער קלאַסישער אויסרוף פון אייכלס רעב הענעך: „וואָס טוט מע דערמיט!״ איז פאַראַן אויך אין וואָלפסאָנס טעקסט („פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע״, ז. 47, זע אויך ז. 41).

איצט קאָן מען אריבערגיין צו די דיפערענצן צווישן ביידע קאָמעדיעס. זיי נעמען זיך דערהויפּט דערפון, וואָס וואָלפסאָנס גאַנצע קאָמעדיע גייט אַרייַן ווי אין א פאָרטערפאַס אין אייכלס פּיעסע. „לייַכטזין און פרעמעליי״ איז א צימצעם, א מין געקירצטע סכעמע פון אייכלס קאָמעדיע. בא אייכלען איז א ראַכוועס אין דער צאָל העלדן און געשטאַלטן. אייכל שטרעבט אריַינצוציִען וואָס מער פיגורן אין דער אקציע, טשעפּעט צו צוליב דעם אפילע גיטנייטיקע פּערסאָנאַזשן, ווי דעם פראַנצויז דעקאַמפּ, דעם ענגלענדער דזשאָנסאָן, האָרנס פרייַנט טעלער, דעם קריסטלעכן סטודענט פּלומפּ, סאָלדאַטן, נאַכט־וועכטער א. א. וו. די אַלע פיגורן—ניט זיי זייַנען נייטיק אין דער קאָמעדיע, ניִט זיי פאַרגיכערן און שטופּן די אקציע. דערמיט בינדט זיך בא אייכלען א טענדענץ אַרייַנשטעלן וואָס מער קליינע סצענעס. באַשטימט איז עס א כעסאָרן פון אייכלס ווערק, און מע מעג לעכאַטכילע זאָגן, אז וואָלפסאָנס קאָמעדיע איז אָן א פאַרגלייַך סצענישער: דאָ נעמען אָנטייל בלויז 8 פּערזאָנען, בעשאַס בא אייכלען זייַנען עס לעכאָלעפּאָכעס 24 ראָלן, דערפון ביז 15 גאָר וויכטיקע, אָן וועלכע מע קען זיך ניט באַגיין. אין וואָלפסאָנס קאָמעדיע בייַט זיך ניט די סצענע אין מעשעך פון אקט (איין אויסנאַם איז דער דריטער אקט), און די דעקאָראַציעס זייַנען גאָר איינפאַכע צימער־טעכניק. בא אייכלען בייַט זיך די סצענע 4 מאָל אין מעשעך פון ערשטן אקט, און איין מאָל קומט פאָר די האַנדלונג אינמיטן גאַס, 7 מאָל אין מעשעך פון צווייטן אקט, 4 מאָל אין דריטן אקט. די אקציע אין וואָלפסאָנס קאָמעדיע איז מער קאָנדענסירט, דער סיפּער־האַמייַסע איינפאַכער, און פאַראַן דאָ דער שאַבלאָנער און טאָמיד שלאָגנדיקער מאָטיוו פון א שידעך, ארום וועלכן ס'דרייען זיך א צאַדיק, א פאַרפירער און א צוואַק. אַזא מין איינפאַכער, צענטראַלער מאָטיוו פעלט אין אייכלס קאָמעדיע.

אָבער זאָל מען ניט באַשולדיקן אייכלען פאַר קאָוואָנעס, וואָס זייַנען אים קיינמאָל ניט אַרוף אפן געדאַנק. וואָלפסאָן האָט בעפּיירעש געהאַט אינזינען די בינע: ס'איז געגאַנגען צו פּורים, זייַנע טאַלמידים האָבן זיך עפּשער געגרייט אופצופירן א פּורים־שפּיל, האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען און צוגעשניטן לויט אייכלס גרויסער קאָמעדיע זייַן „לייַכטזין און פרעמעליי״. אייכל ווידער, האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז זייַן קאָמעדיע וועט ווען עס איז אופגעפירט ווערן. ער האָט געשאַפן א פּיעסע צום לייענען, א פּיעסע, וואָס זאָל „לאַכנדיק דערציילן דעם עמעס״, האָט ער טאַקע געשטרעבט צו געבן וואָס מער עמעס, וואָס מער לעבן. דערפון זייַן נייגונג צו דער פולקייַט פון בילד, צו אַסאַך סצענעס, אַסאַך געשטאַלטן.

אַכוץ אייכלען, האָט אָבער וואָלפסאָן געהאַט פאַר די אויגן אויך א קלאַסישן

מוסטער — דעם גרויסן דראמאטורג פון דער אופגייענדיקער בורזשואזיע, מ אָ ל י ע ר ן. „לײַכטזין און פרעמעלײַ" דערמאָנט אין אסאך פראָטים מאָליערס „טארטיוף". דער פוילישער מעלאמעד רעב יויסעפקע איז א מין יידישער טארטיוף, א צוואק, וואָס פארברענגט זײַנע נעכט אין א שאנדהויז, און דאָך איז רעב כאנויך אזוי פארגלויבט אין אים, אז ער וויל אים אָפּגעבן זײַן אופגעקלערטע טאָכטער יעטכען, — ענלעך ווי אין מאָליערס פּיעסע. ענלעך ווי בא מאָליערן, ווערט דער טארטיופישער מעלא-מעד געפּאקט בא אן אווירע (ערשטער אקט, 7-טע סצענע), ווען ער האָט צו טאָן מיט דער דינסט שיינדל, און דאָך פארלירט ניט רעב הענעך צו אים דעם צוטרוי, פארקערט, דער צוואק וואקסט נאָך אויס אין זײַנע אויגן. שוין אין יאָר 1796 האָט א דײַטשישער רעצענזענט פארצייכנט, אז „דער העלד דעס שטיקס, ראבי יויסף, איזט איין יידישער טארטיוף" (טעאטער-ארכיוו, ז. 147). הענעכס איידעלער שוואָגער מארקוס דערמאָנט ווידער מאָליערס שוואָגער, קלעאנט. עס איז דורכויס אין גײַסט פון מאָליערן און דער גאנצער בורזשואזער דראמאטורגיע, ווען סײַ אייכל, סײַ וואָלפסאָן קעמפן קעגן דעם דראנג פון בורזשואזע יידישע מיידלעך צום פרײַסישן אדל, צו גראפן, באראָנען און סטאם צו יעדערן, וואָס האָט נאָר דעם טיטל „פאָן". וואָלפסאָנס יעטכען לויפט ארום מיט גראפן און פריצים, גיט זיך איבער אין די הענט פון א פאָן שנאפּס, כאָטש יענעם פאסט ניט אפילע גריסן זי אין גאס. סאָפקאָלסאָף פארקויפט זי דער פאָן שנאפּס [1]) אין א שאנדהויז. אין אייכלס קאָמעדיע לאכט ווידער אויס דער לייטענאנט האָרן אומבעראכמאָנעסדיק זײַן יידישע געליבטע, עלקע-עליזאבעט: „שטרענגע פּרינציפּן" האָט זי בלויז קעגן יידן, און אף יעדן פאל ק ע ג ן ב י ר ג ע ר ל ע כ ע. דאָס פארדאנק איך איר שטאָלץ, און ווי אן אדעליקער האָב איך פיל פאָרצוג. ווייסטו דען, וואָס פאר א מאגישע קראפט האָט דאָס ווערטל „פאָן" בא די דאָזיקע באשעפענישן"? (105-106). דער בירגערלעכער שטאָלץ, דער אופוואכנדיקער בורזשואזער קלאסנבאוווסטזײַן האָט אָבער פּראָטעסטירט קעגן דעם בורזשוא, וואָס קריכט צום אדל, און געמאכט עס פאר א הויפּט-טעמע פון אסאך קאָמעדיעס (און טאקע בא מאָליערן צום שטארקסטן).

די ערשטע יידישע בורזשואזע קאָמעדיעס זײַנען, אלזאָ, שטארק ענלעך — מיט דער ציל-אײַנשטעלונג, טעמאטיק, אפילע פיגורן. אייכלס קאָמעדיע איז אסאך ברייטער אין פארנעם, האָט אן אקטועלן פּאָליטישן ציל — פּראָפּאגאנדע פאר דער עמאנסיפּאציע-אקציע פון דער יידישער בורזשואזיע. וואָלפסאָנס קאָמעדיע האָט זיך געשטעלט מער שמאָלע צילן, באשרענקט זיך אין די ראמען פון א ריינער פאמיליע-דראמע. אין רע-זולטאט האָט זיך בא וואָלפסאָנען באקומען א מער געשלאָסענע, א מער דורכזיכטי-קע קאָמפּאָזיציע. הענעך, דער אָרטאָדאָקסישער פאמיליע-פּאָטער, דער סאמאָדור און פרומאק, האָט זיך בעסער, פארביקער באקומען בא אייכלען, דאקעגן איז וואָלפסאָנען מער געלונגען די פיגור פון צוואק, דעם מעלאמעד, סײַ דורכדעם, וואָס ער האָט אין דער דאָזיקער פיגור צוזאמענגעשמאָלצן אייכלס צוויי פיגורן (צוויקער און שמועל) מיט מאָליערס טארטיוף, סײַ דורך דער טעמפּעראמענטפולער,

---

1) דער אנטיפעאָדאלער שטאנדפּונקט פון דער בורזשואזער קאָמעדיע דיקטירט אויך שפּאָטנדיקע נעמען פאר דער אריסטאָקראטיע: „פאָן שנאפּס", „טעלער" א.א.וו.

סאטירישער באהאנדלונג פון דער פיגור פון א פוילישן מעלאמעד, — א פאראסטע קאטעגאָריע בא דער בערלינער האסקאָלע, וואָס האָט אין די פוילישע מעלאמדים געזען די גרונט־סיבע פון דער פארקריפּלטער יידישלעכער דערציִונג. אגעוו איז דער דאָזיקער מעלאמעד א כאָסיד—צום ערשטן מאָל באוויזט זיך כסידעס אין דער מאס־קילישער בעלעטריסטיק. אין וואָלפסאָנס באהאנדלונג האָט אָבער נאָך ניט די דאָזיקע באוועגונג, וואָס איז געווען ווייניק באקאנט אין דייטשלאנד, ספּעציפישע שטריכן, וואָס זאָלן זי אויסטיילן פון דער סטאם אָרטאָדאָקסיע.

די פּאָזיטיווע מארקוס־געשטאלט איז פונקט אזוי סכעמאטיש און לאקירט, ווי אין אייכלס קאָמעדיע. די מאסקילישע שרײַבער איז ניט געלונגען פארפוצן און איבער־צײַגנדיק פארמאסקירן די גאנצע באגרענעצטקײַט, פּיליסטערישקײַט פון זייערע פּאָ־זיטיווע העלדן. די צאָרע באשטייט ניט אין דעם, וואָס זייערע העלדן רעזאָנירן (אויך טשערנישעווסקיס העלדן פון „וואָס טאָן" רעזאָנירן קעסיידער און זײַנען דאָך לעבעדיקע אונ אינטערעסאנטע פיגורן), נאָר וואָס זיי רעזאָנירן באלעבאטיש־באגרע־נעצט, פּיליסטעריש, זעלבסטצופרידן, און אנטפּלעקן ניט קיין ברייטע אידייִשע האָריזאָנטן.

ניט קוקנדיק אפן שטארקן דײַטש־שפּראכיקן עלעמענט, זײַנעןביידע קאָמעדיעס געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער יידישער בורזשואזער דראמאטורגיע. זיי האָבן געדינט ווי א מוסטער פאר דער גאליצישער אנאָנימער „געגנארטער וועלט" (ארום 1815),— א דראמע, מיט וועלכער די גאליצישע האסקאָלע האָט געענטפערט אף איר ערשטער פארפאָלגונג. עטינגער האָט אָבער לויט דער „געגנארטער וועלט" געפורעמט זײַן „סערקעלע" (1830 אנערעך), ער האָט אָבער אויך דירעקט געשעפּט פון וואָלפסאָנס קאָמעדיע, און פון דאָרט גענומען די מארקוס־געשטאלט. די דאָזיקע אידעאליזירטע מאסקילישע געשטאלט ווערט א פעסטער רעקוויזיט פון דער יידישער בורזשואזער דראמע, עס ווערט פאראיט אפילע דער מארקוס־נאָמען, אשטייגער, בא דאָוויד זאהיקן („די ראָזע צווישן דערנער", 1884), און אפילע בא שאָלעם־אלייכעמען („יאקנעהאָז"). פון אייכלען און וואָלפסאָנען ציט זיך א פעסטער קאנאָן פון יידישער בורזשואזער דראמאטורגיע—ביז גאָלדפאדענען, וועמעס „מומע סאָסיע" (1869) קאָמ־בינירט עלעמענטן פון עטינגערס און אקסענפעלדס פּיעסן, ביז ליליענבלומען, וואָס שאפט נאָך אין דעם זעלביקן נוסעך זײַן פּיעסע „דוואָיעזשעניעץ" (1881—ערעוו זײַן איבערגאנג פון האסקאָלע צו כיבעס־ציִען). אין סטיל פון דער דאָזיקער טראדיציע איז אפילע געשריבן מאָריס ווינטשעווסקיס „דער מירער אילוי אָדער די אופקלערער" (1886). מיט אָט דער פּיעסע, ווו מארקוס ווערט שוין פארוואנדלט אין א דאָקטער א סאָציאליסט, שליסט זיך אָפּ ניט נאָר דער מאסקילישער פעריאָד אין ווינטשעווסקיס שאפן,— עס איז אויך דער סאָף און די ליקווידאציע פון דער גאנצער האסקאָלע־דראמאטורגיע.

צווייטער טייל

עטיודן צו דער געשיכטע פון דער גאליצישער האסקאָלע

(1780—1848)

די סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַזע פון דער גאַליציִשער האַסקאָלע

די אויפקלערונג אין דער יִדישער סוויווע אין גאַליציע אַנטוויקלט זיך אין דריי עטאַפּן: 1. דער פּעריאָד פון דער צוואַנג־אויפקלערונג (1780־1815). 2. די האַסקאָלע אין רעאַקציע־פּעריאָד (1815־1848). 3. מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון דער אויפקלערונג און איר אויפלייזונג—זינט 1848. אין דעם ערשטן פּעריאָד רוקט אַרויס די פעאָדאַלע עסטרייכישע רעגירונג אין אירע אייגענע אינטערעסן אַ ריי פאַראָרדענונגען און מאָסמיטלען פון אַ קעמפּוי־אויפקלערישן כאַראַקטער. די דאָזיקע פּאָליטיק אירע פאַלט דורך זיי צוליב דער גרונט־סטירע, וועלכע ס'שטעלט פאַר אַ פעאָדאַלע מאַכט, וואָס שטרעבט דורכפירן אַ פּראָגראַם, וואָס ברענגט אָביעקטיוו צו בורזשואַזע רעזול־טאַטן, סיי צוליב דעם, וואָס אין דער יִדישער סוויווע אין גאַליציע איז נאָך ניט פאַראַן קיין ברייטע שיכט, וואָס זאָל אונטערשטיצן די דאָזיקע פּאָליטיק. דער צווייטער פּעריאָד פאַלט אויף דער צייט פון דער שווערער רעאַקציע, וואָס באַהערשט גאַנץ אייראָפּע נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, און וואָס ווערט אויפגעריסן דורך דעם „פעלקער־פרילינג”—די רעוואָליוציע פון 1848. אָבער אויך די רעאַקציע קען ניט אויפהאַלטן די פּראָגרעסירנדיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, און אַזוי אַרום קומט פאָר אויך אין גאַליציע די לאַנגזאַמע פאַרוואַנדלונג פון אַ שיכט יִדישע מיטלבירגער אין מאָדערנער בורזשואַזיע — עס שאַפט זיך די באַזע פאַר אַ האַסקאָלע־ליטעראַטור אין העברעיִש און יִדיש. עס איז אָבער אַ זייער לאַנגזאַמע אַנטוויקלונג, שמאָל איז דער קרייז פון די מאַסקילים, און ערשט זינט דער רעוואָליוציע פון 1848 צעגיסט זיך ברייטער די אויפקלערונג־כוואַליע—מיט שטאַרקע טעמפּן גייט אָן די אויספאָרמירונג פון ריין־בורזשואַזע פאַרהעלטענישן. ווי טאָמיד אָבער, איז דער זיג פון דער אויפ־קלערונג אויך איר טויט: די אויפקלערונג זאָגט טאָמיד אָן דעם קאַפּיטאַליזם, מאַכט ריין פאַר אים אידעאָלאָגיש דעם וועג און ווערט איבעריק, ווי נאָר ס'פאַרפונדעוועט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־אויפן.

דאָ אינטערעסירט אונדז דערהויפּט דער צווייטער פּעריאָד פון דער גאַליציִשער האַסקאָלע (1815־1848), ווי יענער, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע השפּאָע אויף דער רוסישער האַסקאָלע, וועלכע איז געווען די אייגנטלעכע וויג פון דער נייער יִדישער ליטעראַטור.

ערשט אין גאליציע שטויסט זיך אָן די אופקלערונג אף גרויסע, געדיכט־קאָנצענטרירטע ייִדישע מאסן. אן ערנסטע אמטלעכע סטאטיסטיק הייבט זיך אָן פאר גאליציע זינט 1869; ביז דאן ווימלט זי פון ווילדע אבסורדן און קוריאָזן. א געוויסן בילד קען מען זיך אָבער דאָך שאפן. די גאנץ פּראָבלעמאטישע טאבעלע פון יאָר 1773, א יאָר נאָכדעם, ווי גאליציע איז אריבער צו עסטרײַך, פארצייכנט אין גאנץ גאליציע 224.981 ייִדן, דערפון:

אין אמאָליקער קראָקאָווער וואָיעוואָדסטווע:		11.833 ייִדן.	2,5% פון דער גאנצער באפעלקערונג.	
„ „	סאנדאָמירער „	11.622 „	4,5% „ „ „ „	
„ „	לובלינער „	2.763	} 13,2% „ „ „ „	
„ „	בעלזער „	21.413		
„ „	טשערוואָנאיא רוס	174.148		
„ „	פּאָדאָליער „	3.202	„ „ „ „	

די שפּעטערדיקע ציילונגען פון ייִדן אין גאליציע גיבן מאָרנע וואקלענישן:

1773	—	224.981	ייִדן
1774	—	171.851	„
1776	—	144.200	„
1780	—	151.302	„
1782	—	172.424	„
1785	—	212.000	„
1786	—	215.447	„ (באלאבאן, ז, 8־9) 1)

ביפּראט ווארפט זיך אין די אויגן דער אונטערשייד פאר די יאָרן 1773 און 1774: 50 טויזנט ייִדן זײַנען פארשווונדן אין משך פון איין יאָר! אזוי, צי אזוי — מיט גאליציע האָט עסטרײַך ארײַנבאקומען אין יאָר 1772 אנערעך 170 ביז 200 טויזנט ייִדן. אין יאָר 1830 ציילט זיך אין גאליציע 250 טויזנט ייִדן, 1850—333 טויזנט, 1857—449 טויזנט (?), 1869—575 טויזנט. נאָך אין די 50־ער—60־ער יאָרן פון 19־טן י. ה. בילדן די גאליצישע ייִדן ¾ פון דער אלגעמיינער צאָל ייִדן אין עסטרײַך. אנדערש געזאָגט—ערשט זינט דער אָקופּאציע פון גאליציע האָט זיך פאר דער עסטרײַכישער מעלוכע געשטעלט די פּראָבלעם פון א גרויסער, מאסעווער ייִדישער באפעלקערונג.

אין פארגלײַך מיט פּרײַסן, ווו ס׳איז נאָך אין יאָר 1813 געווען קוים 32 טויזנט ייִדן, איז עס א ריזיקער ייִדישער קיבעץ. בא אזא מאסע האָט בעשומויפן ניט געקאָנט גילטן יענע פּאָליטיק פון קאָנטינגענטירונג און שוץ־פּריווילעגיעס, וואָס איז אָנגעגאנגען אין פּרײַסן אָדער אפילע אין עסטרײַכישן ווין.

דאָ קומט אָבער צו נאָך א מאָמענט: די עצעם קאָנצענטרירטקײַט פון דער דאָזיקער באפעלקערונג. אין מיזרעך־גאליציע איז די ייִדישע באפעלקערונג געזעסן (און איז ביזן הײַנטיקן טאָג) אָן א פארגלײַך געדיכטער, ווי אין מײַרעוו־גאליציע. אין קראָקעווער וואָיעוואָדשאפט האָבן ייִדן אין יאָר 1773 אויסגעמאכט קוים 2,5%, בעשאס אין מיזרעך־גאליציע איז זייער פּראָצענט דערגאנגען ביז 13,2. דרײַ פערטל פון דער גאנ־

1) באלאבאן ווערט ווײַטער טאָמיר באצייכנט דאָס בוך: M. Bałaban. Dzieje Żydów w Galicji, 1914.

צער גאַליציִשער ייִדישער באַפעלקערונג האָט געלעבט אין „טשערוואָנאיא רוס", ד. ה. אין די מיִרעוו־אוקראַיִנישע קרייזן לעמבערג, קראָסניסטאַוו, כעלם, פשעמישל, האַליטש און קאָלאָמיי, בוסק, סאַנאָק, זשידאַטשאָוו. נאָך אין יאָר 1869 האָבן אין מיזרעך־גאַליציע געלעבט 428 טויזנט ייִדן, אַף 147 טויזנט אין מיִרעוו־גאַליציע. די הויפּט־סיבעס פון אַזאַ מין דערשיינונג איז די געאָגראַפישע לאַגע פון מיזרעך־גאַליציע, ווי א טראַנזיט־געביט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, און דער אומשטאַנד, וואָס אין מיזרעך־גאַליציע זיינען די שטעט און שטעטלעך געווען נייע, פּריוואַטע לאָקאַציעס פון פּוילישע מאַגנאַטן, וואָס האָבן צוליב האַכנאָסע־טייַמים צוגעצויגן ייִדן, ביים אין מיִרעוו זיינען דאָסראָוו שטעט געווען אַזוי גערופענע „קיניגלעכע", מיט אַן אַלטיינגעזעסענעם, פּריווילעגירטן ניט־ייִדישן בירגערטום, וואָס האָט ניט דערלאָזן און געררוידעפּט ייִדישע קאָנקורענטן. אַפילו גרעסערע שטעט, ווי בראָד, טאַרנאָפּאָל (ביז 1844), זבאַרזש האָבן נאָך ביז דער העלפט פון 19־טן י. ה. אָנגעהערט צו פּריי־צים. אין 19־טן יאָרהונדערט ווידער גייען אָן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָצעסן אין מיזרעך־גאַליציע אַסאַך גיכער, ווי אין מיִרעוו, וואָס ברענגט צו דאָפּלט האַסטיקן וווקס פון דער שטאָטישער (און מיט איר דער ייִדישער) באַפעלקערונג אין מיזרעך. פאַר דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור וועט עס האָבן דעם רעזולטאַט, אַז די געשיכטע פון דער גאַליציִשער האַסקאָלע איז אין טאָך א געשיכטע פון דער מיזרעך־גאַליציִשער האַסקאָלע. קראָקע וועט אַרויסברענגען בלויז איין מאַסקילישן שרייבער, און דאָס אויך א ניט־באַדייטנדיקן — מ. זילבערשטיין, דעם מעכאַבער פון דער דראַמע „צדק ורשע" (באַלאַבאַן, 117). דאַקעגן זיינען די וויכטיקסטע אָרגאַנען פון דער גאַליציִשער האַסקאָלע, די „בכורי העתים" און „כרם חמד", כאָטש זיי דרוקן זיך אין ווין, מיזרעך־גאַליציִשע אָרגאַנען; און די גאַנצע גאַליציִשע האַסקאָלע קאָנצענ־טרירט זיך אַרום בראָד, לעמבערג, זשאָלקיעוו, טאַרנאָפּאָל — און בראָד שפּילט דאָ די זעלביקע ראָלע, וואָס בערלין אין דער פּרייסישער האַסקאָלע. א „בראָדער" איז אין גאַליציע און דאָרעם־רוסלאַנד א סינאָנים פון א מאַסקיל. קראָכמאַל, פּערל, ערטער, ראַפּאָפּאָרט, מיזעס, גאָטקעס, ביק, בלאָך, לעטעריס און צענדליקער אַנדערע — זיינען אַלע מיזרעך־גאַליציִשע.

א דריטער כאַראַקטעריסטישער באַפעלקערונג־מאָמענט איז די גרויסע מאַסע ייִדן, וואָס זיצן אין דאָרף. לויט דער פּוילישער סטאַטיסטיק פון יאָר 1764 האָט יעדער פערטער גאַליציִשער ייִד געלעבט אַפן דאָרף. לויט אַנדערע רעשימעס באַקומט זיך נאָך א העכערער פּראָצענט פון יישווניקעס: 30 פּראָצ. אין מיזרעך־גאַליציע און 40 פּראָצ. אַפן מיִרעוו (באַלאַבאַן, 32). עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין מיִרעוו־גאַליציע, וווּ די שטעט האָבן געפירט א העפטיקן קאַמף קעגן דעם ייִדישן בירגערטום, איז א גרעסערער פּראָצענט אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין דאָרף. די דאָזיקע גרויסע דאָרפישע מאַסע ייִדן איז שווידערלעך צעשטויבט: סאָף אכצנטן יאָרהונדערט זיינען ייִדן פאַרציייכנט אין ביט וו״יניקער ווי 2310 גאַליציִשע דערפער, דורכשניטלעך קוים 2 פאַמיליעס אַף א דאָרף. דאָס זיינען די גוט־באַקאַנטע פאַרגרעבטע ייִדישע יישוו־ניקעס, פאַכטערס, שענקער און קליינהענדלער. ס׳העלפן ניט קיין שום פאַרבאָטן און גיירושים. שוין אין יאָר 1789 האָט די עסטרייכישע רעגירונג פאַרבאָטן ייִדן האַלטן שענקען אין דאָרף, און אַסאַך מאָל איז דער פאַרבאָט באַנייט און איבערגעכאַזערט

געוואָרן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. נאָך אין יאָר 1836 האָבן וויניקסטנס דרײַ פערטל פון די גאליצישע דערפער פארמאָגט ייִדישע שענקען, און צורעכענענדיק די קאָרעוו 2 טויזנט ייִדישע שענקער אין שטאָט, באקומט זיך, אז יעדער נײַנטער גאליצישער ייִד האָט געלעבט פון שענקערײַ. נאָך אין יאָר 1869 האָט א פערט־כיילעק פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין גאליציע געלעבט אין דאָרף (143 טויזנט אף 432 טויזנט שטאָטישע ייִדן, פרידמאן, ז. 4, 93).

די דאָזיקע ריזיקע ארמיי פון ייִשוווניקעס איז אָבער געווען דער הויפט־קאָנטינגענט פון דער כסידישער באוועגונג.

מיר זײַנען, אזוי־ארום, צוגעקומען צו דער פראָבלעם פון קלאסן־שיכטונג אין דער ייִדישער סוויווע אין גאליציע. גאליציע איז צום סאָף פון אכצנטן און אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט א שוידערלעך־אָפגעשטאנען לאנד. קאפיטאליסטישע פראָצעסן מערקן זיך ערשט קוים אָן. א גרעסערע אינדוסטריאליזירונג פון לאנד הייבט זיך אָן ערשט נאָך 1848, און ערשט דאן באווײַזט זיך א שיכט ייִדישע פאבריקאנטן, בייס אין נידער־עסטרײַך, מאָראוויע, באָהעמיע זײַנען פאראן צאָלרײַכע ייִדישע פאבריקאנטן שוין אין דער ערשטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ביפראט אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע (פרידמאן, 14). עס פעלט דאָ אויך יענע ייִדישע מאָדערנע פינאנציעלע בורזשואזיע, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר בערלין און ווין אף דער גרענעץ פון 18־טן און 19־טן י. ה. עס לוינט צו פארצייכענען, אז שוין 1816 האָט א באָריסלאווער ייִד, א געוויסער העקער, געמאכט פרוון פון נאפט־עקספלואטאציע, עס איז אָבער גאָרניט דערפון געוואָרן. די נאפט־פראָדוקציע אין גאליציע הייבט זיך אָן אנטוויקלען אין א גרעסערן מאסשטאב ערשט ארום 1854 (דאָרט, 10).

באם באגינען פון 19־טן יאָרהונדערט איז גאליציע נאָך אלץ א לאנד פון האלב־פעאָדאלערווירטשאפט. די ייִדישע באפעלקערונג אין איר גרעסטער מערהײַט איז נאָך אלץ דער פארמיטלער צווישן פאָרעץ און פויער. דער ראָוו פון דער ייִדישער באפעלקערונג לעבט פון האנדל. א דינע שיכט זײַנען גרויס־הענדלער, גרויסע סאָכרים, וואָס פירן ארײַן אויסלענדישע סכוירעס פאר די פריצים, פירן ארויס טווּעס און אנדערע אגראר־פראָדוקטן אין אויסלאנד, פירן אדורך קאָמערציעל־פינאנציעלע טראנזיט־געשעפטן. אף אָט דעם לעצטן געביט האָט זיך געבויט די באדײַטונג פון בראָד. און דאָך איז עס א דינע שיכט. אין דער גלאנץ־צײַט פון בראָדער האנדל, אין יאָר 1821, האָבן דעם לײַפציקער יאריד באזוכט סאכאקל 226 ייִדישע סאָכרים פון גאליציע (פרידמאן, 9). דערנאָך גייען מיטעלע סאָכרים און קרעמער, און מיטעלע ארענדאטערן,—פאכטערס פון מילן, בריקן, גרענעץ־צינזן, מיטעלע גיטער, גוראלניעס און ביר־בדויערײַען. אין יאָר 1826 פארמאָגן סאכאקל 9 פראָצ. פון ייִדן, וואָס פארנעמען זיך מיט האנדל, אייגענע רעגיסטרירטע פירמעס—דאָס זײַנען 1172 ייִדישע פירמעס אף 269 קריסטלעכע. דעם האנדל—אויך דעם מיטעלן—באהערשן, אלזאָ, די ייִדישע סאָכרים אין דעם דאָזיקן פעריאָד פולשטענדיק. אין יאָר 1777 האָט מען אין גאנץ גאליציע געציילט קוים 315 קריסטלעכע סאָכרים. דער גאנצער עקספאָרט און אימפאָרט איז געלעגן אין ייִדישע הענט. אלע פראָפינאציעס און מעלוכע־שטײַערן זײַנען

געווען פארדונגען צו יידן (באלאבאן, 33). אסאך שפעטער, אין די יאָרן 1820—1827 זיינען נאָך אלץ אף 2 טויזנט קרעמער פאראן 1800 יידן, און אף 13 טויזנט פאמיליעס, וואָס פארנעמען זיך מיט האנדל, אנערעך 12 טויזנט יידישע פאמיליעס. דערנאָך הייבט אָבער אָן גיך אָנוואקסן דער ניט־יידישער האנדל־קלאס, ביפראט זינט דער העלפט פון 19־טן י. ה. אין די 80־ער יאָרן פון נייַנצנטן י. ה. איז אָבער נאָך אלץ פאראן 188 טויזנט יידישע סאָכרים אף 62 טויזנט קריסטלעכע (פרידמאן, 9).

איצט קומט א ריזיקע שיכט קליינבירגערטום: די שוין־דערמאָנטע גרויסע מאסע יישוווניקעס; א ריזיקע שיכט קליינהענדלער—קליינע הענדלער אף יארידן און מערק, אופקויפער פון טווע, פלאקס, האָניק, פי, כאזער־האָר א.א.וו., לופט־מענטשן און מעקלער, אופקויפער אף אייגענעם כעזשבן און אופקויפער, וואָס שטייען אין דינסט פון גרעסערן סויכער; קליינע קרעמערלעך, וואָס פארקויפן די פויערים אייַזן, זאלץ, פעפער א.א.וו.; ענדלעך, באלמעלאָכעס (און אויך א דינער שיכט ארבעטער—זינט דעם צווייטן פערטל פון נייַנצנטן י. ה. אזוי, צ. ב., זיינען יידן געווען דער גרעסטער טייל ארבעטער אף די נאפט־פעלדער אין דראָהאָביטשער רייאָן אין די 60־ער יאָרן פון 19־טן י. ה. א. מ. מאָהר שרייַבט אין זייַן „שבילי עולם“, ב. III, 1865, ז. 155 וועגן דראָהאָביטש: „די דאָזיקע שטאָט שעפט וואסערן פון בראָכע און אסאך רייַכטום פון די יעשוע־קוואלן פון נאפט, און פון אלע אונדזערע ברידער, וואָס געפינען זיך דאָרט, גייט קיינער ניט ארום ליידיק, ווייַל אלע ארבעטער זייַנען יידן).

אין פארגלייַך מיט די באדינגונגען, אין וועלכע ס׳קומט אוף די בערלינער האסקאָלע, איז ביז גאָר מאָגער די באנקיריש־פאבריקאנטישע שיכט, און ס׳איז צוגעקומען א ריזיקע מאכנע פון קליינבירגערטום, דערצו אין זייַן גרעסטן טייל א הענדלערישן, ניט קיין האָרעפּאשנעם, א פארגרעבטן, מיט א ניטזיכערער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, טאָמיד פארהאנגען אינדערלופטן, אָפּהענגיק פון פּאָרעץ, אין אייביקן פּאכער פאר קאָנקורענטן—יידן און קריסטן, וואָס קאָנען אים ארויסשטויסן פון דער ארענדע,—און סטאם שטאָטיש־שטעטלדיקער דרויב, א מענטשלעכער שטויב, וואָס לעבט מיט ניסים, פון האנט צום מויל. דער קאמף פון דער האסקאָלע מיט דער כסידישער באוועגונג באטייַט דעם קאמף פאר די נעשאָמעס פון אָט דער ריזיקער, פינצטערער און פארכוישעכטער שיכט. די אופקלערונג האָט זיך אָבער אויך שוואך אָנגענומען צווישן מיטעלן יידישן בירגערטום, וואָס איז אינגאנצן ניט געווען פארבונדן מיטן אויסלאנד, געלעבט בלויז פון אינערלעכן מארק, שטארק אויסגערעכנט אויך אפן יידישן קליינבירגערלעכן קליענט און האָט פארמאָגט דעם מאכט־אפּאראט פון די יידישע קעהילעס, א מיטל צו עקספּלואטירן דעם האמוין און אויך צו פאראליזירן די מאכט־שטרעבונגען פון דער אויבערשטער שיכט פון דער יידישער האנדל־בורזשואזיע. די אידעאָלאָגיע פון דעם דאָזיקן שיכט מיטלבירגערטום איז מיסנאגדעס, וואָס וואקסט זיך צונויף וואָס ווייַטער אלץ מער מיט דער טריומפירנדיקער כסידישער באוועגונג. שוין אין דעם ערשטן אָפענעם קאמף קעגן דער האסקאָלע פון יאָר 1815 מארשירן מיסנאגדים און כסידים אין איין געשלאָסענעם פראָנט. אין דער בעלזער צאדיקישער ריכטונג (באגרינדעט דורכן צאדיק שאָלעם רויקייעך, געשט. 1855) שליסן זיך צונויף ביידע שטרעמונגען—כסידעס און מיסנאגדעס—אויך אידעאָלאָגיש.

ניט אומזיסט איז א וויכטיקער צענטער פון דער גאליצישער האסקאָלע בראָד

בראָד איז ביז דער צווייטער העלפט פון 19־טן י. ה. א וועלט־האנדל־צענטער, א וויכטיקער טראנזיט־פונקט פון דײַטשלאנד ביז טיף רוסלאנד: פון לײַפּציק גייען די סכוירעס אין בראָד, פון בראָד דורך מאָלדאוויע איבער דובאָסארי אין אָדעס. בראָד איז אויך דער פארמיטלער אין דעם האנדל, וואָס אנטוויקלט זיך דאן צווישן אייראָפּע מיט פּערסיע איבער אָדעס (פארגל. קאָראָבקאָוו, אין „יעוור. סטארינא״, 911, ז. 38, 205־206).

אין 17־טן י. ה. איז דער אָנטייל פון ייִדן אין דעם בראָדער האנדל זייער א באשיידענער, ער ליגט אין די הענט פון אוקראַיִנער, פּאָליאקן און הויפּטזעכלעך ארמענער. אין יאָר 1742 זײַנען אָבער פארברענט געוואָרן די גרויסע סכוירעס־סקלאַדן פון די ארמענער און זיי האָבן אלע ביז איינעם פארלאָזן בראָד. אף זייער אָרט זײַנען געקומען ייִדן, און די פּאָטאָצקעס, צו וועלכע ס'האָט אָנגעהערט בראָד און די ארומיקע דערפער, האָבן שטארק אונטערשטיצט (נאטירלעך, האָבנדיק אינזינען די אייגענע האכנאָסע) דעם ייִדישן האנדל. ווי בער באָלעכאָווער דערציילט אין זײַנע מעמוארן, האָט יוזעף פּאָטאָצקי נאָך דער סרייפע פון 1742 אויסגעליִען די ייִדישע סאָחרים א מיליאָן גילדן, ביכדיי צו אנטוויקלען זייער האנדל. די פּאָטאָצקעס האָבן אויך געגעבן מיליטערישן שוץ די ייִדישע סאָחרים אין די דעמלטיקע אומרויִקע צײַטן. אין בערדיטשעוו, וואָס בליט אוף זינט 1765, האָבן די בראָדער ייִדישע סאָחרים געהאט גרויסע סקלאַדעס פון סכוירעס, און די דאָזיקע פארבינדונג מיט בערדיטשעוו אָט קעס יידער אָנגעהאלטן. פיל וויכטיקער איז געווען די פארבינדונג מיט מײַרעוו — מיט לײַפּציק, פראנקפורט־אָדער און ברעסלע, ווו „די בראָדער סאָחרים האָבן געהאט דעם שטארקסטן קרעדיט״ (קראטער, 1786). אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י. ה. זײַנען זייערע טראנזאקציעס אפן לײַפּציקער יאריד פון גרויסער באדײַטונג און דעצידירן אָפט וועגן דעם דערפאָלג פון גאנצן יאריד. די בראָדער סאָחרים ווענדן זיך דאן מער צו לײַפּציק, בעשאס אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן י. ה. איז בראָד געווען מער פארבונדן מיט פראנקפורט־אָדער און ברעסלע. אין בראָד האָט מען געבראכט סכוירעס פון פּאָדאָליע, וואָלין, אוקראַיִנע, מאָסקווע, טערקײַ, פּערסיע, כינע און אויסגעטוישט זיי אף סכוירעס פון לײַפּציק, פראנקפורט־אָדער, ברעסלע, דאנציק, אָדער ווײַטער פארקויפט אין פוילן, אונגארן, זאקסן, שלעזיע. לעמבערג איז געווען דער הויפּט־אָרט פאר געלט־ און קרעדיט־אָפּעראציעס, בראָד ווידער דער צענטער פון גאליצישן אנגראָ־ און טראנזיט־האנדל, א מישפּונקט פון האנדל צווישן מיזרעך און מײַרעוו. די עסטרײַכישע רעגירונג, אַרײַנבאקומענדיק בראָד זינט 1772, האָט לעכאטכילע די שטאָט אײַנגעשלאָסן אין דעם עסטרײַכישן אלגעמיינעם צאָל־קאָרדאָן, וואָס האָט שיר ניט פארניכטעט דעם גאנצן בראָדער האנדל. זי איז צוליב דעם געווען געצווונגען פארוואנדלען בראָד אין א פרײַ־שטאָט (אָפיציעל זינט 1779, פאקטיש זינט 1773). אין יאָר 1776 מעלדעט דער עסטרײַכישער רעגירונג־קאָמיסאר עדער: „דער בראָדער האנדל איז אזוי גרויס, אז ער באטרעפט מער, ווי דער גאנצער איבעריקער גאליצישער האנדל״. צום יאָר 1784 באטרעפט דער בראָדער אומזאץ איבער 4 מיליאָן גולדן. אין יאָר 1779 ציילט בראָד 17 טויזנט נעפאשעס, אין דעם קאָרעוו 9 טויזנט ייִדן, צום יאָר 1791 ווערט שוין די בראָדער ייִדישע באפעלקערונג

געשאַצט אין 16־14 טויזנט נעפֿאַשעס, און עס זײַנען שוין פֿאַראַן בראָדער ייִדן, וואָס פֿאַרמאָגן זייער אייגנס א האַלבן מיליאָן גילדן און מער, א ריזיקע סומע יענע צײַטן. אָנהייב 19־טער יאָרהונדערט האָלט בראָד נאָך אַלץ אָן איר דאָמינירנדיקע פּאָזיציע אין גאַליציש וווירטשאַפֿטלעכן לעבן. בראָד האָט צ. ב. אויסגעצייכנט אויסגענוצט די קאָניונקטור בעשאַס נאַפּאָלעאָנס קאָנטינענטאַלער סיסטעם, ביפֿראַט זינט 1809, ווען עסטרײַך האָט פֿאַרלאָרן אַלע אירע פּאָרטן.

די שאַרפֿע צאָל־מויערן, וואָס ס'האָבן אופֿגעשטעלט די רוסישע און פּרײַסישע רעגירונגען אין 19־טן י. ה., האָבן פּאַמעלעך אַרונטערגעריסן דעם בראָדער האַנדל. ביפֿראַט הייבט זיך אָן די יערידע פֿון בראָד זינט 1848,— א כאַראַקטעריסטישע דער־שײַנונג פֿאַר א האַנדל־שטאָט, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו די נײַע קאַפּי־טאַליסטישע באַדינגונגען. אין יאָר 1764 איז בראָד די גרעסטע ייִדישע קהילה אין גאַנץ פּוילן. הונדערט יאָר שפּעטער, 1869, גייט זי שוין אין גאַליציע אַליין אפֿן פֿערטן אָרט, נאָך לעמבערג, קראָקע און דראָהאָביטש־באָריסלאַוו, ציילט אָבער נאָך אַלץ מער ייִדן (15 טויזנט), ווי די גרויסע פּראָגער קהילה (בלויז 13 טויזנט). (פּאַרגל. באַלאַבאַן, 94־96, פֿרידמאַן, 5, 6, 13; מ. ווישניצער, אין דער דובנאָוו פֿעסטשריפֿט, בערלין, 1930, ז. 113־123).

ניט קיין וווּנדער, אַז בראָד איז געווען א צענטער פֿון האַסקאָלע און בילדונג. כסידעס האָט זיך דאָ קיינמאָל ניט אָנגענומען. צאַדיקים האָבן ווי פֿון א פֿעסט געוויַכט פֿון בראָד. די בראָדער מאַסקילים האָבן שוין אין יאָר 1815 געעפֿנט א רעאַל־שול, וווּ ייִדישע טראַדיציאָנעלע לימודים האָט מען ניט געלערנט, און אָנשטאָט דעם אײַנגעפֿירט דעם לימעד פֿון עטיק לויט האָמבערגס לערנבוך „בני ציון" דער דירעקטער און אַלע לערער זײַנען געווען ניט־ייִדן, אכוץ דעם לערער פֿון עטיק. אין דער שול האָט מען אסאך צײַט אָפּגעגעבן האַנדל־לימודים: געאָגראַפֿיע, סכוירע־קענטעניש, בוכהאַלטעריע, שפּראַכן (מע האָט דאָרט געלערנט אויך פֿראַנצויזיש און איטאַליעניש). די שול איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פֿון דער בראָדער קהילה און פֿון דער טאַקסע, און ערשט 1856 ווערט זי אויסגעהאַלטן דורך דער רעגירונג.

א. ב. גאָטלאָבער (1811־1899), וואָס זײַנע מעמוארן זײַנען א וויכטיקער מאָקער פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער האַסקאָלע, שרײַבט טאַקע: „די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין די גרויסע גאַליציש שטעט, זײַנען געווען די ערשטע, וואָס אף זיי האָט אופֿ־געשײַנט דאָס ליכט פֿון דער כאָכמע פֿון מענדעלסאָנען און זײַנע טאַלמידים. צוליב זייערע מיסכער־איניאָנים פֿלעגן זיי אַרומפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע רוסישע שטעט און ברענגען מיט זיך פֿאַר איינס די געווירצן פֿון זייער אופֿקלערונג און וויסן; די יוגנט האָט פֿאַרזוכט און עס איז איר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דערהויפּט האָט זיך מיט דעם אויסגעצייכנט בראָד, א שטאָט פֿון געלערנטע און מאַסקילים, וואָס פֿלעגן דאָסראָוו האָבן געשעפֿטן מיט רוסלאַנד. אומעטום, ווו א בראָדער סוחר פֿלעגט קומען, פֿלעגט ער נעמען די יוגנט מיט זײַן שיינעם ריידן; באַ זיי פֿלעגן זיך עפֿענען די אויגן און זיי פֿלעגן דערזען, אַז זיי זײַנען מוטער־נאַקעט פֿון יעדער בילדונג און וויסן, און זיי פֿלעגן זיך נעמען צו בילדונג. אין דעם פֿראַט איז דער בראָדער סוחר געווען פֿאַר זיי א וועג־ווײַזער און א פֿירער. מאַכמעס דעם האָבן די כסידים ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן די בראָדער ייִדן, און דער אַפּטער ראָוו האָט זיי געשאָלטן

טים ביטערע קלאַפּס, געזאָגט, אַז זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט אַפּיקאָרסעס אין רוסלאַנד״ (פרידקין, גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, ווילנע 1925, ז. 84, זע אויך דאָרט 146־147)..

די גאַליציאַנער יידישע סאָכרישע בורזשואַזיע האָט זיך געניײטיקט אין בילדונג, אין וועלטלעכע ידיעות, אין קענטעניש פון שפּראַכן, אין נײַעם שטייגער, אין א שיכט פון וועלטלעכער אינטעליגענץ,—אַף אַזויפיל איז זי געווען אויפקלערעריש געשטימט. רעוואָליוציאָנער־אויפקלעריש האָט זי לויט איר עצם מעהוס ניט געקאָנט זײַן; איר גרונט־אַטריאַד האָט צ. ב. ניט געהאַט קיין שום מאָטיוו צו קעמפן קעגן דעם לײַבייגנשאַפט—דער וויכטיקסטער באַזע פון דער פעאָדאַלער רעגירונג—בעשאַס דאָס איז א כאַראַקטעריסטישער לאָזונג פון אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. זי איז בעליסאָפעק געווען פאַרינטערעסירט אין פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע, פאַרשטאַנען עס אָבער אין זין פון יורידישן אויסגלײַכן זיך מיט דעם ניט־יידישן בירגערטום. אירע פּאָליטישע פּאָזיציעס זײַנען אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט געהערשט צווישן דער יידישער האַנדל־בורזשואַזיע און דעם קאָנקורירנדיקן ניט־יידישן סוחער, און ווי מיר האָבן שוין געזען, וואַקסט וואָס ווײַטער אַלץ מער די דאָזיקע קאָנקורענץ, ביפראַט זינט 1848. די אָרעמע און אָפּגעשטאַנענע גאַליציע האָט געהאַט א ריזיקע איבערפּראָדוקציע פון יידישע האַנדל־עלעמענטן, און דער אויפקום פון פּוילישער און אוקראַיִנישער האַנדל־בורזשואַזיע איז מעגלעך געווען בלויז אין האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דער דאָמינירנדיקער שטעלונג פון יידישן סוחער. צום האַנדל האָבן זיך אָבער אַקשאָנעסדיק געריסן סײַ דער פּאַראַרעמטער שליאַכטשיץ, סײַ דער אויפגעקומענער פּוילישער און אוקראַיִנישער באַלעגוף. אַזוי־אַרום האָט די יידישע האַנדל־בורזשואַזיע, וואָס איז אין גאַליציע ביז 1848 געווען קימאַט דער אויסשליסלעכער טרעגער פון דער האַסקאָלע־אידעאָלאָגיע, ניט געקענט זיך אָנשפּאַרן אַף די ניט־יידישע שיכטן פון דעם אייגענעם קלאַס. אַן אייגנהײַטלעכער פראָנט פון דער גאַנצער בורזשואַזיע, דער יידישער און דער ניט־יידישער, שאַפט זיך ערשט אין פײַער פון דער רעוואָליוציע פון 1848. דאָס ניט־יידישע בירגערטום פאַרגעסט מיטאַמאָל זײַן אַנטיסעמיטיזם, אין רעוואָליוציאָנערן ענטוזיאַזם ווערט געפײַערט די פאַרברידערונג פון דער גאַנצער בורזשואַזיע. ווי נאָר די רעוואָליוציע איז אָבער אונטערדריקט געוואָרן, באַנײַט זיך אין נאָך א שאַרפערער פאָרם דער פריערדיקער אַנטאַגאָניזם. אין די יאָרן 1858־1860, ווען די עסטרײַכישע רעגירונג הייבט אָן אָפּצור־שאַפן די פאַרשיידענע יידן־באַגרענעצונגען,—שטויסט זי זיך אָן אַף א שאַרפן ווידער־שטאַנד מיצאַד דער גאַליציאַנער ניט־יידישער בורזשואַזיע אין קימאַט אַלע אירע שאַטירונגען. אפילו „דעמאָקראַטישע״ בורזשואַזע צײַטונגען און אָנגעזעענע בורזשואַזע טעאָרעטיקער (אַשטייגער, דער היסטאָריקער שמידט) אַרגומענטירן אַף די פאַרשיידנסטע אויפאַנים קעגן דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון יידן. צײַטונגען, וואָס זײַנען 1848 געווען יידן־פרײַנטלעך, ווערן איצט אָפן אַנטיסעמיטיש. אייניקע שטעט ווילן אַפילו אויפלעבן זייערע מיטלעלטערלעכע פּריווילעגיעס—ניט אַרײַנצולאָזן יידן (פרידמאַן, 54, 200־201).

פאַר דער ווינער רעגירונג זײַנען אָבער זינט יאָזעף II (1780־1790) די יידן גע־ווען א גלענצנדיקער אָביעקט צו באַלאַנסירן צווישן פּאָליאַקן און אוקראַיִנער, און איר גערמאַניזאַטערישע פּאָליטיק האָט זיך אַף דעם עטאַפּ ביז 1848 געדעקט מיט די אויפקלערונג־טענדענצן פון דער אויפקומענדיקער יידישער בורזשואַזיע.

אין אסאך הינזיכטן איז די גאליצישע האסקאָלע א פארמיטלענדיקער צענטער צווישן דער בערלינער און דער רוסישער האסקאָלע. גאָטלאָבער דערציילט וועגן דער האשפּאָע, וואָס די גאליצישע מאסקילים האָבן געהאט אף די רוסישע ייִדן אין פּער־זענלעכן פארקער. מע דארף דערצו צוגעבן, אז אין א ריי רוסישע שטעט אנטשטייען גאנצע קאָלאָניעס פון „בראָדער", וואָס זיינען וויכטיקע האסקאָלע־צענטרען, אזוי צ. ב. אין בערדיטשעוו און ביפראט אין אָדעס. זינט די 20־ער יאָרן פון 19־טן י. ה. שפּילן די „בראָדער" די ערשטע פידל אין אָדעסער האנדל- און יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, און שוין 1826 ווערט אין אָדעס געגרינדעט א מאסקילישע שול, וואָס איז געוואָרן דער מוסטער פאר ענלעכע דערציִונג־אנשטאלטן מיט א האסקאָלע־פּראָגראם. די וויכטיקסטע פירער פון עלטערן דאָר רוסישע מאסקילים האָבן א געוויסע צייט געלעבט אין גאליציע—אשטייגער, לעווינזאָן, גאָטלאָבער—זיי שטייען אויך קעסיידער אין א לעבעדיקער קאָרעספּאָנדענץ מיט די זיילן פון דער גאליצישער האסקאָלע. די גאליצישע האסקאָלע איז, אלזאָ, אין אסאך פּראָטים אויך א מין אידעאָלאָגישע לאבאָראטאָריע פאר דער רוסישער האסקאָלע (אינטערעסאנט איז אָבער, אז אויך די ייִדן־פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג ביז די 60־ער יאָרן פון 19־טן י. ה. קאָפּירט אין אסאך פּראָטים די פּאָליטיק פון דער עסטרייכישער רעגירונג. עס איז א טעמע, וואָס פארדינט אופמערקזאמקייט מיצאד אונדזערע היסטאָריקער).

אזא גרויסע האשפּאָע איז מעגלעך געוואָרן בלויז אדאנק דער שטארקער ענלעכקייט פון דער סאָציאלער סטרוקטור איןביידע לענדער. דידאָזיקע האשפּאָע איז אָבער כאראקטעריסטיש דערהויפּט פארן ערשטן עטאפּ פון דער רוסישער האסקאָלע.

צווייטער קאפיטל

די אבסאָליוטע מאָנארכיע און די גאַליצישע האסקאָלע

אין גאַליציע שטויסן מיר זיך אָן צום ערשטן מאָל אף דער דערשײַנונג, אז די אופקלערונג־טענדענצן פון דער אופקומענדיקער ייִדישער בורזשואזיע באגעגענען זיך מיט אזא מין פּאָליטיק פון דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, וואָס מאכט מעגלעך א דויערנדיקע פארבינדונג פוןביידע צדאָדים—פון דער פעאָדאלער מאָנארכיע, וואָס פארפאָלגט אירע אייגענע צילן און אינטערעסן, און פון דער האסקאָלע, וואָס שטרעבט עס אויסצונוצן און טײַטשט עס אויס אין זין פון אירע אייגענע אינטע־רעסן.

אינטערעסאנט איז אָבער, אז אין גאַליציע האָט זיך די קעמוי־אופקלערערישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג אָנגעהויבן נאָך איידער ס'האָבן זיך אויסגעפאָרמירט גרעסערע קאדרען פון מאסקילים. דאָס דארף אונדז ניט ווונדערן: די דאָזיקע פּאָליטיק האָט דאָך די רעגירונג געפירט ניט צוליב דער טויווע פון ייִדן אָדער פון דער האסקאָלע, נאָר צוליב אירע אייגענע אינטערעסן און צילן.

די צווייהונדערט טויזנט גאַליצישע ייִדן, וואָס די עסטרײַכישע פעאָדאלע מאָנארכיע האָט מיט איין קלאַפּ ארײַנבאקומען אין יאָר 1772, זײַנען געווען א הארטע נוס פארן קאָנסערוואטיוון, ביוראָקראטישן אפאראט, א נײַע, ווילד־פרעמדע דערשײַנונג. לעכאטכילע, אין דער רעגירונג־צײַט פון מאריע טערעזע (1780-1772), האָט מען נאָך געקוקט אף גאַליציע ווי אף א צײַטווײַליקע דעראָבערונג. מע האָט, אלזאָ, ניט גע־שטרעבט צו פאראָרדענונגען פון גרעסערן פאָרמאט, און באגרענעצט זיך מיטן אויסנוצן די ייִדן צוליב פיסקאלישע טײַמים. מע האָט צוליב דעם איבערגעלאָזן די קאָהאָל־אָרגאניזאציע מיט איר סאָלידארישער אכרײַעס און אפילע זי צענטראליזירט אין א „גענעראל־דירעקציע פון דער ייִדנשאפט". די ביז־איצטיקע שטײַערן האָט מען קימאט פארדאָפּלט, און ארופגעלייגט נײַע שטײַערן, אשטייגער, א געווערב־און פארמעגן־שטײַער פון יעדער ייִדישער מישפּאָכע, הויכע כאסענע־שטײַערן, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אז דער גרעסטער טייל פון די גאַליצישע כאסענעס זײַנען געווען ניט לעגאלע, בלויז רעליגיעזע ווינקל־כאסענעס. אויסצאפּן וואָס מער שטײַערן פון די גאַליצישע ייִדן פון איין זײַט,—און זען וואָס גיכער פון זיי פּאָטער צו ווערן, פארקלענערן מיט שטארקע טעמפּן זייער צאָל,—דאָס זײַנען די גרונט־שטריכן פון דער פּאָליטיק פון דער עסטרײַכישער מאָנארכיע אין דאָזיקן פעריאָד (און אין א שטארקער מאָס אויך שפּעטער). „איך קען ניט קיין ערגערע פּעסט אין דער

מעלוכע, ווי די דאָזיקע נאַציע",— אַזוי האָט אויסגעדריקט איר באַציִונג צו ייִדן די קייזערין מאַריע טערעזע. און דאָס דאָזיקע לידל האָבן איבערגעכאַזערט אַלע אירע באַאמטע, און זיי טיטולירן די ייִדן „דאָס פּערדערבען דעם לאַנדעס", „בלוט-איגעל דער לאַנדעס-אינזאַסען". „איר מאַיעסטעט — שרײַבט א הויכער מעלוכע-אויטאָריטעט — שטרעבט אויפצוהאַלטן מיט אַלע קויכעס דעם וווּקס פון דער גאַליצישער ייִדנשאַפט".

צו דעם צוועק האָט מען אײַנגעשטעלט די דערמאָנטע הויכע כאַסענע-טאַקסעס; מע האָט פאַרבאָטן די אײַנוואַנדערונג אין גאַליציע, און דערלויבט די עמיגראַציע. באַזעצן זיך אַפּסנײַ אין גאַליציע האָט געמעגט בלויז א ייִד, וואָס וועט אויפווײַזן לעכאַלעפאָכעס 5 טויזנט גולדן פאַרמעגן. מע האָט אײַנגעפירט א געזעץ קעגן „פּויפּרען", ד. ה. פאַראָרעמטע ייִדן, צו וועלכע מע האָט פאַררעכנט אַלע יענע, וואָס קענען ניט צאָלן שטײַערן, און מע האָט זיי מאַסנווײַז אַרויסגעטריבן אין פּוילן. עס פלעגן אָף דער פּוילישער גרענעץ פאַרקומען שרעקלעכע סצענעס, וואָרעם די פּוילישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן די דאָזיקע „פּויפּרען". ווען יאָזעף II האָט אין יאָר 1782 אַראָפּגעבראַכט קיין גאַליציע דײַטשישע קאָלאָניסטן, האָט ער אַרויסגע-טריבן א מענגע ייִדן, וואָס האָבן כאַסענע געהאַט ניט לעגאַל, און זייערע הײַזער און ערד אָפּגעגעבן די קאָלאָניסטן.

א גרעסערן פאָרמאַט האָט די ייִדן-פּאָליטיק פון דער עסטרײַכישער מאָנאַרכיע אין דער רעגירונג-צײַט פון יאָזעף II. פון אײן זײַט פירט זי ווײַטער די פריִערדיקע פּאָליטיק פון באַגרענעצן די צאָל גאַליצישע ייִדן און אויסנוצן אָף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך זייער שטײַער-קראַפט. דער פּראָוויזאָריום האָט זיך אָבער געענדיקט, די פעאָדאַלע מאָנאַרכיע רוקט אַרויס ווײַטגייענדיקע פּלענער בענעגייע דער ראָלע פון די ייִדן אין גאַליציע, זייער עקאָנאָמישער טעטיקײַט און זייער אינערלעכער אָרגאַני-זאַציע. עס שטימט מיט דער צענטראַליזירונג-טענדענץ פון דער אַבסאָליוטער מאָ-נאַרכיע איר מוירע פאַרן „קאָהאָל", פאַר דער ייִדישער „מעלוכע אין א מעלוכע", און יאָזעף II צעקלאַפּט גרינדלעך די צענטראַלע פאַרבאַנדן פון קעהילעס. קאָהאָל פאַרבלײַבט אין יעדן באַזונדערן ייִדישן ייִשעוו, און די ייִדישע קעהילע איז ווײַטער סאָלידאַריש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע שטײַערן, פאַר רעקרוטן און פאַר אַלע פאַר-ברעכנס און געזעץ-איבערשרײַטונגען. אָבער איין קעהילע איז ניט און טאָר ניט זײַן פאַרבונדן מיט דער צווייטער קעהילע. ראַבאָנים פאַרבלײַבן בלויז אין די קרײַז-שטעט, זיי האָבן אָבער נאָר רעליגיעז-דערציִערישע פונקציעס, ניט קיין געריכטלעכע, עס ווערט זיי אויך פאַרבאָטן אַרויפצולייגן שטראָפן און כיירעמס. עס ווערט אײַנגעפירט (זינט 1788) די רעקרוטירונג פון ייִדן אין מיליטער, און אירע צילן זײַנען: 1. אַרײַנ-באַקומען רעקרוטן פאַרן מיליטער, אין וועלכן ס'נייטיקט זיך קעסיידער די אַבסאָליוטע מאָנאַרכיע; 2. פאַרניכטן די אויסנאַם-שטעלונג פון ייִדן אָף דעם דאָזיקן געביט; 3. אַסימילאַציע-טענדענצן. די ערשטע גרעסערע רעקרוטירונג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1790, בייס דער מילכאָמע מיט טערקײַ. נאָכן טויט פון יאָזעף II איז זי פאַרביטן געוואָרן אָף א געלט-שטײַער, אָבער זינט 1804, אין סאַמע ברען פון די נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, איז זי ווידער אײַנגעפירט געוואָרן. א נײַער שטריך פון דער יאָזעפינישער ייִדן-פּאָליטיק איז די שטרעבונג צו גערמאַניזירן די גאַליצישע ייִדן און אַזוי-אַרום פאַרוואַנדלען זי אין א שטיץ-פונקט פון דער מאָנאַרכיע אין דער סלאַווישער גאַליציע.

צו דעם צוועק איז די עסטרײַכישע רעגירונג צוגעטראָטן עפענען א ברייטע נעץ דײַטשישע שולן, אין וועלכע ס'האָבן געמוזט גיין אלע יידישע יינגלעך. ווער ס'האָט געוואָלט כאסנע האָבן, האָט געמוזט צושטעלן א צײַגעניש, אז ער האָט פארענדיקט די דאָזיקע שול־בילדונג. די פאטענטן פון 1785 און 1787 האָבן געצווונגען אלע יידן אויס־קלײַבן זיך פאמיליע־נעמען (נאטירלעך דײַטשישע). פאר „שענערע" פאמיליעס האָט מען געדארפט דערצאָלן (אשטייגער, פאר נעמען פון בלומען און טײַערע שטיינער), די אָרעמשאפט האָט מען באצירט אומזיסט מיט נעמען פון כײַעס, אָפט פון א באליידיקנדיקן אינהאלט.

אין א פעריאָד, ווען דער אינסטיטוט פון לײַבייגנטום הייבט זיך אָן וואקלען און עס גייט אָן א ברויזנדיקע באוועגונג צווישן פויערטום, אנטשטייט בא דער אבסאָליוטער מאָנארכיע אין עסטרײַך (און אויך אין רוסלאנד) א טענדענץ ארויס־צוטרעטן מיקלומערשט ווי א „פארטיידיקערן" פון דער פויערישער באפעלקערונג, וואָס ווערט אויסגעזויגט דורך די יידישע פאכטערס און שענקער, וואָס זיצן אפן דאָרף. אין דעם זינען דארף אָפגעשאצט ווערן דער פאטענט פון 1785, וואָס האָט באזײַטיקט פון דאָרף און פארבאָטן 13 קאטעגאָריעס פון יידישע ארענדעס (לויטן פוילישן עקאָנאָמיסט בוזעק איז עס געווען לעכאָלאפאָכעס א דריטל פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין גאליציע). גלײַכצײַטיק איז עס א האנאָכע, א ביינדל צוגעוואָרפן דעם קריסטלעכן בירגערטום און די פאראָרעמטע קליינע פריצים און שליאכטע, וואָס שטרעבן ארויסצורײַסן די יידישע ארענדעס. צענדליקער טויזנטער יידישע פאמיליעס זײַנען אזויארום געבליבן אָן ברויט, און יאָזעף II באשליסט דאן שאפן פון זיי א יידישן פויערים־קלאס. די פאראָרעמטע און ברויטלאָזע יידישע מאסע כאפט זיך אָן דערפאר מיט ענטוזיאזם, און אין משך פון עטלעכע יאָר ווערט די רעגירונג פארשאָטן פון באקאָשעס פון טויזנטער יידישע מישפּאָכעס, וואָס ווילן אריבערגיין אף ערד־ארבעט. די פעאָדאלע רעגירונג איז אָבער ניט בעקויעך געווען רעאליזירן אזא גרויסע, ווײַטגייענדיקע אונטערנעמונג. די שווערע ביוראָקראטישע מאשין האָט דערשטיקט די דאָזיקע אלע פרווון און לעכאטכילע אומעגלעך געמאכט א וועלכן ס'איז מאמאָשעסדיקן דערפאָלג. און גראָד האָט ניט געפעלט קיין בא־גײַסטערונג צווישן די יידישע מאסן פאר ערד־ארבעט. אזוי צ. ב. דערוויסן מיר זיך פון א באקאָשע פון 50 זאלעשטשיקער יידן פון יאָר 1787 (דאָרעם־מיזרעך־גאליציע), אז זיי האָבן פארקויפט זייערע הײַזער און געשעפטן און געוואַרט, מע זאָל זיי געבן ערד,—זיי האָבן אָבער אָפּגעוואַרט מער ווי א יאָר צײַט, און דערנאָך האָט מען זיי געגעבן שלעכטע ערד, וואָס טויג ניט פאר ערד־ארבעט און איז צוליב דעם פארלאָזן געוואָרן פון די פריערדיקע אייגנטימער. אנדערע יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן מער ווי צען יאָר געארבעט אף ערד, האָט מען אומבעראכמאָנעסדיק אראָפּגעטריבן, ווען זיי זײַנען ניט בעקויעך געווען צו באצאָלן די רעגירונג־שטײַערן—אשטייגער, אין דער קאָלאָניע נײַ־באבילאָן, לעבן באָלעכאָוו. אין רעזולטאט האָט זיך פון דעם גאנצן קאָלאָניזאציע־פּלאן אויסגעלאָזט א בוידעם. אין יאָר 1822 זײַנען אין גאליציע געווען קוים 836 יידישע ערד־ארבעטער, וואָס זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אפן סמאך פון די יאָזעפינישע געזעצן (באלאבאן. 38־43).

אזויארום האָט ניט געקאָנט רעאליזירט ווערן אפילע דאָס ביסל פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָס זײַנען געווען אין דער יידן־פּראָגראם פון יאָזעף II. די יידישע

קעהילעס־אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען, עמעס, א שטאַרקן קלאַפּ, און דאָך ניט אַן אַנטשיידנדיקן, אַף וויפל עס זיינען פאַרבליבן, צוליב פּיסקאַלע טעמים, די איינצלנע יידישע קעהילעס מיט זייער סאָלידאַרישער אַכראַיעס. פון דער קאָלאָניזאַציע האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך. די גרויסע מענגע יידישע באַגרענעצונגען איז געבליבן אין קראַפט,—און ביז 1848 האָבן צ. ב. יידן געמעגט וווינען בלויז אין א טייל גאַסן פון לעמבערג. אין ווין האָבן ניט געטאָרט אייַנוואַנדערן די גאַליציַשע יידן. דער א. ג. טאָלעראַנץ־פּעטענט פון 1789 האָט אייַנגעפירט א שטייער אַף קאָשער פלייש (די טאַקסע), וואָס פלעגט ס׳ראָוו פאַרדונגען ווערן צו איינצלנע פאַכטערס, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שווערער לאַסט אַף דער יידישער באַפעלקערונג. ערשט די רעוואָלוציע פון 1848 האָט אָפּגעראַמט דעם דאָזיקן שווערן אָפּצאָל, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1846 אויסגעמאַכט אין גאַליציע 700 טויזנט גולדן! א צווייטער שווערער שטייער איז געווען דער ליכט־שטייער, וואָס איז אייַנגעפירט געוואָרן אַדאַנק הערץ האָמבערגן אין יאָר 1797. דער „לעכטפּאַכטער" איז געווען אין גאַליציע ניט ווייניקער פאַרהאַסט, ווי דער באַלטאַקסע אין רוסלאַנד. א יידישע פרוי, וואָס האָט ניט געצאָלט קיין ליכט־שטייער, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַטעיִסטקע, און אַפּיקאָרסים האָט די פרומע עסטרייַכישע רעגירונג אריינגעזעצט אין טפיסע, באַשטראָפט מיט צוואַנג־אַרבעט און מיט שמיץ. 350 טויזנט גולדן יערלעך האָבן די „לעכטפּאַכטער" געצאָלט בלויז דער רעגירונג פאַר דער ליכט־אַרענדע! ניט קיין וווּנדער, אַז בא דער ערשטער ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע פון 1848 האָט זיך די יידישע אָרעמשאַפט פון גאַליציע געוואָרפן לינטשן די טאַקסע־ און ליכטפּאַכטער און אין א ריי שטעט כאָרעוו געמאַכט זייערע הייַזער.

גיך איז ליקווידירט געוואָרן אויך די נעץ דייַטשישע שולן פאַר יידישע קינדער (1787־1806), וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין גאַליציע אין דער רעגירונג־צייַט פון יאָזעף II. אין זייער שפּיץ איז געשטעלט געוואָרן מענדעלסאָנס פּרייַנט, דער דערציִער פון זיינע קינדער און אָנטיילנעמער אין דער „בעיער"־אויסגאַבע, הערץ האָמבערג (1749־1841). האָמבערג האָט בעליסאָפּעק פאַרמאָגט וויסן, אויך פּעדאַגאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פייִקייטן. ער האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט און שוין אין די ערשטע יאָרן געעפנט אין לעמבערג 2 שולן, און אַף דער פּראָווינץ 41; פיר יאָר שפּעטער זיינען אין לעמבערג שוין פאַראַן 4 שולן און 51 נייע שולן אַף דער פּראָווינץ. אין זייער בליצייט זיינען געווען 107 שולן מיט 150 לערער. עס זיינען אויך געעפנט געוואָרן שולן פאַר מיידלעך,—אין לעמבערג און בראָד. יידישע לימודים האָט מען אין די שולן ניט געלערנט—בלויז דייַטש. קימאַט אַלע לערער האָט מען געמוזט אַראָפּברענגען פון באָהעמיע,—אין גאַליציע האָבן נאָך דאַן אינגאַנצן געפעלט קאַנדידאַטן מיט וועלטלעכער בילדונג. עס איז אויך געעפנט געוואָרן א סעמינאַר פאַר לערער אין לעמבערג. האָמבערגס שולן האָבן אָבער באַגעגנט אַן אַנטשיידנדיקן ווידערשטאַנד מיצאַד דער אָרטאָדאָקסיע, און אַף וויפל ס׳האָט דאַן אין גאַליציע נאָך געפעלט א וואָגיקער שיכט פון אופגעקלערטן יידישן בירגערטום, האָבן זיי געהאַט א שוואַכן געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר. מיטן רעגירונג־קאַנטשיק האָט מען געדאַרפט אַרייַנטרייַבן קינדער אין די שולן, און ניט קוקנדיק אַף די געלט־שטראָפן, איז דער באַזוך פון די קינדער אין די שולן געווען זייער א שוואַכער.

פון 100 באקאָשעס, וואָס ייִדן גיבן אָן אין יענער צײַט אין קרײַזאמט, זײַנען 90 ביטעס וועגן באפרײַען די קינדער פון צו גיין אין האָמבערגס שולן, און מע גיט אָן די אויסטערלישסטע סיבעס; אזוי צ. ב. שרײַבן א פּאָר ייִדן, אז זייערע זין זײַנען געוואָרן אזוי ווילד אין דער שול, אז זיי מוזן זיי ארויסשיקן צו קרוווים אפן דאָרף; איינער שרײַבט, אז זײַן זון איז א גאנעוו, און דערפאר וויל ער אים אוועקשיקן אין פּוילן; די ייִדן אין האָראָדענקאָ דערקלערן מיטאמאָל, אז זיי זײַנען פּאטריאָטן און אסימילאַטערן און וילן זייערע קינדער שיקן אין א קריסטלעכער שול, און דערפאר בעטן זיי פארמאכן האָמבערגס ייִדישע שול... מע האָט ניט פארדונגען דירעס פאר די שולן אָדער זייערע לערער. עס האָט ניט געהאָלפן דער פארבאָט כאסענע האָבן אָן א צײַגעניש פון דער שול. באלאבאן ברענגט אזא מין טשיקאוון דאָקומענט פון יענער צײַט: „איך, דער געכאסמעטער, פארפליכט זיך פון איצט אָן ביז צוויי יאָר נאָך מײַן כאסענע־האָבן גיין אין דער ייִדיש־דײַטשישער נאָרמאל־שול און זי פליַיסיק צו באזוכן, שטרעבנדיק אליין, פון אייגענעם ווילן, צו דערלערנען די דאָזיקע נוצלעכע זאכן. ביכדיי דאָס צו באקרעפטיקן, שרײַב איך זיך אליין אונטער. לעמבערג, 6 סעפּטעמבער 1793. עלכאָנען שלייכער. קאָהאָל וועט זאָרגן, אז די דאָזיקע פארפליכטונג זאָל אויסגעפירט ווערן (כסימעס פון קאָהאָל־פאָרשטייער)". אזא מין פארפליכטונג פלעגן מוזן אונטערשרײַבן יענע כאסאנים, וואָס זײַנען דורכגעפאלן אפן בילדונג־עקזאמען, ביכדיי צו קענען כאסענע האָבן.

אין רעזולטאט האָבן זיך געשאָטן פון יידע צדאָדים מעסירעס צו דער רעגירונג, און אין יאָר 1806, ווען האָמבערגס שטעלונג בא דער רעגירונג האָט זיך א וואקל געטאָן, און ווען, פון דער אנדערער זײַט, די רעגירונג האָט גענומען א מער קלערי־קאלן קורס אין צוזאמענהאנג מיטן וואטיקאן־קאָנקאָרדאט, זײַנע אלע האָמבערגישע שולן פארמאכט געוואָרן. בלויז עטלעכע לערער זײַנען פארבליבן אין גאליציע, דער רעשט איז אָפּגעפאָרן צוריק אין באָהעמיע.

הערץ האָמבערג האָט ניט געהאט קיין ריינע הענט, ער איז ביכלאל ניט געוועזן קיין געהויבענע פערזענלעכקײַט. ער האָט רעקאָמענדירט דער רעגירונג אײַנצופירן דעם ליכט־שטײַער, וואָרעם די ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט נעמען אין אָרענדע דעם דאָזיקן שטײַער, האָבן אים צוגעזאָגט 2 פּראָצ. פון דער האכנאָסע. א טייל שול־געלטער פלעגט ער צונעמען פאר זיך. פאר כאבאר פלעגט ער אריבערטראָגן לערער אף בעסערע שטעלעס, אין זײַנע באציִונגען צו די לערער האָט כוצדעם געשפּילט א גרויסע ראָליע פּראָטעקציָאָניזם (מישפּאָכעדיקײַט). ביכדיי אײַנצו־אָרדענען זײַן שוועגערן, האָט ער ספּעציעל געעפנט א מיידל־שול, און אײַנגעאָרדנט זי דאָרט פאר א לערערן מיט א הויכן געהאלט. לערערקעס האָט ער געצוווּנגען טאָן שטוביקע ארבעט בא זײַן ווײַב. זײַנע רעפערעטן פאר דער רעגירונג זײַנען אָפט פול מיט געמיינסטע מעסירעס—אזוי צ. ב. שרײַבט ער אין א מעמאָראנדום פון 1794, אז ייִדן זײַנען מער איבערגעגעבן דער געשלעכטלעכער אויסגעלאסנקײַט, ווי ניט־ייִדן. ער האָט געפאָדערט פארברענען אלע ייִדישע ביכער: „איבער די ייִדישען ביכער זאָל איין אויטאָ־דאפע געמאכט ווערדען" א.א.וו. האָמבערג איז גוט געבליבן שטעקן אין זיקאָרן פון די גאליצישע ייִדן: מע האָט מיט זײַן נאָמען פארבונדן דעם ליכט־שטײַער, דעם כאסענע־עקזאמען (ביפראט, ווײַל פון דער כאסענע־פּאָר האָט מען געפאָדערט

יעדיִעס אין פאַרנעם פון זײַן קאַטעכיזם „בני ציון”) און פאַרשיידענע אַנדערע נעגישעס.

און דאָך איז האָמבערג ווײַט ניט געווען אַ דורכשניטלעכע פּערזענלעכקײַט. אַ „ריינער”, ערלעכער מאַסקיל אַף זײַן אָרט וואָלט געווען ניט ווייניקער פאַרהאַסט בײַ דער אָרטאָדאָקסיע, און געהאַנדלט וואָלט ער אין דער געגעבענער סיטואַציע ניט אַסאַך אַנדערש, ווי האָמבערג. האָמבערג איז געווען אַן אידעאָלאָג פון דער בורזשואַזיע אין די גאַליצישע באַדינגונגען יענע יאָרן. ער האָט טאַקע בלינד געגלייבט אין דעם קויעך פון קאַנטשיק און געמיינט, אַז די צוואַנג־האַסקאָלע, אַדמיניסטראַטיווע מיטלען וועלן ברענגען גיכע און מאַמאָשעסדיקע דערפאָלגן. מער ווי אַן אַוואַנטיורע האָט אָבער די צוואַנג־האַסקאָלע אין יענעם פּעריִאָד ניט געקאָנט זײַן, סײַ צוליב דער אַלגעמיינער אָפּגעשטאַנענקײַט פון גאַליציע, סײַ צוליב דעם פעאָדאַלן כאַראַקטער פון דער עסטרײַכישער רעגירונג, וואָס האָט ניט געקאָנט קאָנסעקווענט און אַקשאָנעסדיק קעמפן פאַר אַן אויפקלערערישער, ד. ה. בורזשואַזער פּראָגראַם, און אין אַנטשיידנדיקע מאָמענטן קעסיידער אויסגעקערט זיך מיטן רוקן צו די יידישע מאַסקילים, וואָס האָבן זיך איר אָנפאַרטרויט. די זעלביקע געשיכטע, בלויז אַביסל אַנדערש וואַריִאַנטירט, האָט זיך איבערגעחזרט 40 יאָר שפּעטער אין רוסלאַנד, אין ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן, און מיט די זעלביקע קימאַט רעזולטאַטן. לעווינזאָנס פּאָליטיק האָט זיך אין טאָך ווייניק אונטערשיידט פון האָמבערגס.

דעם צווייטן דאָר גאַליצישע מאַסקילים, יענער שיכט יידישע אויפקלערער, וואָס האָבן געווירקט אין די יאָרן 1815־1848, איז פאַקטיש אויסגעקומען זיך פאַנאַנדערצאָלן פאַר די רעזולטאַטן פון דעם האָמבערג־עפּיזאָד, פאַר יענער כוואַליע פון האַס און צאָרן, וואָס זײַן פּאָליטיק האָט אויפגעהויבן ניט נאָר בײַם קאָנסערוואַטיוון מיטלבירגערטום, נאָר אויך בײַ די ברייטסטע מאַסן פון קליינבירגערטום (אין צוזאַמענהאַנג צ. ב. מיטן ליכט־שטײַער). און דאָך האָבן זיך די דאָזיקע מאַסקילים ניט אָפּגעזאָגט פון האָמבערגן, שטילערהייט און האַלב—אָפן זיך מיט אים סאָלידאַריזירט. האָמבערג האָט נאָך יאָרן שפּעטער מיטגעאַרבעט אין די „בכורי העתים”, דעם אָרגאַן פון דער גאַליצישער האַסקאָלע (פאַרגל. וואַכשטיין, די העברייִשע פּובליציסטיק אין ווין, 83־84). ער איז געשטאַנען אין פרײַנטלעכע באַציִונגען צו ראַפּאָפּאָרטן אין דעם לעצטנס פּראָגער פּעריִאָד—כאָטש ראַפּאָפּאָרט איז דאַן געווען פּראָגער ראָוו, און האָמבערג האָט שוין אַ טייל קינדער אָפּגעטויפט. צום נאָענטסטן איז צו אים געשטאַנען דער ראַדיקאַלער פליגל פון דער גאַליצישער האַסקאָלע, און יעהודע לייב מיזעס פּובליקירט האָמבערגס אַ באַגיטיקונג צו זײַן אַנטיקלעריקאַלן בוך „קנאת האמת” (1828; האָמבערגס בריוו אין „בכורי העתים”, ב. 11). וואָרעם האָמבערגס פּראָגראַם—שנעלע אַנטוויקלונג פון אַ נעץ דײַטשישע שולן פאַר יידישע קינדער; באַגרענעצן דעם לימעד פון טאַלמוד; איגנאָרירן די ראַבאָנים און אויסהאַלטן אַף זייער אָרט די אויפגעקלערטע לערער; צענזור פאַר דער ראַבאָנישער ליטעראַטור; קאַמף מיטן יידישן קליינהאַנדל; ערד־אײַנאָרדענונג פון יידישן קליינבירגערטום, פאַר רעקרוטשינע א.א.וו.—דאָס אַלץ איז אין טאָך געווען די פּראָגראַם פון דער ראַדיקאַלער (און טיילווײַז אויך פון דער רעכטער) גאַליצישער האַסקאָלע. אין איר צווייטן

פעריאָד, 1815־1848, איז זי אָבער געווען געצוווּנגען אָנגיין לאַנגזאַמער, פּאָרזיכטיקער, אָנגעלערנט דורך דעם פריערדיקן דורכפאַל, אָנגעשראָקן דורך דעם שטאַרקן, אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד פון יידישן מיטלבירגערטום, פאַרלאָזן דורך דער רעגירונג.

וואָרעם די עסטרײַכישע רעגירונג האָט אין די יאָרן פון דער שווערער רעאַקציע נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מילחמות, אין דער פינצטערער מעטערניך־תקופה, מוירע געהאַט פאַר וועלכע ס׳איז אַנטשיידנדיקע שריט אין דער יידן־פראַגע, און באַגרענעצט זיך מיט אומצאָליקע דערקלערונגען, אויסטײַטשונגען, דערגאַנצונגען צו די פּאַראַגראַפן פון דעם יאָזעפינישן טאָלעראַנץ־פּאַטענט פון 1789. איר גערמאַניזירונג־פּאָליטיק, די שטרעבונג צו באַלאַנסירן מיט דער יידישער באַפעלקערונג צווישן די אוקראַינער און פּאָליאַקן אין גאַליציע, האָט זי נאָענט געבראַכט צו די מאַסקילים; נאָך שטאַרקער איז אָבער געווען די מוירע מיצאַד דער פעאָדאַלער רעגירונג, אין דער תקופה וואָס נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, פאַר דער בורזשואַזיע, און אין דעם זינען זײַנען איר ליבער געווען די יידישע אָרטאָדאָקסן, ווי די אויפקלערער. אַזוי־אַרום האָט זי באַלאַנסירט אויך צווישן ביידע צדדים אין דער יידישער סוויווע, און קעסיידער ביידן אַנטוישט. דער גאַליצישער האַסקאָלע איז, אַלזאָ, אויסגעקומען אין איר צווייטן פּעריאָד פירן דעם קאַמף מיט אייגענע קויכעס. ווי לאַנגזאַם ס׳האָט זיך ניט גערוקט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אין גאַליציע—זי האָט זיך דאָך גערוקט; די באַזע פון דער גאַליצישער האַסקאָלע איז געוואָרן אָן א פאַרגלײַך ברייטער, ווי אין די צײַטן פון יאָזעף II און האָמבערג. און דאָך איז עס נאָך אַלץ געווען א שמאָלע באַזע, און די מאַסקילים־שיכט—נאָך אַלץ א שוואַכע, קליינע שיכט.

לעפין און ביק

ווי יעדע באַדייַטנדיקע באַוועגונג, האָט אויך די האַסקאָלע געהאַט אירע אַפּאָסטאָלן, באַגייַסטערטע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, אומעטום געשאַפן אָנהענגער פאַר דער נייַער אידעאָלאָגיע און אופגעשטעלט געטרייַע טאַלמידים און אַ נייַעם דאָר קעמפער. אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדיסט פון גרויסן סטיל איז געווען מענדל לעפין (לעווין) סאַטאַנאָווער. לעפין האָט פאַרפאַסט אַ רייַ ווערק, און דאָך איז זייַן ליטעראַרישע טעטיקייַט ניט פון גרויסן פאָרמאַט. זייַנע טאַלמידים האָבן געגעבן מער ווערטפולע זאַכן,—די לעפין־שול (און אַזאַ שול האָט ער אופגעשטעלט, און זי איז דייַטלעך אין דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור ביז מענדעלען אייַנשליסלעך) איז היסטאָריש וויכטיקער פון לעפינען אַליין. און דאָך איז פאַראַן אַן אָריגינעלער שטריך אין דער גאַנצער ריכטונג פון לעפינס שאַפן.

לעפין איז נאָך אַלץ אַן אויסגעשפּראָכענער בורזשואַזער מאַסקיל; ער איז אָבער דער ערשטער און באַדייַטנדיקסטער מאַסקיל, וואָס פאָדערט אויף די האַסקאָלע ארויסצוגיין אין איר אַגיטאַציע צום קלייַנבירגערלעכן האַמוין, זען געווינען אים פאַר אירע צילן און אידייעס.

לעפין איז אַ קנופּ־פּונקט פון דרייַ (און ריכטיקער—פיר) האַסקאָלעס. זייַן לעבן און ווירקן געהערט סייַ צו דער בערלינער, סייַ צו דער גאַליצישער, סייַ צו דער פּוילישער, סייַ צו דער רוסישער האַסקאָלע. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דעם דייַטשישן „המאסף“ (1784) און אין די גאַליצישע „בכורי העתים“ (באַנד 5 און 8). זייַנע ווערק האָבן זיך געדרוקט אין בערלין און אין זשאָלקיעוו. אָט טרעפן מיר אים אין וואַרשע אין יאָר 1791, אין סאַמע ברען פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער ייִדנרעפאָרם אין צוזאַמענהאַנג מיטן פיריאָריקן סיים, און אָט איז ער 1803 אין פּעטערבורג אין קרייַז פון אוראָם פּערעץ, נאָטקין, נעוואַכאָוויטש. ער איז מענדעלסאָנס אַ טאַלמיד, און מענדעלסאָן רעקאָמענדירט אין יאָר 1785, אַ יאָר פאַר זייַן טויט, לעפינס בוך „רפואות העם“ (מענדעלסאָנס העבר. בריוו, נום. 280). אין די שפּעטערדיקע יאָרן זייַנען זייַנע טאַלמידים קראָכמאַל, ראַפּאָפּאָרט, פּערל, ביק און אַ גאַנצע רייַ אַנדערע,— קימאַט אַלע וויכטיקסטע פירער פון דער גאַליצישער האַסקאָלע, און אויך לעווינזאָן, די צענטראַלע פיגור פון דער רוסישער האַסקאָלע אין דעם פּעריאָד פון דער ניקאָלייַעווסשטשינע. פאַר זייַנעם אַ טאַלמיד באַקענט זיך אויך זייַן פאַרבי־

טערטער קעגנער טעוויע פעדער („חי האמת אשר מנעורי גדלני כאב, ועל ברכו שעשעתי" „פון דער יוגנט האָט ער מיך דערצויגן ווי א פאָטער, און אף זײַנע קני האָב איך געשפילט" — ... כרם חמד, 1833, ז. 100). גאָטלאָבער, וואָס האָט לעפינען פערזענלעך ניט געקענט, האָט אָבער אויך געקוקט אף זיך ווי אף לעפינס א טאַל־מיד, און ווי ער דערציילט, האָבן לעפינס יידישע שריפטן אים געגעבן דעם שטויס „צו ריידן צום פאָלק אף זײַן אייגענער שפראַך",—אזוי אויך איז געווען לויט גאָטלאָבערן דער פאַל מיט עטינגערן, וואָס האָט זיך באקאַנט מיט לעפינס שריפטן בייס זײַן שטו־דיום אין לעמבערג (גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, 176). און גאָטלאָבער פארצייכנט ווײַ־טער: „איך אליין האָב אין מײַן יוגנט געקאָנט אסאך מענטשן, וואָס דעם שטויס צו בילדונג האָבן זיי באקומען בלויז דורך מענדל לעפינס איבערגעזעצטע העברייִשע ספאָרים, וועלכע זיי האָבן געלייענט אין מאנוסקריפּט, און דאָס האָט זיי אויך גע־שטויסן צו בילדן זייערע קינדער און לערנען זיי שפראַכן" (דאָרט, 172—173). — א טאַלמיד און נאָענטער פרײַנט לעפינס איז געווען מאָרדכע סוכאָסטאווער,—סוכאָס־טאווער און גאָטלאָבער זײַנען אָבער די לערער פון דעם יונגן מענדעלע.

לעפין איז אלזאָ געווען דער דערציִער פון א גרויסער מאכנע מאסקילים, און געווירקט האָט דערויף זײַן פּראָפּאגאנדיסטישע נאטור און דער וואנדער־אומרו, וואָס האָט אים געטריבן פון לאנד צו לאנד. זײַן לעבנסגעשיכטע מאכט דעם אײַנדרוק פון א שפּאנענדיקן פילם. ער איז געבאָרן געוואָרן 1749 אין פּאָדאָלישן גרענעצשטאָט און באדײַטנדיקן האנדל־צענטער סאטאנאָוו (דערפון דאָס צונעמעניש סאטאנאָווער), כאָטש געהאט קיין מיקאָלאיעוו, א שטעטל לעבן סאטאנאָוו, וואָס האָט דאן אָנגע־הערט צו די פּירשטן טשארטאָריסקעס. ער איז געווען א קרענקלעכער, און פון גרויס האסמאָדע איבער טראדיציאָנעלע און וועלטלעכע לימודים שיר ניט בלינד געוואָרן, און 1780 געקומען זיך היילן אין בערלין. דאָ איז ער ארײַן אין קרייז פון מענדל־סאָנען און די מעאספים, וווהין ס'האָט אים, ווײַזט אויס, ארײַנגעפירט זײַן בען־איר איצכאָק סאטאנאָוו. אין בערלין איז ער אנערעך ביז 1784; פאָרט דערנאָך צוריק אין מיקאָלאיעוו, סאָף אכציקער יאָרן איז ער אָבער ווידער אין בערלין. ז. רייזען (און אויך אנדערע פאָרשער) [1] שרײַבן בא דער געלעגנהײַט: „אפן וועג פון בערלין האָט זיך לעפין אָפּגעשטעלט אין בראָד, ווו ער האָט געשלאָסן באקאנטשאפט מיט די פּי־רער פון דער גאליצישער האסקאָלע נאכמען קראָכמאל און יוסעף פּערל" („פון מענדעל־סאָן ביז מענדעלע", 148). אים איז אָבער שווער געווען דאן צו שליסן באקאנט־שאפט מיט די פּירער פון דער גאליצישער האסקאָלע, פּאָשעט צוליב דעם, וואָס די פּי־רער זײַנען נאָך דאן קיין פּירער ניט געווען: אין 1784 איז קראָכמאל נאָך ניט גע־באָרן געוואָרן, און פּערל איז נאָך דאן געווען א כיידער־ייִנגל, אלט געווען קוים 11 יאָר.

אין מיקאָלאיעוו ווערט לעפין באפרײַנדעט מיטן פּירשט אדאם טשארטאָריסקי (1734—1823), איינע פון די ערשטע פּערזענלעכקײַטן אין דעם דעמאָלטיקן פּוילן. צו א גרויסער פּאָליטישער קאריערע האָט דעם פּירשט געגרייט זײַן מישפּאָכע, וואָס איז געשטאנען אינדערשפּיץ פון דער רעפאָרם־פּארטיי: ער האָט קאנדידירט צום פּוילישן טראָן לעבן פּאָניאטאָווסקען (מיטאָזשאנקא, 10—11). קיין קיניג איז ער ניט געוואָרן, דאָך געבליבן איינע פון די ערשטע פּיגורן אין פּוילן. דאָס איז געווען אן

[1] אשטייגער, יאָזעף מײַזל אין זײַן „געשיכטע", III, ז. 117.

אופגעקלערטער מאגנאט, וועלכן ס'האָט געצויגן מער צו פראגן פון דערציִונג, קונסט און ווּיסנשאפט, ווי צו פּאָליטיק און מיליטער־פראגעס. ער איז אגעוו אליין געווען א שרײַבער, דער פארפאסער פון א רײַ פּובליציסטיש־בעלעטריסטישע ווערק און פון עטלעכע קאָמעדיעס. אפן מאגנאטישן שטייגער איז ער געווען דער מעצענאט פון צענדליקער געלערנטע און שרײַבער — און אויך לעפינס מעצענאט, וועמען ער האָט באשטימט א כוידעש־געהאלט, און אונטערשטיצט אים ביזן סאָף פון זײַן לעבן. אין לעפינס „רפואות העם" (זשאָלקיעוו, 1794) ווערט פארצייכנט, אז טשארטאָריסקי האָט אונטערגעשטיצט די אויסגאבע מיט 30 דוקאטן. ניט אויסגעשלאָסן איז, אז די גאנצע אידייע פון דעם דאָזיקן בוך האָט געגעבן טשארטאָריסקי, וואָרעם אין פּויליש איז עס דערשינען שוין אין יאָר 1773, און אזעלכע פּאָפּולער־מעדיצינישע ווערק האָבן אָנגע־הערט צום אינטערעסן־קרײַז פון דעם פירשט (דאָרט, 148). — נאָך אין יאָר 1819 שרײַבט לעפין צו זײַן פרײַנט שימען פייט אין בערלין: „ווערדע פאָן מײַנעם גוטן פירשטן נאָך אימער אונטערשטיצט". א געוויסע צײַט איז ער דער לערער פון מא־טעמאטיק און פילאָסאָפיע פון טשארטאָריסקעס זון. לעטעריס דערציילט, אז ער האָט געזען לעפינס א קאָמפּענדיום פון קאנטס פילאָסאָפיע, געשריבן אין פראנצויזיש, צום געברויך פון טשארטאָריסקעס זון. לעפין האָט ווײַזט אויס א געוויסע צײַט זיך אויפגעהאלטן אין הויף פון דעם פירשט, אין זײַנע רעזידענצן אין ווארשע, פולאווו און שעניאווע.

אין דער פערל־ביבליאָטעק אין טארנאָפּאָל איז אופגעהיט זײַנס א גרויס פילאָסאָ־פיש ווערק אין דײַטש „נאכלאס איינעס זאָנדערלינגס צו אבדערא" (אבדערא — די נארן־שטאט — אן אָנצוהערעניש אף בראָד), וואָס איז געווידמעט דער פירשטן איזא־בעלאַ, טשארטאָריסקעס פרוי. דער ערשטער ווארינאנט פון דעם דאָזיקן ווערק איז אָנגעהויבן געוואָרן 1794 אין שעניאווע, פארענדיקט געוואָרן 1 יאנוואר אין מיקאָ־לאיעוו (242 בלאט פּאָליאָ); דער צווייטער ווארינאנט איז געשריבן 1823 אין טאר־נאָפּאָל.

לעפין איז אלזאָ געשטאנען אין גרויס אָנזען באם פירשט, און באשטימט איז טשארטאָריסקעס באציִונג צו לעפינען ניט געווען די פּוסטע נײַגיר פון א גרויסן פּאָ־רעץ צו א טשיקאווע, געלערנטן ייִדן, וויבאלד ער האָט אים צוגעצויגן צו דער דער־ציִונג פון זײַנע קינדער, פאר וועלכע ער פלעגט אָפּקלײַבן פּעדאגאָגן מיט דער גרעסטער פּאָרזיכט שיר ניט פון אלע אייראָפּעיִשע לענדער. פון דער אנדערער זײַט איז קלאָר, אז דער פירשט און זײַנע געזעלשאפטלעכע אָנשויונגען און אידייען האָט געהאט א געוואלטיקע השפּעה אף לעפינען.

טשארטאָריסקי און זיין פּארטיי זײַנען די אידעאָלאָגן פון פארבירגערלעכטע פּריצים, פון יענע פּריצים, וואָס ווילן אין זייערע גיטער שוין פירן א ווירטשאפט אפן קאפּיטאליסטישן שטייגער, וואָס שטרעבן צו א באגרענעצטער בורזשואזער מאָ־נארכיע, וואָס אָריִענטירן זיך אף א בונד מיט דער בורזשואזיע. א געוואלטיקע אופ־מערקזאמקײַט גיט אָפּ טשארטאָריסקי דער דערציִונג־פראגע, איר טעאָריע און פּראק־טיק, און נאשט פיל פון רוסאָ, כאָטש ער פארורטיילט קאטעגאָריש דעם ראדיקאליזם פונעם זשענעווער בירגער. און אן אופמערקזאמער אנאליז פון לעפינס טעטיקײַט ווײַזט גלײַך, ווי ווײַט ער איז באײַנפלוסט געוואָרן פון טשארטאָריסקעס געדאנקען־

גאַנג און אינטערעסן־קרײַז[1]). מיר האָבן צ. ב. ארויסגעזאָגט די האשאָרע, אז פונעם פּירשט איז ארויס די אָנרעגונג צו „רפואות העם". אָבער נאָך מער קלאָר איז, אז אף טשארטאָריסקעס ווונטש און מינאסטאס מיט זײַן סובסידיע האָט לעפין פארפאסט און אָפּגעדרוקט א פּראָיעקט פון דער ייִדן־רעפאָרם אין פוילן,—געשריבן אין פראנצויזיש, וואָרעם לעפין האָט דאן שוואך געקאָנט פוילִיש. די בראָשור איז פארפאסט געוואָרן 1791 און דערשינען א יאָר שפּעטער אין ווארשע אונטערן טיטל:

„Essai d'un plan de reforme ayant pour l'objet d'eclairer la Nation Iuive en Pologne et de redresser par la ses moeurs".

(„פּראָיעקט פון א פלאן פון רעפאָרם, וואָס איז געווענדעט אף אופצוקלערן די ייִדישע נאציע אין פוילן און אויסבעסערן אירע זיטן"). זי איז אנאָנים און ניט דאטירט[2]).

סאָף יאָרהונדערט איז לעפין אין גוט פון דעם גרויסן גוויר און פּאָדראטשיק יעהוישוע צייטלין (1742 — 1822) אין אוסטיע (ווײַסרוסלאנד, צווישן טשעריקאָוו און קריטשעוו). צייטלין האָט נאָכן טויט פון זײַן פּאטראָן פּאָטיאָמקין, וואָס אף זײַן הישטאדלעס האָט יעקאטערינע II געשאָנקען צייטלינען אוסטיע מיט 600 פּויערים, זיך צוריקגעצויגן אין זײַן גוט, און זײַן פּאלאץ איז געוואָרן א צענטער פון פיל געלערנטע און גערוידעפּטע. דאָרט איז געווען א גרויסע ביבליאָטעק, און דער רויפע באָרעך שקלאָווער האָט זיך דאָרט אפילע אויסגעבויט א לאבאָראטאָריע פאר כעמישע פאָרשונגען. צייטלינס איידעם איז געווען אווראָם פּערעץ, דער זון פון א ראָוו אין לעווארטאוו (1771 — 1838), וואָס איז שפּעטער אריבערגעפאָרן אין פּעטערבורג און דאָ געפירט ריזיקע געשעפטן, ווי אן אָטקופּשטשיק און שיפבוי־אונטערנעמער,—געשפּילט אויך א גרויסע ראָלע אין די פארהאנדלונגען ארום דער ייִדן־פראגע אין דער רעגירונג־צײַט פון אלעקסאנדער I. אין יאָר 1813 האָט זיך אווראָם פּערעץ געטויפט. זײַן זון הירש (גריגאָרי—1788—1855) איז ביז אָנהייב 1803 געבליבן אין אוסטיע בא דער מאמען און זיידן, און זײַן דערציִער איז דאָרט געווען מענדל לעפין, אף דאָוויד פרידלענדערס רעקאָמענדאציע. אין אוסטיע זאָל לעפין האָבן פארפאסט זײַן „חשבון הנפש". שפּעטער פאָרט ער אריבער מיט זײַן טאלמיד אין פּעטערבורג,—ווײַלט אָבער דאָרט קורץ, וואָרעם פראנצויזישע גווערניאָרן און לערער נעמען איבער די ווײַטערדיקע דערציִונג פון גריגאָרי, און גיך ווערט דער ייִנגל געטויפט, אייניקע יאָר פריִער, ווי זײַן פּאָטער[3]).

---

[1]) M. Miterzanka. Dzialalność pedagogiczna Adama ks. Czartoryskiego Warszawa—Lwów 1931. 340 זײַטן.

[2]) צי איז זיכער, אז די דאָזיקע אנאָנימע בראָשור איז לעפּינס? איך מיין, אז יאָ. דערויף זײַנען פאראן אסאך באווײַזן: לעפין דערמאָנט א פראנצויזישע בראָשור אין צוזאמענהאנג מיט דער קאָנסטיטוציע פון 1791 אין דער רעשימע פון זײַנע ליטעראריש ווערק; עס ווערט דערמאָנט אין דער בראָשור דעם אווטערס בוך, וואָס איז דערשינען אין בערלין 1789, ד. ה. לעפינס „מודע לבינה"; די בראָשור ווײַזט אף א גוטער באקאנטשאפט מיט די מעאספים א. א. וו. — בא געלבערן איז אגעוו דער טיטל פארגרײַזט.

[3]) גריגאָרי פּערעץ האָט שפּעטער אָנטיילגענומען אין דער דעקאבריסטישער באוועגונג און געווען פארשיקט אף 14 יאָר. פארגל. די מאָנאָגראפיע פון זײַנע אייניקלעך, די באקאנטע רוסישע געלערנטע: Вя. Н. Л. Н. Перетц. Декабрист Григорий Абрамович Перетц. Издательство Акад. Наук СССР. 1926.

זע אויך ל. גאָרדאָן, אין „וואָסכאָד", 2, 1881.—וועגן צייטלינען: ש. י. פין, קריה נאמנה, 1895, ז. 271—272.—ש. י. הורוויץ, „ספר היי", השלוח. ניסן־העפט 1922.

אין יאָר 1806 איז לעפין שוין ווידער אין מיקאָלאיעוו. א יאָר שפּעטער באזעצט ער זיך שוין אף שטענדיק אין גאליציע, וווינט אין בראָד און טארנאָפּאָל (1817—1808 אין בראָד, 1826—1817 אין טארנאָפּאָל, ווו ער איז געשטאָרבן. אין יאָר 1819 פייערט ער אָבער זיין זיבעציק־יאָריקן יובילייי אין בראָד). אין גאליציע האָט אלזאָ לעפין פארבראכט די לעצטע 18 יאָר פון זיין לעבן, דאָ זיינען אויך דערשינען זיינע וויכטיקסטע ווערק. דער דאָזיקער גאליצישער פּעריאָד פון לעפינס לעבן איז דער פּרוכטבארסטער און דער וויכטיקסטער, אף וויפל ס'קריסטאליזירט זיך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד די טעאָריע און פּראקטיק, די פילאָסאָפיע און פּאָליטישע סטראטעגיע פון דער יונגער גאליצישער האסקאָלע, און לעפין, וועמען זי באטראכט ווי איר נעסטאָר, האָט אף איר א גוואלדיקע האשפּאָע.

ביז זיינע לעצטע יאָרן איז לעפין געווען רירעוודיק און טעטיק. ער איז שוין געווען קימאט בלינד, און דאָך האָט ער נאָך געפירט א וויסנשאפטלעכע ארבעט, מע האָט אים פּאָרגעלייענט, און ער האָט דיקטירט זיינע ווערק. שוין אלט זיבעציק 70 יאָר, האלט ער נאָך אין פּלאנעווען נייע וואנדערונגען. ער וויל אריבערפאָרן אין בערלין, ווייל ס'פעלן אים אויס אין גאליציע די נייטיקע וויסנשאפטלעכע ווערק, און שרייבט אין יאָר 1819 צו זיין פריינט שימען פייט דעם פּאָלגנדיקן בריוו: „ליבער פריינט רעב שימען פייט שעיִכיע, וואס מיך נון היר בעטריפט, זא האט זיכס מיט מיינע געזונדהייטסאומשטאנדן גאָר זייער געבעסערט... איין מאן פון 70 יאָר בין איך... פאר אייניקע יארע בין איך וויטווער געוואָרן, האבע אָבער עטווא 3000 טאָלער אין פּארמעגן, ווערדע פּאָן מיינעם גוטן פערשטן נאָך אימער אונטערשטיצט אונד בין גאטלאב נאָך פריש, ביי גוטער לוינען אונד ארבייטע נאָך אימער פּאָרט. איך האבע מיך, ווי זי זעען, אלזאָ ניכט איבער מיינען אומשטענדען צו בעקלאָגן, בלאָס מיינע אויגן בלייבן נאָך אימער שוואך אונד איך האבע נאָך אן מיינעם דייטשן מאנוסקריפּט פילעס צו בעארבייטן, וועלכעס מיר היר צימליך זויער ווערט, קענטע איך מיט עטווא 5 רובל וועכנטליך צום מיינעם אונטערהאלטע אין בערלין גענוג האבן, זאָ מאָכטע איך גערן ביי מיינען נאָך וויניגען איידעלען פריינדן דאָזעלבסט מיין לעבן אויספירן...” (וויינלעז, היסטאָרישע שריפטן פון ייוו'א, ב. 1, זייט 813, אויך „העולם”, 1925, נומ. 39—42).

לעפינס פּאָליטישע פּלאטפאָרם איז געגעבן אין דער שוין דערמאָנטער פראנצויזישער בראָשור פון יאָר 1791. די דאָזיקע בראָשור איז אופגעקומען אין רעכטן ברען פון דער דיסקוסיע ארום דער יידן־פראגע אין צוזאמענהאנג מיטן פּוילישן א. ג. פיריאָריקן סיים (1792—1788), וואָס האָט געזאָלט געפינען מיטלען, ווי אזוי צו ראטעווען די פּוילישע מעלוכע און רעפאָרמירן אירע קאָנסטיטוציאָנעלע גרונט־יעסוידעס אין א מער מאָדערנעם גייסט. דריי קלאסן האָבן געקעמפט אפן דאָזיקן סיים: די פעאָדאלע שליאכטע, וואָס האָט געשטעלט אן אקשאָנעסדיקן ווידערשטאנד וועלכן ס'איז ערנסטן פּרווו פון רעפאָרמען און באניייונג; די פּארטיי פון די פּארבירגערלעכטע פּריצים, וואָס האָט געשטרעבט צו א פּריציש־בורזשואזער מאָנארכיע, און דאָס שטאָ־

טישע בירגערטום. יעדע פון די דאָזיקע גרופּירונגען האָט געהאַט איר אייגענע פּראָ-גראַם אין דער יידן־פראַגע. דאָס שטאָטישע בירגערטום איז געווען קעגן דער עמאַנ-סיפּאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, מיט וועלכער עס איז געשטאַנען אין א פאַרביטערטן קאָנקורענץ־קאַמף, און עס האָט געפאָדערט אפילע ווייטערדיקע באַגרע-נעצונגען און רעפּרעסיעס בענעגייע יידן. טיילווייז איז מיטן בירגערטום מיטגעגאַנגען אין דער יידן־פראַגע די פּעאַדאלע שליאַכטע, און נאָך 10 יאָר פריִער האָט דער עקסקאַנצלער אנדזשעי זאַמאָיסקי פאָרגעלייגט דעם סיים א פּראָיעקט, וואָס האָט לויטן פּויילישן היסטאָריקער סמאָלענסקי געהאַט פאַר א ציל „גיכער פאַטער צו ווערן פון די יידן, איידער פאַרשמעלצן זיי ביגעוואַלד מיטן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פון פּוילן".

אן ערנסטע יידן־רעפאָרם האָט געהאַט אין זינען די פּאַרטיי פון די פאַרבירגערלעכטע פּריצים, וואָס אין איר שפּיץ זיינען געשטאַנען די טשאַרטאָריסקעס. עס האָט איר פּאָרגעשוועבט, ווי א מוסטער די יידן־פּאָליטיק פון יאָזעף II, — אסימילאַציע פון די יידישע מאַסן, אריינציִען זיי אין דעם מעלוכישן לעבן, ברעכן זייער יורידיש־פּאָלי-טישע איזאָלירונג און נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט, אויסנוצן זייער פינאַנץ־קראַפט אין די שווערע קריזיס־יאָרן פון דער פּוילישער מעלוכע. דאָס יידישע בירגערטום אין פּוילן האָט אָן סאָפעק געהאַט קנאַפּ כיישעק און צוטרוי צו דער יידן־רעפאָרם, ביפראַט ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער ליקווידאַציע אָדער מאַמאָשעס-דיקער באַגרענעצונג פון דער מאַכט פון די קעהילעס און ראַבאָנים, וועגן אָפּ-שאַפן די יידישע יוריסדיקציע און נאָך ענלעכע רעפאָרמעס, וואָס האָבן באַגרענעצט און פאַרשמעלערט די עקספּלואַטאַציע פון יידישן קליינבירגערלעכן האַמוין דורך דעם מיטלבירגערטום און זיין קאָהאָל־אַפּאַראַט. ניט קיין וווּנדער, אז דער ליטווישער וואַאַד באַשליסט אפן יאַריד אין זעלווע (24 אווגוסט 1791), אז יעדער ליטווישער ייִד איז מעכויעוו ביַיצושטיַיערן צו 1 גילדן צוגינסטן פון א דעלעגאַציע, וואָס דאַרף אינטער-ווענירן אין וואַרשע קעגן וועלכע ס'איז ניַיע רעפאָרמעס. פון א מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע, וואָס זאָל ענערגיש אונטערשטיצן די ניַיע רעפאָרם־פּלענער, זיינען אין פּוילן פאַקטיש דאַן געווען קוים שפּורן. עס איז כאַראַקטעריסטיש די רעליאַטיוו גרוי-סע צאָל אַגיטאַציע־שריפטן פאַר דער רעפאָרם, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן דורך יידישע דאָקטוירים (עליע אקאָרד. וואַרשע 1786; דר. שלוימע פּאָלאָנוס, ווילנע 1792; טיילווייז מאַרקוזע, סייפער רעפוּעס, 1790), — דאָס איז יענע צייט געווען די הויפּט-שיכט פון דער יידישער אינטעליגענץ. עס זאָגט אָבער אויך איידעס וועגן דער דינ-קייט פון דער מאַסקילישער שיכט אין פּוילן צום סאָף פון אכצענטן יאָרהונדערט.

לעפינס בראָשור איז איַינגעטיילט (און מאָדנע איַינגעטיילט: אָפט הייבט זיך אָן א ניַיער פּאַראַגראַף אין מיטן זאַץ) אין 106 קורצע פּאַראַגראַפן און איז ווייזט אויס א מעמאָראַנדום צו דער קאָמיסיע פון דער פאָלק־עדוקאַציע, וואָס אין איר האָט טשאַרטאָריסקי געשפּילט אזא גרויסע ראָלע. ווי א מאָטאָ צו איר גייט מאָנטעסקיעס זאַץ: „מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקייט דאַרף מען זיך באַציִען צו די דיספּוטן פון טעאָלאָגן; מע דאַרף זי אָבער חי ווייט מעגלעך ניט ארויסווייזן. די רעליגיע איז טאָמיד די בעסטע גאַראַנטיע פאַר די זיטן פון מענטשן". נאָכן טעקסט גייט אן אפּאַ-ראַט פון נאָטעס—10 זייטן מיט קליינע אויסיעס. א פּאָר פּאַראַגראַפן פעלן אין טעקסט פון דער בראָשור (צ. ב. עס פעלן 32, 36, 55, 62, 66). באַקאַנט זיינען פון דער

בראָשור סאַכאַקל דריי עקזעמפּלאַרן — אין קראָקעווער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק און אין קיִעווער אקאַדעמיע־ביבליאָטעק. (ВБУ)[1].

עס פילט זיך אין לעפינס בראָשור שטאַרק דער איינפלוס פון וויזלס „דברי שלום ואמת" (1782) און פון דעם יאָזעפינישן טאָלעראַנץ־פּאַטענט. לעפין אונטערשטרייכט די גרויסע ראָלע, וואָס רעליגיע שפּילט אין דעם יידישן לעבן: „די רעליגיע איז די מעכטיקסטע און אקטיוווסטע טרייבקראַפט פון דער יידישער נאַציע. אזוי, אז אפילו פון אירע פאַרורטיילן קען מען האָבן וויכטיקן נוצן. אָט פאַרוואָס ס'איז וויכטיק פאַר יעדן פּאָליטישן רעפאָרמאַטאָר זיי גרינטלעך צו דערקענען". דאָס אינטערעפּרעטירט לעפין וואָלטערס זאָץ וועגן דעם, אז מע דאַרף אויסנוצן אפילו אָבערגלויבנס, ביכדיי צו קאָרעגירן דורך זיי די געוואַלטיקע רעליגיעזע מיסברויכן. פון אָנהייב גיט לעפין א קורצע קריטישע אינפאָרמאַציע וועגן דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע: „דער טאַלמוד... איז דער הויפּטקאָדעקס פון געזעצן. דאָס דאָזיקע ווערק אנטהאַלט טאָקע א גרויסע צאָל זאַצן און סאָלידע באַטראַכטונגען, וואָס זיינען נעגייע די זיטן פון יידן. אָבער עס פאַרנעמט זיך הויפּטזעכלעך מיט טיפע פאָרשונגען וועגן דעם געגויסטן אויספירן פון צערעמאָניעס, און עס באַהויפּט גלייכצייטיק, אז די פרינציפּן פון די דאָזיקע צערעמאָניעס זיינען די וויכטיקסטע מיסטעריעס פון דער טראַדיציע, אין דער צייט, ווען די דאָזיקע פאָרשונגען זיינען אינדערעמעסן קליינלעך און אָן באַדייטונג".

„נאָכן טאַלמוד ווערט מוישע מיימאָן באַטראַכט ווי איינער פון די גרעסטע לערער פון דער יידישער נאַציע. ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין בוך „מורה נבוכים", וווּ ער דערקלערט, אז די וויסנשאַפטן גיבן א שליסל צו די געהיימענישן פון דער וועלט און פון דער רעליגיע. ער אנטוויקלט בעעמעס די צומייסטן פּאַרנינפטיקע באַגרינדונגען פון דעם ראָוו צערעמאָניעס, און אלעגאָרישע אינטערפּרעטאַציעס פון אסאַך פּאַראַדאָקסן פון טאַלמוד, און הייבט אויף ביזן הימל די גריכישע און אראַבישע פילאָסאָפן, ווי אויך זייער סכאָלאַסטיק. אָבער זיינע אָנהענגער (בא לעפינען: סעקטאַנטן) זיינען איינגיכן שטאַרק געוואָרן אין זייער פילאָסאָפישער ערודיציע, האָבן אומענדלעך מער געשעצט די גריכישע כאַכאָמים, ווי די יידישע, און האָבן אָנגעהויבן אַלץ אַלעגאָריזירן, האָבן געלייקנט אין טכיִעס־האַמייסים און צום סאָף געוואָרן אַטעיִסטן. אָטאָ דאַן האָט מען באַקומען איימע פאַר יעדער געלערזאַמקייט, ווי א פאַרדערבלעכע; מע האָט געשטרעבט זיך גאַראַנטירן דורך פרומען אומוויסן. מע האָט ענדלעך זיך געוואָרפן מיט א שטוינענדיקן אייפער אין די אָרעמס פון דער וויסנשאַפט פון צערעמאָניעס... און מע האָט צופיל אָנגעהויבן האַלטן פון יידישן שאַרפזין. מע האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז ניט קיין ייד זאָל קאָנען שאַפן וועלכע ס'איז גייסטיקע ווערטן, וואָרעם מע האָט געווייינטלעך געגלויבט, אז דאָס איז אויסשליסלעך א יידישע אייגנשאַפט. אָט פאַרוואָס מע האָט פאַראַכט די פילאָסאָפיע, באַטראַכטנדיק זי ווי א ליידיקגייערישע שפּילצייג, וואָס פּאַסט פאַר די גראָבע קעפּ פון די באַרבאַרן (ד. ה. פון אלע די, וואָס זיינען ניט קיין יידן").

נאָך אן ערגערע ווירקונג האָט אָבער געהאַט דאָס אויפקומען פון זויהאַר, וואָס

[1] די קיִעווער ו. ב. או. באַזיצט 2 עקז. פון לעפינס בראָשור, דערפון איין עקז. מיט לעפינס א ווידמונג טשאַצקען.

ווערט צוגעשריבן רעב שימענען (בען יויכאָין), און ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס די געלערנטע פון דעם זויהארס צײַט האָבן געצווייפלט אין זײַן אויטענטישקײַט, און אויך, וואָס „ניט לאַנג האָט א בארימטער געלערנטער אין אים אנטדעקט אסאך פּי־זישע און כראָנאָלאָגישע גרײַזן" (לעפּין מיינט דאָ עמדענען. מ. ע.). דער קאַבאַלע־שטראָם האָט אָבער געבראכט צום אופקום פון דער כסידישער באוועגונג, וואָס באַ־קומט בא לעפינען די פאָלגנדיקע כאראקטעריסטיק: „דאָס האָט געבראכט צום אופ־קומען פון א נײַער סעקטע, וואָס מאכט פון פאנאטיזם און פון גלויבן די הויפּט־באזע פון רעליגיע, און וואָס פארשפרייט זיך אומעטום אין פוילן, ווארעם זי נעמט אײַן טאָמיד די יונגעלײַט, וואָס פאלן ארײַן לײַכט אין אירע נעצן אדאנק זייער לײַכטגלויביקײַט און זייער ענטוזיאסטישן עלטער. זיי (די כסידים) באטראכטן נעוויר־עס און די מאכט ארויסצורופן ניסים, וואָס זיי שרײַבן צו די פירער פון זייער סעקט־טע, ווי דאָגמעס. עס איז א מיצווע, אויב מע קען אף ווערלכן ס'איז אופן בײַטראָגן צו זייער פארווײַלונג, ביכעדיי ארײַנצוברענגען זיי אין א גוטער שטימונג... אָדערן לעכאָלאפּאָכעס, אויב מע פארנעמט זיך מיט זייערע שוואָכים, ביכעדיי צו פארשפרייט אומעטום זייער שעם... זיי האָבן שוין אינגאנצן פארפלייצט אוקראַינע, ווו זיי האָבן אויסגענוצט א טייל ראבאָנים, ביכעדיי צו באקעמפן די אנדערע; אנדערע ווידער ראבאָנים, נאָכדעם, ווי זיי זײַנען דערנידריקט געוואָרן ביזן לעצטן גראד, ווערן אויסגענוצט צו זייער נידעריקע דינסטן. זיי האָבן זיך פארפעסטיקט אין פּאָדאָליע, וואָס איז זייער פאָטערלאנד, אזוי אויך אין וואָלין און ליטע. דאָך איז פאראן א היפּ־שע צאָל שטעט, דערהויפּט אין ליטע, וואָס שטעלן א ווידערשטאנד צו די דעראָ־בערונגען פון די דאָזיקע פאנאטיקער, און ווילן ניט הערן פון זייערע כידושים. וואָ־רעם זיי האָבן נאָך פארגרעסערט די איבערפלייסיקע צאָל פון רעליגיעזע צערעמאָ־ניעס (וואָס די ראפינירטקײַט פון ראבאָנים האָט צוזאמענגעקליבן אין מעשעך פון פיל יאָרהונדערטער) דורך א גרויסער צאָל מיסטישע צערעמאָניעס, וואָס זיי פארמערן נאָך יעדן טאָג. דערבײַ האָבן זיי אומעטום שפּיאָנען פון זייערע אָנהענגער, וואָס ווארפן ארײַן אין כיירעם אין נאָמען פון זייערע צאדיקים די ניטגלויביקע און דערהויפּט די קעגנערישע ראבאָנים; די דאָזיקע אָרעמע מענטשן, וואָס זײַנען אמאָל אליין געווען ניט טאָלעראנט, זײַנען איצט געוואָרן מילד ווי שאָף, און שטרעבן בלויז צו זײַן מיכוץ דער פארפאָלגונג פון זייערע קעגנער. זיי זײַנען גרייט אָנצו־נעמען אלע באדינגונגען... אבי צו געפינען א מיטל ווידער אופגעריכט צו ווערן. גרויספוילן איז נאָך אינגאנצן ניט אָנגעשטעקט, און אין דײַטשלאנד איז אפילע דער זויהאר אין פארגעסנהײַט".

אָבער דײַטשלאנד האָט נאָך דעם זעלטענעם פּאָרצוג, וואָס ס'איז דאָרט אופגע־קומען די האסקאָלע. „אין בערלין האָט אן עפּאָכע געמאכט מענדעלסאָן, וואָס איז אוועק אפן וועג, ווערלכן ס'האָט געוויזן דער ראמבאם". און לעפּין דערציילט קורץ וועגן דעם בעיער, און אפילע וועגן דעם „המאסף", ווערלכן ער גיט די פאָלגנדיקע טשיקאווע אָפּשאצונג: „אָבער די, וואָס האָבן אים ווײַטער געפירט, דענקענדיק, אז זיי זײַנען מער אופגעקלערט, האָבן פארזענלעך זיך שלעכט געפירט, און האָבן עפנט־לעך אָנגעגריפן אין זייער זשורנאל די שוואכע זײַטן פון די ראבאָנים, דורך וואָס זיי האָבן ארויסגערופן די אלגעמיינע פאראכטונג פון פאָלק און זײַנען ענדלעך גע־

וואָרן מער ניטטאָלעראנט, ווי די פּראָכטע פאנאטיקער, וועמען זיי האָבן אויסגע־לאכט. די דאָזיקע אומשטאנדן האָבן טאקע פארלאנגזאמט דעם פּאָרשריט, וואָס מע האָט דערווארט, אָבער האָבן אים ניט פארניכטעט. דער דאָזיקער זשורנאל ווערט גע־לייענט מיט ענטוזיאזם דורך דער יוגנט און ווערט אלץ מער פארשפּרייט..." און אין דער נאָטע גיט צו לעפין: „דער זשורנאל האָט ענדלעך אײַנגאנצן דעגענערירט צוליב דעם, וואָס זײַנע מעכאבערים האָבן קעסיידער געוואָלט פארנעמען זיך מיט בעלעטריסטיק".

דאָס איז דער היסטאָריש־אינפאָרמאטיווער ארײַנפיר, וואָס האלט 48 פּאראגראפן. איצט קומט אן איבערשריפט: „פּלאן פון רעפאָרם". לעפין געפינט פאר נייטיק ארי־בערצײַען אף דער זײַט פון דער רעפאָרם און האסקאָלע א טייל ראבאָנים, אויסנוצנ־דיק זייער אומצופרידנקייט און שיפּלעס צוליבן וווּקס פון דער כסידישער באוועגונג. מע דארף זען, אז ראבאָנים זאָלן געבן האסקאָמעס צו מאסקילישע ווערק און זשור־נאלן, און דאָס וועט האָבן א גרויסע פּעולע, ווי ס'איז צו זען פונעם פאל מיטן אוו־טערס ווערק, וואָס איז דערשינען אין בערלין אין יאָר 1789 (לעפין מיינט זײַן ביכל „מודע לבינה", מוסטערן פון צוויי ווערק זײַנע: „אגרות חכמה" און „רפואות העם", וואָס איז דערשינען מיט האסקאָמעס פון די ראבאָנים פון מאטאנאָוו און פראנקפורט־אָדער — מ. ע.). מע דארף אויסנוצן די ראבאָנים, זיי זאָלן אטאקירן מיט זייער פען די כסידים. די ווילגענויגטע ראבאָנים וואָלט מען געקענט באשטימען פאר קרײַז־ראבאָנים, און שענקען זיי די אויסשליסלעכע פּריווילעגיע פון כיירעם און פון דער צענזור פון ביכער. דעם כיירעם טאָרן זיי אָבער ניט ארויסרופן אָן א דערלויבעניש פון דער עדוקאציע־קאָמיסיע, וועמען זיי מוזן אויך יעדן יאָר אָפּגעבן א באריכט וועגן זייערע אופּטוען אפן געביט פון ביכער־צענזור (ד. ה., לעפין וויל זיך באוואָ־רענען, אז די צענזור זאָל ניט אָנרירן האסקאָלע־ווערק. מ. ע.). ביפּראט דארף די דאָזיקע ראבאָנישע צענזור אונטערדריקן מיסטישע ווערק, צ. ב. דעם זויהאר. פאר־קערט, מע דארף באזאָרגן אן אויסגאבע פון „מורה נבוכים" אין א שטארק פּאָפּו־לערער שפּראך, אזוי, עס זאָלן אים פארשטיין די פּראָסטעסטע (איבער אזא מין אויסגאבע פון „מורה נבוכים" האָט לעפין אליין געארבעט. מ. ע.). אין ווארשע דארף געגרינדעט ווערן א ייִדישע נאָרמאלשול מיט דער פּוילישער אונטעריכט־שפּראך, און שפּעטער אין די שטעט פון די גרויסע טריבונאלן, וועמעס ייִדישע אײַנוווינער וועלן סײַ אין אייגענעם אינטערעס, סײַ ביכדיי צו געניסן די טאָלעראנץ־פּריווילעגיע, ניט שטעלן קיין ווידערשטאנד די דאָזיקע אנשטאלטן. בלויז די שילער, וואָס וועלן ארויס פון די נאָרמאלע שולן, זאָל דערלויבט זײַן אײַנגעבן מעמאָראנדומס און אנ־דערע שריפטן, וואָס זײַנען נוגע די ייִדישע איניאָנים. מע דארף אויך צווינגען די קרײַז־ראבאָנים, זיי זאָלן די דאָזיקע שילער נעמען פאר זייערע סעקרעטארן. טאלמי־דים אין די שולן דארפן אָנגענומען ווערן בלויז אין עלטער פון 14 יאָר אָן. זיי דארפן לייענען אין פּוילישער איבערזעצונג דעם טאנאך, וועלן זיי אויך פארכאפּט ווערן פון דער געהויבענער פּאָעזיע פון זייערע אָוועס. מע דארף אופאָדערן די רא־באָנים אָנגרײַפן ענערגיש דורך א מאבל שריפטן אף דער כסידישער באוועגונג, וואָ־רעם, אויב ס'וועט בלײַבן די איבערגעוויכט פון כסידים, קען ניט זײַן קיין שום האָ־פענונג אופצוקלערן די נאציע. כסידעס דארף אָבער אויך אטאקירט ווערן אין די מאסקילישע שריפטן און זשורנאלן אף אן איראָנישן אופן, מאכנדיק לעכערלעך די

צאדיקים, און פאַרשטעלנדיק די קאָמישע רעזולטאטן און די אויבטערלישע דערקלע־רונגען פון זייער נייַער מיסטישער טראַדיציע און פון זייערע שריפטן. אין די מאס־קילישע שריפטן (און אין דעם זשורנאל, וועלכן לעפּין לייגט פּאַר, ווײַזט אויס, צו גרינדן) דארף אסאך פלאץ אָפּגעגעבן ווערן פאר פּאָפּולערע נאַטורוויסנשאַפט, און אנדערע וויסנשאפטן, אָבער מיט דעיִסטישע קאָמענטארן. פיל אויפמערקזאמקייט דארף אָפּ־געגעבן ווערן די דראָשעס פון ראבאָנים, זיי זאָלן פריידיקן אף א נאטירלעכן אויפן, איבערצײַגנדיק, אף מאָראַלישע טעמעס, באקעמפנדיק אומזיטלעכקײַט, שווינדל און פארבאָטענעם האנדל.

די רעגירונג דארף אין איר רעפאָרם־טעטיקײַט אָנגיין זייער פאָרזיכטיק, ניט שאָקירנדיק די געפילן פון דער יידישער מאסע, וואָס איז באלאָדן מיט אזויפל פאָרורטיילן, און, פונקט ווי בא קינדער, איניינעם מיט ביטערע פילן געבן אויך גוטע זאכן, פארשיידענע האנאָכעס.

מע קען אפילע אויסנוצן די פירער פון די פאנאטיקער, זיי זאָלן אגיטירן זייערע אָנהענגער, זיי זאָלן קולטיווירן ווייץ (אשטייגער פאר מאצעס) און קאָנאָפּליע, און לויט דער צאָל באשעפטיקטע פאמיליעס דאדף מען זיי געבן יענע אלע קאָוועד־טיטלען, וואָס ס׳באקומען פאבריק־אונטערנעמער.

די מעלוכע דארף באקעמפן דעם יידישן אָבערגלויבן, פאנאטיזם, ווונדערקורא־ציעס און די שארלאטאנערײַ מיט קאָמייעס.

ענלעך ווי אין די גאליצישע יידן־פאטענטן, פּאָדערט לעפּין איינפירן דעם אינ־סטיטוט פון לאנדראבאָנים. דעם לאנדראָוו דארפן זײַן אונטערגעוואָרפן אלע ראבאָ־נים פון זײַן פּראָווינץ, ער דארף אויך זאָרגן פאר א בעסערן געריכט־וועזן, צו אים קען מען אפּעלירן, ער באשטימט אויך די סכירעס פון ראבאָנים. דער לאנדראבינאט דארף אויך זאָרגן, אז די בעטלער, וואָס ווילן ניט ארבעטן, זאָלן געצוווּנגען ווערן דערצו, און אין נייטיקן פאל זאָל מען זיי פארשפארן אין ארבעטהײַזער.

דאָס איז דער אינהאלט פון לעפינס בראָשור. מיר האָבן אים געבראכט אויספיר־לעך, סײַ ווי א וויכטיקן דאָקומענט, סײַ צוליב דער זעלטנקײַט פון דער בראָשור. עס האָט זי זייער קורץ באשריבן געלבער, „אויס צוויי יאָרהונדערטן", ווין־לײַפּציק, 1924, און דורכגעלאָזן גראָד אינטערעסאנטע ערטער. אנדערע פאָרשער, אשטייגער ווײַנ־לעז, רייזען, קלויזנער, ווײַסבערג (מאָנאטשריפט, 1927, 1—2) האָבן די בראָשור ניט געזען און כאזערן איבער געלבערן (זע אויך געלבער, דובנאָוו־פעסטשריפט, בערלין, 1930, 139—140 און 147). די בראָשור איז כאאָטיש געשריבן, און איז באשטימט ניט פארטראכט ווי א געזעץ־פּראָיעקט, ווי ס׳ווילן האָבן א טייל פאָרשער. קיין גרויסער שוווּנג איז אין דער בראָשור אויך ניטאָ. נאָכן גרויסן און אינטערעסאנטן ארײַנפיר קומען פרומע ווונטשן, אינטערעסאנטע טעאָרעטישע באמערקונגען און לעכערלעך נישטיקע פראקטישע אויספירן. לעפינס פּראָגראם איז די פּראָגראם פון מעסיקער אופקלע־רונג. ווי א טיפּישער אופקלערער, האָפט ער אף אויסערגעוויינטלעכע רעזולטאטן, וואָס ס׳וועלן געבן די צוואנגמיטלען פון דער מעלוכע, און גלײַכצײַטיק קומט אויך די טיפּיש־אופקלערערישע אנטינאָמיע: מע דארף דערציִען דאָס פאָלק, ארבעטן פון אינעווײ־ניק, די אינטערווענץ פון דער מעלוכע דארף אָנגיין אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק, באדאכט. דאָס טראדיציאָנעלע יידנטום קען ניט אופגעריסן ווערן מיט איין פעדער־

שטריך פון אויבן — עס מוז אופגעריסן ווערן דורך א לאנגזאמער קולטור־ארבעט פון אינעווייניק, דורך מאָדערנע שולן, דורכן שאפן מאסקילישע קאדרען, דורך א מאס־קילישער אופקלערונג־ליטעראטור, וואָס זאָל אָבער גלייכצייטיק ציִען די טראדיציע פון א ראמבאם און זיינס גלייכן. לעפינס ליבלינג־געדאנק איז שפאלטן די אָרטאָ־דאָקסיע, אונטערשטיצנדיק די מיסנאגדים קעגן די כסידים, און פאָדערן דערפאר פון זיי שטיצע פאר דער האסקאָלע. ער האָט אָבער מעגאזעם געווען דעם אנטאגאָניזם צווישןביידע פליגלען פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע. לעפין איז, ווייזט אויס, דער ערשטער, וואָס האָט געטראכט, אז דער ווירקזאמסטער מיטל אין קאמף קעגן דער כסי־דישער באוועגונג איז א קעמפערישע סאטירישע האסקאָלע־ליטערא־טור. אזוי ארום האָט לעפין געבראָכן דעם געבאָט פון מענדעלסאָן און נאפטאָלע הערץ ווייזל. אין קעגנזאץ צו אנדערע יידישע שריפטן פון יענער צייט (אשטייגער פון שימען וואָלפאָוויטשעס בראָשור פון 1790) פאָדערט ניט לעפין אָפּצושאפן די יידישע יוריס־דיקציע. ער האָפט זי פארבעסערן דורכן אינסטיטוט פון לאנדראבינער (פאר וועלכע ס׳וועלן פריער אָדער שפעטער באשטימט ווערן מאָדערנע, אופגעקלערטע ראבינער). אף וויפל ס׳האָט נאָך עקזיסטירט דאן די פוילישע מעלוכע, איז גאנץ נאָרמאל, אז לעפין אָריענטירט זיך אף אן אופקלערונג־באוועגונג אין פויליש — שולן מיט דער פוי־לישער אונטעריכט־שפראך, טאנאך־איבערזעצונגען אין דער פוילישער שפראך א. א. וו.

ניט לעפינס בראָשור, ניט אנדערע ענלעכע שריפטן, ניט די גרויסע יידן־דיסקו־סיע, ניט די אָפיציעלע און געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט די סיים־פארטייען און דעם הויף האָבן געהאט ערנסטע פּאָליטישע רעזולטאטן. אין דער קאָנסטיטוציע פון 3 מיי 1791 זיינען די יידן אפילע ניט דערמאָנט געוואָרן. עס איז, פארקערט, דעקלא־רירט געוואָרן, אז בלויז קריסטן קאָנען באקומען דאָס שטאָטישע בירגערעכט. און איבריקנס איז אינגיכן אונטערגעגאנגען די „זשעטשפּאָספּאָליטא”, און מיט דער יידן־פראגע האָבן זיך אָנגעהויבן באשעפטיקן די אופטיילונג־מעלוכעס, יעדע אף איר שטייגער[1]

1) ווײַנלעז האָט ניט לאנג פארעפנטלעכט א באשרייבונג פון א צווייטער פּאָליטישער בראָשור לע־פינס, וואָס ער האָט געפונען אין דער טארנאָפּאָלער פערל־ביבליאָטעק (יִוו״א־בלעטער, 1931, נום. 4—5). עס איז א העפט פון 28 בלאט אין העברעיִש, דאָס ראָוו קאפיטלען זיינען ניט פארענדיקט אָדער האלטן בלויז שלאָגווערטער און עטלעכע זאצן. לויט ווײַנלעזן איז די דאָזיקע ארבעט אן אויסצוג אָדער הויפּטע צו לעפינס פראנצויזישער בראָשור. לויט דער באשרייבונג, וואָס ווײַנלעז גיט, איז עס אָבער ניט קיין אויסצוג פון דער פראנצויזישער בראָשור, און ס׳איז בלויז א סימען, אז ווײַנלעז האָט די פראנצויזישע בראָשור קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. ווײַנלעז האָט ביכלאל ניט פארשטאנען דעם העפט, וואָס ער האָט געפונען.

עס איז קלאָר, אז דאָס איז א קאָנצעפּט פון א שריפט פארן פירשט טשארטאָריסקי וועגן דער איינאָרדענונג פון די יידן, וואָס געפינען זיך אין טשארטאָריסקעס גיטער און אין די שטעטלעך, וואָס האָבן צו אים אָנגעהערט. ז. 350 ברענגט ווײַנלעז א טשיקאווען העברעיִשן ציטאט פון דעם העפט, וואָס מיר איבערזעצן אים אזוי: „אויך מיטן נעלערגטן מוישע דעסער ז״ל האָב איך זיך וועגן דעם בארעטן, און ער האָט געפונען עטלעכע קלייניקייטן צו באמערקן, אכוץ איין זאך, וואָס אף איר איז ער שטארק באשטאנען, נעמלעך: לויט זיין מיינונג דארף מען איבערגעבן די לאסט פון דעם דאָזיקן איניען (ד. ה. די רעפאָרמעס. מ. ע.) דעם הויף פון דער סראָרע”. (קלאָר, ס׳דארף זיין „חצר” און ניט „חצי”. ווײַנלעז האָט עס ניט פארשטאנען און איבערגעזעצט „דער מאכט”). לעפין מיינט אָבער די פארוואלטונג פון פירשטלעכן „הויף”. ווייטער איבערזעצט אויך ווײַנלעז פאלש: „איך אָבער וויל ניט האָבן מיט זיי קיינע אייסאָקים”. בעשאס מע דארף איבערזעצן: „איך אָבער זאָל ניט האָבן מיט זיי קיין אייסאָקים”, — ד. ה.

לעפין איז ניט געווען א זעלבשטענדיקער, אָריגינעלער דענקער. זײַן פילאָסאָפיש הויפּט־ווערק, דער שוין דערמאָנטער „נאכלאס איינעס זאָנדערלינגס צו אבדערא״, איבער וועלכן ער האָט געארבעט קימאט 30 יאָר, איז אין טאָך א קאָמפּילאציע פון קאנטן, מענדעלסאָנען און פראנקלינען. קימאט אלע זײַנע געדרוקטע ווערק זײַנען איבערזעצונגען אָדער קאָמפּיליאציעס. א היפּשע פּאָפּולאריטעט האָט דערלאנגט זײַן פּאָפּולער־מעדיצינישע בוך „רפואות העם״ (זשאָלקיעוו, 1794, צווייטע אופלאגע לעמבערג 1851, מיט א בײַלאגע פון דעם וואַרשעווער דר. שטודענצקי. די לענינגראַ־דער עפנטלעכע ביבליאָטעק פארמאָגט אויך א געקירצטע איבערזעצונג אין יידיש, געדרוקט אין סלאוווטע, אָן א יאָר), וואָס איז אן איבערזעצונג פון א ווערק פון דעם שווייצאריש־פראנצויזישן מעדיקער טיסאָ; לעפין האָט דאָס ווערק איבערגעזעצט, ווײַזט אויס, פון דײַטש. דאָס בוך איז אין א קורצער צײַט פארשפרייט געוואָרן אין 1000 עקזעמפּליארן, א גרויסע צאָל פאר יענע יאָרן. לעפינס „חשבון הנפש״ איז אן עטיק קאָמפּילירט לויט בענדזשאמען פראנקלין (לעמבערג, 1809),—און אויך דאָס דאָזיקע ווערק האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג, און ווי גאָטלאָבער דערציילט, האָבן זיך אין גאליציע און פּאָדאָליע געגרינדעט פאריינען פון יונגעלײַט, וואָס האָבן זיך געשטעלט א ציל צו לעבן לויט די עטישע קלאָלים פון „חשבון הנפש״. (פארגל. גאָטלאָבער אין „המגיד״, 1873, נומ. 40 ז. 364). דער מוסערניק יִיסראָעל סאלאנט האָט דאָס ביכל איבערגעדרוקט אין יאָר 1844 אין ווילנע. עס איז אויך געווען פארשפרייט אין קסאוויאדן (א קסאוויאד פון „חשבון הנפש״ פארמאָגט צ. ב. די מינסקער מעלוכע־ביבליאָטעק). — לעפינס „מסעות הים״ (זשאָלקיעוו, 1818) באשטייט פון צוויי רײַזע־באשרײַבונגען, איבערזעצט פון קאמפּע, דעם פּאָפּוליערן דײַטשישן ראָמאניסט (וואָס האָט אגעוו איבערגעזעצט און איבערגעארבעט אין דײַטש אויך דעפאָס „ראָבינזאָן קרוזאָ״).

ביזן סאָף בייט מענדעלסאָנס מיינונג, אזוי ניט ווי ווײַנלעס וויל האָבן, אז „ער, לעפין, האָט בעכיין ניט געוואָלט פאָלגן אפילע מענדעלסאָנס אייצע זיך צו פארבינדן מיט דער מאכט״. פּונקט פארקערט, מענדעלסאָן האָט געהאלטן, אז די רעפאָרמעס דארפן ארויסגיין מיקלוימערשט בלויז פון דעם פירשט, ניט פון די מאסקילים (אָדער פון דעם מאסקיל לעפין). מענדעלסאָן, וואָס ס׳איז כאראקטעריסטיש פאר אים, האָט טאָמיד געפאָרערט פאר זיכטיקייט, ער האָט געוואָלט, אז די האסקאָלע זאָל זיך באהאלטן הינטער די פּלייצעס פון דער מאכט און די פּריצים. ווײַנלעז דארף עס האָבן צום אויספיר: „ער (לעפין) האָט בעכיין ניט געוואָלט פאָלגן אפילע מענדעלסאָנס אייצע זיך צו פארבינדן מים דער מאכט, ווײַל ער האָט געהאלטן, אז יעדע ארײַנמישונג פון ער מא נ נעוויניקסטע איניאָנים פון די קעהילעס וועט מער שאָדן ברענגען ווי נוצן. ער האָט מיט זײַן פּײַנעם כוש ארויסגעפילט, אז די קעהילעס מוזן אָפּהיטן זייער אווטאָנאָמען כאראקטער״. איינדער־עמעסן איז עס דער „פּײַנער כוש״ און די אידעאָלאָגישע קאוואָנע פונעם ציִאָניסט ווײַנלעז, ניט פון די מאסקילים מענדעלסאָן און לעפין. די אופקומענדיקע יִידישע בורזשואזיע האָט ווײַט ניט געהאט יענע וואַרעמע באציונג צו די קעהילעס און זײַער „אווטאָנאָמיע״, ווי די הײַנטיקע פאשיסטישע יִידישע בורזשואזיע און איר אגענטן, די יִידישיסטן און דער בונד. אינדערעמעסן האָבן סײַ מענדעלסאָן, סײַ לעפין געהאלטן פאר בייט׳ק און פאר געווונטשן דאָס ארײַנמישן זיך פון דער מאכט. ס׳האָט זיך נאָר געהאנדלט וועגן טאקטישע פראגעס (ווי ווײַט זאָל גיין די ארײַנמישונג, די ראָלע פון די מאסקילים דערבײַ א, א. וו.), אויב ניט—צו וואָס פארפאסט דען לעפין די גאנצע בראָשור?

אינטערעסאנט איז, אז לעפין פאָדערט אין פּונקט 60 אונטערשטיצן האנטווערק בא יידן, קעגן דעם קליינהאנדל, וואָס איז אויסגעשטעלט אף צופאלן.

ווײַנלעז גיט אן אויבנאויפיקע באשרײַבונג, פון וועלכער ס׳איז שווער צו דערגיין א טאָלק. א גרינטערעס דאָס ניט, ווײַזט אויס, דידאָזיקע בראָשור.

לעפינס ליטעראַרישע טעטיקייט איז, אַלזאָ, אַ פּאָפּוליאַריזאַטאָרישע, און זיין אייגנטלעכער אופּטו באַשטייט אין דעם סטיל און נוסעך פון זיינע איבערזעצונגען. לעפין שטרעבט אַריינדרינגען אין די ברייטסטע שיכטן לייענער, און מעמיילע פאַרוואַרפט ער דעם ביבלישן הילצערנעם העברעייִש פון די מאַסקילים און נעמט אויף אין זיין אָרט דעם א. ג. מישנע־העברעייִש, שאַפט אַ קונסטפולע פּאַראַפראַזע פון דעם לאָמדישן העברעייִש, וואָס איז דעם דעמלטיקן באַלעבאַטישן לייענער געווען נאָענט און פאַרשטענדלעך, אַסאַך נעענטער, ווי די ביבליש־מאַסקילישע מעליצע. דערמיט איז פאַרבונדן אויך זיין אופּטו, וואָס ער האָט אים באַגרינדעט אין זיין פראַנצויזישער פּאָליטישער בראָשור: די איבערזעצונג פון דעם „מורה נבוכים" אין אַ „לייכטער מישנע־שפּראַך" („מורה נבוכים המתורגם ללשון המשנה הקלה והנקיה"), וואָס איז דערשינען אין זשאָלקיעוו שוין נאָך לעפינס טויט (אַנערעך 1832 און ניט פריִער פון 1831—וואָרעם אין דער האַקדאָמע פון דעם אַרויסגעבער מאָרדכע סוכאַסטאַווער ווערט שוין דערמאָנט דער טויט פון יאַנקעוו שמועל ביק. לויט לעטעריסן, המאסף, 1862, ז. 97, דערשינען 1833). דער „מורה נבוכים", וואָס איז געווען „די צווייטע מאַסקילישע ביבל", האָט ביז איצט קורסירט אין דער טיבאָנישער שווערער און ווייניק פאַרשטענדלעכער איבערזעצונג. נאָך אין בערלין איז לעפין צוגעטראָטן איבערפראַזירן די טיבאָנישע איבערזעצונג אין אַ פּאָפּוליערן העברעייִשן לאָשן, און ס'איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען אַ לעבעדיקע, פליסנדיקע פּאַראַפראַזע. עס איז אָבער דערשינען בלויז דער ערשטער טייל פון זיין איבערזעצונג.

שוין אין לעפינס ליטעראַרישער טעטיקייט אין העברעייִש באַמערקט זיך, אַלזאָ, אַ דעמאָקראַטישער נוסעך, די שטרעבונג צו גיין צום ברייטערן קרייז לייענער און געווינען אים פאַר דער האַסקאָלע־אידעאָלאָגיע. ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז, ווי לעפין באַגרינדעט זיין אופּטו מיטן „רפואות העם": די גרויסע טעאָרעטישע פאָרשער פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט האָבן געשריבן פאַר די באַרימטע דאָקטוירים, וואָס וווינען אין די גרויסע שטעט, און וועמעס קליענטן זיינען רייכע לייט, וואָס ליידן אויף פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע קראַנקייטן. טיסאָ האָט אָבער באַשריבן די איינפאַכע קראַנקייטן פון אָרעמען פאָלק. דערפאַר האָט אויך ער, לעפין, זיך געווענדעט צו טיסאָס בוך, כאָטש ער פאַרמאָגט ניט די נייטיקע מעדיצינישע בילדונג.

אָבער ווי פּאָפּוליער עס זאָל ניט זיין לעפינס העברעייִש, איז ער דאָך ניט געווען פאַרשטענדלעך פאַר די גרויסע מאַסן פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס און קליינבירגערטום. האָט דאָך שוין מוישע מאַרקוזע, וואָס האָט קימאַט גלייכצייטיק (פּאָרעצק, 1790) אַרויסגעגעבן זיין רעפוּעס־בוך, פאַרשטאַנען, אַז מע מוז אים שרייבן אין ייִדיש, און דער מאַסקיל מאַרקוזע געפינט פאַר נייטיק זיך צו פאַרענטפערן: „ווי בלייבט אָבער מיט זייער פראַגע, וואָס גאַנצע כעווריסעס וועלן פרעגן: פאַרוואָס האָב איך מיין סייפער געשריבן אויף פּויליש־דייטש (ד. ה. אויפן דיאַלעקט פון פּוילישע ייִדן) און ניט אויף לאָשן־קוידעש? איך ווייס, עס וועלן זיך זייער ווייניק געפינען, וואָס מיך פאַרענטפערן וועלן קאָנען. בין איך גענויט אַליין מיך צו פאַרענטפערן. איך זאָג: איך האָב געמוזט שרייבן אויף טייטש. וואָרעם איך וויל מיט מיין סייפער מאַציל זיין קאַמע אַלאָפים מענטשן... ווי קאָן איך שרייבן אויף לאָשן־קוידעש? זיי העטן דאָך ניט געקענט אַריינזען!". קלאָר: האָט מען געוואָלט „מאַציל זיין", ראַטעווען „קאַמע אַלאָ־

פּים מענטשן״, האָט מען געוואָלט פאר דער האסקאָלע־אידעאָלאָגיע אופהייבן די ברייטסטע מאסן, האָט מען געמוזט אריבערגיין צו דער יידישער שפּראך.

און לעפין האָט עס אויסגעצייכנט פארשטאנען. האָט ער דאָך אף זיך אויך גע־קוקט קוידעמקאָל ווי אף א פּראָפּאגאנדיסט, ווי אף א סאָלדאט פון דער האסקאָלע. עס איז ביז גאָר אייגנטימלעך פאר לעפינען, אז אף זײַן יובילעום־פייערונג אין יאָר 1819 איז ער שארף ארויסגעטראָטן קעגן דעם פילאָסאָף נאכמען קראָכמאל, בא־שולדיקנדיק אים אין אריסטאָקראטישער אָפּגעשלאָסנקײַט, אין קאבינעט־געלערזאמ־קײַט, וואָס וויל גאָרנישט טאָן פאר דער מאסע („ער איזאָלירט זײַן כאָכמע פון זײַנע אָרעמע ברידער, וואָס זיצן אין דער פינצטער״). „וואָס וואָלט ווערט געווען די זון, ווען זי וואָלט ניט פארשפרייט אירע שטראַלן? וואָס וואָלטן אונדז בײַגעטראָגן די געווײַיִם, אויב זיי וואָלטן זייער לערע ניט אויסגעדריקט אויך פאר די קליינע אין גײַסט, אויב זיי וואָלטן ניט ארומגעגאנגען אין די גאסן און מערק און געשריַען אָן אופהער: קומט, קינדער, הערט זיך צו, האָרכט, פארנעמט?—און דו, וואָס ס׳איז דיר לײַכט אופצוקלערן דײַן פאָלק פונ דײַן קאבינעט, אויב דו וועסט זיך נעמען צו דער פּען... דו באהאלטסט זיך אין דײַן הויז און זאָגסט: כ׳האָב געזאמלט וויסן! צי האָסטו נאָר פאר זיך אליין געזאמלט וויסן?.. ווי קענסטו אָפּשטיין אין די דאָזיקע שלעכטע צײַטן... ניין, מײַן הארץ איז ניט מיט אים... פרעמד איז ער אין מײַנע אויגן, און איך פארשטיי אים ניט...״ (לויט ראפּאָפּאָרטס באריכט אין „כרם חמד״, 1833 ז. 74—73).

און לעפין איז קאָנסעקווענט, ווען ער פאָדערט שאפן א ברייט־פארצווײַגטע מאסקילישע ליטעראטור אין דער יידישער שפּראך. ער פארפאסט אין דײַטש אַן „אויפזאץ פאָן דער וויכטיקײַט דער פאָלקשריפטן אין יידישער שפּראכע צור אויפ־קלערונג יידישער אײַנוווינער אין פּוילן״. ליידער האָט זיך דער דאָזיקער טראקטאט לעפינס ניט אופגעהיט (היסטאָרישע שריפטן, ז. 814). אָבער ניט נאָר ער אגיטירט פאר יידישע האסקאָלע־שריפטן,—ער טרעט אליין צו שרײַבן אזעלכע ווערק. גאָטלאָ־בער דערציילט, אז ער האָט אין באר געזען באם מאסקיל מעיר רײַך, לעפינס א טאלמיד, א ריי ווערק לעפינס אין יידיש:

זײַן איבערזעצונג פון „משלי״, וואָס איז דערשינען אין טארנאָפּאָל אין יאָר 1814, און אין מאנוסקריפּט יידישע איבערזעצונגען פון טילים, שיר השירים, קוי־העלעס—און אויך אַן אָריגינעל ווערק: „אויך האָב איך געזען דאָרט א געשריבן סייפער פון רעב מענדל לעפין „דער ערשטער כאָסיד״, וואָס וואָלט זייער ווערט געווען, עס זאָל זײַן געדרוקט און באקאנט אונדזער פאָלק״. און אויך אין א בריוו צו באָדעקן שרײַבט גאָטלאָבער, אז אין פּאָדאָליע זײַנען פארשפרייט פיל מאנוס־קריפּטן פון מענדל לעפין, און צווישן זיי אויך אזא וויכטיקער מאנוסקריפּט, ווי דער „ערשטער כאָסיד״ (גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, ז. 165).

„דער ערשטער כאָסיד״ האָט זיך ליידער אויך ניט אופגעהיט. ווײַזט אויס, ס׳איז געווען א גרויסע, עפּשער די ערשטע מאָנאָגראפיע וועגן דעם באַל־שעמטויוו, דעם גרינדער פון כסידעס. מענדל לעפין, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין סאטאנאָוו, געלעבט א ריי יאָרן אין מיקאָלאיעוו,—אלץ שטעטלעך נאָענטע צו מעזשיבוזש,—האָט געמוזט גוט קענען די כסידישע סוויווע און די נאָך פרישע געשיכטע פון דעם בעשט.

ווײַזט אויס נאָך פאַר פּערלס „מגלה טמירין״, מינאַסטאַם אין יאָר 1816, האָט לעפין אָנגעהויבן אַרבעטן איבער אַ סאַטירישער שריפט אין העברעיִש קעגן דער כסידישער סעקטע א. ט. „מחכימת פתי״. ווײַנלעז האָט געפונען אין דער פּערל־ביבליאָטעק דעם קאָנצעפּט פון אָט דער שריפט — ער איז אָבער ניט פאַרטיק צום דרוק, ווײַל ס׳קומען פאָר פיל ליידיקע בלעטלעך, און איך בין מעשער, אַז לעפין האָט פאַרוואָרפן זײַן סאַטיריש ווערק נאָכדעם, ווי זײַן טאַלמיד פּערל האָט מיט זײַן הילף און לויט זײַנע אָנווײַזונגען פאַרפאַסט דעם „מגלה טמירין״ (אַנערעך 1817). לעפינס שריפט האָט ניט געקאָנט אַנטשטיין פאַר 1815, וואָרעם ס׳ווערן אין איר שוין ברייט אויסגענוצט די „שבחי בעש״ט״. לעפינס סאַטירע איז אַ מין פאָרגייער פון „מגלה טמירין״. וואָרעם אויך לעפינס אַנטיכסידישער פּאַמפלעט איז פאַרפאַסט אין דער פאָרם פון בריוו, — אַן איטאַליענישער יונגערמאַן, וואָס איז אַראָפּגעקומען אין פּוילן, באַשרײַבט אין בריוו צו זײַנע קרובים די כסידישע סעקטע, און ס׳ווערט אויך געבראַכט אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן די כסידים אָשער הענעך און דאָוויד בער און פיל אַנדערע. דערבײַ ווערן געבראַכט ציטאַטעס פון דער גאַנצער כסידישער ליטעראַטור, און ס׳ווערט געוויזן, אַז די כסידישע לערעס שטייען אין שאַרפסטער סטירע צו דער טאַלמודיש־רעליגיעזער טראַדיציע. צולעצט קומט אַן אָפּטיילונג „ילקוט שושנים״ מיט פּיקאַנטעסטע ציטאַטעס פון כסידישע ווערק (ווײַנלעז, ייוו״אַ־בלעטער, 1931, 4 — 5).

דערפון ווערט אָבער קלאָר די פאַרבינדונג פון לעפינס אַנטיכסידישע שריפטן („דער ערשטער כאָסיד״, אין יידיש, „מחכימת פתי״ אין העברעיִש) ניט נאָר מיט פּערלס „מגלה טמירין״, נאָר אויך מיט דער גרויסער אַנאָנימער שריפט אין דער דײַטשישער שפּראַך „איבער דאָס וועזן דער סעקטע כאַסידים. אויס אירען אייגענען ווערקען געצאָגען. אים יאַרע 1816״, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דערהויפּט אויפצוקלערן איבער כסידעס קריסטלעכע לײַט [1]. די צוויי עלטערע יידישע היסטאָריקער — מ. יאָסט און פּ. בער — האָבן באַקומען קאָפּיעס פון דער דײַטשישער שריפט דורך דער פאַרמיטלונג פון יוסף פּערל (מיר איז באַקאַנט די קאָפּיע, וואָס געפינט זיך אין דער פראַנקפורטער שטאָט־ביבליאָטעק). דובנאָוו, וואָס האָט מיטגעטיילט וועגן דער דאָזיקער שריפט (ייוו״אַ־בלעטער, 1, 1931, ז. 8), מיינט, אַז „די גאַנצע שריפט וועגן דער סעקטע כסידים איז אַ זאַמלווערק, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ כעוורע מאַסקילים אין טאַרנאָפּאָל און לעמבערג, ווי פּערל, קראָכמאַל, לייב מיזעס״ (דאָרט, ז. 8). אין קראָכמאַלס בריוו פון 1816 איז טאַקע פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער כסידישער סעקטע, וואָס שטימט מיט אַ שטעלע פון דער דערמאָנטער אַנאָנימער שריפט.

און דאָך האָט קראָכמאַל קיין שום שײַכעס ניט צו דער דערמאָנטער שריפט. ער האָט די כסידישע באַוועגונג און איר געשיכטע גאָר שוואַך געקענט, בייס דובנאָוו שרײַבט אַליין, אַז „ס׳איז קאָנטיק, אַז דער מעכאַבער איז אויסגעוואַקסן אין דער דאָזיקער סוויווע און איז באַקאַנט מיט אַלע פּראָטים״ (ז. 7). פון ווען אָן איז עס קראָכמאַל געוואַקסן אין אַ כסידישער סוויווע? אַ טאָעס איז אויך, ווען דובנאָוו שרײַבט, אַז קראָכמאַל האָט דאַן געוווינט אין טאַרנאָפּאָל, — ער האָט אין 1816 געלעבט אין

[1] עס רעדט זיך צ. ב. אין דער האַקדאָמע פון דער שריפט וועגן „לעזער, וואָס ווייסן ווייניק אָדער גאָרניט פון יידנטום״.

זשאָלקיעוו. דער ענלעכער ציטאַט פון קראָכמאַלס בריוו באַווײַזט בלויז, אַז אויך קראָכמאַל האָט געהאַט בײַ זיך אַ קאָפּיע פון דער אַנאָנימער שריפט. גיכער פאַר אַלץ איז עס טאַקע אַ קאָלעקטיוו ווערק, ווו ס'האָבן אָנטייל־גענומען פּערל, מענדל לעפין, ווען דובנאָוו האָט אינגאַנצן פאַרזען, און אַנדערע מאַסקילים, און קוידעם־קאָל לעפין און פּערל. פאַראַן אַ האַשאָרע, אַז דער מעכאַבער איז אַ יונגערמאַן ב. ס. (דאָרט, 7), און ווײַלע איז ריכטיק מעשאַער, אַז דאָס זײַנען די איניציאַלן פון בעצאַלעל שטערן, פּערלס הויז־פרײַנט און סעקרעטאַר יענע יאָרן. די האַקדאָמע ווידער פון דער שריפט שטימט מיט לעפינס קוק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע און אויף כסידעס, אַזויווי ער איז פאָרמולירט אין דער פראַנצוי־זישער בראָשור. עס איז וואַרשײַנלעך, אַז אַ גרויסער טייל פון לעפינס „ערשטן כאָסיד" און „מחכימת פתי" איז פאַראַרבעט געוואָרן אין דער אַנאָנימער דײַטשישער שריפט, און קוידעמקאָל די ביאָגראַפישע יעדיִעס וועגן בעש"ט און זײַנע טאַלמידים. דער אַנאַליז פון דער כסידישער ליטעראַטור געהערט מינאַסטאַם פּערלען, און שטערן איז עפשער געווען דער טעכנישער און סטיל־רעדאַקטער פון גאַנצן ווערק.

עס לוינט דאָ צו ברענגען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון דעם פאָר־וואָרט צו דער דײַטשישער שריפט: „פאָלגנדיקע בלעטער אַנטהאַלטן אַ געטרײַע שילדערונג פון די פּרינציפּן און לערעס פון אַ פאַנאַטישער סעקטע, וואָס איז אַנט־שטאַנען אין דער איזראַעליטישער נאַציע אונטערן נאָמען כסידים. איר גרינדער און מוסטער פאַר אַלע שפּעטערדיקע פירער פון דער סעקטע איז געווען אַ מין געמיש פון סוועדענבאָרג און קאַליאָסטראָ, דאָס הייסט פון וויזיאָנערן און באַלמויפסים. אַנע־רעך אין מעשעך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט זיך די דאָזיקע סעקטע פאַרשפּרייט אין אַלע פּראָווינצן, וואָס האָבן אָנגעהערט צום אַמאָליקן קיניגרײַך פּוילן, אין די פירשטימער מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע, און פון גאַליציע האָט זי זיך אַריבערגעכאַפּט אין אונגאַרן. מיכוח די דאָזיקע לענדער איז די סעקטע באַקאַנט קימאַט בלויז לויטן נאָמען, און אויך אין די פּראָווינצן, ווו זי איז פאַרשפּרייט, האַלט ניט פון איר אַ טייל פון דער נאַציע. נעמט מען אָבער אין אַכט דעם ברויזנדיקן פאָרשריט, וואָס די סעקטע האָט געמאַכט אין מעשעך פון 50 יאָר, און די אָנשטעקנדיקע נאַטור פון סעקטאַנטום, טרוימערײַ און פאַנאַטיזם, איז ניט איבערגעטריבן די מיינונג, אַז אין ניט גאָר קיין לאַנגער צײַט וועלן אַלע פּוילישע יידן געהערן צו דער דאָזיקער סעק־טע... עס לוינט זיך, אַלזאָ, נעענטער דערלערנען די סעקטע, און צו דעם צוועק זײַ־נען אירע גרונטזאַצן און לערעס ציטירט פון אירע אייגענע שריפטן און אויף וויפל ס'איז געווען מעגלעך, וועֹרטלעך געבראַכט..."

דערנאָך קומט אַ געשיכטלעכער איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע, ווו ס'ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט דער געשיכטלעכער טייל פון לעפינס פראַנצויזישער בראָשור. צום סאָף לייענען מיר: „די אין די דאָזיקע בלעטער געשיל־דערטע רעליגיעזע און מאָראַלישע פּרינציפּן זײַנען ניט מיינונגען פון אייניצלנע פאַנטאַסטן, שווינדלער און אָפּגענאַרטע... ניין, דאָס זײַנען פּראַקטיש־ע מאַקסימעס פון אַ גרויסער געזעלשאַפט, לויט וועלכע זי לעבט, וועלכע זי יאַרשנט פון פאָטער צום זון, וועלכע זי זאָגט אַרויס אין רעדעס, שריפטן און האַנדלונגען... איך צווייפל ניט, אַז די שריפט וועט האָבן אַ מענגע קויפער; וואָרעם אויב זי וואָלט אפילו ניט גע־

האט דאָס גליק געפעלן צו ווערן דעם קענער, וועט אָבער די סעקטע געוויס האלטן פאר נייטיק אופצוקויפן די שריפט, ווי זי האָט עס געטאָן מיט אנדערע ענלעכע ווערק, און איבער איר אייַנאָרדענען אן אויטאָ־דאפע.

געשריבן אין מאָנאט טישריי 5577, בעשאס דער גרויסער יערלעכער פארזאמלונג באם רעבן נ. נ. אין פשעמישלאני, בזשעזאנער קרייַז, אין מיזרעך־גאליציע".

אזוי צי אזוי — די דאָזיקע צוויי אינטערעסאנטע שריפטן לעפינס, זייַן אָפּהאנדלונג וועגן דער וויכטיקייַט פון א ליטעראטור אין דער יידישער שפראך און זייַן מאָנאָ־גראפיע וועגן באלשעמטויוו, — זייַנען צו אונדז ניט דערגאנגען. אופגעהיט האָבן זיך בלויז לעפינס טאנאך־איבערזעצונגען אין יידיש, און דאָס אויך ניט אלע. אין דער־מאָנטן בריוו (היסטאָרישע שריפטן, ז. 814) רעכנט אויס לעפין זייַנע איבערזעצונגען פון מישליי, טילים, קויהעלעס, איעוו, אייכאָ. געדרוקט זייַנען געוואָרן בלויז מישליי און קויהעלעס. אלע אנדערע זייַנען, ווייַזט אויס, פארפאלן געוואָרן.

אין זייַן פראנצויזישער בראָשור האָט לעפין געפאָדערט טאנאך־איבערזעצונגען אין פויליש — א לאָגישע פאָדערונג פון א בורזשואזן אופקלערער, וואָס פאסט צו דעם מענדעלסאָנישן אופטו צו די פוילישע באדינגונגען. די מאסקילישע טאנאך־איבערזעצונגען האָבן, ווי מיר ווייסן שוין, געהאט צוויי צילן: 1. קעגנשטעלן דעם טאנאך דער טאלמודישער טראדיציע. 2. שאפן א מעגלעכקייַט אויסצולערנען דורך דער טאנאך־איבערזעצונג די לאנדשפראך. מיטן אונטערגאנג פון דער פוילישער מעלוכע, בא דער ניטקלאָרער ווייַטערדיקער מעלוכישער פערספעקטיוו פון די פוילישע לענדער אין צוזאמענהאנג מיט די נאפאָלעאָנישע מילכאָמעס, איז אָפּגעפאלן דער צווייטער מאָטיוו. אין לעפינס טאנאך־איבערזעצונגען איז שוין דער שווער־פונקט אריבערגעגאנגען אפן טאנאך אליין, און עס איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, אז לעפין קלייַבט אויס צום איבערזעצן קוידעמקאָל די פילאָסאָפישע טיילן פון טאנאך, וואָס שטימט מיטן ראציאָנאליזם און מאָראל־לאָזונג פון דער האסקאָלע. „מישליי", „קויהעלעס", „איעוו" דארפן פארינטערעסירן דעם פאָלק־מענטש מיט פילאָ־סאָפישע פראָבלעמען און צופירן אים אזוי ארום צום „מורה נבוכים", צום ראמבאם און שפעטער צו מענדעלסאָנען און דער אופקלערונג. עס איז פאלש, ווען די יידישיסטן באטראכטן לעפינען ווי אן אָנהענגער פון „יידיש צוליב יידיש". ער איז געווען א טיפישער בורזשואזער מאסקיל, און יידיש איז בא אים בלויז א מיטל פארן ציל, און אין דעם פאל פון זייַנע טאנאך־איבערזעצונגען, א מיטל אופצולעבן דעם לימעד פון טאנאך, ביכדיי אים קעגנשטעלן סיי דעם זינלאָזן פילפל פון די טאלמודיסטן, סיי דער זינלאָזער מיסטיק פון די כסידים.

אן אנדער זאך איז, אז לעפינס אופטו האָט געשאפן א גאנצע שול און געהאט ווייַטגייענדיקע רעזולטאטן. ווען די בערלינער האסקאָלע האָט געוואָלט נאָך איר ביטער־דער מאפּאָלע זוכן א וועג צו די מאסן, האָט זי אין דער פערזאָן פון אייכלען גע־פריידיקט יידיש־דייַטש, ד. ה. דייַטש אין יידישע אויסיעס. אין די רוסיש־פוילישע באדינגונגען איז עס געווען אומעגלעך, — דאָ וואָלט מען אזעלכע שריפטן ביכלאל ניט פארשטאנען. און לעפין ווענדעט זיך צום פאָלק־יידיש, ווי עס רעדט אים דער

האמוין, צו א ייִדיש, וואָס ווערט ניט סטיליזירט, פארליטעראַרישט, נאָר געגעב קימאט אזוי, ווי ער ווערט גענוצט אין דער ריידשפּראַך פון דער מאסע. און דאָס איז געוואָרן דער קאַנאָן פאר א ריי האסקאָלע־שרײַבער, אשטייגער פאר לעווינזאָנען, אקסענפעלדן, פישלזאָן, גאָטלאָבערן, לינעצקען, רייטמאנען, פינקעלשטיינען א. א. וו. און אגעוו זײַנען צוליב די זעלביקע מאָטיוון די דאָזיקע אלע ווערק א געוואלטיקער אויצער פארן שפּראַך־היסטאָריקער. שטרעבנדיק וואָס נעענטער צוצוקומען צו דער קליינבירגערלעכער מאסע, שטרעבנדיק צו דער גרעסט מעגלעכער פּאָפּולאַריזאציע, נוצט לעפין א ריזיקע צאָל סלאוויזמען, פּאָלקריידעניש, ווערטלעך, און „פּראָפאנירט״ - אף אזא מין אויפן דעם טאנאך, אונטערשטרײַכט די וועלטלעכקײַט פון די באהאנדלטע מאטעריעס.

לעפין נוצט אין „קויהעלעס״ אזעלכע סלאוויזמען, ווי: האָרעוואניע, דערהאָרעוועַן זיך, זיך מאָראָטשען, קלאָפּאָט, ראנדזשען, פּריקרע, בידנע, הוליען, פּילנעווען, ספּאָראָנדזשען, ריטשקעלעך, סטאדע, קאָליסקעס, טילקאָ, פּראצע, פּראוודע, אָפּפריקרען, אָפּאנעווען, אימישנע, הולטײַסטווע, הולטײַ, ראבעווען, פּריהאָרשטשעס, קליטקע, זאסילקע, קיידאנעס, מאָרדעווען, סליד, וואקעווען (פון פּויליש, לאטיין— vacare (פּוסטעווען), איינטיכעמירן, סטאָראָזש, פּלוט, אוקאז, זארעז, אָדוואזשען, וואנדרעווען, דוך (גײַסט), א. א. וו. ער נוצט קעסיידער די פארקירצונגען פון רייד־לאָשן, און שרײַבט: האָביך (האָב איך), סיז, דערגייטעס (דערגייט עס), האָמיך, האָמיר, סי שוין (ס'איז שוין), אישוין, אָדאָס, א. א. וו. פאר „ארבעטער״ נוצט ער קעסיידער די פאָרם „ארבעטאָרער״ (קאפּיטל 3, 19, קאפּ. 5, 11), וואָס ווערט אדהאיעם גענוצט באם ייִדישן ארבעטער אין פּוילן. ער גייט אָפּט אריבער פון אן איבערזעצונג צו א פּאראפראזע. „צדיק אובד בצדקו״ (7, 15) איבערזעצט ער צ. ב. „אן ערלעכער רײַסט קריע מיט זײַן ערלעכקײַט״. אן אויסערגעוויינטלעכע לעבעדיקײַט גיט צו זײַן איבערזעצונג די פאָרם פון ארגומענטירונג, ווי זי ווערט גענוצט אין דער רייד־שפּראַך: „אָפּטמאָל וועט זיך א זאך מיטגעבן, וואָס מע זאָגט: אָ וואו, אָדאָס אישוין יאָ שפּאָגלנײַ! סי לוי האָיאָ, סישוין אמאָל אויך אזוי געווען״ (1, 10). „נאָ, היינט זשע האָבן מיר ווידער אזוי געטראכט אין מיר... מיילע, וואָזשע האָביך דאָ הײַנט אזוי אויסגעקליגט בעסערס? (2, 15), כ'האָב פּראוודע אליין געזען״... (2 ,13). „טאָ זשע אוואדע, ווער זאָל דען עסן און ווער זאָל דען געניסן, אז ניט איך?״ (2, 25). „וואָזשע קומט הײַנט דען דעם ארבעטאָרער דרויס וואָס ער האָרעוועט?״ (3, 9). „אזוי קענען זיך די צוויי אקעגנשטעלן, מיקאָלשקען אז אין דרײַ״... (4, 12). „אין לוי יעהיי (עלעהיי) ער וואָלט געווען געלעבט טויזנט יאָר... (6,6). „אזוי האָב איך אין פלוג געמיינט...״ (8, 16). „האָב אָבער מיך צום שפּיץ דערקלערט... ניין, ער וועט פּאק נישט וויסן״ (8, 17).

און אָט זײַנען ענלעכע מוסטערן פון „משלי״: „וועליכע קלוג איז צישן ווײַבער, די האָט איספּאָראָנדזשעט איר הויז, און א שלימעזאלניצע איספּאָסטאָשעט נאָך מיט אירע אייגענע הענט״ (1,14). „זעט זשע, אסוואָר האָב אײַך גערופן און איר האָט ניט געוואָלט״ (1, 24). „וואָרן די פארשײַטקײַט פון פּסאָים דערהארגעט זיי, און דאָס בעספּעטשנעקײַט פון קלוגיטשקע ברענגט אין דער העל ארײַן (1, 23). „אבי די כורווע וועט דיר נישמער אין הארץ ארײַנקומען (2, 10). אזוינע, וואָס לאָזן

אומישנ׳ע פארבייַ דעם טראקט פון יוישער, ארומצוגיין מיט פינצטערע שטעזשקעס״ (13—2). „וכל נתיבותיה שלום״ (3, 17) זעצט לעפין איבער: „אלע אירע אינטערעסעס ספאָקאָינעקייַט״... „אָ, ווי וועסטו רעווען דערנאָך, אז עס וועט געזעצט ווערן דייַן לייַב און לעבן״... (11,5). „אז באלד ביניך פארפאלן געוואָרן אין אלעס בייזן, אינמיטן צישן לאנד און לייַט״ (14,5). „א פיסקאטע איסי (איז זי), א בעסטע, אינדערהיים קענען זיך נישט אייַנהאלטן אירע פיס״ (11,7). „אז ער האָט רעפרעוועט די הימלען פון אויבן, געמאָצעוועט די קוואלן פון טהאָם״ (8, 28). „א נאריש ווייַב מרוקעט עפעס שטום און ווייסט אליין נישט וואָס״ (13,). „עס איז א קאטאָוועסל בא א נאר צוטאָן א דראבסקע שטיק״ (10, 23). „איין איישעס כאיל איז א קרוין צו איר מאן, און אזוי ווי א גאָשטיך אין זייַנע לידער איז א שאָפלע״ (12, 4). „א בלאזען איז דער וויַין, מעד א באלאמוט, ווער סע זאבאוועט זיך דערמיט קען נישט באם רעכטן סייכל בלייַבן״ (20, 1). „א נאפקע איז ווי א טיפער גרוב, און ווי א קערניצע פון שלימאזל איז א פרעמדע נעקייווע״ (28, 27).

לעפינס ארבעט איבער „קויהעלעס״ קען איצט שוין גענוי אויסגעפאָרשט ווערן אפן סמאך פון צוויי טעקסטן: דעם דרוק פון יאָר 1873, אָדעס, און פון א קסאוויאד פון 1819, וועלכן ווייַנלעז האָט געפונען אין דער פערל־ביבליאָטעק אין טארנאָפּאָל (רעפּראָדוצירט 1930 דורכן ייוו״א אין ווילנע).ביידע טעקסטן שטעלן פאָר פארשיידענע ווארִיאנטן פון לעפינס איבערזעצונג. דער טארנאָפּאָלער מאנוסקריפט איז ניט געשריבן דורך לעפינען גופע, ס׳איז א קאָפּיע פון א טאלמיד אָדער מעקורעוו, געמאכט פון לעפינס אָריגינאל־טעקסט. ביפראט זייַנען גרויס די דיפערענצן אין דעם העברייִשן קאָמענטאר. די אונטערשיידן צווישן ביידע טעקסטן דערקלערן זיך ערשטנס דערמיט, וואָס אין מעשעך פון יאָרן האָט לעפין אליין איבערגעארבעט און קאָרעגירט זייַן איבערזעצונג פון קויהעלעס, וואָס איז בא אים פארטיק געוואָרן אין גרונט נאָך אין די אכציקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, מינאסטאם אין זייַן בערלינער צייַט, וואָרעם זי ווערט שוין דערמאָנט אין דער האסקאָמע פון סאטאנאָווער ראָוו אף זייַן „מודע לבינה“, און די דאָזיקע האסקאָמע איז דאטירט 1788. צווייטנס האָבן כארי און רייַך, די ארויסגעבער פון דעם דרוק פון יאָר 1878, שוין ניט פארשטאנען לעפינס א ריי אויסדרוקן און צייַטנווייַז מאָדערניזירט די שפראך, און ביפראט דעם אויסלייג. ווערטפולער איז אלזאָ דער ווייַנלעז־מאנוסקריפט, וואָס גיט א מער אויטענטישן טעקסט, היט אויך אָפּ געטרייַער,—נאטירלעך אין די ראמען פון לעפינס אָרטאָגראפיע,—לעפינס אויסשפראך. אגעוו איז „משלי״, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק דורך לעפינען אליין, נאָענט שפראכלעך אין אָרטאָגראפיש צום ווייַנלעז־טעקסט און ניט צום דרוק פון 1873.

לעפינס טאנאך־איבערזעצונגען אין ייִדיש האָבן געבראכט צו דער ערשטער גרויסער דיסקוסיע אין מאסקילישן לאגער וועגן דער ראָל פון דער ייִדישער שפראך, אירע פערספעקטיוון און די באציִונג צו איר. לעפינס קוק אף ייִדיש, ווי אף א שפראך, אף וועלכער עס דארף געשאפן ווערן א מאסקילישע פראָפּאגאנדע־ליטעראטור, האָט אָנגעטראָפן אף א שארפן ווידערשטאנד מיצאד א טייל מאסקילים, וואָס

האָבן זיך געהאַלטן באַם בוכשטאַב פון דער טראַדיציע פון דער בערלינער האַסקאָלע מיט מענדעלסאָנען אין דער שפּיץ. אין יאָר 1814 פאַרפאַסט דער מאַסקיל טעוויע גוטמאַן פעדער (געב. אַרום 1760—געשטאָרבן 1817 אין טאַרנאָפּאָל) אַ שאַרפן פּאַמ־פלעט קעגן דער דאָזיקער איבערזעצונג א. ט. „קול מחצצים". פעדער איז געווען אַ טשיקאַווע פּערזענלעכקייט, אַן אָרעמער, וואַנדערנדיקער מאַסקיל, — אַ שטאַרער, פאַרגליווערטער פאַנאַטיקער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, וואָס ער האָט אופגע־נומען אַף אַ באַגרענעצטן און פלאַכן אופן. האַסקאָלע איז פאַר אים געווען העב־רייִשער דיקדוק, בעיִער, טאַנאַכישע מעליצעס, — אַלזאָ, גראָד דאָס אָפּגעשטאַנענע אין דער האַסקאָלע, איר פאַרשפּעטיקטער און זקיינישער הומאַניזם, אָבער ניט דאָס נייִע, אופרייִסעריש־אופקלערערישע אין איר. מיט לעפינען האָט ער געהאַט איין גע־מיינזאַמען שטריך, — אויך ער איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַן אַרומוואַנדערנדיקער סאָלדאַט פון דער האַסקאָלע (ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען), אָבער פון אַסאַך אַ ני־דעריקערן גראַד. געבאָרן אין פּשעדבאָזש, קראָקעווער קאַנט (און עפּשער אין פּעט־ראָקאָוו; אין המאסף, 1788, טבת, הייסט ער: טעוויע גוטמאַן פון פּיעטראָקאָוו), האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער גאַליצישע שטעט און שטעטלעך, איבער פּרייִסן, שפּע־טער איבער וואָלין און פּוילן, — מיר געפינען אים אין די פּוילישע שטעט פּיעטראָקאָוו און כעלם, אין פּרייִסישן פראַנקפורט — אָדער (זע זייַן „להט החרב", 1804), אין פּויזנער קעמפּן, אין וואָלאָדאַרקע און בערדיטשעוו אין וואָלין, אין בראָד און טאַרנאָפּאָל. ער איז געווען אַ ביטערער ווייען און אויסגעפּרוּווט קאָלערליי פּאַרנאָסעס, — אין דער יוגנט געווען אַ סויכער, שפּעטער אַ מעלאַמעד, אַ כאַזן, אַ סויפער, אַ קאָרעקטער, — געווען שטאַרק פאַרפאָלגט באַ דער אָרטאָדאָקסיע, און ס'האָט אים געראַטעוועט בלויז דער שוץ פון כעלעמער ראָוו יעהוישוע העשל און פונעם מאַסקילישן מעצענאַט דעם גוויר מאָרדכע קאַלמען האַלפּערסאָן. ער האָט געשריבן לידער מיט אַ צופּע־ליקן כאַראַקטער, אויך סאַטירישע זאַכן (אַ שטייגער „זהר חדש לפורים", קעגן כסי־דעס), אַ נאָמען האָט ער זיך אָבער דערוואָרבן מיט זייַנע גראַמאַטישע פאָרשונגען („להט החרב המתהפכת לשמור דרך עץ החיים", 1804, צווייטע אופלאַגע ווילנע 1866). זייַן „להט החרב" איז אַ שאַרפער פּאַמפלעט, פול מיט זילזולים, קעגן אַרן האַלע וואָלפסאָן, דעם אווטער פון „לייַכטזין און פרעמעלייַ", צוליב זייַן בעיִער אַף „מלכים" און צווישן אַנדערע באַשולדיקט פעדער וואָלפסאָנען, אַז „ער זיצט אָפן פליישטאָפּ און נעמט אַרום אַ פרעמדע, באַנאַכט גייט ער אין טעאַטער, און אינדערפרי שפּאָט ער פון רעליגיע" („בשבתך על סיר הבשר ותחבק חיק נכריה, לעת ערב תעלה במות ישחק, בבקר השכם לכל דת תשחק". עפּשער איז עס אויך אַן אַנצוהערעניש אַף וואָלפסאָנס קאָמעדיע). צום סאָף פון ביכעלע קומט אויך אַ פּאָלעמיק מיט ייִצכאָק סאַטאַנאָווער. אַף די מאַסקילים פון זייַן צייַט האָט דער דאָזיקער פּאַמפלעט געמאַכט אַ גרויסן אייַנדרוק. אפילע ביק, פעדערס אָפּאָנענט, רעדט וועגן אים ווי וועגן אַ יור־רעש פון דעם גרויסן גראַמאַטיקער בען־זייוו: „מעת ששקעה שמש בן זאב, זרחה שמש טוביה", „זינט ס'איז פאַרגאַנגען די זון פון בען־זייוו, האָט אופגעשייַנט טעוויעס זון" (כרם חמד, ב. 1, 90).

אָטאָ דער באַגרענעצטער דיקדוק־מאַסקיל איז עס אַרויס אין קאַמף קעגן לעפינען אין זייַן פּאַמפלעט „קול מחצצים". פעדער פאַלט אָן ניט נאָר אַף לעפינס מישלי־

איבערזעצונג, נאָר אויך אף די אנדערע פאָלקטימלעכע ווערק לעפינס, „רפואות העם" און „חשבון הנפש", וואָס זײַנען געשריבן אין העברעייִש—ד. ה., פעדער באקעמפט די עצעם ריכטונג לעפינגס, זײַן פאָליטיק צו גיין צו דער מאסע פון קלײנבירגערטום, ביכדיי צו געווינען זי פאר דער האסקאָלע־אידעאָלאָגיע: „לו שם בשלשת ספרים, ללמד דעת בעורים לעורים, רפואת הנפש (!) והעתקת משלי וחשבן הנפש, את כולם ישא רוח יגרשו טיט ורפש... לא לעזר ולא להועיל אך לתוהו נבראו"). ווײַטער קלאָגט פעדער, אז לעפין האָט פארלאָזן די שיינע דײַטשישע שפראך, און דאָס טוט א מענטש, וואָס שרײַבט שיין דײַטש, פראנצויזיש און א טאלמיד פון מוישע מענדעלסאָן! ווי דארף קלאָגן אייכל, וואָס האָט מיט פיל מי איבערזעצט מישליי אין ריין דײַטש? ער גיט אן אייצע לעפינען צוזאמענצוקלײַבן די עקזעמפּליארן פון זײַן מישליי און זיי באגראָבן אָדער פארברענען.

דאָ ערשט הייבט זיך אָן דער עצעם פאמפלעט: „א געשפרעך אף יענער וועלט" (שיחה בארץ החיים), ווו מענדעלסאָן זיצט אף א „כסא" און זײַן הארץ איז פארטאָן אין וויסנשאפטלעכע פאָרשונגען, ס'קומט אָן ווײַזל מיט א געזאנג, קושט זיך מיט מענדעלסאָנען,—ס'באווײַזט זיך א צאָרנדיקער אייכל און הייבט אוף א באשולדי־קונג־אקט קעגן לעפינס יִדישער איבערזעצונג, ס'באווײַזן זיך יויעל בריל און דער גראמאטיקער בען־זייוו, וואָס לייענט פאָר ווי א פראָבע פאָלגנדיקע פסוקים פון לעפינס איבערזעצונג:

„אסאך פאָלק איז שיין פאר א מײלעך, ווינציק פאָלק איז א שלימאזל אפן פאָריצל".

„א קלוגע אישע בויט א הויז, א שלימעזאלניצע ספּיסטאָשעט דאָס הויז".

„א קלוגער קויפט זיך ספּאָסאָבעס".

דעם געשפרעך פארענדיקט מענדעלסאָן, וואָס טרייסט זײַנע טאלמידים, אז עס זײַנען געבליבן כאכאָמים, „וואָס ריידן א ריינע שפראך און פאָלגן אונדז נאָך", און, אז בלויז שפּאָט דערוואַרט די דאָזיקע „עמקי שפה ועלגי לשון".

א קאָפּיע פון זײַן פאמפלעט האָט פעדער אריבערגעשיקט צו די גאליצישע מאס־קילים פון בערדיטשעוו, ווו ער האָט דאן געווינט, נאָך איידער זײַן שריפט איז גע־דרוקט געוואָרן. דער פאמפלעט האָט ארויסגערופן א געוואלטיקע אופרעגונג צווישן די גאליצישע מאסקילים. מען איז ארויס אין א געשלאָסענעם פראָנט קעגן פעדערן,— אפילע יענע מאסקילים, וואָס האָבן, אין טאָך, פּרינציפּיעל גאָרניט געהאט קעגן פעדערס שטעלונג.

דאָ האָט זיך אָבער געהאנדלט וועגן אן אָנגריף קעגן דעם דעמלטיקן פירער און נעסטאָר פון דער גאליצישער האסקאָלע, און ס'זײַנען מאָביליזירט געוואָרן קעגן פעדערן אלע מיטלען און די פארשיידנסטע מענטשן. אזוי צ. ב. האָט זיך אופ־געהיט אין לעווינזאָנס פאפירן אן עפיגראם קעגן פעדערן („אשכל הסופר". ווארשע 1890, ז. 11), ווו לעווינזאָן לאכט אויס פעדערן, ווי א ליבהאָבער פון ווײַן און בראנפן, און לעווינזאָן גיט צו א באמערקונג: „כ'האָב פארפאסט דאָס דאָזיקע ליד צוליב צו טאָן מײַן פרײַנט דעם געלערנטן מאסקיל לעפין פון סאטאנאָוו, און די סיבע איז באקאנט די מאסקילים פון אונדזער צײַט. דאָס ליד האָב איך פארפאסט אין

דער שטאָט ראדזיוויל 1816, אף דער ביטע פון מײַן ליבן פרײַנט יאנקעוו שמואל ביק פון בראָד". אָט איז לעווינזאָנס עפּיגראם:

אחי, ראו גבר יהיר
כי ימלא יַין ושכר פיהו
יאמר: ראו, כי אני הוא!
לשוני עט סופר מהיר!"

פעדער! עט שמך.
גם כעט לשונך,
עט אם בו דיו אין,
כתוב בל יוכל כי רק!
גם אתה באין יין
לשונך אל חכך דבק!

(פֿעדער! דײַן נאָמען איז פֿעדער.
ווי א פעדער איז אויך דײַן צונג,
א פֿעדער קאָן אָן טינט ניט
שרײַבן, און אויך בא דיר אָן
ווײַן קלעפּט זיך צו דײַן צונג צום
גומען").

אויך פעדער באקלאָגט זיך אין זײַן ענטפער צו ביקן אף פארשיידענע ניטפּאר־דינטע שיקאנעס און נעגישעס. עס האָט זיך אנטוויקלט אָבער אין צוזאמענהאנג מיט פעז'ערס פאמפלעט אויך א פרינציפּיעלע דיסקוסיע וועגן דער ראָל און צוקונפט פון דער יידישער שפּראך, ווו עס איז צום ערשטן מאָל געקומען צום וואָרט די קליינבירגערלעכע ריכטונג אין דעם דעמלטיקן גזעלשאפטלעכן געדאנק.

איר ערשטער פאָרשטייער איז געווען דער בראָדער יאנקעוו שמואל ביק (געבאָרן אנערעך 1770, געשטאָרבן 1831 אין בראָד), איינער פון לעפינס נאָענטסטע פרײַנט. נאָך לעפינס טויט האָט ער צ. ב. צוגעגרייט די אויסגאבע פון לעפינס איבערגעבליבענע קסאָווים, ביפראט פון זײַן „מורה נבוכים", איז אָבער געשטאָרבן אין דער כאָלערע־מאגייפע פון 1831, און די אויסגאבע האָט איבערגענומען מאָרדכע סוכאסטאווער; איינער פון די מעצענאטן, וואָס האָט פינאנסירט סוכאסטאווערס אויסגאבע פון לעפינס „מורה נבוכים", איז געווען ביקס איידעם אויזער ראָטענבערג. באקענענדיק זיך מיט פעדערס „קול מחצצים", פארפאַסט ער צו אים א בריוו (דאטירט 1 יאנוואר 1815 י. געדרוקט אין „כרם חמד", 1833. נומ. 28. פעדערס ענטפער דאָרט, נומ. 29, דאטירט 30־טן אפּרעל 1815; דער בריוו איז 3 כאדאָשים געגאנגען צו פעדערן). ביק נוצט די פארשיידנסטע ארגומענטן, ביכדיי אָפּצווענדן פעדערן פון צו פּובליקירן זײַן פאמפלעט קעגן לעפינען. ביק הייבט אָן מיט קאָמפּלימענטן פאר פעדערס פריִ־ערדיקע שריפטן, זאָגט אָבער גלײַך אָן, אז ער וועט זיך שטרענג מישפּעטן מיט אים אין דעם דאָזיקן בריוו („אדבר אתך משפטים במכתב הזה"), און גייט גלײַך איבער צום איניען, צום „קול מחצצים", וואָס איז א ביִלבולדיקער פאמפלעט אף לעפינס שריפטן, און טייקעף קומט א דראָונג: „אויב דו וועסט אָפּדרוקן דעם דאָזיקן פאמפלעט, קענען פון אים ארויסקומען רעזולטאטן פארשיידענע, צווישן זיי שעדלעכע פאר דיר, טײַערער מאן" („ואם תוציא השנינה הזאת לאור בדפוס, המסובבים ממנה רבים יוכלו להיות, ומהם מזיקים לך, איש יקר"). ער מאכט דאן אופמערקזאם, אז יידישע שרײַבער קענען ניט געגליכן ווערן צו די שרײַבער פון אנדערע פעלקער; יענע זײַנען פיל אין דער צאָל, לעבן א רויִקן לעבן, בעשאס די יידישע שרײַבער זײַנען אין א קליינער צאָל, מע רוידעפט זיי, זיי לעבן אין דאכקעס, און אויב מע וועט זיי נאָך שארף קריטיקירן, וועט פון זיי ווערן א טעל. און צי ווייסט דען ניט, פעדער, אז מענדל לעפינען האָבן זײַנע ווערק געקאָסט אסאך מי, געזונט, רו און פארמעגן? אגעוו דארף דאָך פעדער וויסן, אז לעפין האָט זיך דערוואָרבן אסאך פרײַנט, אָנגעזעענע יידן און קריסטן, צווישן זיי פירשטן[1], וואָס וועלן דאָך באשטימט

[1] געמיינט ווערט טשארטאָריסקי א. א.

ניט שווייַגן און נעקאָמע נעמען פאַר זייַן כאַרפּע)... צו וואָס דאַרף זיך אַלזאָ פּעדער אויסשטעלן אַף אַזאַ געפאַר? און ווי קען פּעדער אָנפאַלן אַף לעפינס ווערק, בייס „רפואות העם“ איז איבערזעצט אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן, און מענדעלסאָן אַליין האָט געלויבט די דאָזיקע איבערזעצונג לעפינס, און „חשבון הנפש“ איז ווידער אַן איבערזעצונג פון דער וווּנדערבאַרער סיסטעם פון דעם פילאָסאָף פראַנקלין.

איצט וועגן דער איבערזעצונג פון מישלי אין ייִדיש. „עס האָט דיך פאַרדראָסן די שפּראַך, אין וועלכער לעפין האָט איבערגעזעצט מישלי, און דו פאַרגלייַכסט זי צום קוויטשען פון פויגלעך און צום רעווען פון בעהיימעס און כאַיעס. דערמאָן זיך, מייַן פריינט, אַז אין איר האָבן גערעדט אונדזערע עלטערן און זיידעס אין פּוילן זינט 400 יאָר, עס האָבן אַף איר גערעדט, געדענקט און געדאַרשנט די געוינים, דער באַך, דער ראַמאָ און דער שאַך, אין דעם לאָשן האָבן מיר געהערט רעדן דעם ווילנער גאָען. דער געלערנטער פאַבראָ אין זייַן „געאָגראַפיע“ (האַלע 1815) ציילט די שפּראַך צווישן די טעכטער פון דער דייַטשישער שפּראַך... אין דער לעבעדיקער שטאָט ווין גייט נאָך איצט אַרויס יעדע וואָך אַ צייַטונג אין דער שפּראַך פון עסטרייַכישע פויערן און אָרעמשאַפט, וואָס הייסט: בריוו פונ אייפּלדויער צו זייַן פעטער אין קראָקע... און אַוואַדע איז אַזאַ אופן וויכטיק פאַר די ייִדן, וואָס זייַנען פאַרוואָרפן אין אוקראַיִנע און קענען ניט לייענען ביכער, וואָס זייַנען געשריבן אין אַן אַנדערער שפּראַך. אַזוי טוען די געלערנטע פון יעדן פאָלק, וואָס ווילן גוטס טאָן מיט מענטשן, וואָס ברויכן זייער הילף, און אָט דאָס הייסט אָפּגעדינט, ווייַל די פויערן האָרעווען מיט זייער שווייס, ביכדיי אָנגרייטן שפּייַז פאַר דער אינטעליגענץ, איז ווידער דער יושער, אַז די געלערנטע זאָלן דערנערן זייער גייַסט און שפּייַזן זייער סייכל אין אַזאַ לאָשן און אַף אַזאַ אופן, וואָס זיי זאָלן קענען פאַרשטיין... און זאָלן ניט בעכינעם זיך מעפאַרנעס זייַן פון פרעמדער פּראַצע“. ווייַטער דערווייַזט ביק, אַז אַזעלכע שפּראַכן, ווי ענגליש און פראַנצויזיש, זייַנען געמישטע שפּראַכן, געמישט פון דייַטש, גאָטיש (קעלטיש), לאַטייַן און גריכיש, און אַז דורך אָנשטרענגונגען פון געלערנטע אין מעשעך פון 300 יאָר זייַנען זיי פאַרפולקאָמט געוואָרן ביזן איצטיקן צושטאַנד; אַז דייַטש איז מיט הונדערט יאָר צוריק געשטאַנען אַף אַ נידעריקער שטופע, אַז רוסיש איז מיט 80 יאָר צוריק געווען אַ שפּראַך בלויז פון פויערן,—און אַזוי איז מיט יעדער שפּראַך, אַשטייגער אויך מיט לאַטיין און גריכיש. דער האַמוין איז באַ יעדן פאָלק דער גרונטלייגער פון דער שפּראַך, און אַלע שפּראַכן זייַנען לעכאַטכילע שטאָלפּעריק, אָן שיינקייַט און פאָרם, און בלויז די פילאָסאָפן מאַכן פון אָט דעם מאַטעריאַל אַ וווּנדערבאַרע פאָרם און אַ פּרעכטיקע זאַך. — ענדלעך, אויב פּעדערן געפעלט ניט די איבערזעצונג, צו וואָס די זילזולים, וואָס האָבן קיין שום שייַכעס ניט צו דער עצעם קריטיק? די אונטערשטע שורע איז,—„ניט גוט האָסטו געטאָן, מייַן ברודער!... שרייַב אָן צו מענדל סאַטאַנאָווער און בעט באַ אים אַנטשולדיקונג פאַר דער באַליידיקונג...״

פּעדערס טשוווע איז ניט ווייניקער טשיקאַווע. פּעדער האַלט זיך גאַנץ טראָציק, און ער פרעגט איראָניש, וואָס זייַנען אַזוי פאַרציטערט געוואָרן לעפין און זייַנע פרייַנט צוליב אַ נישטיקער שריפט פון אַ קליינעם מענטשן? לעפין איז דאָך מענ־

דעלסאָנס א טאלמיד, דער איצטיקער פירער פון די מאסקילים, א מענטש אָן פאַכעד,— וואָס איז ער איצטער געוואָרן דער לערער פון אלטע ווייַבער, און אין זייַן מויל איז די לעכערלעכע שפראך? פעדער ווארפט אָפּ די באשולדיקונג, אז ער איז א פערזענלעכער סוינע לעפינס,— פארקערט, לעפין האָט אים זינט זייַן (פעדערס) יוגנט געהאָדעוועט ווי א פאָטער. ער איז ארויסגעטראָטן בלויז קעגן לעפינס איבערזעצונג, וואָרעם כאנפענען קאָן ער ניט, און ביק ווייסט דאָך אליין, אז קיין שום היסנאצלעס קאָן ניט ריין מאכן לעפינס איבערזעצונג. מע דראָט אים, פעדערן, אפילע מיט דער מאכט, אָבער קיין שום קראפט קאָן אים ניט אָפּהאלטן פון צו קעמפן פארן עמעס, און שרייַבן אנטשולדיקונג־בריוו צו לעפינען האָט ער ניט בעדייע. און ביפראט, ווי פאלט מען אָן אף אים, אף א מענטשן, וואָס זייַן גאנץ לעבן איז הונגער און נויט? וויל מען דען נאָך צולייגן ווייטיק און בראָך? און פעדער פארענדיקט: „לאָזט מיך אָפּ, בראָדער געלערנטע... ווארט צו, ביז ס׳וועט דערשייַנען דער צווייטער טייל פון „קול מחצצים“, דעמלט וועט איר וויסן, אף וועמעס זייַט איז דער עמעס. און אויך דער ערשטער טייל, וואָס איר האָט געזען, איז נאָך בא מיר באהאלטן... און אויב איר וועט מיר אומקערן די הויצאָעס, ביכדיי צו באצאָלן מייַנע קרעדיטאָרן... וועט שטיל ווערן דאָס לאנד און מענדל סאטאנאָווערס הארץ וועט שוין מער ניט ווייטיקן; כ׳וועל נעמען די שריפטן און ווארפן זיי אין פייַער“, —און פעדער גיט אפילע אָן דעם טערמין, ביז וועלכן מע דארף אים צושיקן דאָס געלט... ער פארענדיקט מיט גרוסן און ווונטשן, און אפילע אז „אויב דער צאָרן פון מענדל סאטאנאָווער האָט זיך געשטילט, בעט איך אים גריסן“...

ווי מענדל מאָהר דערציילט אין דער האקדאָמע צו זייַן אויסגאבע פון „קול מחצצים“ (1853), האָבן די בראָדער מאסקילים דאן טאקע געשיקט פעדערן 100 ר. פעדער האָט אָבער דאָס געלט צוגענומען,—און פובליקירט זייַן פאמפלעט, וואָס איז לויטן ביבליאָגראף וו. צייטלין דערשינען אין בערדיטשעוו צוערשט אין יאָר 1816. (אן עקזעמפליאר פון דער דאָזיקער אויסגאבע איז אדהאיעם ניט אופגעזוכט). מענדל מאָהרס אויסגאבע, לעמבערג 1853, איז דאן די צווייטע; נאָך אן אופלאגע פון דעם ביכל איז דערשינען אין לעמבערג 1875. מאָהרן אליין איז א פריערדיקע אויסגאבע פון „קול מחצצים“ ניט באקאנט. דאָס שוין דערמאָנטע שפּאָט־ליד לעווינזאָנס פון יאָר 1816 קאָן זייַן א שטיקל רייַע פאר אן אויסגאבע פון „קול מחצצים“ אין יאָר 1816.—פעדערס „קול מחצצים“ איז פארשפרייט אויך אין קסאוויאד. די מאנוסקריפטן גיבן אסאך א שארפערן וואריאנט, ווי דער דרוק פון 1853, ווו מאָהר האָט סייַ געקירצט, סייַ מילדער געמאכט דעם טעקסט [1].

ביקס ארויסטרעטונג און ארגומענטאציע האָט שוין א באשטימטע קליינבירגערלעכע באפארבונג. און דאָס ניט צוליב זייַן אייַנשטעלן זיך פאר יידיש מיט א דעמאָקראטישער ארגומענטירונג. אויך לעפין האָט געהאלטן פאר נייטיק צו שאפן א מאסקילישע ליטעראטור אין יידיש, און דאָך איז לעפין ניט קיין קליינבירגער־

[1] פארגל. האָבערמאן, „ייוואָ־בלעטער“ 1932, 472—475.

לעכער אידעאָלאָג, נאָר א טיפּישער בורזשואזער אופקלערער. ביק איז געווען לעפינס פריינט און טאַלמיד; ער איז אָבער אוועק פון זיין לערער אין גאָר אן אנדערער ריכ־טונג, און דער ערשטער ארויסגערוקט דעם זאץ וועגן דער סוווערעניטעט פון די קליינביר־גערלעכע פאָלקמאסן, פון דער אָרעמשאפט (ער אָפּערירט קעסיידער מיטן טערמין „דלת העם". גיט גיין צו די פאָלקמאסן און געווינען זיי פאר דער אידייען־וועלט פון דער האסקאָלע,—ווי לעפין האָט געפאָדערט,—נאָר נאָכגיין די פאָלקמאסן, צוהערן זיך צו זייער שטים, פארשטיין, אז ס'איז פאראן א זין אפילע אין זייער פאנאטיזם און אָבערגלויבן. אנדערש געזאָגט, בא ביקן באגעגענען מיר צום ערשטן מאָל, אין קעגנ־זאץ צו דער בורזשואזער אופקלערונג, א ראָמאנטיש־קליינבירגערלעכע פארהערלע־כונג און אידעאליזאציע פון „פאָלק". ביק איז דער ערשטער אידעאָלאָג פון קליינבירגערלעכן ראָמאנטיזם אין גאליציע. זיין ארויסטרעטונג פאר יידיש איז ניט קיין צופעליקע דערשיינונג, ניט בלויז אן אקט פון פריינטשאפט און פיעטעט בענעגייע לעפינען, נאָר א רינג אין א גאנצער פילאָסאָפיש־געזעלשאפט־לעכער סיסטעם, וואָס האָט שפעטער געבראכט צו א שארפן קאָנפליקט צווישן אים און זיינע כאווירים די מאסקילים.

מיר פארמאָגן זייער ווייניק ידיעס וועגן ביקן, זיין לעבן און שאפן. ער איז געבאָרן געוואָרן און געשטאָרבן אין בראָד (געב. אנערעך 1770, געשטאָרבן 1831), געווען א רייכער מאן, געשטאמט פון אן אָנגעזעענער, ייכעסדיקער מישפּאָכע, וואָס האָט קעסיידער געגעבן פּארנייסים פאר דער בראָדער קעהילע (אשטייגער הירש ביק, מארקוס ביק. פארגל. באלאבאן, ז. 95). אין „כרם חמד", 1836, 132, ווערט דערציילט, אז ביקס אלע בריוו, לידער און ביכער זיינען פארברענט געוואָרן אין דער גרויסער סרייפע פון יאָר 1835. פון די דאָזיקע שריפטן וואָלט פאר אונדז דאָס אינטערעסאנטסטע געווען זיין גרויס היסטאָריש־מעמואריסטיש ווערק, וואָס ער האָט געפירט אין מעשעך פון יאָרן. אין א בריוו פונעם יאָר 1829 צו ראפּאָפּאָרטן („אוצר הספרות", ב. 25,3) שרייבט ביק: „דו האָסט מיר באוויגן צו שרייבן די געשיכטע פון אונדזער צייט, דאָס טו איך זינט יאָרן, אָבער די דאָזיקע פארצייכענונגען וועלן זען דעם שיין ערשט נאָך מיין טויט. א טייל פון זיי האָב איך אייך געלייענט, מיינע טייערע, האָט איר מיר געמאכט א גרויסן סקאנדאל". דאָס ביסל, וואָס איז פארבליבן פון ביקן, זיינען עטלעכע בריוו, און עטלעכע איבערזעצונגען פון ענגליש און פראנצויזיש (זיי זיינען פארצייכנט אין וואכשטיינס קאטאלאָג „העברייאישע פובליציסטיק אין ווין", ז. 26 [1]),—די דאָזיקע קארגע מאטעריאלן דאָקומענטירן אָבער א זעלבשטענדיקן דענקער מיט אסאך קולטור און וויסן, און אן אויסגעצייכנטן העברייאישן סטיליסט, מיט אסאך כוש פאר הומאָר (פארגל. צ. ב. דעם גלענצנדיקן הומאָריסטישן בריוו צו מוישע קויען, כרם חמד, ב. 1, נומ. 22).

---

[1]) לין פארצייכנט, אז ביק האָט אין 1817 יאָר געפרוווט ארויסגעבן אין העפטן א צייטשריפט א. ט. „עולת שבת", פון וועלכער ס'איז אָבער באקענט בלויז איין העפט אין האנטשריפט. (ז 10. „Die hebr. Presse" ,Berlin 1928)

ערשט אין די 20־ער יאָרן פון נײַנצעטן יאָרהונדערט האָט זיך ווײַזט אויס באַ
ביקן אײַנגעשטעלט א פעסטע, געשלאָסענע סיסטעם פון אָנשויונגען. אין א
בריוו פון יאָר 1830 שרײַבט בלאָך: מיט 6 יאָר צוריק, ווען דײַנע אויגן האָבן
אָנגעהויבן טונקל ווערן"... דער דאָזיקער בריוו, וואָס איז א וויכטיקער דאָקומענט
פאר דער וועלטאָנשויונג פון דער גאליציִשער האסקאָלע, איז פארגרײַזט און אָן
נעמען אָפּגעדרוקט אין "כרם חמד", ב. 1, ז. 109—122, און איבערגעדרוקט פון
אָריגינאל־מאנוסקריפּט, אָן קיין שום קירצונגען, אין לעטעריסעס "המאסף", 1862,
164—185. דאָך שרײַבט נאָך אין יאָר 1924 דער העברעיִשער קראָכמאל־פאָרשער
ראווידאָוויטש (כתבי רנ"ק, בערלין, ז. 93): "מע דארף מעשאער זײַן, אז איינער
פון די צוויי געלערנטע, וואָס ווערן דערמאָנט אין בלאָכס בריוו, איז אָן שום סאָ־
פעק קראָכמאל". צו וואָס מעשאער זײַן, ווען לעטעריס האָט שוין 1862 פובליקירט
דעם בריוו מיט די נעמען פון קראָכמאל און ראפּאָפּאָרט?). די דאָזיקע סיסטעם פון
קליינבירגערלעכן ראָמאנטיזם איז אָבער געשטאנען אין דער שארפסטער סטירע צו
דער גאנצער טעאָריע און פּראקטיק פון דער האסקאָלע. די יִדישע לײַט, וואָס האָבן
באקומען בילדונג—פּאָדערט ביק אין א בריוו צו שימשען בלאָך פון יאָר 1827 (לע־
טעריס, מכתבי עברית, ווין 1862, ז. 150—153)—דארפן זי אויסנוצן ביכדיי צו
פארטיידיקן די אַלטע מויערן פון דער יִדישער טראדיציע, און מע דארף זיי בא־
האנדלען ווי פארעטער, אויב זיי שיסן אף זייערע אַלטע אָוועס.—און ווען זײַנע פרײַנט,
די מאסקילים, באשולדיקן אים אין אָבסקוראנטיזם, ענטפערט ער מיט א פּאָסעק:
"איר האָט פארגעסן, אז ווער ס'פארלעשט דאָס ליכט, ווײַל ער האָט מוירע פאר
גאָיִם, פאר באנדיטן, פאר א שלעכטן גײַסט, אָדער ביכדיי דער קראנקער זאָל
שלאָפן, איז פּאָטער" (אוצר הספרות, ב. 3. 26). אנדערש געזאָגט, מע טאָר ניט
ריטלען די אַלטע יִדישע טראדיציע, ווײַל ס'דראָט א געפאר מיצאד דער ניט־יִדישער
וועלט, און מיצאד פרעמדע, שלעכטע אײַנפלוסן, וואָס וועלן ארײַנקומען צוזאמען
מיט די פּאָזיטיווע זײַטן פון דער האסקאָלע. ס'איז שוין גלײַכער "פארלעשן דאָס ליכט".
דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער אויפקלערונג שטעלט ער אנטקעגן א נאציאָנאליסטישע
סיסטעם. און אפילע דער מעסיקער ראפּאָפּאָרט שרײַבט דאן פארביטערט, באשול־
דיקנדיק ביקן אין שאָוויניזם: "א גאנצן טאָג רעדט ער וועגן דער ליבע צום
פאָלק יִסראָעל, און זי וואָרצלט אויס בא אים די ליבע צום מענטשן (רא־
פּאָפּאָרטס קורסיוו)... [1]) אָבער אזא ליבע פירט אין טאָך צו סינע, און זי האָט
אונדז פארזעצט אין פינצטערניש מעשעך הונדערטער יאָרן... פיל דערפארונגען און
היסטאָרישע פאָרשונגען האָבן מיר געוויזן, אז יִדן וועלן אופשטײַגן צו יענער שטו־
פע, וואָס פאסט זיי, ניט אָפּטיילנדיק זיך פון אנדערע פעלקער, נאָר האָבנדיק אָן
אָנטייל אין זייער וויסן און וויכטיקע ווערק, נאָר נעמענדיק דאָס גוטע פון יעדן
לאנד און פאָלק..." (כרם חמד, ב. 1, 83—84). ווי אן עכטער ראָמאנטיקער, טרעט
ביק ארויס קעגן דעם אויפקלערערישן ראציאָנאליזם, און ער באשולדיקט ראפּאָפּאָרטן:
"דעם קאָסמאָפּאָליטישן שפּרוך פון דײַטשישן בארימטן פּאָעט [2]): א קוש דער גאנצער

[1]) ראפּאָפּאָרט רעאגירט דאָ דירעקט אף ביקס זאָץ: "די ליבע צום יִדישן פאָלק איז בילכער פון
דער קאָסמאָפּאָליטישער ליבע, וואָס לערנט פרײַנטשאפט צו יעדן מענטשן ביכלאל" (דער דערמאָנטער בריוו
פון יאָר 1827).
[2]) שילערס שפּרוך: "אן די פרוידע"—מ. ע.

וועלט! האָסטו ניט איבערגעמאַכט אין א יִדישן לאָזונג־ארומצונעמען און קושן
אונדזערע יִדישע ברידער מיטן גאנצן הארצן — אפילע אויב דאָס נעמט צו
דעם סייכל" (אונדזער קורסיוו. מ. ע.). אין א ניטדערגאנגענעם בריוו צו קראָכ־
מאלן (וויַזט אויס פון יאָר 1830) טרעט ביק שארף ארויס קעגן דעם קאנטיַאניזם
פון קראָכמאלן, ראפּאָפּאָרטן, בלאָכן. מיט דער גרעסטער פארביטערונג רעדט ביק
וועגן דער בערלינער האסקאָלע, און ביפראט אטאקירט ער פרידלענדערן (וועלכן ער
מאכט איבער אנראמאטיש אין „פירוד לעין דור" — דער צעשפאלטער פון דאָר), און
אויך צו וויַזלען האָט ער טייַנעס, אז די „לייצאָנים פון דאָר האָבן אים אָנגערעדט
צו שלאָגן מיטן האמער אף די טירן פון ראבאָנים" („המאסף", 1862, 165).

די גרעסטע פארביטערונג האָט אָבער בא די מאסקילים ארויסגערופן ביקס אָפּע־
נער איבערגאנג צו די כסידים, וואָס איז, ווי געזאָגט, פאָרגעקומען ארום 1824, און
עס האָט זיך אנטוויקלט ארום דעם א לייַדנשאפטלעכע דיסקוסיע, אף וואָס ס'זאָגט
איידעס דער בינטל בריוו צווישן ראפּאָפּאָרטן און ביקן, וואָס איז פארעפנטלעכט אין
„אוצר הספרות", ב. 3. ווי בלאָך דערציילט, האָט דאן ביק דעמאָנסטראטיוו פאר־
קויפט זייַן עקזעמפּליאר פון דעם ראמבאמס „מורה נבוכים", און איז ארויסגעטראָטן
מיט זילזולים קעגן דעם ווילנער גאָען. ראפּאָפּאָרט טיילט דאן מיט שריפטלעך ביקן
א פיקאנטע מייַסע מיטן זשידאטשאָווער רעבן הירש, בא וועמען זייַנע אייגענע כסי־
דים האָבן צוגעגאנוועט אלע שאבעס־לייַכטער, און ביק ענטפערט פארביטערט: „כ'האָב
ניט קיין כיישעק פאר דיר פארטיידיקן אונדזערע אָרעמע ברידער און א מענטשן,
וואָס איז אימשטאנד אָנצופירן מיט הונדערט טויזנט יִדן"... און ער באשולדיקט די
מאסקילים, אז זיי טראָגן ארויס לייַכטזיניק בלוטדורשטיקע אורטיילן, ווי די רעוואָ־
ליוציאָנערע טריבונאלן פון מאראט און ראָבעספּיער (דאָרט, 26), אז זיי פאָדערן
טאָלעראנץ און אליין האָבן זיי ניט קיין שום טאָלעראנטע באציִונג צו דער כסידי־
שער באוועגוג. ראפּאָפּאָרט, בלאָך און אנדערע מאסקילים האָבן פארביטערט רעא־
גירט אף דעם דאָזיקן פאראט. ביקס טויט האָט איבערגעריסן די דאָזיקע דיסקוסיע, אין
וועלכער ס'זייַנען אריַנגעצויגן געוואָרן, וויַזט אויס, קימאט אלע אָנגעזעענע גאליצישע
מאסקילים [1].

אזוי ארום איז ביק געוועזן א „וויַסע קראָ" צווישן די גאליצישע מאסקילים,
און זייַן פארטיידיקונג פון יִדיש האָט סיגנאליזירט זייַן שפּעטערדיקן אָפּגאנג פון די
פּאָזיציעס פון דער האסקאָלע. שוין אין די צוואנציקער יאָרן פון 19־טן י. ה. האָט
ביק פאָרמולירט א סיסטעם פון רעאקציאָנער־ראָמאנטישע אָנשויונגען, וואָס איז

[1]) עס גייט ארום בא אסאך פאָרשער די ווערסיע, אז ראפּאָפּאָרטס יוגנט־שריפט „נר מצוה" (1815), געשריבן צו א יונגן פרייַנט, וואָס איז אריבער צו די כסידים, מיינט ביקן (אזוי צ. ב. שרייַבט בערנפעלד, אין זייַן „תולדות שי״ר, 1899, ז. 14; ציגבעדג אין דער „יעוור. ענציקלאָפּעדיא", ב. 13, 130; וויַסבעדג אין דער „מאָנאט־שריפט",1928, 193, א. א.). דאָס איז אָבער ניט ריכטיק, וואָרעם: 1. עס איז געשריבן צו אָ יונגנמאן, און ביק איז אין יאָר 1815 שוין געוועזן אין די פערציקער. 2. דער אדרעסאט וווינט אין לעמבערג, ביק אָבער איז געוועזן א בראָדער. 3. פון שימשען בלאָכס ציטירטן בריוו איז צו זען, אז ערשט ארום 1824 איז ביק אָפיציעל אריבער צו די כסידים. 4. נאָך פון יאָר 1821 איז פאראן א בריוו פון ביקן מיט אנטיכסידישע זאצן (לעטעריס, מכמבי עבריער, ווין 1862, ז. 154. 5. איבעריקנס איז פאראן ראפּאָפּאָרטס א בריוו פון יאָר 1815 (דאָרט, ז. 175, ווו ער דעשיפרירט זייַן אדרעסאט ווי א הרובעשאָווער יונגן מאסקיל, און דערציילט זייַנע ווייַטערדיקע שיקזאלן.

ענלעך צום ייִדישיזם פון אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט: אידעאליזאציע פון „פאָלקמאסן״סטאם, פראָקלאמירן זייער סוווערעניטעט אין זין פון קאָנסערווירן זייערע אָפּגעשטאנענע טראדיציעס, שאָוויניסטישער נאציאָנאליזם,— און ראָמאנטיש־רעאקציאָנעדער קולט פון כסידעס און קלעריקאליזם.

נאטירלעך טאָר מען ניט מעכאניש אידענטיפיצירן ביקס „ייִדישיזם״ מיטן ייִדישיזם פון סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן י״ה. ביק — און אז ביק איז ניט געווען דער איינציקער פאל, באווײַזט ראפּאָפּאָרטס שריפט „נר מצוה״—באטײַט די קאפּיטוליאציע פון א טייל מאסקילישער אינטעליגענץ פארן קאָנסערוואטיוון בירגערטום און פארן ייִדישן קלעריקאליזם. אנדערש איז דער פאל מיטן מאָדערנעם ייִדישיזם, וואָס קומט אוף, ווען גרויסע מאסן פון ייִדישן קליינבירגערטום זײַנען שוין ארײַנגעצויגן געוואָרן אין די קאפּיטאליסטישע פראָצעסן, האָבן גענומען זיך באפרײַען פון דער מיטלאלטערלעכער קלעריקאלער טראדיציע, ווען ס׳איז שוין אופגעקומען א קלאסנבאוווסטזיניקער ייִדישער פראָלעטאריאט. דאן באווײַזט זיך דער מאָדערנער ייִדישיזם, וואָס בא זײַן גאנצער „פאָלקסטימלעכער״ פראזעאָלאָגיע שלעפּט ער אף צוריק, פראָקלאמירט א האשיווייִנו נאזאד־לאָזונג, אנטוויקלט א רעאקציאָנערע ראָמאנטיק, וואָס דארף פאנגען סײַ טיילן פון דער ארבעטערשאפט, סײַ יענע טיילן פון קליינבירגערטום, וואָס אויך פאר זיי האָט דער קאפּיטאליזם געבראכט אומצאָליקע לײַדן.

די גרופע פערל־ראפאפארט־קראכמאל

די גאליצישע האסקאָלע גייט אריבער אין אָנגריף ארום דעם יאָר 1815. עס איז אייגנט־לעך געווען א קאָנטר־אָנגריף: די יידישע אָרטאָדאָקסישע קרייזן זיינען אופמערקזאם געוואָרן אפן קעסיידערדיקן וווקס פון די מאסקילישע עלעמענטן,—די האסקאָלע, וואָס האָט, ווי עס האָט זיך געדוכט, מיט דער ליקווידאציע פון דער האַמבערג־אוואנטיורע באקומען א טויט־קלאפ, האָט ווידער אופגעהויבן דעם קאָפּ, די אופקלערונג־באוועגונג איז קעסיידער און סיסטעמאטיש געוואקסן, איצט שוין אף אסאך א ברייטע־רער און מער סאָלידער באזע. אָנשטאָט די ליקווידירטע האַמבערג־שולן גרינדן די אופגעקלערטע יידישע סאָכרים נייע און דערפאָלגרייכע בילדונג־אנשטאלטן. מיר האָבן שוין דערמאָנט די בראָדער רעאל־שול (אייגנטלעך האנדל־שול), וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן (אגעוו, דורך לעפינס פריינט) אין יאָר 1815. נאָך פריער, אין יאָר 1812, עפנט יוסעף פערל א מאָדערנע יידישע שול אין טארנאָפּאָל,— ער הייבט אָן מיט 13 טאלמידים, און דערגייט גלייך ביז איבער 100, און באקומט פאר איר אין יאָר 1820 רעגירונג־רעכט. עס איז געווען א פירקלאסיקע שול, מיט דער דייטשישער לערן־שפראך, מיט פראנצויזיש ווי אן אָבליגאטערישן לימעד. אסאך פלאק האָט מען אין פערלס שול אָפּגעגעבן רעליגיעזע לימודים, ביכדיי ניט אָפּצושטויסן די אָרטאָ־דאָקסיע (אין דער היניזיכט איז די בראָדער שול געווען אסאך וועלטלעכער), טאָמאך האָט מען דאָ געלערנט לויט מענדעלסאָנס בעיער, מע האָט אויך געלערנט גמאָרע און יידישע רעליגיעזע עטיק, אויך די יידישע מיטלאלטערלעכע פילאָסאָפישע שריפטן. אינטערעסאנט איז אויך, אז מע האָט אין פערלס שול געלערנט יידיש ווי א באזונ־דערן לימעד (באלאבאן, 94).

קעגן דער האסקאָלע־באוועגונג טרעט ארויס די אָרטאָדאָקסיע אין א געשלאָ־סענעם פראָנט:ביידע אירע פליגלען, די מיסנאגדים און די כסידים, טרעטן ארויס אין דעם פאל איינהייטלעך. איבעריקנס איז די כסידישע באוועגונג אָנהייב נײנצנטן יאָרהונדערט נאָך ניט געווען שטארק אין גאליציע, זי וואקסט אָבער אָן, ביפראט אף דער פראָווינץ, מיט אן אומגעהויערן אימפעט. דעם אויבנאָן אין דער מיסנאג־דישער באוועגונג פירט דער לעמבערגער ראָוו יאנקעוו אָרנשטיין, א גרויסער טאל־מודישער אוטאָריטעט מיט א ריזיקער ענערגיע, אליין א רייכער מאן, דערצו פאר־בונדן און פארשוועגערט מיט די רייכסטע און ייכעסדיקסטע לעמבערגער מישפאָכעס. ער פירט א קאמף אף צוויי פראָנטן: קעגן כסידעס און קעגן דער האסקאָלע, פון

צײַט צו צײַט שליסט ער אָבער שאָלעם מיט די כסידים, ביכדיי קעגנצושטעלן א גע־שלאָסענעם פראָנט דער מאסקילישער געפאר און „דערשטיקן דעם קאָפּ פון מ ו י ש ע פ ר ע ס ע ר (ד. ה: מוישע דעסער—מוישע מענדעלסאָן)". אזא מין פאראכטנדיקן צו־געמעניש האָט די צעיושעטע אָרטאָדאָקסיע געגעבן מענדעלסאָנען. די מאָלדאווישע פרומאקעס קלאָגן אף די מאסקילים בא וועלוועלע זבארזשער:

זיי פארבויגן גאָר די הייליקע געמאָרע
טאנאך צו לערנען איז שוין בעסער,
און מיט דעם פּירעש פון מ ו י ש ע פ ר ע ס ע ר...

(„די מאָלדאווישן איבער די פוילישן" 1865).

די גאליצישע מאסקילים האָבן ווידער מיט האס גערופן אָרגשטיינען „דער גרויס־אינקוויזיטאָר פון גאליציע". די אָרטאָדאָקסיע פילט זיך פעסט אין זאָטל, וואָרעם ס'איז גראָד די צײַט פון דעם טריומף פון דער רעאקציע אין גאנץ אייראָפּע, פון דער ליקווידאציע פון דער נאפּאָלעאָנישער אימפעריע און פון די לעצטע צוגווינטן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע, און דער אָנהייב פון דעם מעטערניך־רעזשים אין אייראָפּע. ארום דעם יאָר 1815 רופט ארויס אָרענשטיין דעם גרויסן כיירעם אף די אָנפירער פון די מאסקילים אין לעמבערג,—ראפּאָפּאָרט, ערטער, נאטקעס און פאסטאָר,—א כיירעם, וואָס איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אף די טירן פון דער לעמ־בערגער גרויסער שול. דער טעקסט פון דעם כיירעם איז באקאנט בלויז פון דער קאָפּיע אין דײַטש, וואָס די מאסקילים האָבן (ווײַזט אויס, צוגעפּוצט) צוגעשטעלט דער רעגירונג:

„אכיינו בניי יסראָעל! עס איז באקאנט, אז זינט א געוויסער צײַט הייבט אָן זיך פארשפּרייטן צווישן אונדז קולטור און בילדונג, און אויך דאָס לערנען פון דער דײַטשישער שפּראך. די הויפּטשולדיקע זײַנען צוויי, דאָהי באקאנטע, יונגעלײַט: שלוימע ראפּאָפּאָרט און הירש נאטקעס, וואָס דעקלאמירן עפנטלעך דעם טאנאך מיט ריין־דײַטשישער איבערזעצונג און דעם בעיער פון דעם פילאָסאָף מוישע מענדעלסאָן און אויך באוועגן זיי אלע זייערע פרײַנט און באקאנטע צו ווידמען זיך דעם שטו־דיום פון שפּראכן און וויסנשאפטן. צוליב דעם זײַנען מיר גוויזער מיטן קויעך פון דער טוירע און פון הייליקע ראבאָנים, אף זיי, זייערע טאלמידים און כאווירים און אלע, וואָס קערן צו זיי, דעם גרויסן כיירעם. מיר זײַנען גוויזער א כיירעם אויך אף אלע די, וואָס וועלן לערנען דײַטש, און ס'איז פארבאָטן צו ריידן מיט זיי און זײַן אין זייערע דאלעדאמעס... (בערנפעלד, תולדות שיר, 1899, 17).

יענע צײַטן איז א כיירעם ניט געווען קיין קלייניקײַט. עס האָט געדראָט מיט אומצאָליקע פארפאָלגונגען און אומגליקן פאר יעדן מאסקיל. עמעס, די מאסקילים האָבן זיך געווענדעט צו דער מאכט, פארופנדיק זיך אף דער עסטרײַכישער געזעצ־געבונג, וואָס האָט שוין לאנג פארבאָטן די ראבאָנים צו פּראָקלאמירן א כיירעם, און אונטערן דרוק פון דער רעגירונג איז די לעמבערגער אָרטאָדאָקסיע געווען גע־צוווּנגען ל ע פ א ָ נ ע ם אָפּצורופן דעם כיירעם. עס איז אָבער געווען בלויז אן אָנ־שטעל. דער לעמבערגער כיירעם איז געווען א סיגנאל פאר די קלעריקאלן אין גאנצן לאנד אָנצוהייבן רעדיפעס אף די מאסקילים, פארברענען וועלטלעכע ביכער, און

ביפראט האָט זיך זייער צאָרן אויסגעלאָזט צו מענדעלסאָנס בעיער. אנערעך 50 מאסקילישע איידימלעך האָט מען דאן ביגוואלד אָפּגעגעט. ערטער האָט פארלאָרן אלע זיינע לעקציעס און געמוזט אנטלויפן פון לעמבערג אין בראָד. קראָכמאל איז אין יאָר 1816 שווער באדראָט געוואָרן צוליב דעם, וואָס די קלעריקאלן האָבן אנטדעקט זיינע באציונגען מיט קאראימער. פון דער זעלביקער צייט שטאמט א בריוו פון קראָכמאלן צו א יונגן פריינט, וועמען ער טרייסט און מונטערט אין זיינע שווערע ליידן אין דער כסידיש־קלעריקאלער ארומרינגלונג: „א קאָל פון שויבער (אָנשפּילונג אפן כיירעם) האָבן געהערט מיינע אויערן, און א שאלן פון מילכאָמע, ס'האָבן אף דיר זיך מאָביליזירט די כסידים פון דיין שטאָט, געלויערט אף דיר באנאכט, אָנגעפאלן אף דיר און געסטראשעט מיטן כיירעם, ביכדיי דו זאָלסט אופהערן גיין אפן וועג פון פארשטאנד... אין הערנדיק דאָס אלץ האָט אופגעקאָכט מיין הארץ, אָבער נאָך מער בין איך צעטומלט געוואָרן הערנדיק, אז זייער פּאכאד איז אף דיר געפאלן, אזוי וויט, אז דו האָסט מאסקים געווען איבערגעבן זיי אסאך פון דיינע גוטע און ריינע ביכער צום פארברענען, און דו האָסט זיך געבעטן באם נארישן ראָשע, וואָס אין זייער שפיץ, ווי א יינגל, וואָס וויינט אונטער דער רוט" (כתבי רנ'ק, בערלין 1924, ז. 416).

אין אָט דער שווערער לאגע האָבן די מאסקילים געזוכט אן אויסוועג אין צוויי ריכטונגען: קוידעמקאָל האָט מען געזוכט הילף בא דער רעגירונג, און עס האָבן זיך א שאָט געגעבן מעלדונגען און מעסירעס אין די פארשיידנסטע אמטן, און אף פארשיידענע אויפאנים האָט מען געזוכט זיך דערקלייבן אויך צו אָרענשטיינען, וואָס האָט אָפּיציעל מיקלוימערשט ניט געהאט קיין שום שייכעס צום כיירעם. עס האָבן אין דער אקציע אָנטיילגענומען סיי פערל, סיי ראפּאָפּאָרט און מיזעס, דערהויפּט אָבער מיזעס, א פארביסענער סוינע פון יידישן קלעריקאליזם, דער ראדיקאלסטער אין דער הינזיכט פון אלע דעמלטיקע גאליצישע מאסקילים (פארגל. באלאבאן, 101—102). אויך קראָכמאל רעקאָמענדירט אין דעם אָקאָרשט דערמאָנטן בריוו דעם פארפאָלגטן יונגנמאן „נעקאָמע צו נעמען פון זיינע פארפאָלגער און ארופגיין אף זיי מיטן האק פון די געזעצן פון דער רעגירונג" (ראי להנקם מהם... ולעלות עליו בקרדומות דתי המושל יר'ה).

בא דער אלגעמיינער פארביטערונג און דער נאָך גרויסער האשפּאָע פון דער אָרטאָדאָקסיע אף די מאסן איז אָבער נאָך וויכטיקער געווען א ברייטע אופקלערונג־ארבעט, וואָס זאָל פאר די ברייטע שיכטן קלאָר מאכן, פאר וועלכע צילן קעמפט די האסקאָלע, און אראָפּרייסן די מאסקע פון אירע פארפאָלגער. און די מאסקילים אנטוויקלען א פיבערדיקע ליטערארישע פראָפּאגאנדע־ארבעט. ראפּאָפּאָרט פארפאסט דאן זיין שריפט קעגן כסידעס „נר מצוה" (1815, געדרוקט אין זיין „נחלת יהודה" קראָקע 1868). ערטער שרייבט, ווייזט אויס, אין יענער צייט זיין סאטירישע שריפט „מאזני משקל", וואָס שפּאָט אָפּ פון אָרענשטיינען און פון כסידעס (געדרוקט צוערשט אין „בכורי העתים", 1823). לעפין פארפאסט דאן זיינע שוין דערמאָנטע אנטיכסידישע שריפטן. אין י. 1816 ווערט פארפאסט די שוין דערמאָנטע קאָלעקטיווע שריפט אין דייטש קעגן דער כסידישער באוועגונג: „Über das Wesen der Secte Chassidim", וואָס ווערט צעשיקט די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן, יידן און ניט

ייִדן. פּערל פֿאַרפֿאַסט אַרום 1817 זײַן באַרימטע סאַטירע „מגלה טמירין" (געדרוקט צוערשט ווין 1819). פֿון דעם לעפּין־קרײַז גייט אַרויס אין דער זעלביקער צײַט אַ ייִדישע אַנטיקלעריקאַלע קאָמעדיע, די אַזוי גערופֿענע אַנאָנימע „גענאַרטע וועלט" (וואָרעם ס'איז פֿאַראַן נאָך אַ פּיעסע „די גענאַרטע וועלט"—אַקסענפֿעלדס[1]).

עטינגער שרײַבט אַזוי וועגן דער גרויסער האַשפּאָע, וואָס ס'האָט אויף אים געהאַט די דאָזיקע פּיעסע: „פֿאַר עטלעכע יאָר האָב איך געקריגן צו לייענען אין לעמבערג צוויי ביכלעך, איינס האָט געהייסן די „גענאַרטע וועלט", און דאָס אַנדערע „אַלטער־לעבן". ביידע ביכלעך זײַנען איבערגעזעצט און גאָר איבערגעאַרבעט געוואָרן פֿון דײַטש אויף ייִדיש. דאָס ערשטע הייסט אויף דײַטש „דער טאַרטיף" און דאָס אַנדערע „ראָבינזאָן". עך האָב צוגעזען, אַז די ביכלעך זײַנען זייער אַסאַך מענטשן געפֿעלן, דעהײַנע אַזעלכע, וואָס זײַנען גרויסע קענערס, און אַזעלכע, וואָס זײַנען פּראָסטאַקעס. די ערשטע, בין עך מיר מעשאער, האָט עס געמוזט געפֿעלן, ווײַל זיי האָבן געזען אַזוי עפּעס, וואָס זיי האָבן נאָך ביזאהער ניט געזען אויף ייִדיש לאָשן געשריבן, און די אַנדערע, ווײַל זיי האָבן עפּעס געלייענט אַ מײַסע־בוך. אויב די ביכלעך זײַנען יאָ אָדער ניט גוט געמאַכט געוואָרן, וויל עך מאַכמעס קאַמע טײַמים ניט זאָגן, נאָר דאָס ווער איטלעכער אַליין שוין אָנזען, אַז ווייניקסטנס האָט מיר דער פּלאַן צו שרײַבן אין פּראָסטע ייִדישן לאָשן געמוזט געפֿעלן, וואָרעם עך האָב מיך טייקעף געפּרוווט, אויב עס איז אין מײַן קויעך אויך עפּעס אין דעם שטייגער און אין דעם לאָשן צו שרײַבן"... („קסאַווים, ווילנע, 1925, 1 באַנד, ז. XXVIII). עטינגער האָט אָבער אָנהייב 1830 געענדיקט זײַן שטודיום און אָפּגעפֿאָרן פֿון לעמבערג. אַזוי אַרום איז די „גענאַרטע וועלט" פֿאַרפֿאַסט געוואָרן און דערשינען (אין זשאָלקיעוו) נאָך פֿאַר 1830. פֿאַראַן אָבער זאַצן אין דער פּיעסע, וואָס באַווײַזן, אַז זי רעאַגירט אויף געשעענישן פֿון יאָר 1815, און איז, ווײַזט אויס, אַנטשטאַנען אין סאַמע ברען פֿון מאַסקילישן קעגנאָנגריף. אַזוי לייענען מיר אין ערשטן אַקט:

„שרײַבער: באַ אונדז האָבן זיך די יונגעלײַט מעיאַשעוו געווען „טוב תורה עם דרך ארץ", און האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו לערנען קעסיידער לאָשן־קוידעש מיט דער גרעסטער כאָכמע דיקדוק, טייל האָבן שוין געלערנט לעשוינעס און כאָכמעס, טייל הייבן אָן מעלאָכעס אויך צו לערנען.

סויכער: נו, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ כעס, וואָס קומט פֿאַר דעם?

שרײַבער: ניין, די לאָמדים (ד. ה., די מיסנאַגדים) האָבן מיט פֿלײַס מיט די פֿרומע כעוורוסע (ד. ה., מיט די כסידים) שאָלעם געמאַכט און האָבן זיך גענומען אויף די לײַט, און פּלוצלונג איז אַ קאָל אַרויסגעקומען, אַז מע ווערט אַפּיקאָרסים, און...

1) דער איינציקער ביז איצט באַקאַנטער עקזעמפּליאַר פֿון דער אַנאָנימער „גענאַרטער וועלט", פֿון אַ שפּעטער געקירצטער און פֿאַרגרײַזטער אויסגאַבע (לעמבערג 1863) געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. דער ערשטער, וואָס האָט באַשריבן די דאָזיקע קאָמעדיע, איז כ. מ. ווינער (אין „ביבליאָלאָגישן זאַמלבוך", ב. 1, קיִעוו 1930, 140—147). פֿאַרגל. אויך מײַן נאָטיץ „די צײַט און דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער אַנאָנימער „גענאַרטער וועלט", דאָרט ז. 509—511. כ' מ. ווינער האָט געוויזן די פֿאַרבינדונג פֿון דער אַנאָנימער „גענאַרטער „וועלט" מיט די קאָמעדיעס פֿון דער בער־ליבער האַסקאָלע און איר האַשפּאָע אויף עטינגערן.

סוכער: איך שטוים מיך שוין.

באָכערל: ליבער פּאָטער, עס איז שוין אזוי אין דער מאָדע אריינגעקומען, אז פאר דער מינדעסט קליינקייט רופט מען איינעם אפּיקורעס און לייגט אים אין דער כעס אריין (אין כיירעם. מ. ע.)".

אף ז. 71 דערוויסן מיר זיך, אז פון דעם כיירעם איז גאָרניט געוואָרן, „מע האָט פובליטשנע געמוזט די כעס פארנישט מאכן" צוליב דער אריינמישונג פון דער מאכט (די אָרטאָדאָקסן האָבן געמוזט עפנטלעך אָפּרופן דעם כיירעם). דער שרייבער איז פון עסטרייך, „בא אונדז" באדייט אלזאָ א געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין גאליציע. די אנאָנימע „גענארטע וועלט" איז אזוי ארום פארפאסט געוואָרן ארום 1815—1816 און מיגאסטאם אין דער צייט צוערשט געדרוקט געוואָרן.

די „גענארטע וועלט", מיינט עטינגער, איז „איבערזעצט און גאָר איבערגעארבעט געוואָרן פון דייטש אף יידיש", נעמלעך פון א דייטשישער אויסגאבע פון מאָליערס „טארטיוף". דאָס איז אָבער ניט גאָר ריכטיק. דער „טארטיוף-מאָטיוו" שפּילט א גרויסע ראָליע אין דער פּיעסע, און דאָך איז עס אן אָריגינעל ווערק, אזוי ווי וואָלפסאָנס „לייכטזין און פרעמעליי", וואָס האָט אויך אסאך ענלעכע מאָטיוון מיט מאָליערס פּיעסע. פארקערט, עס איז לייכט צו דערווייזן, אז דער אנאָנימער מעכאבער איז געשטאנען אונטער דער שטארקסטער האשפּאָע פון וואָלפסאָנס קאָמעדיע. אזוי צ. ב. איז די וויכטיקסטע נעגאטיווע פיגור אין דער „גענארטער וועלט", ווי אין וואָלפסאָנס „לייכטזין אונד פרעמעליי", א טארטיופישע געשטאלט פון א מעלאמעד א כאָסיד א צוואק, וואָס שארט זיך אף א גראָבן אויפן סיי צו דער „פיינער בעריעטע", דער ווייב פון רייכן סוכער, סיי צו דער אָרעמער יעסומע, וואָס ווערט דערצויגן אין שטוב, סיי צו דער דינסטמיידל. די דינסט פון דער „גענארטער וועלט" שטימט מיט דער דינסט-געשטאלט בא וואָלפסאָנען, אין די האקדאָמעס פוןביידע פּיעסעס זיינען פאראן אידענטישע שטעלן: אין דער „גענארטער וועלט": „וועמען עס בייסט, דער זאָל זיך קראצן"; בא וואָלפסאָנען: „דער קראצט זיך, דעם עס יוקט". איבעריקנס האָט דער מעכאבער פון דער „גענארטער וועלט" געקענט אויך אייכלס „רעב הענעך". אזוי צ. ב. פאלט דורך דער מעלאמעד אף צוויי אויפאנים: א) די דינסט דערציילט זיינע מייסים-טויווים, ווי אין אייכלס „רעב הענעך". ב) דער מעשאָרעס אורי טוט זיך איבער ווי א מיידל, דער מעלאמעד טשעפּעט זיך צו אים, גיט אין א מאשקן א סייפער,—ווי אין וואָלפסאָנס „לייכטזין און פרעמעליי", ווו דער מעלאמעד פארזעצט זיינע טפילן.

דער מעלאמעד איז א כאָסיד, און דאָס גיט די מעגלעכקייט אנטוויקלען א ברייטע פּראָפּאגאנדע קעגן כסידעס. אזוי צ. ב. זאָגט דער סוכער: „פארצייטנס פלעגט מען דאָך אויך צו הערן פון גוטע יידן, פון רעבעס, אָבער פון איינעם אין א גאנצער מעדינע, אמאָל אין א יאָר. הייַנט האָבן זיך דאָס פלאָדעס געיאווועט, געפּלאָדזשעט. פארטשאדעט און פארפלייצט די גאנצע וועלט. ווו א שטעטל—דאָרט רעבעס!" די אנאָנימע „גענארטע וועלט" איז אזוי ארום דאָס ערשטע ווערק אין יידיש, וואָס הייבט אוף אן אָפענעם קאמף קעגן דער כסידישער באוועגונג.

אויך די דאָזיקע פּיעסע באוועגט זיך אין טראפארעט פון א בורזשואזער פאמיליע-

דראמע: א רײַכער סויכער, אָן אײדעלער, אָבער ניט אנגעשלאָסענעם מענטש, מיט סימפאטיעס פאר דער האסקאָלע־באוועגונג, האָט כאסענע צום צווייטן מאָל מיט דער גראָבער און ברוטאלער „פײַנער בעריעטע“ (שפעטער ווערט זי דער פראָטאָטיפ פון עטינגערס סערקעלע), וואָס פײַניקט די אָרעמע יעסוימע, דעם סויכערס פלימעניצע, וואָס ווערט דערצויגן בא זיי אין שטוב. אין דער יעסוימע איז אָבער פארליבט דער אײדעלער, מאסקילישער זון פון דעם סויכער (פון דער ערשטער ווײַב), וואָס כאַ־ווערט זיך מיטן גאליצישן „שרײַבער“, דעם אופגעקלערטן בוכהאלטער פון סויכער.

די נעגאטיווע פיגורן פון דער פיעסע זײַנען די פײַנע בעריעטע, וואָס קלײַבט זיך כאסענע מאכן דעם סויכערס באָכערל מיט איר טאָכטער פון ערשטן שידעך, א מיעסע אלמאָנע, און דער מעלאמעד פון באָכערל, א צוואקישער כאָסיד. סאָף פיעסע באַקומט דער זון דאָס פארמעגן פון פאָטער, האָט כאסענע מיט דער יעסוימע, און דער דעמאסקירטער מעלאמעד ווערט ארויסגעטריבן פון שטאָט. ענלעך ווי אין אייכלס און וואָלפסאָנס פיעסעס, שטייט אויך דאָ אין צענטער פון דער קאָמעדיע דער רײַכער סויכער און דער רעזאָניאָרישער אופגעקלערטער אינטעליגענט, וואָס באדינט אים—דער בוכהאלטער. נײַע פיגורן זײַנען דאקעגן די פײַנע בעריעטע און דער מאָליעריש אופגעפאסטער, האלב, נאיווער, האלב־כיטרער, מיט סימפאטיע געשילדערטער מעשאָרעס־טיפ, אורי—און ביידע געשטאלטן וועלן פון איצט אָן ווערן אן אײַזערנער רעקוויזיט פון דער יידישער בורזשואז־קליינבירגערלעכער קאָמעדיע, ביז גאָלדפאדענען („די מומע סאָסיע“) און שאָלעם־אלייכעמען אײַנשליסלעך.

דער הויפט־אונטערשייד אָבער צווישן דער גאליצישער פיעסע און וואָלפסאָנס „לײַכטזין און פרעמעלײַ“ איז די אָן א פארגלײַך גרעסערע סאָציאלע פארשארפטקײַט פון דער „גענארטער וועלט“, וואָס גיט פאקטיש אין די ראמען פון א קליינער קאָמעדיע קימאט אלע לאָזונגען פון דער גאליצישער האסקאָלע: קאמף קעגן דעם געשלאָסענעם פראָנט פון די קלעריקאלן; קעגן דעם כיירעם און די פארפאָלגונגען פון די מאסקילים; קעגן כסידעס, צאדיקים, צוואקעס; קעגן פרייִקע שידוכים און אָן דעם ווילן פון די קינדער; פאר „ערלעכן“, „סאָלידן“ האנדל און קעגן די לופט־געשעפטן פון קליינבירגערטום; פאר בילדונג און מעלאָכע; פאר „טוירע מיט דערע־כערעץ“, — אנדערש געזאָגט, א פולע פראָגראם פון דער מעסיקער האסקאָלע, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין די שריפטן פון לעפין, פערל און ראפאָפּאָרט. פון זייער קרײַז איז טאקע די קאָמעדיע ארויס. פארשיידענע ארײַנגעבראָקטע פסוקים ווערן טאקע אין דער קאָמעדיע פארטײַטשט אף לעפינס שטייגער, צ. ב. „אשת חייל עטרת בעלה וכרקב בעצמותיו מבישה“—„א בעריע א יידענע א געטרײַע ווײַב איז א קרוין צום מאנס קאָפ און א בייזע ברענט ווי א גאָשטשיק אין זײַנע גלידער“ (בא לעפינען: „אן איישעס כאיל איז א קרוין צו איר מאן, און אזוי ווי א גאָשטשיק אין זײַנע גלידער איז א שאָפלע)“. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אז דער מעכאבער איז לעפין אליין, און נאָך זיכערער איז עס איינער פון זײַנע טאלמידים. עס איז אָבער ניט פערל, ווײַל דער יידיש פון דער פיעסע איז אן אנדערער, ווי פערלס יידיש, אויך ניט לעווינזאָן, ווײַל דער יידיש פון לעווינזאָנס „העפקער־וועלט“ איז גאָר אן אנדערער, א וואָלינער, ניט א גאליצישער, ווי אין דער „גענארטער וועלט“, ווו עס ווימלט מיט א ריזיקער צאָל פּאָלאָניזמען,—און ניט קראָכמאל, וואָס האָט יידיש

קיינמאָל ניט געשריבן און ניט געקענט די געשילדערטע סוויווע. גיכער פאר אלץ איז עס, ווי געזאָגט, איינער פון לעפינס ייִנגערע טאַלמידים.

איבעריקנס איז זיך שווער צו שאפן אן ענדגילטיקן אורטייל וועגן דער פּיעסע, ווייל דער קיִעווער עקזעמפּליאר איז פון א שפּעטער אויסגאבע, וואָס איז שוין שטארק פארדרייט און געקירצט, אזוי ווײַט, אז געוויסע מאָטיוון פון דער אקציע זײַנען אין דער דאָזיקער אויסגאבע שוין ניט פארשטענדלעך. ביפראט האָט געליטן דער לעצטער—דריטער אקט, אין וועלכן ס׳הערשט דער גרעסטער פּלאָנטער. אגעוו האלט דער ערשטער אקט 39 זײַטן, דער צווייטער 26, און דער דריטער קוים 12,— קלאָר, דאָ האָט מען צומייסטן געקירצט.

ענדלעך דארף באצייכנט ווערן, אז די פּיעסע איז פארטראכט אופגעפירט צו ווערן פורים־צײַט, דערפאר קומט פאָר די גאנצע אקציע פון עסטערטאָנעס נאָך דער מעגילע ביז פורים צו דער סודע. דערמיט שעפּט זיך אויס איר צוזאמענהאנג מיטן פורים־יאָנטעוו. ענלעך, ווי וואָלפסאָן, האָט אלזאָ אויך די גאליצישע האסקאָלע גע־זוכט א וועג צום טעאטער און געשטרעבט אויסצונוצן אפילע יענע שמאָלע מעגלעכ־קייטן, וואָס ס׳האָט געגעבן דער מינעג פון טעאטער־פאָרשטעלונגען פורים־צײַט.

דער וויכטיקסטער קינסטלערישער פּראָדוקט פון דעם מאסקילישן קעגנאָנגריף קעגן קלעריקאליזם איז אָבער פּערלס אויסגעצייכנטער אנטיכסידישער פּאמפּלעט „מגלה טמירין״ („דער אנטפּלעקער פון סוידעס״. צוערשט געדרוקט אין ווין 1819). יאָסעף פּערל (1779—1839) איז געווען לעפינס טרײַסטער טאַלמיד. אויב ביקס אָנשויונגען האָבן עוואָליוציאָנירט אין קליינבירגערלעכער ריכטונג און דערפירט אים ביז כסידעס, איז פּערל טאָמיר געבליבן געטרײַ דער פּראָגראם פון זײַן רעבן, און האָט זיך פּאמע־לעך ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון דער גאליצישער האסקאָלע און געוואָרן לעבן לעפינען איר פירער, איר צענטראלע פיגור. „השר״—דער פירשט—איז פּערלס שטענ־דיקער עפּיטעט אין די דאָקומענטן פון דער גאליצישער האסקאָלע. לעפין האָט אין זײַן פראנצויזישער פּראָגראם־שריפט געפאָדערט, אז די האסקאָלע זאָל אופרײַסן דעם יידישן מיטלאלטער פון אינעווייניק, און דעם וויכטיקסטן מיטל דערצו געזען אין א מאָדערנעם שול־וועזן,—און פּערל גרינדעט א מוסטער־שול אין טארנאָפּאָל, וואָס איר פּראָגראם שטימט גענוי מיט לעפינס אָנווײַזונגען, און וואָס לויט איר ווערן שפּעטער מאָדעלירט די מאסקילישע שולן אין גאליציע און אין רוסלאנד. לעפין האָט געזען די הויפּטגעפאר ניט אין די מיסנאגדים און ראבאָנים, נאָר אין דער כסידישער באַ־וועגונג, וואָרעם „אויב ס׳וועט בלײַבן די איבערגעוויכט פון כסידים, קען ניט זײַן קיין שום האָפענונג אופצוקלערן די נאציע״,—און אויך פּערל האָט דעם הויפּטפײַער געווענדעט קעגן דער כסידישער באוועגונג. לעפין האָט געהאלטן, אז כסידעס דארף מען באקעמפן קוידעמקאָל מיטן וואָפן פון סאטירע, מע דארף אף א קאָמישן אופן פאָרשטעלן דעם לעבנשטייגער, די טוירע און די פירער פון די כסידים—און פּערל האָט עס רעאליזירט (אפילע לויט לעפינס מוסטער אין „מאכקימאס פעסי״) אין זײַנע טאלענטפולע, טעמפּעראמענטפולע שריפטן. קיין שום מיטל איז אָבער ניט געווען שלעכט אין פּערלס אויגן אין זײַן קאמף קעגן כסידים. אויב אָרענשטיין איז געווען

דער „גרויסאינקוויזיטאָר" בענעגייע מאסקילים, איז עס פערל געווען בענעגייע כסי־דים. ער האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט פאר מעסירעס צו דער מאכט. ניט לאנג איז פובליקירט געוואָרן („מאָנאטשריפט", 1927, העפט 7—8. י. ליכט, „איין אונפער־עפנטליכטעס אקטנשטיק פון יאָזעף פערל") א שארפע מעסירע פון פערלען צום קרייַ־זאמט־פּרעזידיום אין טארנאָפּאָל, דאטירט 2 יאנוואר 1827, ווו ער מאכט אופמערק־זאם אף דער רייַזע פון זשידאטשאָווער רעבן הירש אייכענשטיין קיין זבארזש, וואָס קען ברענגען שעדלעכע רעזולטאטן פאר זייַן שול, וויבאלד ס'וועלן דאָרט אף שאבעס קומען אויך טארנאָפּאָלער יידן—און שוין דעם 3 יאנוואר גיט ארויס די עסטרייַכישע מאכט א פאראָרדענונג לעגיטימירן דעם רעבן, אים אָנטאָן נעגישעס און זען אים מעשאלייעך זייַן. ניט קיין ווונדער, אז פערל איז געווען אויסערגעוויינלעך פארהאסט בא דער גאליצישער אָרטאָדאָקסיע, אזוי ווייַט, אז נאָך זייַן טויט האָבן זיך פאר־שפּרייט קלאַנגען, אז די כסידים האָבן מיט גרויס סימכע געטאנצט אף זייַן קייווער, און אז די מיטע בעשאס זייַן לעווייַע איז אָפּגעהיט געוואָרן דורך זעלנער מיט בלאנ־קע שווערדן, ביכדיי ניט דערלאָזן אן אָנפאל פון כסידים. (פארגל. ראפּאָפּאָרט העס פּעד אין „כרם חמד", ב. 5, 163—160). ראפּאָפּאָרט, וואָס לייקנט אָפּ די דאָזיקע קלאנגען איז אָבער מודע אף די פריידיקע טענץ פון די כסידים אין זייערע שטיבלעך, ווע ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פון פערלס טויט. און אויך גאָטלאָבער דערציילט אין זייַנע מעמוארן: „בא די כסידים איז ער (פערל) געווען שרעקלעך פארהאסט, זייַן נאָמען פלעגן זיי באגלייטן מיט קלאָלעס און זידל־ווערטער" (פרידקין, 142).

לעפין האָט געפּאָדערט א פּראָפּאגאנדע־ליטעראטור פארן האמוין אין יידיש, און לעצטנס האָט ווייַנלעס געפונען א פּאָר שריפטן פערלס אין יידיש, צווישן זיי א פול־שטענדיקן טעקסט פון „מגלה טמירין", וואָס איז פון פערלען, אלזאָ, פארפאסט גע־וואָרן סייַ אין העברייִש, סייַ אין יידיש [1].

פאר אַט דער ראָלע פונעם קעמפנדיקן פירער און „פירשט" פון דער גאליצי־שער האסקאָלע זייַנען גינסטיק געווען אלע באדינגונגען פון פערלס לעבן. ער איז געבאָרן געוואָרן אין טארנאָפּאָל אין א פארמעגלעכער מישפּאָכע—זייַן פּאָטער טאָד־רעס פערל איז געווען פון די רייַכסטע יידן אין שטאָט. ער האָט געלערנט געמאָרע כאסענע געהאט צו 14 יאָר, איז אין דער יוגנט געווען באגייַסטערט פון קאבאָלע און געוואָרן א הייסער אָנהענגער פון כסידעס. ער האָט אזוי ארום כסידעס געקענט אויסגעצייכנט פון אייגענער דערפארונג (ווי אלע אנדערע גרויסע אנטיכסידישע סא־טיריקער—לינעצקי, אקסענפעלד, גאָטלאָבער א. א.). וועגן זייַן יוגנט דערציילט פערל די פאָלגנדיקע כאראקטעריסטישע פּראָטים אין א דייַטשישן בריוו פון יאָר 1811 („היסטאָרישע שריפטן", ב. 1, 811—812):

„ליידער איז דאָ ניט געווען דער אָרט צו באקומען א צוועקמעסיקע־דערציִונג קיין שום שול, קיין שום לערער זייַנען דאָ ניט געווען... אסאך האָט געשטערט דער פלאן, וועלכן ס'האָבן בענעגייע מיר געהאט מייַנע עלטערן. נאָך א יונגערמאן האָט

---

[1]) און אויך לעפינס פּאָדערונג אופצושטעלן א נייַעם מאסקילישן אָרגאן האָט געפונען אן אָפּקלאנג אין פערלס טעטיקייַט: אונטער זייַן רעדאקציע דערשייַנט 1814—1816 אין טארנאָפּאָל דאָס יאָרבוך „ציר נאמן", ס'ראָוו אויסגעפילט, און אין זין פון לעפינס דירעקטיוו, מיט פּאָפּוליער־וויסנשאפטלעכע ארטיקלען. פארגל. Lin, die hebr. Presse, Belirn 1928

מען מיך אָנגעהאַלטן באַם טאַלמוד־לערנען, ווײַל מײַנע עלטערן האָבן מיט אַלע קוי־כעס געוואָלט מיך מאַכן פאַר א ראָוו. איך האָב געמוזט ביגנײַווע לערנען די דײַט־שישע שפּראַך. אין א פאַרבאָרגענעם ווינקל האָב איך אָנגעהויבן לייענען דײַטשישע ביכער, און זייער אָפט האָב איך געמוזט האָבן אונטער דער האַנט א העברעיִשן בוך וועלכן כ'פלעג עפענען, ווי נאָר כ'האָב געהערט, אַז ס'דערנעענטערן זיך מײַנע עלטערן און באַהאַלטן דעם דײַטשישן. אַזוי האָב איך געהאַט אויסצושטיין שווועריקײַטן, ביז איך בין געוואָרן ניט שלעכט באַקאַנט מיט דער דײַטשישער שפּראַך און געווען אימ־שטאַנד צו לייענען נוצלעכע דײַטשישע ווערק... אָבער, ליידער, ערשט צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָב איך געקאָנט ווערן זעלבשטענדיק, וואָרעם ביז דאַן בין איך אינגאַנצן געווען אונטער דער אופזיכט פון מײַנע עלטערן און לערער"...

דער האַסקאָלע־איבערברוך איז בא פערלען געקומען אונטער דער האַשפּאָע פון ארומיקע אויפגעקלערטע פריצים, און פערל נעמט זיך ענערגיש צום שטודיום פון וועלטלעכן וויסן. ער איז געווען א הויכגעבילדעטער מענטש—און גלײַכצײַטיק גע־בליבן א לאַמדן אין יִדיש־רעליגיעזע מאַטעריעס. זײַן פאַרמעגן, זײַן בילדונג, האָבן אים באַשאַפן א גרויסן אויטאָריטעט בא דער מאַכט—סײַ בא דער רוסישער, וואָס האָט 1809—1815 אָקופּירט טאַרנאָפּאָל, סײַ בא דער עסטרײַכישער. די ערשטע דערלויבעניש אויף זײַן מוסטערשול האָט ער טאַקע באַקומען בא די רוסן. די שול האָט ער געגרינדעט אויף אייגענע מיטלען און מיט דער אונטערשטיצונג פון עטלעכע יִדישע און קריסטלעכע מעצענאַטן.

פערלס פאַרמעגן, בילדונג, גרויסער אָנזען בא דער מאַכט און די ארומיקע מאַג־נאַטן און פריצים איז אָבער געקייפּלט געוואָרן אויף א ריזיקער ענערגיע און אײַזער־נער אקשאָנעס באַם דורכפירן זײַנע פּלענער און צילן. דערויף זאָגט איידעס זײַן קאַמף ארום ראַפּאָפּאָרטס ראַבאָנעס אין טאַרנאָפּאָל—א פאַרביטערטער קאַמף, וואָס האָט פערלען סאָפּקאָלסאָף ארײַנגעטריבן אין קייווער. ראַפּאָפּאָרט, דער טעאָרעטיקער פון דער גאַליציִשער האַסקאָלע, איר צווייטער פירער לעבן פערלען, איז געווען פון פערלס נאָענטסטע פרײַנט. ער איז געווען אַסאַך יאָרן אַן אָנגעשטעלטער בא דער לעמבערגער פלייש־טאַקסע, און טאָמיד געשטרעבט פּאָטער צו ווערן פון דער דאָזיקער פאַרנאָסע, וואָס האָט אים באַלעסטיקט און געשטעלט אין סאַקאָנע זײַן ווײַטערדיקע וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. דערצו האָט אים, צוליב זײַן מאַסקילישער טעטיקײַט, טאָמיד געדראָט די געפאַר צו פאַרלירן זיין שטעלע. אַזויאַרום איז בא ראַפּאָפּאָרטן אַנטשטאַנען דער דראַנג צו א רוּיִקער ראַבאָנישער שטעלע, די פאַרשיידענע באַמיִונ־גען אָבער סײַ פון ראַפּאָפּאָרטן, סײַ פון זײַנע פרײַנט האָבן אין משך פון יאָרן ניט געבראַכט צו קיין שום רעזולטאַט. דאַן אַנטשטייט בא פערלען דער געדאַנק אויפצונעמען ראַפּאָפּאָרטן ווי א ראָוו אין טאַרנאָפּאָל, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער ביזיצטיקער ראָוו איז שוין געווען א זאָקן פון 82 יאָר. די מערהײַט פון דער שטאָט איז אָבער געווען סײַ קעגן דער קאַנדידאַטור פון ראַפּאָפּאָרטן, דעם „אַפּיקוירעס", סײַ קעגן דעם אויפנעמען א נײַעם ראָוו, בייס דער אַלטער לעבט נאָך. ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן: די רעגירונג האָט באַשטימט אויסקלײַבן א נײַעם ראָוו, אונטער פערלס דרוק האָט די קעהילע אויסגעשריבן א קאָנקורס, צו וועלכן ס'האָט זיך אָבער ניט געמאָלדן קיין שום קאַנדידאַט, אַכוץ ראַפּאָפּאָרטן. אַזוי ארום איז ראַ־

פֿאַפּאַרט דורך פֿאַרשיידענע מאַכינאַציעס אין יאָר 1838 געוואָרן טאַרנאָפּאָלער ראָוו, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם באַ דער גאַנצער גאַליציִשער אָרטאָדאָקסיע און אַן אומצופֿרידנקייט אַפֿילו באַ אַ טייל מאַסקילים (אַשטייגער באַ קראָכמאַלן און באַ די „דויאים"). צוויי יאָר איז ראַפּאָפּאָרט געזעסן אין טאַרנאָפּאָל — און דאָס זײַנען געווען יאָרן פֿון פֿאַרביטערטן קאַמף פֿון דער מערהײַט פֿון דער קהילה קעגן אים און פֿאַר־לען, אַ קאַמף פֿול מיט קעגנזײַטיקע מעסירעס, פּאַסקווילן — אַ קאַמף, אין וועלכן די עסט־רײַכישע מאַכט איז געשטאַנען אויף פּערלס צאַד, אַרעסטירט, אַ ריי ראַפּאָפּאָרטס קעג־נער און באַשטראָפֿט אַפֿילו איינעם מיט עפֿנטלעכע שמיץ, פֿאַרמאַכט די באָטעמע־דראָשים פֿון דער אָפּאָזיציע. די אָרטאָדאָקסיע האָט נאַטירלעך ניט געשוויגן, מע האָט געענטפֿערט מיט אַ באָיקאָט אויף דער אַפּטייק פֿון פּערלס זון מיכל, מע האָט פֿאַרבאָטן מאַל זײַן די קינדער פֿון ראַפּאָפּאָרטס אָנהענגער, א. א. וו. די שטאָט האָט זיך גע־וויגט, ראַפּאָפּאָרטס לאַגע איז געוואָרן פֿון טאָג געפֿערלעכער, ביפֿראַט, ווען ס'איז דערווײַל פֿלוצלונג געשטאָרבן פּערל. אַ גליק פֿאַר אים, וואָס ס'איז אונטערגעקומען די ראַבאָנעס פֿון פּראָג, און ער האָט געקענט זיך אַרויסראַטעווען פֿון דער פֿײַנטלע־כער שטאָט (1840).

אין די דערמאָנטע מעמוארן גיט גאָטלאָבער די פֿאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע שיל־דערונג פֿון אַ באַגעגעניש מיט פּערלען אין יאָר 1828, וואָס האָט לויט גאָטלאָבערן געהאַט אַן אַנטשיידנדע ווירקונג אויף זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג (גאָטלאָבער האָט דאַן געהאַלטן באַם אָפּגיין פֿון כסידעס): „רעב יויסעף פּערל האָט מיך צוגערופֿן מיט אַ שמייכל. איך בין צוגעגאַנגען שטום, ניט געוווּסט, וואָס צו ריידן. (גאָטלאָבער איז דאַן אַלט געווען 17 יאָר — מ. ע.) האָט ער אויף מיר עטלעכע מינוט געקוקט, ווי איך שטיי אַזוי געליימט און קען דעם מויל ניט עפֿענען, און שעם זיך אויפֿהייבן דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער מיך גענומען אויספֿרעגן, וואָס איך דאַרף, נאָך וואָס בין איך געקומען און צי וויל איך אָנקומען צו אים אין שול.

„ניין, — האָב איך געענטפֿערט, איך האָב גענוג געלערנט באַ מײַן פֿאָטער און באַ מײַנע ראַבייִם... אין דעם העמשעך פֿון שמועס בין איך מיט אים אַרײַן אין אַ פֿאָ־לעמיק וועגן זײַן סייפֿער „מגלה טמירין". איך האָב אים אויפֿגעוויזן, אַז מיט אַזעלכע מיטלען, ווי אָפּלאַכן פֿון כסידים, וועט ער דעם ציל ניט דערגרייכן, ווײַל די כסידים וועלן דעם סייפֿער צערײַסן און ניט לייענען, און די אויפֿגעקלערטע נוצן אים סײַווי ניט, סײַדן אַלס פֿאַרווײַלונג, און פֿאַרווײַלן זיך מיט לייצאָנעס איז אַן אַווירע.

„אַז איך האָב געענדיקט, האָט ער מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווי פֿרעמד עס זײַנען די מינהאָגים פֿון די דאָזיקע כסידים צו אונדזער עמונע און צו אונדזער טוירע, זיי ברענגען אונדז שאָדן אין אַלע לענדער, און צוליב זיי זײַנען מיר געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט באַ אַלע פֿעלקער אַרום. „אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פֿאַרשטיין, אַז מײַנע רייד זײַנען ריכטיקע. איך בין זיכער, אַז דו וועסט אויך מיט זיי קעמפֿן און עפּשער מיטן זעלביקן וואָפֿן, וואָס, איך. דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז באַ אונדז וועט קיינער דעם סייפֿער ניט לייענען, ביסטו נאָך אַ ייִנגל. פֿאַראַן נאָך באַ אונדז אַסאַך ייִדן ניט קיין כסידים און ניט קיין מאַסקילים. און זיי וועלן עס לייענען, און באַ זיי וועלן זיך עפֿענען די אויגן. איינער פֿון די דאָזיקע ביסטו אַליין. האָ־גאַם דו געהערסט נאָך אַליין צו די כסידים, האָסטו זיך שוין פֿון זיי אויף דער העלפֿט

באַפרײַט און ווייסט שוין מער צו זײַ זיך ניט אומקערן...“ נאָכדעם, ווי ער האָט מיר אָנגעוויזן, אין וואָס פֿאַר אַ וועג איך זאָל גיין, און וואָס פֿאַר אַ ביכער איך זאָל לייענען, האָב איך זיך מיט אים צעזעגנט און אוועק.

„אַרויסגייענדיק, האָב איך דערשפּירט, אַז איך בין פּלוצלונג געוואָרן אַן אַנדערער מענטש... אַ נײַער גײַסט האָט מיך באַהערשט און מיך אויפֿגעהויבן אין דער הייך... פֿון טאַרנאָפּאָל זײַנען מיר אַוועק אין זלאָטשעוו, און אַ גאַנצן וועג האָבן מיר נאָכדעם גערעדט וועגן יוסף פּערלען“... (פֿרידקין, ז. 143—146).

אַן ענלעכן געשפּרעך גיט איבער פּערל אַליין אין זײַן „בוחן צדיק“, פּראָג 1838, ז. 27: „שויעל: און איך זאָג דאָס זעלביקע... פֿאַר וועמען האָט ער געשריבן זײַן ווערק („מגלה טמירין“)? די חסידים וועלן עס ניט לייענען, די מיסנאַגדים ברויכן ניט זײַן בוך... מוישע: לויט מײַן מיינונג האָט דער אַוטער געשריבן זײַן בוך פֿאַרן קלאַל פֿון אונדזער פֿאָלק, מענטשן, וואָס זײַנען נאָך ניט געוואָרן חסידים, וועלן פֿון דעם בוך זען די שלעכטע זײַטן פֿון דער סעקטע און וועלן ניט גיין אין זייערע וועגן“... א. א. וו.

פּערלס ליטעראַרישע ירושה איז ניט גרויס. זײַנע הויפּטווערק זײַנען „מגלה טמירין“ (ווין 1819) און „בוחן צדיק“ (פּראָג, 1838), וואָס איז אַ מין פֿאָרזעצונג פֿון „מגלה טמירין“. לעצטנס האָט ווײַנלעז געפֿונען ייִדישע, קיינמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע שריפֿטן פֿון יאָסף פּערל, דעם „מעגאַלע טמירין“ אין ייִדיש, און אַ ראָמאַן „אַנטיגנוס“, איבערגעזעצט אין יאָר 1833 פֿון דײַטש אין ייִדיש (פֿאַרגל. „ייִדישער ליטעראַרישער קאַלענדאַר“, לעמבערג, 1924, ז. 114—126). אף וויפֿל דער ייִדישער טעקסט פֿון „מגלה טמירין“ איז נאָך ניט געדרוקט, איז אונדז נאָך דערווײַל אומעגלעך זיך שאַפֿן אַ באַגריף וועגן פּערלען ווי אַ שרײַבער אין ייִדיש, — ווײַטער זײַנען באַקאַנט פֿון פּערלען אַ פּאָר אַרטיקלען אין „כרם חמד“, אַ רײַ בריוו; ניט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנען זײַנע טאָגביכער, וואָס זײַנען מינאַסטאַם אַ ביז גאָר וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט. און דאָס איז פּערלס גאַנצע ירושה.

פּערלס „מגלה טמירין“ איז אָבער אַ גלאַנצווערק פֿון דער גאַליציִשער האַסקאָלע ביז ליִנעצקיס „פּוילישן ייִנגל“ (1867) איז ניט געווען נאָך אַ ווערק, וואָס זאָל מיט אַזאַ קראַפֿט, טאַלאַנט און בײַסיקער, פֿאַרביטערטער סאַטירע שלאָגן איבער דער חסידישער באַוועגונג, און עס איז לײַכט צו זען, אַז קימאַט אַלע שפּעטערדיקע אַנטיחסידישע פּאַמפֿלעטן, פּיעסעס און ראָמאַנען, אין וועלכע ס'איז אַזוי רײַך די האַסקאָלע־טקופֿע, זײַנען געשטאַנען אונטער דער האַשפּאָע פֿון „מגלה טמירין“ — צווישן זיי אויך ליִנעצקיס „פּוילישער ייִנגל“. די פֿאָרשער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור, און אויך די מאַסקילים פֿון פּערלס צײַט, האָבן פֿאַרן גרעסטן סאַטיריקער און שרײַבער פֿון דער גאַליציִשער האַסקאָלע געהאַלטן ייִצכאָק ערטערן, דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון „הצופה לבית ישראל“, — „נעים סאַטירות ישראל“ רופֿט אים מיט היספּײַלעס ש. ד. לוצאַטאָ. דאָס דערקלערט זיך מיט ערטערס מעליצעדיקער, אויסגעהאַלטן ריין־טאַנאַכישער שפּראַך, פֿאַר וועלכער סײַ די מאַסקילים פֿון זײַן צײַט, סײַ די העברעיִשע פֿאָרשער האָבן געהאַט גרויס אָפּשײַ. געוויס איז ערטער געווען אַ טאַלענטפֿולער שרײַבער. אָבער זײַן סאַטירע, די קראַפֿט פֿון זײַן אָנגריף און דער קינסטלערישער ווערט פֿון זײַנע ווערק ווערט אָפּגעשוואַכט טאַקע דורך די פּאַפּירענע בלומען פֿון זײַן מעליצע. פֿון

ערטערס זאכן האָבן געלעקט די פינגער די מאסקילים, צו די ברייטערע מאסן לייע־נער זײַנען זיי ניט דערגאנגען, אפן פּאָשעטן ייִדן פון א גאנץ יאָר האָבן זיי קיין שום ווירקונג ניט געקאָנט האָבן. צו פּערלס קינסטלערישע אופטוען געהערט אויך דאָס געניטע קאָפּירן דעם בארבארישן העברייִש פון די כסידישע שריפטן [1], וואָס סאיז ס׳ראָוו א בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פון ייִדיש און זשענירט זיך ניט אריַנ־בראָקן אין העברייִש סלאוויזמען און ניטאיבערגעזעצטע ייִדישע ווערטער. דאָס איז געווען אסאך ווירקונגפולער, האָט גלײַכצײַטיק אי אומגעהויער פארברייטערט דעם שעטעך פון קאָמיש־סאטירישע ווענדונגען און אײַנפאלן, אי מעגלעך געמאכט, אז דער „מגלה טמירין" זאָל קענען געלייענט ווערן דורך יעדן ייִדן, וואָס פארמאָגט אביסל ידיעות אין העברייִש. ווי מיר זעען, האָט אויך די דאָזיקע ברייטער געוואָ־רענע פּעריפעריע ניט באפרידיקט פּערלען, און ער האָט פון זײַן ווערק געגרייט אויך אן אויסגאבע אין ייִדיש.

מיט זײַן „מגלה טמירין" איז פּערל געקומען צו דער ריכטיקער צײַט. מע האָט געדארפט שטעלן א ווידערשטאנד דער אָנגרײַפנדיקער צעיושעטער קלעריקאלער רעאקציע,—מע האָט אָבער געמוזט רעאגירן אויך קעגן דעם מאבל פון כסידישע פּראָפּאגאנדע־שריפטן, וואָס האָבן דאן פארפלייצט אלע ייִדישע יישובים אין מיזרעך־אייראָפּע. לאָמיר ניט פארגעסן, אז גראָד דאן, 1815, איז דערשינען צום ערשטן מאָל די „שבחי בעש׳ט", און פּערל אליין דערציילט אין זײַן „בוחן צדיק", אז אין מע־שעך פון די ערשטע צוויי יאָר זײַנען פארקויפט געוואָרן 10 טויזנט עקזעמפּליארן פון אָט דער וויכטיקסטער כסידישער פּראָפּאגאנדע־שריפט, א ריזיקע צאָל פאר יענע צײַטן. אָטאָ די צוויי מאָמענטן האָבן באשטימט דעם כאראקטער פון פּערלס פּראַכט־פולן פּאמפלעט—קאמף קעגן כסידעס ביכלאל און דאָס דעמאסקירן, אויסלאכן די כסידישע ליטעראטור ביפראט.

די פאָרם פון דעם ווערק זײַנען „איבערגעכאפּטע בריוו" פון כסידים, געזאמלט און ארויסגעגעבן מיקלוימערשט דורך א גלויביקן, טמימעסדיקן כאָסיד אויוואַדיע בען פּסאַכיע. אונטער דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים האָט זיך אויסבאהאלטן פּערל אליין. אונטער דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים האָט ער אפילע געדרוקט זײַנע ארטיקלען אין „כרם חמד" (צ. ב. אין באנד 3, נומ. 4, 19). אויך פּערלס „בוחן צדיק" איז דערשינען אנאָנים, אזוי ווײַט, אז אסאך געלערנטע און מאסקילים האָבן שוין געצווייפלט, צי איז פּערל דער אווטער פון „מגלה טמירין", און פארן מעכאבער געהאלטן לעווינזאָ־נען (פארגל. בערנפעלד, תולדות שיר, ז. 88). פּערלס אווטערשאפט קאָן אָבער ניט זײַן אין סאָפעק, וויבאלד ער באשטעטיקט עס אליין אין זײַנעם א בריוו פון יאָר 1838 (געדרוקט אין „השחר", 1869, 1—2). אויך ראפּאָפּאָרטס רעצענזיעס אף „מגלה טמירין" און „בוחן צדיק" („בכורי העתים", ב. 12, 175—181 און „כרם חמד", ב. 4, נומ. 10), כאָטש זיי רופן ניט אָן דירעקט דעם אווטער, דאָך גיבן זיי געניג רעמאָזים אף פּערלען.

די דאָזיקע אנאָנימקײַט האָט איר יעסאָד ניט אזויפל אין דער מוירע פאר פאר־פאָלגונגען מיצאד דער אָרטאָדאָקסיע, ווי אין פּערלס עצעם שפּעררישן מעטאָד. וואָ־רעם „מגלה טמירין" איז א ווערק, וואָס דערציילט מיקלוימערשט מיט אסאך היסלא־

[1]) ביפראט נאכמען בראסלעווערס מײַסעס.

וועס וועגן די גרויסע אופטוען פון די צאדיקים און זייערע אָנהענגער און מעקוראָ־זוים. דער דאָזיקער טאָן פון מיקלוימערשטער טמימעסדיקער באַגײַסטערונג ווערט אָנ־געהאַלטן פון אָנהייב ביזן סאָף,—פון דעם טיטלבלאַט אין סטיל פון „שבחי בעשיט" און אנדערע אפּאָלאָגעטישע כסידישע שריפטן, פון דער האקדאָמע פון עפּעס א פּאנ־טאסטישן ראבאָנישן אווטאָריטעט און דער נאַיוו־נארישער האקדאָמע פון דעם פּאנ־טאסטישן אויוואדיע,—ביז דער לעצטער זײַטל פון בוך. אסאך לייענער האָבן עפּשער געקויפט און געלייענט דאָס בוך אין דער איבערצײַגונג, אז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אן אָרטאָדאָקסאַלן כסידישן שוואָכים־ווערק, און עפּשער האָבן זיך געפונען אויך אזעלכע פּראָסטאקעס, וואָס האָבן נאָכן איבערלייענען דעם גאנצן ווערק נאָך אַלץ ניט פארלאָרן די דאָזיקע אילוזיע. דער דאָזיקער קאָנטראסט צווישן דעם פרומלעך־באַגײַס־טערטן, אפּאָלאָגעטישן טאָן פון דעם ווערק און זײַן שפּאָטנדיקן אינהאַלט, צווישן דעם טאָן פון דער האקדאָמע, פון די בריוו, די געלערנטע פוסנאָטעס אונטערן טעקסט די ציטאטעס פון 19 וויכטיקע כסידישע ווערק,—און די נישטיקע פּאָזיטיווע אופּ־טוען און אומצאָליקע פארברעכערישע מײַסים פון די צאדיקים און זייער געזינדל—איז אָבער דער גרונטיעסאָד פון פּערלס סאטירע, אן אומויסשעפּלעכער קוואַל פאר אויסגעצייכנטע קאָמישע עפעקטן און פאר שפּאָטנדיקן, איראָנישן סארקאזם. אָט זײַ־נען א פּאָר בײַשפּילן:

„נעכטן האָב איך זיך געזאמט נאָך מײַרעוו בא אונדזער הייליקן רעבן, דעם ליכט פון דאָר, און כ׳האָב געהערט זײַנע געשפּרעכן, וואָס זײַנען זיסער פון האָניק, און כ׳האָב געהאט גרויס האנאָע, וואָרעם אונדזער הייליקער רעבע איז נאָכן דאווענען געווען שטארק פריילעך, און זײַנע רייד זײַנען געווען מיט אסאך דוויקעס, ווי זײַן שטייגער איז, און כ׳האָב געלערנט אין אָט דער צײַט פון זײַנע רייד און זײַנע מײַ־סעס, געלויבט צו גאָט, מער, וויפל ס׳איז אימשטאנד א מענטש צו לערנען פון דער טוירע פון אנדערע צאדיקים, און כ׳וואָלט ניט מיד געוואָרן צו הערן זײַנע הייליקע ווערטער אסאך טעג אָן עסן און טרינקען. אָבער אונדזער הייליקער רעבע האָט גע־וואָלט פארויכערן די ליולקע און גיין אין אָפּטרעט, האָב איך אים געגעבן די ליול־קע, אָבער כ׳האָב ניט זויכע געווען צו געבן אים פײַער, ווײַל אן אנדערער פון אונדזער כעווורע האָט זיך געפּעדערט, בעשאס כ׳האָב געגעבן דעם רעבן די ליולקע, און געבראכט פײַער. און ווען כ׳האָב געזען, אז דער רעבע וויל ניט, מע זאָל אים באגלייטן אין אָפּטרעט, בין איך אוועק אהיים מיט גרויס סימכע, וואָס כ׳האָב זויכע געווען צו זײַן דעם רעבנס א כאָסיד און הערן דעם דאָזקן טאָג פון אונדזער רעבן אזעלכע גרויסע זאכן"...(בריוו נומ. 1).

און אָט איז א פראגמענט פון דער גלענצנדיקער סאטירישער באשרײַבונג פון דעם רעבנס ארויספאָר לאגבוימער אין וואלד:

„די וואָך איז געווען לאגבוימער, און דער דערעך פון רעבן איז ארויסצופאָרן טאָמיד לאגבוימער אין פעלד צו שיסן פון בויגן, וואָס הייסט „פאלים בויגן"(פײַל און בויגן. מ. ע.), און ער האָט אונדז אמאָל געזאָגט מיט זײַן אניוועס, וואָס איז אזוי גרויס, אז ער טוט עס אזוי, ווײַל א יידישער מינעג איז טוירע, אָבער מיר ווייסן אליין גוט, אז ער שיסט אוודע פון בויגן קעגן דעם ס׳ם (דעם סאָטן), און עס איז ניטאָ קיין שום ספּעק, אז יעדן יאָר דערהארגעט ער אים... און מיר האָבן

מיט גרויס קאָוועד אוועקגעפירט דעם רעבן אין פעלד, פאר דעם וואָגן איז געגאנגען דער קלעזמער רעב יעהודע מיטן פידל, און זײַן ברודער רעב יוסעף איז געגאנגען לעבן אים, און האָט געפויקט אין פויק מיט די טאצן, און מיר זײַנען געגאנגען א גרויסע מענגע ארום און נאָכן וואָגן און מיר האָבן געזונגען זייער שיינע ניגונים, און אונדזער הייליקער רעבע איז געזעסן אין וואָגן מיט רעב מוישע סלאווקאָוויצער, און מיט נאָך אויסדערווײלטע מענטשן. און ווער ס׳האָט ניט געזען דידאָזיקע סימכע, האָט ביכלאל אין זײַן לעבן קיין סימכע ניט געזען. און אז מיר זײַנען געקומען אין פעלד און דער רעבע האָט געהייסן זיך אָפּשטעלן, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, און מיר האָבן אים אראָפּגענומען פון וואָגן, און ער האָט גענומען דעם בויגן צו שיסן, און ער האָט געשאָסן, און דער פײַל איז געפאלן ווײַט פונדאנען, און אלע זײַנען געלאָפן אופהייבן דעם פײַל, און איך האָב ניט געקאָנט לויפן נאָכן פײַל, מאכמעס כ׳האָב געוואָלט ארײַנקוקן אין פּאָנעם פון רעבן, בייס עס איז ארויסגעשלײַדערט געוואָרן דער פײַל, און וואָס וועט ער טאָן מיטן בויגן אָן דעם פײַל, און כ׳האָב געזען, אז איידער ער האָט געוואָרפן דעם פײַל, האָט ער אופגעהויבן זײַנע הענט, און אז דער פײַל איז געוואָרפן געוואָרן, האָט ער אראָפּגעלאָזןביידע הענט. צוערשט האָט ער דעם בויגן געהאלטן אין דער לינקער האנט, און דעם פײַל אין דער רעכטער, און אז ס׳איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן דער פײַל, האָט ער גענומען דעם בויגן אין דער רעכטער האנט,—און געוויס זײַנען דאָ פאראן גרויסע און מעכטיקע קאוואָנעס... און אויך בין איך דיר מודיע, אז הײַנט האָט דער רעבע געענדערט זײַן מינעג, וואָרעם טאָמיד פלעגט ער שיסן פון בויגן בלויז איין מאָל, און דו ווייסט, אז מיט גאָטס הילף האָב איך די זכיִע אסאך יאָרן צו זײַן באם רעבן, און קיינמאָל האָט ער ניט געשאָסן מער ווי איין מאָל, און הײַנט, אז מע האָט אים געבראכט דעם פײַל, האָט ער זיך געווענדעט אין יענער זײַט, ווו ס׳געפינט זיך דײַן קעהילע, און געשאָסן דעם פײַל אין יענער זײַט, און ווי כ׳מיין לויט מײַן באשיידענעם פארשטאנד, ביכדיי צו הארגענען דעם ס׳ם פון דײַן קעהילע... כ׳האָב דיר געוואָלט אף יעדן פאל שיקן דעם פײַל, וואָס מיט אים האָט דער רעבע דערהארגעט דײַן סאָטן, ביכדיי דו זאָלסט האָבן נאכעס, אָבער ווען ער האָט געשאָסן צום צווייטן מאָל איז דער פײַל געפאלן אין וואָגן (דער רעבע איז ווײַזט אויס געווען א וואזשנער שיסער. מ. ע.), ווי כ׳מיין, איז עס א סימען, אז דער ס׳ם וועט זײַן ניכנע אונטערן געזעס פון אונדזער הייליקן רעבן. און אז דער פײַל איז געפאלן אין וואָגן, האָט דער באלעגאָלע צוגענומען דעם פײַל, און האָט געזאָגט, אז ער וועט אים קיינעם ניט אָפּגעבן, וואָרעם דאָס איז זײַן מאזל, און דער באלעגאָלע האָט אים פארקויפט צו איינעם א באָכער פון קריידיק. און דעם בויגן האָט דער רעבע געגעבן צו די ביידע ברידער קלעזמער רעב יעהודע און רעב יוסעף...און מאכמעס דעם בויגן האָבן זיי געהאט בעשוטפעס און יעדער פון זיי האָט אים געוואָלט האָבן, און דער רעבע האָט געזאָגט, אז צוריקוועגס וועלן זיי ניט שפּילן, זײַנען זיי געגאנגען אזוי פון פעלד ביזן רעבנס שטוב און געהאלטן ביידע דעם בויגן, און אז זיי זײַנען געקומען אין רעבנס שטוב, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך קריגן, ווער וועט האָבן דעם בויגן, ביז איינער האָט געזאָגט, מע זאָל זיך צעטיילן אלפּי גורל, איינער זאָל נעמען דעם פאָדעם, און דער צווייטער דעם רייף, און אף רעב יעהודען איז אויסגעפאלן דער

פאָדעם, און אף רעב יויסעפן די רייף, האָט רעב יעהודע גענומען דעם פאָדעם און צוגעבונדן צו זײַן פידל, און רעב יויסעף האָט די רייף צוגעמאכט צו זײַן פויק, און מיר האָבן אין דעם געזען בעכוש גאָטס האשגאָכע...אָבער צו וואָס דארפן מיר האָבן ראיעס און סימאָנים, אלץ, וואָס קומט דאָך פאָר באם הייליקן רעבן איז דאָך אלץ מײַסע ניסים, יעדן טויזנטסטל פון א מינוט זעען מיר דאָך אזעלכע ווונדער און מויפסים...״ (בריוו נומ. 45).

אין העברייִשן טעקסט, ווי געזאָגט, ווערט דער קאָמישער עפעקט נאָך פארשטארקט דורך דעם מאקאראָנישן לאָשן פון די כסידים. זיי שרײַבן צ. ב. „הבוך הזאת״ (דער דאָזיקער בוך), „ענין טעריס״ (אינטערעס, אָנגעלעגנהײַט), הרייף־דער־רייף; „היום פגעתי את הפאקטער מסאָוועטניק גלאָכאָוו״ (הײַנט האָב איך באגעגנט דעם פאקטער פון דעם גלאָכאָווער סאָוועטניק), „ולמד שם בהשקאָלעס דײַטשערישע״ (ער האָט דאָרט געלערנט אין די דײַטשישע שולן), „פחד את עצמו״ (האָט זיך דערשראָקן, פערל איבערזעצט טאָמיד דעם „זיך״ און באקומט דורך דעם אויסגעצייכנטע קאָמישע עפעקטן): „עזוב אותך על זכות רבנו״ (פארלאָז זיך אף אונדזער רעבנס זכוס), „עשן הליולקע״ (האָט גערויכערט די ליולקע), „אנחנו בטוח״—(מיר זײַנען זיכער), „לקבור אותו עשרה אמות תחת הארץ״ (באגראָבן אים צען איילן אין דער ערד), רוע מזל״—(שלימאזל), „זה הרשע שכב א׳ה עצמו על הקהלה שלנו״ (דער דאָזיקער ראָשע האָט זיך אָנגעלייגט אף אונדזער קעהילע), „אני אעשה לך סוף שחור״ (איך וועל דיר מאכן א שווארצן סאָף), „צאו מהמקוה כי הנר יוצא״ (גייט ארויס פון מיקווע, ווײַל דאָס ליכט גייט אויס), א. א. וו., א. א. וו.

עס ווימלט ביכלאל מיט גראמאטישע פעלערן, און דער מיקלוימערשט טמימעסדיקער אויוואדיע זאָגט באלד אין דער האקדאָמע: „כ׳האָב אפילע געזען אסאך מאָל באוויניוויסיינו האָראבים, אז די לייצאָנים פון דאָר שפאָטן אָפּ פון כסידים, און זאָגן, אז זיי קאָנען ניט ריכטיק שרײַבן העברייִש, און שרײַבן טאָמיד פול מיט גרײַזן ווי פאָשעטע אמעראצים. דאָך האָב איך זיך געזאָגט: וואָס קימערן מיך זיי און זייער לייצאָנעס, זיי פאָרן דאָך ניט צו ראַבײַים, און ס׳איז באוווסט, אז ייִדישקײַט הענגט אָפּ פון פאָרן צום רעבן; וואָס ארט מיך, אויב מענטשן אָן ייִדישקײַט שפאָטן, איך וועל שרײַבן אין דער שפראך, ווי עס שרײַבן אלע צאדיקים און כסידים, ווי ס׳איז געשריבן דער סייפער „שבחי בעש׳ט״ און די הייליקע ספאָרים פון נאכמען בראסלעווער, און ביפראט זײַנע הייליקע „ספורי מעשיות״...און ווען עמיצער פון ייִדישע קינדער שרײַבט א ריינעם לאָשן, האלט מען אים פאר אן אפיקוירעס, וואָרעם ער איז זיכער א פולשטענדיקער אפיקוירעס אָן שום סאָפעק״...

די פאבולע פון „מגלה טמירין״ דרייט זיך ארום א בוך אין דײַטש, וואָס גאליצישע מאסקילים האָבן אים פארפאסט און פארשפרייט צווישן אָנגעזעענע קריסטן, הויכע באאמטע און גרויסע פריצים,—פון וואָס ס׳איז ארויסגעקומען אסאך שאָדן פאר דער כסידישער באוועגונג און די צאדיקים. די כסידים ווענדן אָן די פארשיידנסטע קאָמבינאציעס, ביכדיי ארײַנצובאקומען „הבוך״, און שטרעבן שפּעטער אים אופקויפן און פארברענען. געמיינט ווערט, ווײַזט אויס, דאָס שוין דערמאָנטע ווערק פון יאָר 1816: “Über das Wesen der Secte Chassidim„, וואָס איז ארויס פון דעם קרײַז לעפין, פערל, שטערן. אגעוו ניט עס א מעגלעכקײַט געגויער באשטימען

די אנטשטייונג־דאטע פון פערלס „מגלה טמירין״—אנערך 1817. אזוי ארום באקענען
מיר זיך מיט דער כסידישער אָרגאניזאציע, מיט דער ברייט אויסגעשפרייטער נעץ,
פון צאדיקישע אגענטן, שפּיאָנען, אָנגעשטעלטע און טאמעוואטע אָנהענגער און פאר־
פירטע, מיט די כסידישע מעטאָדעס, ווו יעדער מיטל איז דערלויבט און קאָשער,
אפילע דער מיִעסטער און פארברעכערישסטער, מיט זייערע אינטריגעס, מעסירעס און
פארשיידענע סטראטעגישע קונצן. מיטן פאנאנדערוויקלען זיך פון דער קאָרעספּאָנ־
דענץ אנטשטייט א גאנצע גאלעריע טיפּן פון צאדיקים, זייערע „סעקרעטארן״ און די
אָנפירער פון זייער פּאָליטיק, זייער אקטיוו און זייער פארנארישטער, אומבעראכמאָ־
נעסדיק עקספּלואטירטער טשערעדע. אזוי שטייט אוף אין זײַן גאנצער פראכט זעליג
לעטיטשעווער, דער „סעקרעטאר״ פון זאָלינער רעבן, א רויבפויגל, וואָס האלט אפי־
לע דעם צאדיק אין האנט און פירט דורך זײַן פּאָליטיק אָפּט אפילע אָן דעם וויסן
פון דעם אלץ וויסנדיקן רעבן; זײַנוול ווערכעווקער, דעם רעבנס אגענט אין קריפּען,
וואָס בא זײַן גאנצער מיקלוימערשטער איבערגעגעבנקײַט צום רעבן, כאָלעמט ער
אליין ווערן א רעבע, הייבט אָן פאמעלעך, אליין פראוועזן שאלעסודעסן, ביז ער ווערט
געכאפּט בא דער האנט פון די זאָלינער מעקוראָווים און מוז זיך אָפּזאָגן פון זײַן
פּלאן; די אלמאָנע פריידע, א געצײַג אין די הענט פון די כסידים, וואָס נוצן אויס
איר נאָענטקײַט צום אָרטיקן גרויסן פּאָרעץ, און ווען זי ווערט שוואנגער, שטרעבן
זיי שלאָגן דערוף קאפּיטאל, ביז עס ווערט קלאָר, אז זי איז גאָר שוואנגער פון דעם
זאָלינער רעבנס אויסגעלאסענעם זון הערצקע; עס ווערט אופגעקלערט דער יעסאָד
פון דעם רעבנס „ניסים״, וואָס בויען זיך אין גרעסטן טייל פאלן אף גענויע אינ־
פאָרמאציעס, וואָס דער רעבע און זײַנע מעקוראָווים באקומען וועגן יעדן אָנגעזוע־
ענעם כאָסיד און באזוכער פון זייערע אגענטן; עס ווערט געשילדערט דער אויפן,
ווי די כסידישע הויפן פירן פראָפּאגאנדע, ווי אזוי מע באארבעט פלאנמעסיק אלע
וויכטיקסטע פערזאָנען פון ארומיקע און וויײַטערע שטעט און שטעטלעך, ביז מע
פארוואנדלט זיי אין כסידים; אסאך פּלאץ גיט אָפּ פערל אויך דער שילדערונג פון
די אינעווייניקסטע קאמפן פון די צאדיקישע דינאסטיעס, דעם קאמף פון די הויפן
זאָלין און דישפּאָל פאר האשפּאָע און העגעמאָניע. עס באקומט זיך א ברייט בילד
אין די טונקלסטע פארבן, שילדערונגען פון גנייווע, גזיילע, זנוס, עקספּלואטאציע
פון ייִשוווניקעס און רענדארן, אָפּנארערײַ און שארלאטאנעווען אָן א סאָף. די טיפּן
ווערן ניט אינדיִווידואליזירט: „אלע יעוואָנים האָבן איין פּאָנים״,—אלע כסידים און
צאדיקים ווערן בא פערלען געשילדערט מיט די זעלביקע מיטלען און אפן זעלביקן
אויפן, און שווער צו אונטערשיידן צווישן דעם זאָליגער רעבן אָדער דעם דיס־
פּאָלער, צווישן זײַנוול ווערכעווקער און זעליק לעטיטשעווער, און דאָס ניט געקוקט
אף דעם, וואָס פערל האָט אסאך טיפּן און געשעענישן מאָדעלירט לויטווירקלעכע
געשטאלטן. אזוי צ. ב. שרײַבט פערל אין דעם דערמאָנטן בריוו פון יאָר 1838, אז
דעם אויסגעלאסענעם זון פון רעבן, הערצקען, האָט ער מאָדעלירט לויט הערצקען, דעם
זון פון דעם צאדיק כײַים קאָזאָווער (כײַים טשערנאָוויצער). אינטערעסאנט איז, אז
ווי פערל שרײַבט אין דעם זעלביקן בריוו, איז דער פּאָטער כײַים קאָזאָווער גראָד
געווען אן אָרנטלעכער מענטש; אין „מגלה טמירין״, ווו ער דארף זײַן דער זאָלינער
רעבע, ווערט ער גראָד געשילדערט אין א סארקאסטיש־פינצטערער ליכט. — דעם

זעלביקן צוגאנג וועלן מיר זען אויך בא אלע שפּעטערדיקע אנטיכסידישע שרײַבער, אשטייגער בא אקסענפעלדן, בא וועלכן עס קלעפּן זיך צו מעכאניש צו די צאדיקים די אָדער יענע ביאָגראפישע פּראָטים און אינדיווידועלע אייגנטימלעכקײַטן, דאָס איז אָבער א מעכאנישע פארבינדונג: אקסענפעלד האָט אין טאָך געשאפן בלויז איין טיפּ צאדיק. קלאָר: די מאסקילים האָבן ניט געזען קיין שום נויטווענדיקײַט צו דיפערענצירן די צאדיקים, וויבאלד זיי אלע האָבן פאַרגעשטעלט אין זייערע אויגן דעם זעלביקן מין שווינדלער און עקספּלואטאטערן, זיי האָבן אויך ניט אונטערשיידט קיין שולן, ריכטונגען אין דער כסידישער באוועגונג: פאר זיי זײַנען געווען א גלײַכער אומגליק וואָלינער כסידים, בראסלעווער אָדער כאבארניקעס.

ווי לעפינס א געטרײַער טאלמיד, האָט זיך פּערל ארויסגעוויזן אויך אין זײַן שילדערונג פון די ראבאָנים און זייער באציִונג צו דער כסידישער באוועגונג. לעפין שרײַבט אין זײַן פראנצויזישער בראָשור: „די אמביציע פון די אָרעמע ראבאָנים, וועמען דאָס באקומען פון זייער וויסן איז אָנגעקומען מיט אומענדלעכע יעסורים, מוז צוליב דעם (צוליב דער כסידישער באוועגונג) זײַן שטארק אָנגעגריפן..: די דאָזיקע בידנע מענטשן, וואָס זײַנען אמאָל אליין געווען ניט טאָלעראנט, זײַנען געוואָרן מילד ווי שאָף, און שטרעבן בלויז צו זײַן מיכוץ דער פארפאָלגונג פון זייערע קעגנער". און לעפין קומט צום אויספיר, אז מע דארף אויסנוצן די אומצופרידנקײַט פון די ראבאָנים, וואָס ווערן טרעטירט דורך די כסידים און צאדיקים, אין די אינטערעסן פון דער האסקאָלע־באוועגונג. אין דעם דאָזיקן זינען שילדערט פּערל דעם קאָלנער ראָוו, וואָס קריצט אָנמעכטיק מיט די ציין, וואָרעם ער פאראכט די כסידים, זייערע צאדיקים און לעכערלעכע טוירעס, און דאָך מוז ער זיך פאָרשטעלן ווי א הייסער אָנהענגער פון זאָלינער רעבן, אף וויפל ער לעבט אין א כסידישער ארומרינגלונג, ביז ס׳געלינגט אים ווערן ראָוו אין א גרויסער שטאָט, ווו ערווארפט אראָפּ פון זיך די מאסקע און טרעט אוף שארף קעגן כסידעס. — צו לאָמדים־מיטנאגדים איז ביכלאל פּערלס באציִונג א גאנץ ווארעמע. אזוי שרײַבט אויך פּערל אין זײַן „בוהן צדיק" (ז. 28); „דורך דעם בוך („מגילה טמירין") וועט אונדזער פאָלק זען זייער טעאָריע און פראקטיק, און אויך די לאָמדים און ראבאָנים וועלן זען, ווי נאָר דורך די כסידים זײַנען זיי טיף דערנידעריקט געוואָרן... און אז דער גאנצער ציל פון דער סעקטע פון איר אָנהייב ביז איצט איז בלויז צו דערנידעריקן די ראבאָנים און לאָמדים אין די אויגן פון פאָלק"...

און דאָך איז די איינציקע בעעמעס פּאָזיטיווע פיגור אין „מגלה טמירין" בלויז דער רײַכער און אופגעקלערטער סויכער און פּאָדראטשיק מאָרדכע גאָלד, „א שיינער מיט לאָקן, אָנגעטאָן אין שיינע קליידער, מיט א פאטשיילע אפן האלדז, רעדט לאנגזאם, א באלכעזשבן און א קענער פון ביכער, אָבער קיינמאָל האָט ער ניט געלייענט עפּעס א הייליקן בוך פון די צאדיקים, און ער איז אביסל מעשוגע, ווײַל ער לײַדט ניט שמוץ אף זײַנע קליידער, און אז ער זעט אן אָרעמען קריסט, גיט ער אים א נעדאָווע, און ער טרינקט ניט בראנפן, און רויכערט ניט די ליולקע"... אזוי כאראקטעריזירן אים מיט סינע די כסידים (בריוו נום. 8). מיר וועלן זען, ווי די דאָזיקע אידעאלע געשטאלט פון א רײַכן, שיין אָנגעטאָנענעם פּאָדראטשיק און סויכער, א באלכעזשבן און א גוטהארציקן אפילע צו זײַנע סאָנים, א מעקורעוו באם

פּאַרעך און נאטשאלסטווע, וועט זיך איבערכאזערן אין א ריי וואריאציעס בא אקסענפעלדנ. [1]

אָן א פאַרגלײַך שוואכער איז פּערלס צווייטער בוך „בוחן צדיק" (פּרווו פון א צאדיק). פּערל האָט דאָ איבערגעניצעוועט דעם מעטאָד פון „מגלה טמירין", און ביכלאַל קומט דאָ א געמיש פון פאַרשיידנסטע איניאָנים, און ס'פעלט א פאַרבינדנדיקער פאָדעם צווישן די פאַרשיידנסטע טיילן פון בוך. צוערשט קומען „איבערגעכאַפּטע שמועסן" וועגן דעם בוך „מגלה טמירין" פון פאַרשיידענע מענטשן, אָנהענגער און קעגנער פון בוך. פּערל פּרוּווט דאָ נאָכמאכן אין העברייִש די יִדישע ריידשפּראַך, און נוצט דאָ אָפט יענעם מעטאָד פון קאַריקאַטוריזירטן שפּראַך־פּאָלקלאָר, וועלכן ס'האָט מיט אזא דערפּאָלג אנטוויקלט אקסענפעלד, אשטייגער: „מ ע י ע ר, איך גלויב עס ניט, ווער איז דער נאר, וואָס זאָל אים גלויבן, אז ער איז געוועזן א רויע וועאיינולי נירע, וואָס האָב איך דערפון, וואָס ער שרײַבט, אז ער איז געוועזן א רויע וועאיינולי נירע, ער איז אוואדע ניט געוועזן א רויע וועאיינולי נירע" (ז. 18). אָדער ז. 29: „י ע כ י ע ל ל ײַ ב ו ש: וואָס איז דאָס פאר א גרויסע זאך צונויפזאמלען פאַרשיידנע זאכן? יעדער מענטש, אז ער וועט וועלן צונויפזאמלען זאכן פון אסאך ביכער, וועט ער זיי צונויפזאמלען און וועט מאכן פון זיי א גאנצע זאך. אין מײַנע אויגן איז עס ניט א גרויסע זאך, און דער מעכאבער פון „מגלה טמירין" האָט דאָ ניט געוויזן קיין שום זאך..." און ענלעך ווי בא אקסענפעלדן טרעט אויף דער דאָזיקער גוזמעדיקער שפּראַך־פּאָלקלאָר דערהויפּט בא נעגאטיווע פיגורן, ווי א מיטל אויסצולאכן זיי און דיסקרעדיטירן. [2] דערנאָך קומען קורצע שילדערונגען פון פאַרשיידנע געשטאלטן, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קלאסן און שיכטן אין גאליצישן ייִדנטום, און פּערל קומט צו פעסימיסטישע אויספירן: אומעטום זעט ער פוילונג און פאנאנדערפאַל. עס טויגן ניט די כסידים און צאדיקים, אָבער ניט בעסער איז באַם סאָכרישן מיטלשטאנד, און אויך בא די מאסקילים פעלן ניט פסעוודאָ־אופגעקלערטע און סטאַם אמעראצים, מיט אביסל אָנגעכאפּטע אויבנויפיקע יעדיִעס; פויל איז אויך באַם קליינבירגערטום, וואָס שאכערט, נארט אָפּ אין האנדל, פאַרקויפט געפעלשטע פּראָדוקטן, און אויך די באלמעלאָכעס קאָנען ניט זייער פאך און שטרעבן באגאנווענען זייער קלייענט. די רעטונג, זאָגט פּערל, איז לאנדווירטשאפט, און ער פאַרענדיקט מיט א באשרײַבונג פון די קאָלאָניעס פון יידישע פויערים, וואָס די צארישע רעגירונג האָט געשאפן אין דאָרעם־רוסלאנד — א באשרײַבונג, וואָס שאפט אן אידיליע פון דער דאָזיקער גרויזאם און אומגעלומפּערט דורכגעפירטער קאָלאָניזא־

[1]) באלאבאן האָט אין א ריי זײַנע ארבעטן אָנגעפלאָנטערט, אז פּערלס „מגלה טמירין" האָט לעכאטכילע געהייסן „מגלה סוד", און צוליב דער צענזור האָט פּערל געמוזט בײַטן דעם נאָמען. באלאבאן פארופט זיך דערבײַ אף פּערלס בריוו צו לעווינזאָנען, פּובליקירט אין „באר יצחק", ווארשע 1899, ז. 39—41. פון ז. 11 האָט אָבער באלאבאן געקאָנט זען, אז „מגלה סוד" איז געווען לעווינזאָנס א בוך, און ניט פּערלס. אגעוו הייסט לעווינזאָן אין באלאבאנס גאליציע־בוך ניט מער און ניט ווייניקער, ווי „יאנקעוו בער לעווינזאָן פון זשיטאָמיר" (!). (ז. 98). וועגן „מגלה סוד" פאַרגל. בא באלאבאנען דאָרט, ז. 99—100, און „ייִדן אין פוילן", ווילנע 1930, ז. 232.

[2]) וועגן אָט דער ראָליע פון שפּראַך־פּאָלקלאָר פאַרגל. די ארבעט פון כ' מ. ווינער אין די קיִעווער „שריפטן", באנד 1, 1928, ז. 73—129.

ציע. די דאָזיקע באשרייבונג, און ביפראט די שילדערונג פון דער קאָלאָניע „יפה נהר״ (בא פערלען בריוו נומ. 30 און 32) שטימט קימאט וואָרט אין וואָרט מיט א קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געווען פארעפנטלעכט אין יאָר 1823 אין אייזענבוימס צייטונג „דער בעאָבאכטער אן דער ווייכסל״, וואָס איז דערשינען אין ווארשע, נומ. 31 און 32. אף וויפל פערלס בוך איז געשריבן אסאך שפּעטער, איז ניט אויסגע־שלאָסן, אז ער האָט עס איבערגעדרוקט פון דער ווארשעווער צייטונג אָדער פון אן אנדער אָרגאן (א יידיש־דייטשישן). מעגלעך אָבער, אז ער האָט באקומען דעם דאָזיקן באריכט פון ערשטער האנט, וואָרעם, ווי די רעדאקציע פון „בעאָבאכטער״ שרייבט, זיינען די אווטערס פון דער קאָרעספּאָנדענץ צוויי אָנגעזעענע פרויען פון בראָד, וואָס האָבן צו יענער צייט געמאכט א רייזע איבער רוסלאנד. פערל האָט געקאָנט פון זיי דירעקט באקומען דעם דאָזיקן מאטעריאל, און עפּשער האָט ער אים רעדא־גירט (וועגן דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, ניט ווִיסנדיק, אז זי איז געדרוקט אין פערלס „בוחן צדיק״, האָט ניט לאנג געשריבן מייזל אין „צוקונפט״, 1931, אָקטיא־בער־העפט, ז. 646—649).

אזוי ארום איז פערלס אידעאָלאָגיע אין טאָך די זעלביקע, וואָס לעפינס. ס'איז שטארק מעסיקע אופקלערונג, און איר אָביעקטיוו־בורזשואזער אינהאלט איז נאָך אלץ געקליידט אין פעאָדאלע פאָרמעס. זי איז אסאך מעסיקער פון דער בראָדער אופקלערונג, וואָס איר באזע איז געווען דער גרויסהאנדל פון אן אינטערנאציאָנאלן מאסשטאב. פערלס טארנאָפּאָלער שול איז טאקע געווען אסאך קאָנסערוואטיווער, ווי די גלייכצייטיקע בראָדער האנדל־שול. און אין זיין „בוחן צדיק״ (62—63) רעדט פערל מיט אומווילן וועגן דעם בראָדער הו־הא, וועגן אָט דער רווישיקער האנדל־שטאָט מיט אירע זיטן. פאר לעפינען איז בראָד אויך געווען בלויז „אבדערא״.

ניט אף דער אינדוסטריע אָריענטירט זיך פערל, און ניט אפן גרויסהאנדל, נאָר אף דער לאנדווירטשאפט. זיין פּאָזיטיווער העלד איז אן אופגעקלערטער סויכער, וואָס דרייט זיך ארום דעם אופגעקלערטן פּאָריץ. מיר האָבן דאָ אן אייגנארטיקע אָפּ־שפּיגלונג פון די טעאָריעס פון די פיזיאָקראטן, פון יענע טעאָריעס, וואָס זיינען לויט מארקסן „א מין בורזשואזע רעפּראָדוקציע פון דער פעאָדאלער סיסטעם פון דער הערשאפט פון ערד־אייגנטום״. פערלס ווערק רעפּראָדוצירן די אידעאָלאָגיע פון יענעם טייל יידישן מיטלבירגערטום, וואָס איז ענג פארבונדן מיט דער ווירטשאפט־סיסטעם פון פריצים, א ווירטשאפט, וואָס הייבט אָבער אויך אָן לאנגזאם זיך צו־צופּאסן צו די נייע קאפּיטאליסטישע באציִונגען. אין פערלס ווערק קומט צום אויס־דרוק די גאנצע אָפּגעשטאנענקייט פון פּראָווינציעלן פארמעגלעכן יידישן בירגער־טום אין גאליציע, אין א סוויווע, ווו ס'איז ניטאָ קיין אינדוסטריע, קיין ראשיקער און רווישיקער האנדל, ווו ס'איז נאָך שטייף און שטארק די רעליגיעזע טראדיציע. און דאָך רירט זיך דער אייז אויך דאָ, און דאָך שטעלט די נייע קאפּיטאליסטישע טקופע אויך דאָ ארויס נייע פאָדערונגען.

אזוי הייבט זיך אָן אויך דאָ, אין דער אָפּגעשטאנענער גאליצישער פּראָווינץ, דאָס יידישע בירגערטום לאנגזאם פארוואנדלען אין א מאָדערנער בורזשואזיע. דער־

פון נעמט זיך אָבער די פּערל־האסקאָלע, ווו דער בורזשואזער אינהאלט איז נאָך אַלץ אײַנגעהילט אין א פעאָדאלן הײַטל.

„אז ס'איז דערשינען „מגלה טמירין״ — זאָגט ראפּאָפּאָרט אין זײַן רעצענזיע אף „בוחן צדיק״ (כרם המד, ב. 4, 45—57) — האָט עס געהאט א גוואלטיקע ווירקונג, פון שאנד האָבן זיך אסאך כסידים אויסבאהאלטן, און אז ס'האָט זיך עמיצער פון זיי באוויזן, האָט מען אים גלײַך צוגעקלעפּט א נאָמען לויט א העלד פון „מגלה טמירין״ זאָגנדיק, דאָס איז זײַנוול ווערכעווקער, דאָס איז כאַים גאווריִער, א.א.וו.... איך האָב דאן לײַכטזיניק געזאָגט, אז נאָך א יאָר אָדער צוויי וועלן די כסידים און צוואקעס פארשווינדן אינגאנצן... אָבער אָנשטאָט וואָס מיר האָבן געהאָפט, אז די צאָל כסידים וועט ווערן אַלץ קלענער, ביז זיי וועלן אינגאנצן פארשווינדן, האָבן זיי זיך זינט דעמאָלט געוואלטיק פארמערט״... לויט באלאבאנען האָט מען „מגלה טמירין״ עפּנטלעך פארברענט אין אסאך גאליצישע שטעט (ז. 100).

געוויס איז „מגלה טמירין״ געווען א שארפער וואָפן אין קאמף פון דער האסקאָלע מיט דער כסידישער באוועגונג. און דאָך האָט צום יאָר 1819 כסידעס ערשט אָנגעהויבן זיך פארפעסטיקן אין גאליציע, בייס צום יאָר פון פּערלס טויט האָט עס פארכאפּט קימאט דאָס גאנצע לאנד, דער ריזיקער רעזערוואר פון גאליצישן קליינבירגערטום, יישוווניקעס און קליינקרעמערישע לופטמענטשן איז געווען דער גינסטיקסטער באָדן פארן וווקס פון דער כסידישער באוועגונג. און ניט פּערלס קלאס, ניט זײַנע סאָציִאל־פּאָליטישע אידייען, ניט די אבסאָליוטע פּריצישע רעגירונג, אָן וועלכער ער האָט זיך געקלאמערט, האָבן דאָ געקאָנט אופּשטאָן עפּעס מאמאָשעסדיקעס [1].

פּערלס נאָענטסטער מיטקעמפער איז געווען שלוימע יעהודע ראפּאָפּאָרט (שי"ר — געב. 1790 אין לעמבערג — געשט. 1867 אין פראָג). זײַן שאפן קאָן צעטיילט ווערן אף דרײַ פעריִאָדן: 1. ביז 1828 — ווען ראפּאָפּאָרט פארנעמט זיך פיל מיט בעלעטריסטישן שאפן אין העברייִש, גיט אינטערעסאנטע איבערדיכטונגען פון שילערן (פון דער „גלאָקע״, בכורי העתים, ב. 1 און 7) און פאראפראזירט אין העברייִש ראסינס „עסטער״ („שארית יהודה״, דאָרט, ב. 8). 2. 1840—1828, — ווען ראפּאָפּאָרט אנטפּלעקט זיך ווי אן ערנסטער און טאלענטירטער היסטאָריקער און גיט א ריי מאָנאָגראפיעס, וואָס זײַנען געוואָרן וויכטיקע ווינקלשטיינער פון דער „כאָכמעס ייסראָעל״. 3. 1867—1840 — דער פעריִאָד פון ראפּאָפּאָרטס ראבאָנעס אין פראָג, ווען זײַן וויסנשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט לעבט איבער א יערידע און דעגראדירט אויך אין אידעאָלאָגישן זינען, — ראפּאָפּאָרט שטרעבט איצט אויסצונעמען בא דער אָרטאָדאָקסיע, און דאָס רופט זיך טייקעף אָפּ אויך אפן וויסנשאפטלעכן ניוואָ און ווערט פון זײַנע פאָרשונגען.

אונדז קען אינטערעסירן בלויז ראפּאָפּאָרט, דער קעמפער און טעאָרעטיקער פון דער גאליצישער האסקאָלע. ער האָט רעפּרעזענטירט, ווי פּערל, זײַן פרײַנט און מע־

---

1) אין ייִדיש איז פאראן וועגן פּערלען בלויז א פּאָפּולערע בראָשור: „יוסף פּערל, זײַן ליטעראַרישע און אלגעמיינע ארבעט״ פון א. ברעסלערי וואַרשע 1899. די דאָזיקע „מאָנאָגראפיע״ ווי ציִנבערג רופט זי, איז א נארישע, וווּרסלאָזע קאָמפּילאציע אין א שלעכטן ייִדיש.

צענאַס, איר מעסיקן, קאָנסערוואַטיוון פליגל. אויך ראַפּאָפּאָרט איז אַ פאַרביטערטער קעגנער פון כסידעס, און מיר האָבן שוין דערמאָנט זײַן כאַראַקטעריסטישע פּאָלעמיק, מיט ביקן. נאָך אין זײַן יוגנט־צײַט, 1815, פאַרפאַסט ער אַ טעאָרעטישן פאַמפלעט קעגן דער כסידישער באַוועגונג, אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו אַן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט, אַ הרובעשאָווער יונגן מאַסקיל, וואָס איז אַריבער צו די כסידים, („נר מצוה", געדרוקט אין זײַן „נחלת יהודה" שוין נאָך זײַן טויט, קראָקע 1868). נאָך מער ווי פּערל היט זיך ראַפּאָפּאָרט אָנצוגרײַפן די מיסנאַגדיש־ראַבאָנישע ריכטונג, און אויך ער פאַרזידיקט „טוירע מיט דערעכערעץ". זײַנע פילאָסאָפישע וועגווײַזער זײַנען דער ראַמבאַם, קאַנט און מענדעלסאָן; אין דער ליטעראַטור — שילערס ווערק און שילערס עסטעטיק. ענלעך ווי מענדעלסאָן, איז ער אַ פאַרביטערטער קעגנער פון שפּינאָזעס סיסטעם. בײַ זײַן גאַנצן דערעכערעץ פאַר דער דײַטשישער ייִדנטום־וויסנשאַפט, ווו ס'מישט זיך צו די באַגײַסטערונג פון אַן אוטאָדיקאַט פאַר די מער געשולטע דײַטש־ייִדישע פאָרשער, גרענעצט ער זיך שאַרף אָפּ פון זייערע רעליגיעזע רעפאָרם־טענדענצן.

אין די ראַמען פון זײַן אידעאָלאָגיע איז ראַפּאָפּאָרט געווען אַ טעמפּעראַמענטפולע נאַטור, מיט אַ באַדײַטנדיקן פובליציסטישן טאַלאַנט און גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקײַטן. ער ווערט פאַמעלעך די צענטראַלע פיגור אין די ווינער „בכורי העתים", און שפּעטער — דער פאַקטישער רעדאַקטער פון דעם „כרם חמד", דעם וויכטיקסטן, טעאָרעטישן אָרגאַן פון דער גאַליצישער האַסקאָלע (דער אָפיציעלער רעדאַקטער גאָלדענבערג, איז פאַקטיש געווען בלויז אַ שירמע). ער האָט פאַרמאָגט ריזיקע פּערזענלעכע פעלערן און כעסרוינעס, וואָס האָבן געמינערט דעם ווערט סײַ פון זײַנע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען, סײַ פון זײַנע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. אַמביציע איז בײַ אים אַריבערגעוואַקסן אין אומגעהייערער קאָוועד־זוכערײַ; דער אָפּאָרטוניזם פון דער וועלטאַנשויונג איז נאָך פאַרטיפט געוואָרן דורך קאַריעריזם, און ניט איין מאָל דערנידעריקט זיך ראַפּאָפּאָרט, פאַרנייגט זיך אַף אַלע זײַטן און פאַרבויגט זײַן אייגענע שטעלונג צוליב פּערזענלעכע קאַריערע־אינטערעסן, ביפראַט אין געיעג נאָך אַ רויִקער ראַבאָנעס־שטעלע; פון אַן אוטאָדידאַקט האָט ער זיך אַנטוויקלט אין אַ באַדײַטנדיקן וויסנשאַפטלער, דעם אוטאָדיראַקט האָט אָבער קעסיידער פאַראַטן דער איבערטריבן־געלערנטער אַפּאַראַט; זײַן נאַטירלעכער שאַרפזין פלעגט אָפּט בײַ אים אַריבערוואַקסן אין יעשיוועבאָכערישע בויכסוואָרעס, וועלכע ער פלעגט פאַרטיידיקן מיט דער גרעסטער אַקשאָנעס. בײַ די אַלע כעסרוינעס איז ער געווען דער אָנערקענטער פירער פון דער געמעסיקטער ריכטונג אין דער גאַליצישער האַסקאָלע, און אין ערנסטע מאָנאָגראַפיע וועגן ראַפּאָפּאָרטן וועט זיך אָן סאַפעק פאַרוואַנדלען אין אַ געשיכטע פון דער דאָזיקער גאַנצער ריכטונג. זײַן האַשפּאָע איז גרויס געווען אויך מיכוץ די גרענעצן פון גאַליציע, און לעווינזאָן איז אין אַ גרעסערער מאָס ראַפּאָפּאָרטס אַ טאַלמיד, איידער פּערלס. לעווינזאָנס „תעודה בישראל", געשריבן 1821—1822, דערשינען 1828, וואָס האָט „געמאַכט עפּאָכע" אין רוסלאַנד, ווײַזט בולעט, אַז די עצעם טעמע פון בוך און אויך דעם אויפן פון אַרגומענטירן האָט לעווינזאָן גענאַשט פון ראַפּאָפּאָרטן — אַף וואָס ס'זאָגט איידעס ראַפּאָפּאָרטס פּאַראַלעלע אַרבעט פון יאָר 1822 (געדרוקט אין „בכורי העתים", ב. 8, ז. 8—24), וואָס איז אַ מין

„תעודה בישראל" אין מיניאטור. איבעריקנס איז לעווינזאָן, אויך נאָכן באזעצן זיך אין קרעמענעץ, געשטאנען אין א שטענדיקער קאָרעספאָנדענץ מיט ראפאָפּאָרטן, און אין יאָר 1826 אים צוגעשיקט די „תעודה בישראל" צום דורכקוקן נאָך אין מאנו־סקריפּט.

דער פילאָסאָף פון דער געמעסיקטער גאליצישער האסקאָלע איז געווען נאכמען קראָכמאל (רנ'ק—1785—1840). אירע סטירעס האָבן זיך קלאָר מאניפעסטירט אין קראָכמאלס פילאָסאָפישע ספּעקוליאציעס. מענדעלסאָן זעט נאָך ניט איין אין איר גאנצער גרויס די סטירע צווישן רעליגיע און סייכל; ער דעקרעטירט די יידישע רע־ליגיע ווי א „נאטירלעכע רעליגיע", ווי א פארנונפט־רעליגיע, און קריכט ארויס אף אזא מין אויפן אָפּטימיסטיש פון דער סטירע. אין קראָכמאלס לעבן און שאפן פעלט שוין אין א באדייטנדיקער מאָס דער דאָזיקער אָפּטימיזם. דער טראגיזם פון א פאר־שפּעטיקט און פארקריפּלט אופגייענדיקן קלאס פילט זיך אין יעדער שורע קראָכמאלס. ער איז געווען דער אידעאָלאָג פון א בורזשואזער שיכט, וואָס האָט אין דער ער־שטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, נאָך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע, נאָך אלץ געפילט זיך ווייט פון איר פּאָליטישן זיג. ער איז געווען דער אידעאָלאָג פון א בורזשואזער שיכט, וואָס איז נאָך אלץ, מיט טויזנטער פעדעם, גע־ווען פארקניפּט און פארשקלאפט צו פעאָדאלע צושטאנדן און פּאָרשטעלונגען. ווי פּערל, ווי ראפּאָפּאָרט, ווי לעפין, — און נאָך מאָרזיכטיקער פון זיי — רוקט זיך קראָכ־מאל פּאָרויס אף איין שריט, און קוקט זיך טייקעף אום אף צוריק, פארענטפערט זיך אף שריט און טריט פאר דער אייגענער דרייסטקייט, — און מאכט גלייך א שריט אף צוריק. זיין לעבנסווערק גיט ער א נאָמען: „מורה נבוכי הזמן". — „דער לערער פון די בלאָנדזשענדיקע פון דער צייט", — און ס'איז א באדייטונגפולער נאָמען. דאָ איז פאראן סיי דער באוווסטזיין, אז ס'איז א צייט פול סטירעס, בלאָנדזשענישן, און א קלאָגעניש איבער די דאָזיקע סטירעס און בלאָנדזשענישן; סיי א פּראָגרעסיווער אונטערשטרייכן, אז ס'איז נייטיק זיך צוצופּאסן צו דער צייט, מיט איר שריט האלטן; סיי אן אָנצוהערעניש, דורכן טיטל, וואָס איז ענלעך צום ראמבאמס „מורה נבוכים", — אז ווי אין ראמבאמס צייטן איז נייטיק געפינען אן אויסגלייכעניש צווישן דער רעליגיעזער טראדיציע און דעם וויסן, דער פילאָסאָפיע — דאָס אויסגלייכעניש מוז אָבער געשען אף דער באזע פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, ענלעך ווי מיימאָני־דעס האָט עס געפּרווט טאָן אף דער באזע פון אריסטאָטעלס פילאָסאָפיע.

„דער ציל פון אונדזער קאוואָנע — זאָגט קראָכמאל — איז דורכויס ענלעך צום ציל פון ראמבאם אין זיין בוך „המורה" פאר די מענטשן פון זיין צייט, און מיר גייען ארויס, וואָס איז שייך דעם וועג פון פאָרשונג, טאָמיד אין זיינע פוסטריט, אָן קיין שום ענדערונג, אכוץ יענעם אונטערשייד, וואָס איז פאראן צווישן זיין דאָר און די פארווירענישן, וואָס זיינען אים באפאלן, און די רעפוּע, וואָס איז זיי נייטיק געווען, און צווישן דער איצטיקער לאגע" („כתבי רנ'ק, 1924, ר'ט). און ענ־לעך ווי דער ראמבאם און מענדעלסאָן, וויל אויך קראָכמאל א שאָלעם מאכן, אויס־גלייכן די רעליגיע מיטן סייכל, מיט דער פילאָסאָפיע: „וואָרעם אונדזער גאנצע קאָוואָנע און שטרעבונג... איז בלויז אָפּגעבן קאָוועד אונדזערע כאַכאָמים און זייער אָנ־

דענק, און שאָלעם מאכן צווישן סייכל און ביידע טוירעס (ד. ה. די מינדלעכע און די שריפטלעכע. מ. ע.), און אופדעקן די וואָרצלען פון זאכן, וואָס די אנדערע נאַציִעס און די לײַכטזיניקע פון אונדזער פאָלק שפּאָטן פון זיי...״ (דאָרט. ר׳ב). „זיי ווייסן מײַן פרײַנט, (די נויטווענדיקייט צווינגט מיך איבערכאזערן פיל מאָל דעם דאָזיקן זאץ), אז אונדזער קאוואָנע... איז אָפּרייניקן און דערקלערן די זאכן פון אונדזער עמונע דורך א סייכלדיקער קריטיק״...

עס איז א געפאר צו גיין קעגן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאפט און דער פילאָסאָפיע. מע קאָן ניט און מע טאָר ניט זיי אוועקמאכן מיט דער האנט — דאָך איז דער אופקלערערישער קערן פון קראָכמאלס צוגאנג, פון זײַן מעטאָד. אָבער אויך איבערגעבן זיך אינגאנצן אין רעשוס פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע און וויסנשאפט האָט מוירע קראָכמאל. דער אויסגאנגפונקט איז סאָפקאָלסאָף ניט די צײַט, די נײַע עפּאָכע מיט איר בורזשואזער פילאָסאָפיע — נאָר די „אבסאָליוטע״ יידישע רעליגיע. אזויארום באקומט זיך קראָכמאלס לאָזונג פון קאמף סײַ קעגן דער פארגליווערטער אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז לויט אים אין טאָך „א מין געצנדינערײַ״, — און דאָס איז א אופקלערערישער שטריך בא אים, — סײַ קעגן „די פיל טאלמידים פון פארשיידענע וויסנשאפטן אין אונדזער פאָלק... און מיט זיי פיל פון די סאָחרים, וואָס פאָרן ארום איבערן לאנד, און דער נאָך גרעסערער האמוין פון דער קריסטלעכער אינטעליגענץ אין לאנד״, ד. ה. קעגן דער יידישער און ניט־יידישער אופגעקלערטער אינטעליגענץ און דעם אופגעקלערטן „בראָדער״ סויכער, „וואָס שפּאָטן אָפּ פון דער אגאדטע, און דורכדעם קומען זיי טרעטירן דעם קאָוועד פון אונדזערע כאכאָמים און פײַנט האָבן זייערע פארערער״ — און דאָס איז דער קאָנסערוואטיווער שטריך אין קראָכמאלס אופקלערערײַ (דאָרט, רמ׳ה).

אָבער, „ליבהאָבנדיק״ דעם סייכל און היטנדיק די טוירע״, האָט זיך קראָכמאל ארײַנגעדריקט לויט זײַן אייגענעם אויסדרוק, „אין א שמאָלן דורכגאנג״: „וואָס זאָלן הײַנט טאָן די ליבהאָבער פון סייכל און די היטער פון דער טוירע, ווען זיי זײַנען פארקוועטשט אין א שמאָלן דורכגאנג, פון וועלכן ס׳איז ניטאָ קיין וועג אָפּצווײַכן רעכטס אָדער לינקס?״ אמאָליקע צײַטן — כאזערט אָפּט איבער קראָכמאל — איז גרויס געווען דער שאָדן פון אנטפּלעקן, אופדעקן וויסנשאפטלעכע עמעסן — הײַנט איז גרעסער דער שאָדן פון אויסבאהאלטן זיי („היזק ההעלם יותר גדול מאשר היה אולי נזק הגילוי בימים הראשונים״, רנ׳ה). „און מיר וועלן פיל מאָל איבערכאזערן, אז אזוי ווי אין די פריִערדיקע דוירעס איז געווען א סאקאָנע אופצודעקן דאָס צוגעדעקטע, — איז אזוי און נאָך גרעסער די געפאר אין אונדזער דאָר צו פארדעקן דאָס וואָס איז שוין אנטפּלעקט געוואָרן דורך אנדערע״ (קמ׳ד). און ענלעך ווי מענדעלסאָן, דערקלערט ער פײַערלעך: „גליקלעך זײַנען מיר, וואָס גאָטס וואָרט און די טוירעס עמעס איז מיט אונדז, וואָס האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן פאר דער פאָרשונג און קריטיק, פון וועלכער זײַט זי זאָל ניט קומען״.

דאָס האָט אָבער אים און זײַן פילאָסאָפיע פארוויקלט אין סטירעס אָן א סאָף, פון איין זײַט די קאָנסערוואטיווע, פרומלעכע אפּאָלאָגיע פון דער „טוירעס עמעס״, — און פון דער אַנדער זײַט די אופקלערערישע אפּאָלאָגיע פון מענטשלעכן סייכל: „דער סייכל מישפּעט און דעציִדירט, און ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאר קיין שום

לאָפּנטערדיקן כאַנפער" (קצ'ט). ער האָט גרינטלעך געקענט דעם פילאָסאָפישן גע־דאנק פון זײַן צײַט, — עס האָט קיינער פון די מאסקילים אזוי גרינטלעך ניט שטו־דירט די ווערק פון קאַנט, פיכטע, שעלינג, העגעל א. א. ער איז אָבער ניט געגאַנ־גען פרײַ צו דער קלאַסישער פילאָסאָפיע פון דער אופגייענדיקער דײַטשישער בור־זשואַזיע, — ער איז געגאַנגען שווער אָנגעלאָדן מיט דער מאסע פון דער ייִדישער רעליגיעזער טראַדיציע, און מיט שווערע מי זיך אנטשלאָגן אראָפּצוואַרפן, „אָפּ־רייניקן" א טייל פון דער דאָזיקער לאַסט, און דאָס אויך דעם ניטוועזנטלעכסטן. אין דער דײַטשישער קלאַסישער פילאָסאָפיע האָט ער געזוכט די אָדער יענע פּרינציפּן, וואָס זאָלן אים „מאַטיר זײַן", ארויסגעבן א דערלויבעניש אף די גרונט־יעסוידעס פון דער ייִדישער רעליגיעזער טראַדיציע. דאָס האָט געפירט צו אן עקלעקטיק אין פילאָסאָפישן מעטאָד, — קראָכמאַל האָט ניט געשאַפן ניט א פילאָסאָפישע סיסטעם, און ניט קיין פאַרענדיקטע, פאַרגאַנצטע היסטאָריאָזאָפישע קאָנצעפּציע. ער איז ניט קיין העגעליאַנער, — כאָטש ס'איז דײַטלעך אף אים די האַשפּאָע פון העגעלס „מיס־טיפיצירנדיקן אידעאַליזם", פון העגעלס טעאָלאָגישע קאָנסטרוקציעס. ער איז ניט קיין קאַנטיאַנער — כאָטש ער איז צענדליקער יאָרן געשטאַנען אונטער קאַנטס האַשפּאָע. וויקאָ, פיכטע, קאַנט, שעלינג, העגעל, מענדעלסאָן, דער ראַמבאַם, אזאַריע דע־ראָסי, — פון אַלע האָט ער צוביסלעך גענומען, פאָרזיכטיק געשלעפּט ציגל פאַר זײַן היס־טאָריאָזאָפישער געבײַדע, — עס האָט זיך באַקומען אין רעזולטאַט אן עקלעקטישער קאָנגלאָמעראַט.

ער האָט געוואָלט זײַן „א לערער פון בלאָנדזשענדיקע פון זײַן צײַט", — אָבער ער אַליין איז געווען א בלאָנדזשענדיקער, א צעטומלטער אונטער די קלעפּ פון זײַן צײַט, און מעמיילע האָט ער ניט געקאָנט זײַן און ווערן א לערער. זײַן בוך, איבער וועלכן ער האָט זיך געמיט ביזן סאָף פון זײַן לעבן, איז געבליבן א ניטפאַרענדיק־טער, און ער האָט ניט געקאָנט פאַרענדיקט ווערן. ער באַשטייט פון פאַרשיידענע פראַגמענטן, צעפאַלט זיך אָפּט אין נאָטיצן, העפטן פון א מענטשן, וואָס לערנט מיט מי פאַר זיך, — און קען נאָך דערווײַל ניט ארויסזאָגן זײַן אייגענע מיינונג (אשטייגער זײַן קאָנספּעקט פון העגעלס לאָגיק, קאַפּיטל 16 פון זײַן בוך). דערמיט דערקלערט זיך עפּשער זײַן באַשיידנקײַט, זײַן מוירע ארויסצוגיין פאַר דער עפנטלעכקײַט (זײַן בוך איז פובליקירט געוואָרן ערשט 11 יאָר נאָך זײַן טויט). וואָרעם ער איז נאָך ניט פאַרטיק געוואָרן מיט זיך אַליין און לויט זײַן עצעם גאנג, לויט זײַן עצעם אויס־גאַנגפּונקט האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרטיק ווערן.

די לעצטע צען יאָר פון זײַן לעבן (זינט 1830 אנערעך) האָט ער זיך פאַרטיפט אין העגעלס פילאָסאָפיע, — און דאָס זײַנען טאַקע געווען די יאָרן פון דעם גרעסטן דום פון העגעלס פילאָסאָפיע, וואָס האָט איר גרעסטע פאַרשפּרייטונג באַקומען זינט העגעלס טויט (1831). גראָד אָבער דאָס רעוואָליוציאָנערע אין העגעלס פילאָסאָפיע, איר דיאַלעקטיק, איז אים פאַרמעד געווען. אין קעגנזאַץ צו העגעלן, וואָס האָט געלערנט, אז די סטירע פירט פאָרויס, האָט קראָכמאַל באַטראַכט די סטירע ווי אן אנאָמאַליע, ווי אן עלעמענט, וואָס שטערט דער אנטוויקלונג, האָט געשטרעבט שאָ־לעם מאַכן צווישן די סטירעס, געפינען דעם „מיטעלן וועג" צווישן זיי. ער איז אי דעם זינען נעענטער געווען צו דער וואָלפישער שול און צו מענדעלסאָנען, ווי צו

העגעלן. פון העגעלס דיאַלעקטיק האָט ער איבערגענומען בלויז דעם אויבערפלעכלעכן שפּיל אין טריאַדעס. העגעלס דערקענטעניש־לערע, העגעלס דיאַלעקטישע לאָגיק איז ניט אַרײַן אין פלייש און בלוט פון קראָכמאַלס סיסטעם. דאַקעגן האָט אַ גרעסערע ווירקונג געהאַט אף קראָכמאַלן די טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישע זײַט פון העגעלס פילאָסאָפיע, העגעלס לערע פון אַבסאָליוטן גײַסט, און מעמיילע האָט זיך אויך קראָכמאַלס פילאָסאָפיע פון געשיכטע פאַרוואַנדלט אין אַ געשיכטע פון פילאָסאָפיע,— „עס איז פאַרשוווּנדן די געשיכטע, וואָס אַנטשפּרעכט דער אָרדענונג פון דער צײַט, עס עקזיסטירט בלויז די קאָנטינויִטעט פון אידייעס און סייכל" (מאַרקס וועגן העגעלן, „עלנט פון דער פילאָסאָפיע"), די פילאָסאָפיע פון דער ייִדישער געשיכטע איז בא קראָכמאַלן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשיכטע פון ייִדישע פילאָסאָפיש־רעליגיעזע אידייעס.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קראָכמאַלס ספּעקוליאַטיוו־אידעאַליסטישן גאַנג, אַז ער האָט אָנגעהויבן בויען אַ פילאָסאָפיע פון דער ייִדישער געשיכטע, ווען ס'האָבן נאָך קימאַט ניט עקזיסטירט ערנסטע גרעסערע אַרבעטן און קוועלן־זאַמלונגען צו דער ייִדישער געשיכטע. אָבער אַפילע די ספּעקוליאַטיוויסטע היסטאָריאָזאָפיע נייטיקט זיך אין אַ געוויסן היסטאָרישן מאַטעריאַל. קראָכמאַלס קאָנסערוואַטיזם האָט זיך אין דעם פאַל אויסגעדריקט אין דער שטרעבונג אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט, ווי די וויכטיקסטע מעקוירים, די ייִדישע טראַדיציאָנעלע קוועלן: „מקרא" (ד. ה. די ביבל), „הלכה" און „אגדה" (ד. ה. דער טאַלמוד, די מינדלעכע טוירע). אופהיטן דעם ווערט פון די דאָזיקע מעקוירים ווי היסטאָרישע דאָקומענטן איז אָבער מעגלעך געווען בלויז אפן וועג פון ק ר י ט י ק. בלויז רייניקנדיק די דאָזיקע מעקוירים, איז נאָך מעגלעך געווען ווי עס איז, מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, אויסשיילן פון זיי אַ היסטאָריש־וויכטיקן קערן. און שוין באַם צוגאַנג צו די מעקוירים איז דער קאָנסערוואַטיווער אופקלערער קראָכמאַל פאַרוויקלט אין אומענדלעכע סטירעס.

ער שטעלט דאָ אײַן פאָרזיכטיק אַ דיפערענצירטן צוגאַנג, וואָס איז ווידער דיקטירט פון דער מוירע פאַר דער אָרטאָדאָקסיע, פאַר דער פרומער רעליגיעזער טראַדיציע. שאַרף און פרײַ קריטיקירט ער די אגאַדע; ווייניקער פרײַ איז די קריטיק פון דער „האַלאָכע", ד. ה. פון דער „ערנסטער" טאַלמודישער טראַדיציע; און גאָר פאָרזיכטיק, שטאַרק געבונדן איז זײַן קריטיק פון דער ביבל,—און אויך דאָ שטעלט ער אײַן אַ גראַדאַציע: ער באַהאַנדלט פרײַער די נעוויִים, נאָך פרײַער די קסווּים, און שטײַף אָרטאָדאָקס איז ער בא יענער רעליגיעז־היסטאָרישער טראַדיציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער „טוירע", מיט די 5 כומאָשים. ער נעמט אָן צ.ב. די טעאָריע פון די צוויי יעשאַיעס און פאַרטיידיקט זי אַקשאָנעסדיק קעגן דעם קלייןבירגערלעך־רעאַקציאָנערן ראָמאַנטיקער ש. ד. לוצאַטאָ. ער איז אָבער פאָרזיכטיק ביז גאָר בא יעדן אָס פון דער כומעש־טראַדיציע.

דער היסטאָרישער פּראָצעס גייט אָן לויט קראָכמאַלן בא יעדן פאָלק אין דרײַ סטאַדיעס: 1. אופשטײַג. 2. רײַפקײַט, און 3. יערידע און אונטערגאַנג. און דאָך איז עס ניט די העגעלשע טריאַדע פון טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעזיס, אף וויפל דער צווייטער פעריאָד צ. ב., איז ניט די נעגאַציע פון ערשטן פעריאָד, נאָר זײַן ווײַטערע אַנטוויקלונג. עס איז ניט אַ דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג, נאָר אַ מין ביאָלאָגיש־גענעטישע (יוגנט, רײַפ־

קײַט, אלטקײַט), און קראָכמאל שטייט דאָ גיכער אונטער דער האשפּאָע פון וויקאָ און הערדער, איידער העגעל (ווי ס׳האָט ריכטיק באמערקט ראווידאָוויטש אין זײַן ארײַנפיר צו קראָכמאלס שריפטן, 170־174). קראָכמאל האָט ניט געקאָנט אָננעמען העגעלס דיאלעקטישע פאָרשטעלונג פון דער אנטוויקלונג, זי איז געווען פאר אים צו ראדיקאל, און ס׳האָט מער אנטשפּראָכן זײַן מעסיקער אויפקלערונג דער אָרגאניש־גענעטישער פּרינציפּ, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו קעמפן סײַ קעגן דעם אנטיהיסטאָרישן קאָנסערוואטיזם פון דער אָרטאָדאָקסיע, סײַ קעגן דעם אהיסטאָרישן וואָלונטאריזם פון דער אויפקלערונג. דאקעגן האָט ער געיארשנט פון העגעלן זײַנע ספּעקוליאטיוו־טעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס וועגן אבסאָליוטן גײַסט, יענע קאָנצעפּציעס, ווו העגעל, לויט מארקסן, שטעלט די וועלט אפן קאָפּ, „אפן אָרט פון דער ווירקלעכער פארבינדונג צווישן דעם מענטשן און דער נאטור שטעלט העגעל דעם אבסאָליוטן סוביעקט־אָביעקט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר גלײַכצײַטיק די גאנצע נאטור און די גאנצע מענטשהײַט,—נעמלעך דעם אבסאָליוטן גײַסט" (מארקס, די הייליקע פאמיליע). אין סאכאקל באקומט זיך בא קראָכמאלן, ווי בא העגעלן, אז „דער מענטש עקזיסטירט, ביכדיי ס׳זאָל עקזיסטירן די געשיכטע, די געשיכטע ווידער עקזיסטירט, ביכדיי ס׳זאָל עקזיסטירן דער באווײַז פון עמעסן... דער מענטש און די געשיכטע עקזיסטירן, ביכדיי דער עמעס זאָל קומען צום זעלבסטבאוווסטזײַן... ענלעך ווי דער עמעס, פארוואנדלט זיך די געשיכטע, אזוי ארום, אין א באזונדערע פּערזענלעכקײַט, אין א מעטאפיזישן סוביעקט, און די ווירקלעכע מענטשלעכע פּערזענלעכקײַטן—אין איינפאכע טרעגער פון דעם דאָזיקן מעטאפיזישן סוביעקט" (מארקס, דאָרט).

און ווידער ווארפט ארויס קראָכמאל פון דעם העגעלשן גײַסט־באגריף דעם דיאלעקטישן אינהאלט („דעם גײַסט—זאָגט העגעל—איז וועזנטלעך דער רעזולטאט פון זײַן טעטיקײַט; זײַן טעטיקײַט איז דאָס ארויסגיין איבער די אומיטלבארקײַט, דאָס נעגירן פון איר און דאָס צוריקקומען אין זיך") און טײַטשט אים אויס דורכויס עטיש־מעטאפיזיש. די דרײַ סטאדיעס פון דער אנטוויקלונג פון יעדן פאָלק זײַנען דרײַ סטאדיעס פון דער אנטוויקלונג פון זײַן גײַסט („רוחני"): אין דער ערשטער סטאדיע שטײַגט אוף דער גײַסט; אין דער צווייטער סטאדיע רײַפט ער אויס און דערגייט צו דער פולסטער בליונג, וואָס צייכנט שוין אָבער אָן די ערשטע סימאָנים פון יערידע; אין דער דריטער סטאדיע גייט אונטער דער גײַסט פון פאָלק—און דאן גייט אויך אראָפּ דאָס גאנצע פאָלק ענדגילטיק און אף אלע מאָל פון דער היסטאָרישער ארענע. יעדעס פאָלק קאָן בלויז איינמאָל דורכמאכן דעם דאָזיקן היסטאָרישן ציקל, און אין דעם פּראט שטימט אײַן קראָכמאל מיט העגעלן, וואָס האָט אויך געלערנט, אז „א פאָלק... קאָן ניט צווייםאָל אין דער וועלטגעשיכטע עפּאָכע מאכן"... קראָכמאל גייט זיך אָבער פאנאנדער מיט העגעלן, ווען ס׳האנדלט זיך וועגן דעם היסטאָרישן וועג פון דעם ייִדישן פאָלק: די געשיכטע פון אלע אנדערע פעלקער—זאָגט קראָכמאל—איז די געשיכטע פון דער פארקערפּערונג און פארוואנדלונג פון זייער ספּעציעלן גײַסט („רוחני פּרטי"), די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק איז דאקעגן די פארקערפּערונג פון אבסאָליוטן גײַסט („רוחני מוחלט"). אין קעגנזאץ צו אנדערע פעלקער, וואָס מאכן דורך בלויז איין ציקל (אופשטײַג, רײַפקײַט און אונטערגאנג), איז בלויז

דאָס ייִדישע פאָלק פייִק נאָכן כורבן־פעריִאָד פון איין ציקל ווידער אָנהייבן א נייַעם ציקל, אָנהייבן פון א נייַעם אופשטייַג. און אזוי ארום טיילט איַין קראָכמאל די געשיכטע פון ייִדן ביזן אכצעטן יאָרהונדערט אין דרייַ גרויסע ציקלען, וואָס יעדערער פון זיי צעפאלט ווידער אין 3 סטאדיעס: ערשטער ציקל—פון אוראָם אָווינו ביז דעם מאָרד פון געדאליע בען אכיקאָם. צווייטער ציקל—פון גאָלעס באָוול ביז צום טויט פון בארקאָכבא און רעב אקיווע. דריטער ציקל—פון יעהודע האנאָסי ביז אנערעך 1700. וועגן א ווייַטערדיקן ציקל,—א פערטן,—רעדט קראָכמאל גאָרניט. עפשער האָט ער באטראכט דעם אכצעטן יאָרהונדערט—דעם יאָרהונדערט פון דער אופקלערונג—ווי די ערשטע, אופשטייַג־סטאדיע פון נייַעם, פערטן ציקל.

צוליב רעליגיעז־קאָנסערוואטיווע טייַמים האָט אלזאָ קראָכמאל געמוזט אופשטעלן אן אטאָ־בעכערטאָנר־פרינציפ פון דער ייִדישער געשיכטע, טעאָלאָגיש נאציאָנאליזירט דעם „אבסאָליוטן גייַסט”, און פונדאנען האָט שוין לאָגיש געמוזט קומען די לערע וועגן דער מיסיע פון אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס האָט דער אייינציקער זויכע געווען צום „אבסאָליוטן גייַסט”,—„עס האָט געזען די געטלעכע כאָכמע צו פירן זי (די ייִדישע נאציע) און פארפולקאָמען, זי זאָל ווערן א „מעלוכע פון קויהאנים”, ד. ה לערער פון דער אבסאָליוטער עמונע צום מענטשלעכן געשלעכט” (ל״ח).

קראָכמאלס לערע האָט געהאט א קנאפע האשפּאָע אף די מאסקילים פון זייַן דאָר זייַן לעבנסווערק איז פובליקירט געוואָרן ערשט 11 יאָר נאָך זייַן טויט, און דאָס אויך אין א פראגמענטארישער, ניטפארענדיקטער פאָרם. און כאָטש קראָכמאל האָט געהאט א גרויסן קרייַז טאלמידים,—האָט ער אָבער געווירקט אף זיי דערציִעריש, אין זין פון וועקן דעם אינטערעס צו פילאָסאָפישע און געשיכטלעכע שטודיעס,—ער האָט אָבער ניט געקאָנט באווירקן זיי ווי א שעפער פון א נייַער פילאָסאָפישער סיסטעם.

אזא סיסטעם האָט ער אליין ניט געהאט, כאָטש ער האָט שווער געקעמפט פאר איר אין מעשעך פון זייַן גאנץ לעבן. קראָכמאל איז געשטאנען אפן רעכטן פלאנג פון דער גאליצישער האסקאָלע—און דער גאנצער קאָנסערוואטיזם פון זייַן אופקלערונג האָט געמוזט פירן צו א גיכן פארעלטערט ווערן פון זייַנע לערעס, ביפראט זינט 1848, ווען די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג גייט אָן אין גאליציע און עסטרייַך מיט ברויזנדיקע טעמפּן. אזוי איז נאָך קראָכמאלן געבליבן בא די מאסקילים א געוויסער קולט פון זייַן פערזענלעכקייַט, ניט פון זייַנע לערעס.

אן אינטערעס צו קראָכמאלן האָט זיך גענומען וועקן בא דער ייִדישער בורזשואזיע אסאך שפּעטער, ערשט סאָף 19־טער יאָרהונדערט, (אכאד־האאָם איז צ. ב., שטארק באווירקט פון קראָכמאלן) און ביפראט אין די לעצטע יאָרן, בא דער ציִעניסטיש־פאשיסטישער וויסנשאפט. א רייִ טעאָלאָגישע קאָנסטרוקציעס קראָכמאלס—די אויסדערוויילטקייַט־לערע, אָנגעווענדעט צו דעם היסטאָרישן פראָצעס בא ייִדן, די לערע וועגן דער מיסיע פון ייִדישן „אבסאָליוטן גייַסט”,—האָבן גענומען שטימען מיט די נאציאָנאליסטיש־קלעריקאלע טענדענצן פון דער פוילנדיקער, פאשיזירטער ייִדישער בורזשואזיע. אזוי ארום זייַנען אנטשטאנען די פילצאָליקע קראָכמאל־מאָנאָ־

גראפיעס פון דעם ציוניסטישן פאָרשער ראווידאָוויטש (ארייַנפיר צו קראָכמאַלס שריפטן, בערלין 1924; העולם, 1927; היברו יוניאָן קאָלעדזש ענועל, סינסינעטי 1928 דובנאָוו־פעסטשריפט, 1930), וואָס זייַנען ס'ראָוו געהאַלטן אין א דוויקעסדיקן, פייַ־ערלעך־פאטעטישן טאָן. ראווידאָוויטש ווייַזט אָן מיט רעכט, אז מע האָט מעגאוזעם געווען די האשפּאָע פון העגעלן אף קראָכמאַלן. ער פאַלט אָבער דערבייַ ארייַן אין אַ צווייטער עקסטרעם, און לייקנט ביכלאַל וועלכע ס'איז וועזנטלעכע שפּורן פון הע־געלס לערע בא קראָכמאַלן,—בעשאס ס'איז קלאָר, אז ענלעך ווי די רעכטע העגע־ליאַנער, האָט קראָכמאַל אָפּגעוואָרפן דאָס רעוואָליוציאָנער־דיאַלעקטישע בא העגעלן און פיל גענאשט דאקעגן פון העגעלס מעטאַפיזיק. אינטערעסאַנט איז אָבער, פאַר־וואָס קעמפט ראווידאָוויטש קעגן דער העגעל־לעגענדע ארום קראָכמאַלן, פארוואָס געפינט ער פאַר נייטיק צו צעשטערן די דאָזיקע לעגענדע און דערפירן ביז נול אפילו די אָנסאָפּעקדיקע העגעלשע שטריכן אין קראָכמאַלס קאָנסטרוקציעס? ראווידאָוויטש איז גאַנץ אופריכטיק: „מע פארשטייט ניט, אז ווער ס'מאכט נאָך פלאַטאָנען—איז פלאַטאָן בעסער פון אים, ווער ס'מאכט נאָך אריסטאָטעלן—איז אריסטאָטעל בעסער פאַר אים... און ווער ס'מאכט נאָך העגעלן, איז העגעל בעסער פאַר אים... זייערע ייִדישע „איבערזעצונגען" און „קיצורים"—צי קע־נען זיי זייַן דער יעסאָד פאַר דער אופלעבונג פון פילאָסאָפישן געדאנק בא ייִדן (161). ראווידאָוויטשן שטייט ניט אָן, אז קראָכמאַל זאָל זייַן העגעלס א טאַלמיד,—עס הייסט קלענער מאכן קראָכמאַלן. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט דארף ראווידאָוויטשעס נעקסטע מאָנאָגראפיע זייַן וועגן ראמבאַם, מיטן טעזיס, אז ס'זייַ־נען ניטאָ קיין שפּורן פון אריסטאָטעליזם אין ראמבאַמס ווערק... פון נאציאָנא־ליסטיש־פאַשיסטישע קוואַלן פליסט אַלזאָ ראווידאָוויטשעס וויסנשאפטלעכע אייפער־זוכט, און ניט קיין וואונדער, אז ער אליין פארפלאָנטערט זיך אין די פארשיידנסטע סטירעס, וועלנדיק פארטושירן, אויסראָטן יעדן שפּור פון העגעלס האשפּאָע אף קראָכ־מאַלן. (פארגל. צ.ב. דעם ווידערשפּרוך פון ז. 164 צו ז. 193). פארן פאַשיסטישן פאָרשער איז ווייַטער כאראקטעריסטיש די טרעטערנדיקע באציִונג צו העגעלן (אשטיי־גער ז. 164); די קעסיידעריקע זיסלעכע אפּאָלאָגיע, וואָס פארשווייַגט ניטבאקוועמע פאקטן (אשטייגער: „ווער ווייס, אויב ניט זייַן מאָראַלישקייַט האָט עס אים געצוווּנ־גען נעמען אף זיך דעם אמט פון א רויש־האַקאָהאָל אין זשאָלקיעוו"—ז. 92—און סע ווערט מיטאמאָל פארגעסן, אז דערדאָזיקער רויש־האַקאָהאָל האָט רויִק אָפּגעגעבן רעקרוטן אין מיליטער און באפרייַט דערפון זייַנע פרייַנט, די מאסקילים (זע ביקס בריוו אין „מכתבי עבריה" 1862 ז. 154), ענדלעך בּיִאָגראפיזם אין פאָר־שערישן מעטאָד, וואָס אָנשטאָט אייַנגלידערן קראָכמאַלן און זייַן פילאָסאָפיע אין גע־זעלשאפטלעכן קאמף פון גאַליציע יענע יאָרן, דערטרינקט ער קראָכמאַלס לעבן און ווירקן אין אומצאָליקע און שלעכט באַלויכטענע בּיִאָגראפישע יעדיִעס (קראָכמאַלס קאָנסערוואַטיווע אופקלערונג ווערט צ. ב. ארויסגעפירט פון דער ליבעראַלער, ניט פאַנאַטישער דערציִונג, וואָס ער האָט באקומען, ז. 19־20). די פוילונג פון דער פאַ־שיסטישער וויסנשאפט קומט צום אויסדרוק אויך אין אָן אופגעבלאָזן־אופגעשוואָלע־נעם אפּאראַט, וואָס פארמאָגט דאָך אף שריט און טריט גרייַזן,—סייַ מעריטאָרישע, סייַ דרוקפעלערן (בעשאס די אויסגאבע פרעטענדירט אף אקאדעמישקייַט), ציט צו

אומקריטיש פון וויכטיקייט וועגן א גרויסן מאטעריאל, וואָס מע דארף אים האָבן אף קאפּאָרעס (ביפראט אין ביאָגראפישן טייל) [1].

צו באגריסן איז בלויז די אָפּנקייט, מיט וועלכער ראווידאָוויטש דערציילט סײַ וועגן די מאָטיוון פון זײַן „רעוויזיע", סײַוועגן דער באדײַטונג פון קראָכמאלן פאר דער בורזשואזיע פון אונדזער עפּאָכע: „וויפל פארבאָרגענע ווערטן זײַנען פאראן אין קראָכמאַלס לערע...

„מיר האָבן דאָס רעכט מיספּאלעל זײַן, אז ס'זאָל אופגעלעבט ווערן קראָכמאלס לערע, עס זאָל אופגעלעבט ווערן דער „אבסאָליוטער גײַסט" וואָס אין איר..." (225).

דאָס „מיספּאלעל זײַן צום אבסאָליוטן גײַסט" שטימט מיט דעם אָבסקוראנטיש-קלעריקאלן כאראקטער פון פאשיסטישן פילאָסאָפישן געדאנק, וואָס איז אזוי דײַטליך געקומען צום אויסדרוק לעצטנס צ. ב. אין די העגעל-פײַערונגען פון יאָר 1931.

דער רעכטער פליגל פון דער גאליצישער האסקאָלע אונטער דער אָנפירונג פון לעפין, פּערל, ראפּאָפּאָרט, קראָכמאל שטעלט אלזאָ פאָר א געשלאָסענע סיסטעם אָנשויונגען, — די אידעאָלאָגיע פון אן אריערגארדישן אָטריאד פון דער בורזשואזיע, וואָס איז נאָך ענג פארקניפּט מיט פעאָדאלע אָנשויונגען און פארהעלטעניש, די אידעאָלאָגיע פון א שיכט, וואָס מארשירט פאָרויס, צו א קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג, אָבער פאָרזיכטיק, מיט מוירע, אומקוקנדיק זיך קעסיידער אף דער פארגאנגענהײַט. דערפאר פארנעמט בא אָט דעם פליגל פון דער גאליצישער האסקאָלע אזא גרויסן אָרט די שטרעבונג צו ציען פאראלעלן מיט ענלעכע סיטואציעס אין דער פארגאנגענהײַט; די שטרעבונג אָנצושפּארן זיך אף קרויווישע אווטאָריטעטן, סײַ יידישע, סײַ אינטערנאציאָנאלע. דערמיט דערקלערט זיך די גרויסע ראָליע, וואָס געשיכטלעכע פאָרשונגען און פאראלעלן שפּילן אין דער גאליצישער האסקאָלע.

עמעס, אין גאנץ אייראָפּע לעבט דאן איבער די היסטאָרישע וויסנשאפט אן אומגעהויערע אופלעבונג, און ס'קומען דאָ צום אויסדרוק פארשיידענע קלאסן-אינטערעסן: די בורזשואזיע שטרעבט זיך קלאָר מאכן, סומירן די דערפארונגען פון אירע גרויסע רעוואָליוציעס; דער אָפּגייענדיקער פעאָדאלער קלאס דאקעגן ווענדט זיך צו דער פארגאנגענהײַט, ווי א פּראָטעסט קעגן דער קעגנווארט, וואָס איז קעגן אים. ניט צוליב ראָמאנטיש-פעאָדאלע צוועקן גייט אָבער די גאליצישע בורזשואזע האסקאָלע צו דער געשיכטע. זי זוכט דאָרט יערושע, טראדיציע, בארעכטיקונג, וואפן פאר איר הײַנטיקן קאמף. און ס'איז ניט קיין ווונדער, אז איר גרעסטער אווטאָ-

---

[1]) אשטייגער: קעסיידערדיקע גרײַזיקע דאטעס אף ז. 18, 24, 34, 87 א. א. וו. — פארפלאָנטערט די געשיכטע פון קראָכמאלס פּראָפּינאציע מיט זײַן אמט פון א רויש האקאָהאָל, — קלאָר, אז קראָכמאל איז פריער געוואָרן פּראָפּינאטאָר, און ערשט שפּעטער, און טאקע ווי א רעזולטאט דערפון, רויש-האקאָהאָל: אויב דער שווער איז געשטאָרבן פאר 1814 (45), טאָ ווי האָט ער געקאָנט זײַן קראָכמאלס שוטעף אין די יאָרן 1818 און 1821 (ז. 47)? די געשעענישן. וואָס ווערן דערציילט ז. 33 האָבן געדארפט קומען ערשט אין דער „פערטער טקופע", ד. ה, נאָך ז. 46.

קראָכמאלס ביאָגראפיע איז ביכלאל בא ראווידאָוויטשן ניט פארבינדן מיט זײַן פילאָסאָפיע, — און אויב אזוי, צו וואָס דארף מען זי האָבן? א.א.וו. א.א.ח.

ריטעט איז דער ראמבאם (מײמאָנידעס), וואָס שוין די בערלינער האסקאָלע האָט געשטרעבט אים אופצולעבן, אָבער דעם עמעסן קולט האָט ארום אים געשאפן די גאליציִשע האסקאָלע, און ביפראט איר רעכטער פליגל: „טויזנט דאנק דיר, אונד־זער לערער מוישע! (ראמבאם) מײן דערציִער און מײן לערער! כ׳האָב דיר הײנט געזאָגט, אז דאָס ביסל, וואָס כ׳ווייס הײנט, איז בלויז פון דיר און פון דײן האנט. ווען ניט דײן לערע, וואָס איז געוואָרן מײן ליבלינג, וואָלט איך אונטערגע־גאנגען, נאקעט פון יעדן וויסן, ווי דער ראָוו פון די געפלאָגטע זין פון אונדזער לאנד״,—שרײט אויס פאטעטיש ראפּאָפּאָרט (כרם חמד, ב. 1, 76—77). „זאָלסט טרינקען די רײנע וואסערן פון דעם עכטן קוואל, וואָס פליסט פון יענעם פעלז, פון וועלכן ס׳האָבן געשעפט און וועלן שעפן אלע ייִדישע אופגעקלערטע, און דאָך וועלן זײ ניט דערגײן ביז דער טיף פון זײַנע פאָרשונגען, דאָס איז אונדזער האר... מוישע בען מײמאָנ... ווי אײַזן וועלן זײ פארהארטעווען דײַן נאקן און ווי קופּער דײַן שטערן קעגן יעדן שטערער און אָפּשרעקער, און דו וועסט לאכן פון די פײַלן פון די שפּעטער״ (דאָרט). לעפּין האָט נאָך אין זײַן פראנצויזישער בראָשור געפאָדערט די ברייטסטע פארשפּרייטונג פון דעם ראמבאמס שריפטן אין פּאָפּולערער שפּראך, און זײַן פאראפראזע פון „מורה נבוכים״ איז 1833 דערשינען אין זשאָלקיעוו. קראָכמאל גיט זײַן ווערק דעם טיטל „מורה נבוכי הזמנ״. און ביק, ווי נאָר ער רײַסט מיט דער האסקאָלע, פארקויפט ער טײקעף דעמאָנסטראטיוו זײַן עקזעמפּליאר פון „מורה נבוכים״ (פארגל. בלאָכס בריוו, „המאסף״ 1862, 180).

דעם ראמבאמס זון שטײט אין פולער שײַן אפן האָריזאָנט פון דער גאליציִשער האסקאָלע, און פארשטעלט אפילע מענדעלסאָנס רום. אפילע דער „לינקער״ פליגל פון דער גאליציִשער האסקאָלע (אשטייגער מיזעס) נוצט אויס קונציק דעם ראמבאמס אווטאָריטעט אין קאמף קעגן ייִדישן קלעריקאליזם (עס איז אָבער כאראקטעריסטיש, אז גלײַכצײַטיק גיט מיזעס א גאנץ שטרענגע קריטיק פון דעם ראמבאמס אריסטאָ־טעליזם). אסאך מאָמענטן האָבן געווירקט, אז די האסקאָלע זאָל קענען „יארשענען״ דעם ראמבאם, האָבן איר אזוי נאָענט געמאכט דעם מיטלאלטערלעכן ייִדישן פילאָ־סאָף. די סאָציִאלע באזע פון זײַן פילאָסאָפיע איז דער ייִדישער פאטריציִענטום, די שפּיצן פון דעם בלײַענדיקן אראביש־ייִדישן האנדל־קלאס. דער ראמבאם האָט קנאפּ געהאלטן פון טאלמודישן שטודיום, און זײַן „יד החזקה״ האָט ער געשריבן מיטן מײן צו ליקווידירן דעם יאם פון די טאלמודישע קאָמענטאריעס און אפילע דעם עצעם שטודיום פון טאלמוד. אין א בריוו צו א טאלמיד שרײַבט ער בעפיירעש: „דו זאָלסט ניט פאטערן דײַן צײַט אף די קאָמענטאריעס און דעם מאסע־מאטן פון דער גמאָרע״ („ולא תכלה ותאבד זמנך בפירושים ובמשא ומתן של גמראָ״). ער איז געווען אן אויסגעשפּראָכענער ראציִאָנאליסט, און געווען טיף איבערצײַגט, אז די ייִדישע רעליגיע אנטהאלט אף אן אלעגאָרישן אופן די אידייען און געדאנקען פון אריסטאָטעלס פילאָסאָפיע, און אריסטאָטעל ווידער איז לויטן ראמבאם „ביכלאל די גרענעץ פון מענטשלעכן וויסן״ („דעת אריסטו הוא תכלית דעת האדם״). ער האָט געקעמפט קעגן אָבערגלויבן און זאבאָבאָנעס, און געהייסן צווייפלען אין יעדן אווטאָ־ריטעט, אויב ער געפינט ניט זײַן באשטעטיקונג אין סײכלדיקע, לאָגישע באווײַזן. די דאָזיקע אלע מאָמענטן זײַנען נאָענט געווען דער ראציִאָנאליסטישער האסקאָלע,

האָבן איר געקאָנט דינען אין איר קאמף. דער ראמבאם איז געווען א וואָרטפירער אויסגאנג־פונקט אין קאמף מיט דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע.

נאָכן ראמבאם גייט דער זעלבסטפארשטענדלעכער קולט פון מענדעלסאָנען, ווי דעם באגרינדער פון דער ייִדישער מעסיקער האסקאָלע. דער קולט פון מענדעלסאָנען גילט אָבער איצט ניט אזויפיל דער אלגעמיינער ליניע פון זײַן פילאָסאָפיע, ווי זײַן פאָליטיש־אידעאָלאָגישער ליניע אין ייִדישע איניאָנים. די לייבניץ־וואָלפישע פילאָסאָפיע האָט שוין ניט קיין אָנהענגער אין דעם לאגער פון דער גאליצישער האסקאָלע,—איר אָרט האָט פארנומען קאנט. אונטער קאנטס פאָן מארשירט דער גרעסטער טייל פון די גאליצישע מאסקילים (פארגל. דעם שוין אָפט ציטירטן בריוו פון שימשן בלאָך, המאסף, 1862). גראָד דער דואליזם פון קאנטס פילאָסאָפיע האָט גלענצנדיק אנטשפּראָכן דעם קלאסן־מעהוס, די צילן און דער פּאָליטישער סטראטעגיע פון דער גאליצישער האסקאָלע. „דער הויפּט־שטריך פון קאנטס פילאָסאָפיע—זאָגט לענין—איז דאָס שאָלעם מאכן צווישן מאטעריאַליזם און אידעאליזם, דער קאָמפּראָמיס צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן, דאָס קאָמבינירן אין איין סיסטעם פארשיידנארטיקע, קעגנזעצלעכע פילאָסאָפישע ריכטונגען". (ב. 10, 163). דער דאָזיקער דואליזם פון קאנטס שיטע איז אָבער זייער באקוועם פאר די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזיע, און דערוף האָט אָנגעוויזן ענגעלס: „אין וויסנשאפטלעכן זינען איז עס א רעגרעס, און אין דער פּראקטיק גיט עס א מעגלעכקייט די דאָזיקע שעמעוודיקע לייט ארײַנצולאָזן דורך דער הינטערטיר דעם זעלביקן מאטעריאַליזם, וואָס ווערט ארויסגעטריבן אף די אויגן פון פּובליקום" (לודוויג פייערבאך"). קאנט האָט עס גאנץ אָפן אליין דערקלערט. אזוי, צ. ב., שרייבט ער אין דער האקדאָמע צו דער צווייטער אויסגאבע פון דער „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט": „איך האָב געמוזט אופהייבן (אראָפּנעמען) דאָס וויסן, ביכדיי צו באקומען פּלאץ פארן גלויבן" (ז. 26 פון דער רעקלאם־אויסגאבע). און פריִער שרייבט קאנט: „איך קען אלזאָ אפילע ניט אָננעמען גאָט, פרייהייט און אומשטערבלעכקייט צום נייטיקן פּראקטישן געברויך פון מײַן סייכל, אויב איך וועל גלײַכצײַטיק ניט באנעמען די איבערטריבנקייט פון די פּרעטענזיעס פון ספּעקוליאציוון סייכל" (דאָרט 25). אזוי האָט קאנט, וואָס האָט גאָט, פרייהייט פון ווילן און אומשטערבלעכקייט פארטריבן דורך דעם ריינעם סייכל, ווידער זיי ארײַנגעלאָזט דורך דער הינטערטיר פון „פּראקטישן סייכל", ווי אידייען, וואָס זײַנען מיכּוח דער מענטשלעכער דערקענטעניש, ווערן אָבער געפאָדערט דורך דעם פּראקטישן סייכל.

דער פשאָרעדיקער ליניע פונעם רעכטן פליגל פון דער גאליצישער האסקאָלע אין דער רעליגיעזער פראגע איז די דאָזיקע באקוועמע, סטירעסדיקע דואליסטישע פילאָסאָפיע געווען ווי אָנגעמאָסטן; און ניט ווייניקער האָט זי פארכאפּט די קאנטישע עטיק־לערע, וואָס איז אין טאָך „די בורזשואזע מאָראל, איבערגעזעצט אין דעם לאָשן פון זײַן פילאָסאָפיע" (פלעכאנאָוו, ב. 8, ז. 401). „קאנטס אידעאל, זיין „מעלוכע פון צוועקן" איז געווען דער אבסטראקטער אידעאל פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, וואָס אירע נאָרמעס האָבן זיך קאנטן פאָרגעשטעלט ווי באפעלן פון דעם פּראקטישן סייכל" (דאָרט 400). די דאָזיקע פיליסטערישע מאָראל האָט אָבער געפירט אין א דירעקטער ליניע צום שילער־קולט. געווים האָבן די גאליצישע מאסקילים

גוט געקענט סײַ געטעס, סײַ שילערס דיכטונג. זייער קרוין־פּאָעט, און אויך דער פּאָעט פון דער רוסישער האַסקאָלע, — איז אָבער געווען ניט דער כּפינאָזיסטיש־געשטימטער, היפּש־דיאַלעקטישער געטע, נאָר דער קאַנטיאַנער שילער. (אגעוו האָט קעגן דעם מאַטעריאַליסט ספּינאָזען געשטורעמט, געטרײַ לויט מענדעלסאָנס אָנווײַזונגען, דער גאַנצער רעכטער פליגל פון דער גאַליצישער האַסקאָלע מיט ראַפּאָ־פּאָרטן אין דער שפּיץ). אין וואַכשטיינס קאַטאַלאָג, וואָס רעגיסטרירט די וויכטיקסטע זשורנאַלן פון דער גאַליצישער האַסקאָלע, זײַנען פאַרצייכנט קוים 8 איבערזעצונגען פון געטע אף 42 שילערס (די העבר. פּובליציסטיק אין ווין", 1930, 276, 282).

די האַסקאָלע האָט באַוווּנדערט אין שילערן דעם דענקער, ניט ווייניקער ווי דעם דיכטער. עס האָט געערדט צו איר הארץ „שילערס פיליסטעריש נייגונג צו טרוימען וועגן אידעאַלן, וואָס קענען ניט פאַרווירקלעכט ווערן" (ענגעלס, לודוויג פויערבאַך). עס האָט זי באַגײַסטערט שילערס מליצע, זײַן פּאַטעטישע רעטאָריק, וואָס איר קוואַל איז אין טאָך קליינבירגערלעכע אָנמאַכט. די שוואַכקײַט פון דער האַסקאָלע, דער מיוזערנער געביט, אף וועלכן זי האָט געקאָנט אויסלאָדן איר פּאָליטישע ענער־גיע, האָט זי געטריבן אין די אָרעמס פון שילערן, פּונקט ווי ס'האָט זי געטריבן צו מליצע ביכלאַל.

מליצע איז טאָמיד אַן אויסדרוק פון אָפּגעשטאַנענקײַט, פון אידייִשער אָרעמקײַט, פון אָפּגעשטאַנענקײַט פון אידעאָלאָגיע און מעמילע פון אויסדרוק־מיטלען, ניט קוקנדיק אף דער קלוימערשטער רײַכקײַט פון אירע פאָרמעס. שוין די בערלינער האַסקאָלע האָט געשאַפן דעם פונדאַמענט פון מאַסקילישער מליצע, — ווי קומט עס אָבער צו יענער מליצע, וואָס פלייצט איבער אלע שריפטן, טעאָרעטישע, בעלעטריסטישע, פריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ אפילו פון דער גאַליצישער האַסקאָלע „האַמיליך" איז דער אָפּיציעלער טיטל פון יעדן מאַסקילישן שרײַבער. א ווערק אָן מליצע, האָט מען געהאַלטן, איז ווי א נעשאָמע אָן א גוף. מע האָט געפאָדערט מליצע, אופגעצווונגען אפילו מליצע. ווען ראַפּאָפּאָרט האָט זײַנע היסטאָרישע פאָרשונגען געשריבן אין א ניכטערער, וויסנשאַפטלעכער שפּראַך, האָט עס אַרויס־גערופן אן אומצופרידנקײַט מיצאַד דעם מאַסקילישן אוילעם. און ראַפּאָפּאָרט אליין מאַכט א פאָרוווּרף לוצאַטאָן, אז ער הייבט אָן קאַרגן מיט מליצעס: „דײַן פּיירעש.. איז גוט און נוצלעך, און דאָך וועט זיך ניט באַרימען מיט אים „ישורון" (נאָמען פון זשורנאַל. מ. ע.), ווי דײַנע אַרטיקלען זײַנען געווען א צירונג פאַר די „בכורי העתים". פאַרוואָס האָסטו אָנגעהויבן קאַרגן מיט ווערטער? פאַרוואָס האָבן אופגע־הערט פליסן דײַנע מליצעס?" (אגרות שיר, פּשעמישל 1885, 72). בלאָך איז באַרימט געוואָרן (און פאַרדינט היפּש געלט) אַדאַנק זײַן געאָגראַפישן בוך „שבילי עולם", ד. ה. ניט בלויז צוליב די געאָגראַפישע ידיעס פון בוך, נאָר אויך צוליב די קאָפּל־שמוינעדיקע מליצעס, וועלכע ס'האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן ניט געקאָנט פאַר־טראָגן אפילו דער „נאָרמאַל" מליציצדיקער מאָהר (פּאַרגל. מאָהרס האקדאָמע צו זײַן אייגענעם „שבילי עולם").

ראַמבאַם, מענדעלסאָן, קאַנט, שילער, — דאָס אַלץ האָט זיך אָרגאַניש און געזעצ־מעסיק אַרײַנגעוועבט אין דער אידעאָלאָגיע פונעם רעכטן פליגל פון דער גאַליצישער האַסקאָלע.

די גרופּע מיזעס-ערטער-שאָר.

לעפין, פּערל, ראַפּאָפּאָרט, קראָכמאַל זײַנען די װיכטיקסטע פיגורן פון דעם גרונט־שטראָם פון דער גאַליצישער האַסקאָלע,—פון איר רעכטן פליגל. װאָרעם ס'האָט עק־זיסטירט אויך א גרופּע אין דער גאַליצישער האַסקאָלע מיט א מער אויס־געשפּראָכענער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, מיט א קלענערער אָנלאָדונג פון פעאָדאַלע אידעאָלאָגישע רעשטלעך, װאָס האָט אויסגעדריקט מער פּראָגרעסיװע טענדענצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטװיקלונג. די דאָזיקע ראַדיקאַלערע ריכטונג אין דער גאַליצישער האַסקאָלע לאָזט זיך פילן נאָך אין דער רעאַקציע־צײַט, כאָטש צוליב פאַרשטענדלעכע טײַמים טרעט זי אַרויס פאַרקאָנספּירירט רעדט אַן עזאָפּישן לאָשן, איז אָרעם אין קװיכעס און נאָך אָרעמער אין פּאָליטישע מעגלעכקײַטן. נאָך פאַר יעהוישוע העשלס שאָרס „װאָלטעריאַנישן" „ההלוץ" (פון ערשטן פּעריאָד), װאָס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען 1852, האָט עקזיסטירט א מער קאָנסע־קװענטע בורזשואַזע שטרעמונג, װאָס איז אַשטייגער געקומען צום אויסדרוק אין די שריפטן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט פון דעם לעמבערגער מאַסקיל יע־הודע־לייב מיזעס (1798־1831), דעם שאַרפסטן אַנטירעליגיעזן קעמפער פון דער גאַליצישער האַסקאָלע אין דער פאַררעװאָליוציאָנערער צײַט. קורץ איז געװען מי־זעסעס לעבן, קוים 33 יאָר איז ער אַלט געװען, װען ער איז געשטאָרבן אין לעמ־בערג, בעשאַס דער גרויסער כאָלערע־עפּידעמיע פון 1831, אַף די הענט פון זײַן געטרײַען פרײַנט ערטער.[1] אָבער אין מעשעך פון אָט דער קורצער צײַט האָט מי־זעס פיל באַװיזן, אָנגעזאַמלט פאַר זײַן צײַט און סבֿיװע א שטױנענדיק גרויסן װיסן א רײַכער מאַן, איז זײַן שטוב געװען דער זאַמלפּונקט פון גאַליצישע מאַסקילים, און פיל פון זיי האָט ער געשטיצט אויך מאַטעריעל. געשעמט האָט זײַן רײַכע און װערטפולע ביבליאָטעק. ער איז געװען א לײַדנשאַפטלעכער אַנטיקלעריקאַלער קעמ־פער, פאַרביטערט געקעמפט מיט דער אָרטאָדאָקסיע דורך פּאָלעמישע טראַקטאַטן און שריפטן און ניט אָפּגעשטעלט זיך אַפילע פאַר מעסירעס צו דער מאַכט. יעהוישוע

[1]) מיזעסעס געבורט־דאַטע איז ביז איצט לויט מײַן װיסן אינערגעץ ניט פאַרצייכנט געװאָרן. אָבער אַפן שאַר־בלאַט פון דעם עקזעמפּליאַר פון „קנאת האמת" װין 1828, װאָס געפינט זיך אין דער װײַס־רוסישער מעלוכע־ביבליאָטעק אין מינסק, האָט דער רימאָנאָװער רויפע שמועל מיסלאַװוטע פאַרצייכנט א כּוידעש נאָך מיזעסעס טויט, אַז ער איז געשטאָרבן אין לעמבערג אין עלטער פון 33 יאָר.

העשל שאָר דערציילט אין „החלוץ“ ב. 3 ז.58, אז ווען די עסטרײַכישע מאכט האָט אין יאָר 1815 געצוואונגען אָרענשטיינען, דעם לעמבערגער ראָוו, עפנטלעך אָפּצורופן דעם כיירעם אף מאסקילים, איז מיזעס צוגעגאנגען אין שול צו אָרענשטיינען און געהייסן אים א צווייטן און א דריטן מאָל איבערכאזערן, אז דער כיירעם איז באָטל. און דער בלאסער איבערגעשראָקנער ראָוו האָט געפאָלגט... ניט קיין וואונדער, אז זײַן שארפסטער קעגנער איז געווען יאנקעוו שמועל ביק (דער צונאָמען „דאָך קיכאָט“, אין ביקס בריוו נומ. 3 פון 1829, אוצ, הספרות ב. 3, 28־26, באציט זיך, ווײַזט אויס אף מיזעסן), אָבער אויך ראפּאָפּאָרט (ווי ס'איז צו זען פון זײַן ענטפער ביקן, דאָרט, ז. 29־30) איז געווען קעגן מיזעסעס ליניע און מיט פאראכטונג אים גערופן „מיסכאקעם“ (פּסעוודאָ־געלערנטער), און אין דער האקדאָמע צו זײַן ביאָגראפיע פון נאָסן „בעל הערוך“ שרײַבט ראפּאָפּאָרט קעגן מיזעס: פאראן אזעלכע, וואָס מיינען אָנטאָן קאָוועד די עלטערע מעכאברים, זוכנדיק אין זייערע ווערק בלויז יענע זאכן, וואָס דוכטן זיי אויס צו שטימען מיט זייערע געדאנקען און זײַנען קעגן די אָנגענומענע מיינונגען, און פרייען זיך אף אזעלכע מײַמאָרים אונ שלעפּן זיי ארויס פון די באהעלטענישן און פרייען זיך, ווען זיי האָבן זיי געפונען, ווי ווען ס'וואָלט געווען אן אויסערגעוויינטלעכער רויב; די ווידער פון די אלטע דענקער, וואָס האָבן אנדערש געמיינט, דערקלערן זיי א מילכאָמע מיט זידלערײַען“... (בכורי העתים 1829, ב. 4). מיזעס האָט געענטפערט (אין בכורי העתים, 1830, 126־131) מיט א רייי ליוב־בריוו, צווישן זיי דאָוויד פרידלענדערס און הערץ האָמבערגס, אף זײַן „קנאת האמת“, און מיט א פאָרוואָרט, ווו ער גיט אָנצוהערעניש אף ראפּאָפּאָרטן: „קיין שום פארנינפטיקער לעזער נעמט ניט אין אכט ווערטער, וואָס זײַנען ניט גענוג באגרינדעט אויך הערט ער זיך ניט צו צום אורטייל פון א מענטשן, אפילע אויב ער האָט צו אים אכטונג אין א געוויסער הינזיכט, אויב ער דערוויסט זיך, אז אין יעסאָד פון דעם דאָזיקן אורטייל ליגט פאָרורטייל, קינע אָדער פערזענלעכער האס... און ביכלאל האָבן אויטאָריטעטן ניט קיין ווערט דאָרט, ווו דער סייכל אליין קען מישפּעטן“ (דאָרט, 126). ראפּאָפּאָרט האָט אויסגעלאכט מיזעסעס העברייִש און געטײַנעט, אז מיזעס האָט צוליב זײַן שוואכער קענטשאפט פון העברייִש געמוזט צוציִען צו הילף דעם פויזנער מאסקיל קאראָ. מיזעס האָט טאקע געשריבן א גרײַזיקן העברייִש, דערפאר איז אָבער זײַן סטיל פרײַ פון דער פלייצנדיקער מאסקילישער מעליצע.

קעגן מיזעסן איז, אלזאָ געשטאנען אן אײנהײַטלעכער פראָנט פון דער אָרטאָדאָקסיע, פונעם רעאקציאָנערן קליינבירגערטום (ביק) און פון דער געמעסיקטער האסקאָלע. סאכאקל האָט וויזעס א שײַכעס צו צוויי ווערק: „תכונת הרבנים“ (ווין, 1823) און „קנאת האמת“ (ווין, 1882). דער פארפאסער פון ערשטן ווערק איז דער שוין דערמאָנטער פויזנער מאסקיל דאָוויד קאראָ (געב. ארום 1782, געשט. 1839), אן אָנטיילנעמער נאָך אין „המאסף“, גרינדער פון א מאסקילישער שול פויזן (1816), שפּעטער הייסער קעמפער פאר דער רעליגיעזער רעפאָרם־באוועגונג אין דײַטשלאנד. מיזעס איז בלויז דער מעצענאטישער ארויסגעבער פון קאראָס ווערק, און בלויז ווי אזא (המויל) האָט ער זיך קעסיידער באצייכנט. דאָך האָבן אים זײַנע פילצאָליקע קעגנער און אויך שפּעטערדיקע בורזשואז־קלעריקאלע פאָרשער, (אשטייגער בערנ־

פעלד אין „תולדות" שיר. 12) טייקעף באשולדיקט אין פלאגיאט. מיזעס האָט אָבער צו קאראַס ווערק צוגעגעבן צאָלרייכע אָנמערקונגען, וואָס פארשארפן און אקטוא־ליזירן קאראָס שריפט, און אויך סטיליזירט, פאָפולערער געמאכט דאָס ווערק. דא־קעגן איז „קנאת האמת" מיזעסעס אָריגינעל ווערק.

פאַר זײַן צײַט און פאַר די באַדינגונגען פון דער דעמלטיקער יידישער סוויווע איז מיזעסעס „קנאס האמס" געווים געווען א ראַדיקאַלע, פּראָגרעסיווע דערשיינונג. איבער אסאך דערשיינונגען פון יידישן רעליגיעזן לעבן שלאָגט מיזעס מיט ווירקנ־דיקן, שארפן געווער: ער אינטערנאַציאָנאַליזירט דעם שטאָף, רייסט ארויס די יידישע רעליגיעזע מינהאָגים און שיטעס פון זייער אטאָ־בעכארטאָנו־שטעלונג, דערווייזט, אז אסאך פון זיי זיינען דירעקט אויסגעליען געוואָרן באַ אנדערע פעלקער, אנדערע ווילדע אבערגלויבנס קומען פאָר אויך בא אנדערע פעלקער אין פארשיידענע צייטן און לענדער, — א סימען, אז רעליגיעזער אָבערגלויבן איז אן אינטערנאַציאָנאַלע דער־שיינונג און ווערט ארויסגערופן דורך ענלעכע סיבעס. איינע פון די דאָזיקע גרונט־סיבעס איז לויט מיזעסן די שווינדלערישע טעטיקייט פון קלער, וואָס טראַכט אויס באַוווסטזיניק פארשיידענע לעגענדעס און באָבע־מייסעס און פארפעסטיקט זיי אין פאָלק, — א טיפישע אויסטייטשונג פון אן אופקלערער. מיט זיין בוך פארכאַפּט מיזעס אין פראָנטאלן אָנגריף א היפּשן אָפּשניט פון יידישן רעליגיעזן לעבן: כסידעס (זע זיין דערקלערונג פון דעם אנטשטיין און מעהוס פון כסידעס, 29‑35, אויסגאבע לעמ־בערג 1879), ראַבאָנעס, די קאַבאָלע און ביכלאַל די יידישע מיסטיק (און ער פאלט אָן ביז גאָר שארף אפן זוהאר), פארשיידענע רעליגיעזע זאַבאָבאָנעס (דאָס גלויבן אין רוכעס, שיידים, מאלאָכים, גילגול א.א.וו.), פארשיידענע ווילדע רעליגיעזע מינהאָגים, פארשיידענע אבסורדע „פּראַקטישע מיצוועס", פארשיידענע אגאדעס און מעדראָ־שים א. א. וו.

דער וויכטיקסטער קריטערי אָפּצושאצן ווי געהעריק דעם דאָזיקן אידעאָלאָגישן ווילדקרויט איז לויט מיזעסן דער נאטירלעכער סייכל פון מענטשן, ער שטרעבט אָבער צוליב פּראָפּאגאנדע־צוועקן קעסיידער אונטערשטיצן זיינע אויספירן מיט ציטאטעס פון פארשיידענע יידישע דענקער, און מאכט דאָ דורך יענע אָפּעראציע, וואָס האָט אזוי אופגערעגט ראפאָפּאָרטן: „ער זוכט בא די עלטערע מעכאברים בלויז יענע זאכן, וואָס דוכטן אים אויס צו שטימען מיט זיינע געדאנקען, און ער דערקלערט א מיל־כאָמע יענע אלטע דענקער, וואָס האָבן אנדערש געמיינט, און באַפאלט זיי מיט זיד־לערייען". זיין וויכטיקסטער קוואל איז אין אזעלכע פאלן דער ראמבאם (דער גאנ־צער בוך פירט זיך אגעוו אין דער פאָרם פון א דיאלאָג, ווו דער ראמבאם איז דער הויפטרעדנער), ער קאָרעגירט אָבער אויך דעם ראמבאם און צווינגט אים אפילע צו א מין „זעלבסטקריטיק", צום אנערקענען זיין פעלער, וואָס איז באשטאנען אין ניט־קריטישן צוגאנג צו דער פארעלטערטער אריסטאָטעלשער פילאָסאָפיע. דער ראמבאם מאכט אין מיזעסעס בוך אזא מין „זעלבסטקריטישע" דערקלערונג: „כ'וועל זיך ניט שעמען און מוידע זיין, אז כ'האָב א טאָעס געהאט און געמאכט פעלערן אין אסאך זאכן, ווייל כ'האָב צופיל זיך געהאלטן בא דער פילאָסאָפיע פון אריסטאָטעלעסן, ניט אָפּווייכנדיק פון איר ניט אף רעכטס און ניט אף לינקס, וואָרעם כ'האָב דאן געהאלטן, — דורכדעם, וואָס כ'האָב אסאך געלייענט זיינע ווערק און פארקערט טאָמיד מיט גע־

לערנטע, וואָס האָבן אָנגענומען ווי אַן עמעס די טעאָריעס פון זײַן פילאָסאָפיע, און כ'האָב ניט קריטיש אונטערזוכט זײַנע אויספירן,—אז אלע זײַנע אורטײלן און מײנונגען זײַנען ריכטיק, און אז זײַן פילאָסאָפיע איז די גרענעץ פון מענטשלעכן וויסן... איך וונדער זיך אליין, וויאזוי האָב איך געקאָנט גלויבן אין אזעלכע נארישקײַטן"... (ז. 62־63).

מיזעס אָפּערירט גלײַכצײַטיק מיט א היפּשן אפּאראט, גענומען פון די ווערק פון דער דעמלטיקער אײראָפּײִשער אופקלערערישער וויסנשאפט. ביכדיי ארויסצובאקומען א גרעסערן פּראָפּאגאנדיסטישן עפעקט, פּארפּאסט ער זײַן ווערק אין „א לײַכטער שפּראך", און רוקט ארויס ביכלאל די פאָדערונג צו שאפן א פּארצווײַגטע אנטיקלעריקאלע ליטעראטור אין העברעיִש און אין ייִדיש,—„פּארפּאסן אסאך ווערק אין א לײַכטן העברעיִש אָדער אין דער שפּראך, וואָס ווערט איצט גערעדט (ייִדיש. מ. ע.) קעגן די פּארגרײַזטע מײנונגען און פּארדאָרבענע מינהאָגים" (דאָרט, ז. 177). זײער הויך שאצט אָפּ מיזעס די פּראָפּאגאנדיסטישע ראָלע פון טעאטער אין קאמף פאר דער אופקלערונג,—און פאָרמולירט די אופגאבעס פון טעאטער און דראמע אין זין פון דידראָס און לעסינגס טעאָריעס (ז. 174־176). גלײַכצײַטיק פּריידיקט מיזעס, אז אויך אופקלערערישע ראָמאנען קאָנען ברענגען אסאך נוצן (דאָרט).

אזוי ארום אנטוויקלט מיזעס א סיסטעם בורזשואז־אופקלערערישע אָנשויונגען, וואָס גײען אוועק אסאך ווײַטער פון דעם דורכשניט פון דער גאליצישער האסקאָלע, און ניט קײן וווּנדער, אז מיזעס רעדט אין זײַן בוך מיט אסאך ביטערקײַט וועגן דעם אָפּאָרטוניזם פון אסאך מאסקילים: „פאראן א גרופּע מאסקילים צוועקעס, וואָס וויסן דעם עמעס, אָבער זײ באהאלטן זײערע מײַסים און געדאנקען פון פאָלק, מאסקירן זיך אין גאָטפּאָרכטיקײַט, ביכדיי זײ זאָלן זײַן אָנגעזען באם האמוין ווי כסידים, און זאָלן קאָנען דערלאנגען קאָוועד און רײַכטום... דאָס זײַנען מענטשן, וואָס אינדערעמעסן איז זײער גאנצע מי בלויז צוליב דער אײגענער טויווע, און ניט צוליבן גליק פון זײערע ברידער"... (ז. 25).

און דאָך דארף ניט איבערגעשאצט ווערן מיזעסעס ראדיקאליזם, כאָטש מיר האָבן אָפּט דעם אײַנדרוק, אז אויך מיזעס איז געצווונגען צײַטנווײַז ריידן א מער מעסיקן לאָשן, ווי ער וואָלט עס אליין געוואָלט,—אז ער דערפירט דעם לײענער אָפּט בלויז ביז א באשטימטן פונקט אין דער האָפענונג, אז דער לײענער וועט אליין ציִען די ווײַטערדיקע קאָנסעקווענצן. ווײַטער פון דעיִזם איז מיזעס באשטימט ניט געגאנגען. אָבער ער לאָזט פילן, אז ער איז ביכלאל קעגן קלער, און איז אין דעם פראט ראדיקאלער פון דאָוויד קאראָ, וואָס האָט אין טאָך געשטרעבט בלויז רעפאָרמירן, „אײראָפּעיִזירן" דעם ייִדישן קלער. און איבעריקנס קאָן מען אפילע וועגן אָט דער פראגע—וועגן די גרענעצן פון מיזעסעס אנטיקלעריקאלן קאמף,—ניט ארויסטראָגן אן ענדגילטיקן אורטײל, אף וויפל מיזעס אליין איז געצווונגען געווען אין די באדינגונגען פון דער מעטערניך־עפּאָכע צו דער גרעסטער פאָרזיכטיקײַט אין זײַנע ארויסטרעטונגען און ניט געקאָנט זיך ארויסזאָגן ניט צווײדײַטיק. אײן זאך איז קלאָר—מיזעס איז געשטאנען אף דעם צומײנסטן ארויסגערוקטן פלאנג פון דער גאליצישער האסקאָלע, און איז ראדיקאלער ניט נאָר פון דער מעסיקער ריכטונג לעפין־פּערל־ראפּאָפּאָרט, נאָר אויך פון זײַנע מיטקעמפער ערטער און אפילע שאָר.

אין יאָר 1831 איז געשטאָרבן מיזעס; 20 יאָר שפּעטער, 1852, האָט יעהושוע העשל שאָר (1814־1895) גענומען ווײַטער פירן מיזעסעס לעבנסווערק, און געגרינדעט דעם „אפּיקאָרסישן", אנטיראבאָנישן און אנטיכסידישן זשורנאַל „החלוץ". דער מיטלער רינג צווישן מיזעסן און שאָרן איז דער סאטיריקער איצכאָק ערטער (1792־1851). אַף ערטערס הענט איז געשטאָרבן מיזעס—און מיזעס איז געווען ערטערס לערער, מע־צענאַט, כאַווער און פרײַנט; ערטערס ווידער לעצטע טאט איז געווען די אידייע פאַר־נעם זשורנאַל „החלוץ", וועלכן ער האָט געפּלאַנט ארויסצוגעבן צוזאמען מיט שאָרן,—ערטער האָט אָבער באוויזן בלויז אָנצושרײַבן דעם פּראָגראַם־ארטיקל פארן זשורנאַל און דאָס אויך ניט איינגאנצן,—ערטערס טויט האָט איבערגעריסן אויך דעם ארטיקל, און די לעצטע זײַטלעך האָט שוין צוגעשריבן שאָר. זינט דאַן איז שאָר קימאט א האלבן יאָרהונדערט געשטאנען אין קאַמף קעגן יידישן קלערי־קאַליזם. זינט 1852 זײַנען דערשינען 13 בענדער פון „החלוץ"—דער לעצטער באַנד איז פון יאָר 1889—און זיי האָבן פיל אופגעטאָן אָפּצושוואכן די אָרטאָדאָקסיע, זי לעכערלעך מאכן, צעקלאַפּן אויך אירע טעאָרעטישע יעסוידעס,—אַלץ, נאַטירלעך, פון בורזשואַז־ליבעראַלן שטאַנדפּונקט. דער ערשטער באַנד „החלוץ" איז שוין הײַנט א ביבליאָגראפישע זעלטנהייט,—גרויסע ביבליאָטעקן האָבן בלויז די צווייטע אופלאַגע פונעם יאָר 1866,—וואָרעם די ערשטע אופלאַגע האָבן די קלעריקאַלן אופגעקויפט און פארברענט.

אין קעגנזאץ צו דער ריכטונג לעפּין־פּערל־ראַפּאָפּאָרט, וואָס שאַנעוועט די ראַ־באָנים, קאָקעטירט מיט די מיסנאַגדים און האָפט זיי אויסנוצן אין קאַמף קעגן כסי־דים,—איז די ריכטונג מיזעס־ערטער־שאָר שטארק אגרעסיוו אויך אין קאַמף קעגן דער ראבאָנישער אָרטאָדאָקסיע. אין דעם דאָזיקן דרײַלינג האָט זיך אַף א נאַטירלעכן אופן איינגעשטעלט א געוויסע ארבעט־צוטיילונג: מיזעס איז געווען אין זײַנע לי־טעראַרישע ארבעטן דערהויפּט א פאָרשער, א טעאָרעטיקער; ערטער—דער בעלע־טריסט־סאַטיריקער, מיט גאָר א שוואכן פובליציסטישן טאַלאַנט. א ברויזנדיקן פּוב־ליציסטישן טעמפּעראַמענט האָט דאַקעגן געוויזן שאָר,—אפילע זײַנע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען דערמאָנען גיכער פּובליציסטישע פּאַמפלעטן, און ניטאָ בא אים קיין פאָרשונג צוליב פאָרשונג: זײַן גרויסע ערודיציע האָט ער געשטעלט אין דינסט פון זײַן לעבנסציל, פון אופרײַסן דעם יידישן קלעריקאַליזם, זײַן טראַדיציע, פּראַקטיק, זײַנע רעליגיעז־טעאָרעטישע יעסוידעס. פון טיפן מיטלאַלטער זוכט ער אויס ניטבאַ־קאַנטע קסאַוויאַדן,—און דאָס זײַנען ווידער באשולדיקונג־אַקטן קעגן ראבאָנים (אשטייגער „שיר תלונה על הרבנים אשר מצא בכ״י ישן יה״ש". החלוץ, ב. 1). און אויב ערטערן האָבן נאָך פאַרבונדן פעדעם מיט דער געמעסיקטער האַסקאָלע, און ער רעדט נאָך אין זײַן „גלגול נפעש" (1845) מיט אסאַך רעספּעקט פון ראַפּאָפּאָרטן,—האָט שאָר שוין אָפּן געברענט די בריקן, באשולדיקט ראַפּאָפּאָרטן אין פאַראַט צו די לאַזונגען פון דער האַסקאָלע, און איינע פון זײַנע בעסטע ליטעראַרישע ארבעטן איז דער גרויסאַרטיקער פּאַמפלעט אַף ראַפּאָפּאָרטן (שברי לוחות", החלוץ, ב. 4, 1859) אָבער ערטערס גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט פאַלט אַפן רעאַקציע־פּעריאָד 1815־1848,—בעשאַס הינטער שאָרס „החלוץ" שטייט דער רעוואָליוציאָנערער אופברויז פון 1848, וואָס האָט ראדיקאַליזירנדיק געווירקט אַף טייל אידעאָלאָגן פון דער יידי־

שער בורזשואזיע. שפּעטער טאַקע, וואָס ווײַטער פון 1848, אַלץ געמעסיקטער, „אַקאַדעמישער" ווערט שאָרס „החלוץ".

ערטערס לעבנסגאַנג דערמאָנט אין אַסאַך פּראָטים די ביאָגראַפיע פון זײַן מיטצײַט־לער שלומע עטינגער. זײַן יוגנט האָט ערטער אַליין באַשריבן אינעם עטיוד „חסידות וחכמה" (1834, געדרוקט אין כרם חמד, ב. 2). צו 13 יאָר האָט שוין ערטער כאַ־סענע געהאַט, א האַלב יאָר שפּעטער איז ער שוין אַן אַלמען, צו 14 יאָר כאַסענע געהאַט צום צווייטן מאָל אינעם שטעטל וויעלקע אָטשי. דאָרט באַקענט ער זיך מיטן מאַסקיל און אַפּיקורעס יויסעף טאַרלער, וואָס האָט געהאַלטן די טאַקסע, גע־וועזן א גוויר,—און שפּעטער צוליב אַן אַפּערע מיט פאַלשע וועקסלען געראַטעוועט זיך דורכן איבערגאַנג אין קריסטנטום. לאַנגע יאָרן דערנאָך איז טאַרלער געוועזן דער צענזאָר פון העברעיִשע ביכער אין לעמבערג (עס איז אַלזאָ א מין גאַליצישער גרינ־בוים־פּיאָדראָוו). שוין זײַענדיק א געטויפטער, האָט טאַרלער אָפּגעדרוקט א העב־רעיִשע אַנטיכסידישע סאַטירע אין ערשטן העפט פון „ירושלים" (1845). טאַרלער האָט עס געגעבן ערטערן די ערשטע וועלטלעכע בילדונג, געלערנט אים אייראָפּעיִשע שפּראַכן און העברעיִש,—און ערטער איז געשטאַנען מיט אים אין פאַרבינדונג לאַנגע יאָרן (פאַרגל. ערטערס בריוו צו אים פון יאָר 1831, „הצופה", וואַרשעווער אויסגאַבע 1908, ז. 111), טאַרלער האָט אויך געשטיצט ערטערן בײַם זײַן שטודיום פון מעדיצין. אין יאָר 1815 איז שוין ערטער אין לעמבערג, לעבט פון פּריוואַט־לעקציעס, ביז ס'קומט ווי א דונער אָרענשטיינס כיירעם, און ערטער אַנטלויפט אין בראָד. דאָ איז ער ביז 1823 לערער אין רײַכע אויפגעקלערטע הײַזער—און צײַטווײַליק דער לייטער פון דער רעאַל־שול. צו 32 יאָר באַשליסט ער זיך איבערקוואַליפיצירן—און פאָרט אין פּעשט שטודירן מעדיצין (ביז 1829), און מאַכמעס ער האָט ניט קיין מיטעלע בילדונג, באַקומט ער נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט בלויז דעם טיטל „כירורג",—רויפע, ניט דאָקטער. זינט 1829 ביז זײַן טויט—1851—איז ער א שטאַרק פּאָפּולערער דאָק־טער אין בראָד. ער איז געוועזן דער רויפע פון דער בראָדער אָרעמשאַפט,—שווער געהאָרעוועט א גאַנצן טאָג, און ווייניק פאַרדינט. אין די פרײַע אָוונטן האָט ער פײַנ־לעך זויבער געשליפן זײַנע העברעיִשע סאַטירעס.

ערטערס ליטעראַרישע יערושע איז זייער קליין. זי איז געזאַמלט אין דעם ביכל „הצופה לבית ישראל" (דער אָבסערוואַטער פון פאָלק יִסראָעל"), און רעכנט מען אַראָפּ דאָס ביסל בריוו און קליינע, ניטבאַדײַטנדיקע לידער, וואָס זײַנען דאָרט צו־געדרוקט, זײַנען דאָס סאַכאַקל 108 זײַטלעך—ערטערס גאַנצע פּראָדוקציע אין מעשעך פון 35 יאָר! ער האָט שווער און ביטער געהאָרעוועט איבער יעדער שורע. „אויב דו וועסט פאַרפאַסן פּאָעזיע אָדער א וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג—זאָגט ערטער צו פאַביוס מיזעס—זאָל עס ליגן אין דײַן פּאָרטפעל צען יאָר, און זאָלסט זיך ניט אײַלן עס אָפּדרוקן... און דאָס איז אויך טאָמיד געווען מײַן מינעג צו שלײַפן אָן א שיר יעדע זאַך, וואָס גייט אַרויס פון אונטער מײַן פעדער, און אין מעשעך פון אַסאַך יאָרן..." (אוצר הספרות, ב. 3, תולדות אנשי שם. ז. 17). און כאָטש ער איז צום סאָף פון זיין לעבן (אין „תולדות החלוץ") שוין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אז מע מוז פאַרברייטערן די העברעיִשע ליטעראַרישע שפּראַך, אײַנשליסנדיק אין איר אויך דעם טאַלמודיש־אַראַמעיִשן לאָשן, האָט ער אָבער זײַנע סאַטירעס געשריבן אין

א פײַנלעך סטיליזירטן ביבלישן העברייִש. ער איז געשטאַנען אונטערן שטאַרקסטן אײַנדרוק פֿון ביבליש־נעווייִשן פֿאַרטראַג, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער פֿאָזע, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן—די פֿאָזע פֿון א „הצופה"—א מין נעווייִשער אָבסערוואַטער, לערער און שטראָפֿער פֿון פֿאָלק. דערפֿאַר איז אויך די באַליבסטע פֿאָרם פֿון זײַנע סאַטירעס די וויזיע, דער „חזון", און שוין זײַן ערשטע ווערק „מאזני משקל" (צוערשט געדרוקט אין „בכורי העמים", 1823) טראָגט דעם אונטערטיטל: „חזון לילי" (נאַכט־וויזיע). סײַ זײַן סטיליזירטער, אויסדרוק־אָרעמער און דערפֿאַר קונציקער העברייִש, סײַ די ראָמאַנטישע וויזיע־פֿאָזע און די מיט איר פֿאַרבונדענע מעליצע האָבן שטאַרק געמינערט די שלאָג־קראַפֿט פֿון זײַן סאַטירע, דאָקומענטירנדיק גלײַכצײַטיק, ווי שטאַרק ס'האָט אַף דעם דאָזיקן גרויסן סאַטירישן טאַלאַנט געדריקט די לאַסט פֿון קאָנסערוואַטיווער מאַסקילישער טראַדיציע.

„מאזני משקל" (די וואָגשאָל) איז ווײַזט אויס ערטערס ערשטע זאַך, וואָרעם מיר זײַנען מעשאַער, אַז זי איז פֿאַרפֿאַסט ווי אַן ענטפֿער אַף אָרענשטײַנס כיירעם פֿון יאָר 1815 (דאָס באַשטעטיקט אויך לעטעריס אין זײַן אַרײַנפֿיר, וואַרשעווער אויסגאַבע ז. XI). דער טשוואָק פֿון דער קליינער סאַטירע איז טאַקע אַן אָנפֿאַל אַף דעם לעמבערגער „גרויס־אינקוויזיטער": דער דיכטער זעט אין כאָלעם א וואָגשאָל אין הימל, און ווען מע לייגט אַף איר ארוף אָרענשטײַנס גרויסן כיבער „ישועת יעקב", בלײַבט פֿון אים בלויז דער טיטל־בלאַט און די האקדאָמע—וואָרעם דער גאַנצער אינהאַלט איז א פּלאַגיאַט פֿון אַנדערע מעכאַברים (אַף אָרענשטײַנען פֿאַלט אָן שאַרף ערטער אויך אין זײַן „תשליך" און „גלגול").

ערטערס צווייטע סאַטירע „כסידעס און כאָכמע" דערציילט צוערשט אַוטאָביאָגראַפֿיש דעם אויטערס וועג פֿון כסידעס צו אופֿקלערונג, ביז יענעם טאָג, ווען ער האָט בא טאַרלערן אין שטוב דערזען די ווערק פֿוןביידע מוישעס (פֿונעם ראמבאַם און מענדעלסאָנען). א גאַנצן טאָג האָט ער מיט דורשט געלייענט בא טאַרלערן, און באַנאַכט, קומענדיק אהיים, האָט ער דערזען אין כאָלעם צוויי פּרויען־געשטאַלטן: דאָס האָבן כסידעס און אופֿקלערונג געראַנגלט זיך איבער זײַן נעשאָמע. עס קומט א שאַרפֿע סאַטירע קעגן כסידישע צאַדיקים (אַשטייגער: „וועט קומען צו דיר אַן אקאָרע און בעטן עפּעס איר מוטער־טראַכט, וועסטו דײַנע הענט אַף איר ארופֿלייגן, און זי וועט דיר דערלאַנגען אירע רובלס. אָבער בלויז פֿון די בראָכעס פֿון דײַן מויל וועט זי ניט שוואַנגער ווערן..."), און ס'ענטפֿערט די כאָכמע: „ווילסטו דען אויך אונטערדריקן דײַן פֿאָלק? ווילסטו א כאַוווער ווערן צו יענע געמיינע לײַט, און טרעטן אין בלאָטע דײַן קאָוועד, ביכדיי ס'זאָל גרויס ווערן בא נאַראָנים דײַן קאָוועד? ווילסטו אים טרעטן ווי די בלאָטע אין די גאַסן, ביכדיי דו זאָלסט אָנפֿילן דײַנע אויצרעס מיט גאָלד?" דערנאָך קומט א לאַנגע מעליצעדיקע באַשרײַבונג פֿון פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן,— „און ס'איז פֿול געוואָרן דאָס הויז מיט ליכט, און איך האָב זיך אופֿגעכאַפּט".

א גרעסערן שוווּנג האָט די סאַטירע „תשליך" (1840). זי איז ווידער געהאַלטן אין דער פֿאָרם פֿון א וויזיע,—דער סאָטן ווײַזט דעם דיכטער די עמעסע זינד פֿון יידן, און גראָד די גאָטפֿאָרכטיקע, און זייערע פֿירער, די ראַבאָנים און צאַדיקים, זײַנען די גרעסטע זינדיקער. עס איז א שאַרפֿער אַנטיקלעריקאַלער פּאַמפֿלעט, ווו ערטער באַשולדיקט די ראַבאָנים אין פּוסטער און ווילדער גײַווע, אין קינע, נעפּאָ־

טיזם (מישפּאָכעדיקער פּראָטעקציע), אין פאַרפּאַסן נאַרישע און זינלאָזע ווערק, אין בריטן און אין טאָג אויסגעלאַסענעם באַהאַנדלען פון געשלעכטלעכע פּראַגעס, אין קעגנזײַטיקן פּלאַגיאַט, אין פאַרמערן און קאָנסערווירן דעם באַרג רעליגיעזע פאַר־באָטן, וואָס ליגן ווי א שווערע לאַסט אויף די ייִדישע מאַסן. ניט בעסער זײַנען די כסידישע צאַדיקים. די אָרטאָדאָקסיע פאַרשטייט אויסגעצייכנט ווי צו האַנדלען מיט רעליגיעזע אָביעקטן און ווי אַזוי געשעפטלעך אויסצונוצן די פרומקײַט פון פאָלק צוליב דער אייגענער טאַש. עס איז אָבער ניט גענוג פאַרן פאַנאַטיזם די געצנדינערײַ פון דער כסידישער באַוועגונג,—דאָס פאָלק זינקט נאָך אין א יאַם שווערע אָבער־גלויבנס, לויפט צו קיידאָרים און די פאַרשיידנסטע קישעפמאַכער. אָבער אויך מאַסקי־לים האָבן שווערע זינד (ערטער כאַזערט דאָ איבער מיזעסן): אויף דער עלטער ווערן זיי פרום, עס ווייעט פון אַנדערע מאַסקילים א גוואַלטיקע קאַלטקײַט צום פאָלק, „און ס'ווערט ניט וואַרעם זייער האַרץ, צוזעענדיק די צאָרעס פון זייער פאָלק".

ערטערס גלאַנצווערק איז אָבער די סאַטירע „גילגול נפש" (דער גילגול פון א נעשאָמע—1845), א ווערק, וואָס האָט געהאַט א שטאַרקע האַשפּאָע אויך אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. צווי שרײַבער האָבן דעם „גילגול" איבערגעזאָגן אין ייִדיש—א. מ. דיק האָט עס איבערגעזעצט, און גאָטלאָבער האָט ערטערס ווערק פאַראַפראַ־זירט, אַרײַנגעשטעלט אויך נײַע קאַפּיטלעך, צוגעפּאַסט צו די רוסישע באַדינגונגען, געקירצט אין אייניקע ערטער און פאַרברייטערט אַנדערע טיילן, אַזוי, אַז ס'האָט זיך באַקומען קימאַט א זעלבשטענדיק, אָריגינעל ווערק. און קוקט מען זיך צו אויפמערק־זאַם צו מענדעלעס ערשטע ווערק אין ייִדיש—דעם „קליינעם מענטשעלע", קען מען אויך דאָ געפינען שטאַרקע שפּורן פון ערטערס סאַטירע. עס איז ניט קיין צופאַל, אַז פון ערטערס אַלע סאַטירעס האָט בלויז דער „גילגול" ווײַטער געלעבט און געפונען א טיפן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור אויף ייִדיש—עס איז ערטערס צומייסטן רעאַ־ליסטישע ווערק, מיט א ברייטן סאָציאַלן שטריך, א ווערק, אין וועלכן דער „אָבסער־וואַטער פון ייִדישן פאָלק" האָט אַראָפּגענידערט צו די נויטן פון טאָגטעגלעכן לעבן פון די ייִדישע מאַסן, און פאַרצייכנט קינסטלעריש א ריי עקלדיקסטע שטריכן פון דעמלטיקן ייִדישן לעבן. און אויב די העברייִשע האַסקאָלע האָט זיך געקוויקט אויך, און אַסאַך מאַסקילים דערהויפּט, מיט ערטערס קונציקער שפּראַך, מיט זײַן מײַסטער־האַפטער און אומדערוואַרטעטער קאָמבינירונג פון פּסוקים, מיט זײַן אַסאָנאַנסירונג, סינאָנימיק און האָמאָנימיק (אַשטייגער: „בכל זאת רפוא ארפא כמוהם, ומתי בל יחיון כאשר לא יחיו רפאיהם"), אַזוי ווײַט, אַז הונדערטער מאַסקילים האָבן דאָס ווערק געלערנט אויסווייניק, ווי מע לערנט א ליד אָדער א פּאָעמע—האָט פאַר דער ייִדישער קלײַנבירגערלעכער ליטעראַטור געהאַט א באַדײַטונג יענע גרויסע פּאַנאָראַמע פון ייִדישע „טויטע נעשאָמעס", וואָס ערטער האָט געגעבן אין זײַן „גילגול".

עס איז טאַקע א פּאַנאָראַמע, וווּ עס גייען אַדורך פאַרשיידענע נעגאַטיווע דער־שײַנונגען אין ייִדישן לעבן, און די איינצלנע שילדערונגען זײַנען פאַרבונדן מיט א דינינקן פּאַבוליאַטאָרישן פאָדעם—די דערציילונג פון א נעשאָמע וועגן אירע פאַר־שיידנסטע גילגולים—פון מענטש צו כײַע, פון כײַע ווידער צו מענטש (די כײַעס־מעטאַמאָרפאָזן פאַרטיפן און שטרײַכן אונטער די נעגאַטיווע ראָליע פון די מענטש־לעכע געשטאַלטן). יעדע דערשײַנונג האָט זיך איר טרעגער—ער ווערט אָבער באַ

ערטערן נאָך ניט דערהייבן צו דער מאַ רייגע פון אַ טיפּ, באַקומט ניט קיין שום קאָנקרעטע שטריכן, וואַקסט ניט אַרום מיט שטייגער, פאַרמאָגט ניט אַ פּסיכאָלאָגישע אייגנאַרט. אין דעם זין האָט מענדעלע אין זײַן „קליין מענטשעלע", ווו די פאַבולע גייט אויך האַסטיק פון איין דערשײַנונג צו דער אַנדערער, זיך אָפּגעשטויסן פון ערטערן און אים בײַגעקומען, איז אַרויף אַף אַ העכערן שטאַפּל. די העלדן פון ערטערס „גילגול" הייסן „אַ כאָסיד", „אַ צאַדיק", „אַ באַלטאַקסע" אַ. אַ. וו.—פיגורירן אָן נעמען, אָן אינדיווידועלע שטריכן—ס'ווערט קריטיקירט די סאָציאַלע פונקציע, ס'ווערט אָבער ניט געוויזן דער מענטש, דורך וועלכן די דאָזיקע פונקציע ווערט רעאַליזירט. אין אַ געפּרעסטער, קימאַט לאַקאָנישער פאָרם פירט פאַרבײַ ערטער אַ כאָסיד, אַ כאַזן, אַ באַלטאַקסע, אַ מעקובל, אַ קאַברען (אַ טוער אין כעוורע־קאַדישע, וואָס רײַסט פון טויטע און פון לעבעדיקע),—אַ פאַנאַטיקער (ווידער אַן אָנצוהערעניש אַף אָרענשטיינען), אַ כסידישן רעבן, אַ דאָקטער אַ שאַרלאַטאַן, אַ מעיוכעס אַ טאַקיף. און די פאַראַלעלע כײַישע מעטאַמאָרפאָזעס זײַנען: דער כאָסיד ווערט מעגולגל אין אַ פראָש, דער פראָש אין אַ כאַזן, דער כאַזן אין אַ פיש, דער באַלטאַקסע אין אַ סאָווע; די סאָווע אין אַ מעקובל, דער מעקובל אין אַ קראָט, דער קאַברען אין אַ הונט, דער הונט אין אַ פאַנאַטיקער, דער פאַנאַטיקער אין אַ פוקס, דער פוקס אין אַ צאַדיק, דער צאַדיק אין אַן אייזל, דער אייזל אין אַ דאָקטער, דער דאָקטער אין אַן אינדיק, דער אינדיק אין אַ מעיוכעס. צום ברייטסטן שילדערט ערטער נאַטירלעך די פירונג פון אַ כסידישן רעבן—אַ טראַדיציאָנעלע דערשײַנונג אין דער האַסקאָלע־ליטעראַטור—און נאָך מער אויספירלעך די פירונג פון אַ מאָדערנעם דאָקטער אַן אַמהאָרעץ.

קיין איין פּאָזיטיווע געשטאַלט איז, אַלזאָ, ניטאָ אין ערטערס „גילגול". עס איז אַ סאַטירע אין אויסגעשפּראָכנסטן זין פון וואָרט, פול ביטערן שפּאָט, צאָרן און האַס. ניטאָ דאָ קיין שפּור פון הומאָר, און ווען ס'בליט דאָ אויף און דאָרט אַ וויץ, איז עס אַ סאַרקאַסטישער, בייז־אָפּלאַכנדיקער וויץ (אַשטייגער: „איז אוועק די פרוי, און ס'האָט זי געבענטשט אַ צאַדיק, און זי האָט אופגעהערט צו זײַן אַן אַקאָרע, און זי איז שוואַנגער געוואָרן. און איר מאַן, ווײַל ער איז געוועזן אַ ניטגלויביקער, איז פאַרבליבן אומפּרוכטבאַר זײַן גאַנץ לעבן"). דער עצעם אָביעקט פון דער מאַסקילישער סאַטירע האָט באַ ערטערן באַקומען אַ גרויסע אויסברייטערונג: צום ערשטן מאָל איז באַ ערטערן אופגעהויבן געוואָרן קינסטלעריש און געשמיסן געוואָרן די „באַנדע שטאָט באַלטויוועס"—ראַבאָנים, טקיפים, כעוורע־קאַדישע, טאַקסע־לײַט, דאָקטוירים, באַרײַסער אַ. אַ. וו.—און ניט בלויז דער שאַבלאָן פון צאַדיקים און זייערע כסידים. און אין דער שאַרפקײַט, מיט וועלכער ערטער טרעט אַרויס קעגן אָט די אַלע פּײַנע יידן, וואָס שינדן די הויט באַ דער אָרעמשאַפט, פילט זיך שוין ערעוו־פרילינג, עס לאָזן זיך שוין הערן די טריט פון דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע 1848. דרײַ יאָר, איידער די אָרעמשאַפט האָט צעגראָמירט די הײַזער פון די „לעכטפאַכטערס" אין גאַליציע, גיט ערטער די פאָלגנדיקע שילדערונג, פול צאָרן און גאַל:

„די טאַקסע פון פלייש, פון ליכט איז די פרוכט פון אונדזער ערד, און אונדזער לאַנד גיט אַרויס די דאָזיקע גערעטעניש. אַ ייד האָט עס געבוירן, פאַרטראַכט אין זײַן געדאַנק, און פאַרוואַנדלט אין אַ געזעץ; און אַ ייד אין אונדזער לאַנד צאָלט עס

צאָלט, ביז ער ווערט אן עוויען אין לאנד. קליגער איז געווען יענער מענטש פון שלוימען. וואָרעם שלוימע האמיילעך האָט געהאט אין זינען די ביימער און בעהיימעס און פויגלען און פיש און ווערים, און געמאכט דערוף טויזנט און פינף לידער; און אָט דער נייַער שלוימע (געמיינט ווערט שלוימע קאָפּלער, וואָס האָט דער ערשטער פּראָיעקטירט די ליכט־טאקסע.—מ. ע.) האָט געהאט אין זינען בלויז די ליכט און דאָס פלייש, און זייַן פרייַז איז געווען הונדערט טויזנט טאָלער... אָט די פאכטערס זייַנען בעסער פון די ראבאָנים; וואָרעם די ראבאָנים לייגן ארייַן אין כיירעם יעדן, וואָס קליידט זיך ניט־ייִדיש, און טרייַבן ארויס פון דער קעהילע יעדן רעפאָרמאטער; און יענע (די באלטאקסעס) טראכטן פארקערט ווי אזוי קיינעם ניט ארויסלאָזן פון האנט. עס צאָלט דער, וואָס קליידט זיך, ווי דער, וואָס קליידט זיך ניט, דער, וואָס ענדערט דאָס געזעץ, און דער, וואָס האלט זיך בא אים. מע פרעגט בלויז דעם מענטשן: פון וואָסער פאָלק ביסטו? און וועט ער ענטפערן: איך בין א ייִד, וועט מען גלייַך זאָגן: צאָל!.. אָבער דער רעכטער זייַל איז דער ליכט־פאכטער, און בלויז דער לינקער איז דער פלייש־פאכטער... די פלייש־טאקסע צאָלט א מענטש, ווען ער עסט פלייש; און דעם ליכט־אָפּצאָל צאָלט ער בלויז פון פרייַז. צינדט ער ליכט פרייטיק־צונאכטס, צאָלט ער; צינדט ער ניט—צאָלט ער דאָפּלט; און וועט ער ביקלאל קיין ליכט ניט קויפן, צאָלט ער ווידער דאָפּלט; און האָט ער ניט קיין געלט צו קויפן ליכט—די טאקסע מוז ער באצאָלן; און האָט ער ניט—וועט דער באלטאקסע פארמאשקענען זייַנע זאכן. און האָט ער ניט קיין שום זאכן אין שטוב, וועט ער צונעמען זייַן געלעגער; און וועט ער עס ניט אויסקויפן—וועט מען עס פארקויפן—אלציינס, צי ס'איז א יאָסעם אָדער אן אלמאָנע"...

אזוי ארום רעפּרעזענטירט ערטער א מער ראדיקאלע אופקלערערישע ריכטונג, ווי די פון פערל אָדער ראפּאָפּאָרט. זי דריקט זיך אויס ניט בלויז אין דעם אקשאָנעסדיקן אטאקירן די ראבאָנים און אָרטאָדאָקסיע, נאָר אויך אין א גרעסערער אופמערקזאמקייַט צו די נויטן און ווייטיקן פון קלייַנבירגערטום, אין אופריכטיקן מיטלייַד און מיטגעפיל צום פינצטערן און פארכוישעכטן האמוין. ערטערס קאמף קעגן די ראבאָנים איז ענג פארבונדן מיטן אופריכטיקן קאמף פאר די אינטערעסן פון האמוין: „די פארשיידענע רעליגיעזע פארבאָטן שטייען נאָך אין זייער פולער קראפט. און קיינער פון די ראבאָנים עפנט ניט דעם מויל זיי באָטל צו מאכן, און זיי שאָנעווען ניט דאָס געלט פון ייִדן, און פארשווענדן אומזיסט זייער פארמעגן, און פארטייַערן בלויז די שפּייַז פון דער ייִדישער אָרעמשאפט, און די עוויוינים פון מייַן פאָלק זייַנען הונגעריק, און קיינער העלפט זיי ניט און האָט ניט אף זיי קיין ראכמאָנעס... צי איז עס דען ניט געצנדינערייַ?" (תולדות החלוץ, הצופה, ז, 11). די ראבאָנים באשעפטיקן זיך מיט די טויטע, און אף די לעבעדיקע גיבן זיי ניט אכטונג, סייַדן זיי קוקן ארוף צו די גווירים, ביכדיי צו טאָן מיט זיי שידוכים. זייערע טעג פארברענגען זיי בא די דוירעס, וואָס זייַנען שוין לאנג פארשטאָרבן, און זייער אייגענעם דאָר קענען זיי ניט, זיי האָבן קיין שום באגריף ניט פון זייַנע נויטן און באדערפענישן. זאָל ציטערן די ערד, זאָל זי ענדערן איר פּאָנעם,— זיי אלע רירן זיך אָבער ניט פון אָרט, און ענדערן קיין שום זאך ניט... (דאָרט 17). און אין דעם זעלביקן פּראָגראם־ארטיקל צום „החלוץ", געשריבן 1851, אנטוויקלט ערטער דעם

געדאנק, אז דאווקע איצט, נאָך דער רעוואָליוציע פון 1848, וואָס האָט געבראכט די ייִדן אין גאליציע די פּאָליטישע גלײַכבארעכטיקונג, איז נייטיק פארשארפן דעם קאמף אף אינעווייניק: „איצט דארפן אלע שריפטשטעלער זיך ווענדן אפן אינער־לעכן פראָגט, אנטוויקלען א בירגער־קריג קעגן די סאָנים, וואָס צווישן אונדז, די מילכאָמע פון וויסן קעגן דער פינצטערקייט", און דער וויכטיקסטער סוינע אין דעם דאָזיקן אינערלעכן בירגערקריג (מלחמת בית) זײַנען די ראבאָנים. וואָרעם זיי זײַנען שולדיק סיי אין דעם בארג טויטע, שווער דריקנדיקע רעליגיעזע פארבאָטן און אי־סורים, סיי אין דער עקספּלואטאציע פון די פאָלק־מאסן, סיי אין דער קולטור־יערידע.

דעם גרעסטן דערפאָלג האָט ערטער דערלאנגט אין זײַן „גילגול", — וואָרעם ער איז דאָ אראָפּ פון ביבליש־נעוויִשע שטאָלצן, נעענטער געקומען צו די נויטן פון קליינבירגערלעכן האמוין און אין צוזאמענהאנג דערמיט אריבער צו א מער רעא־ליסטישער שרײַב־מאניר. דער „גילגול" שפּיגלט אָפּ דעם נאָענטן אופמארש פון דער רעוואָליוציע פון 1848. אָבער אויך אפן „גילגול" דריקט נאָך שטארק די לאסט פון סכעמאטיזם, אבסטראקציע, מעליצע, מאסקילישע כקירע (אשטייגער אין דעם מע־קובל-קאפּיטל), אלץ כעסרוינעס פון שעפערישן מעטאָד, וואָס זייער מאָקער איז דאָס אָפּגעשטאנענע, דאָס דעפעקטיווע און פשאָרעדיקע אין ערטערס אופקלערערישער אידעאָלאָגיע. ערטער איז גיכער פאר אלץ א קליינבירגערלעכער שרײַבער, וואָס האָט זיך נאָך ניט ארויסגעפּלאָנטערט פון די פענטעס פון דער בורזשואזער האסקאָלע, ענלעך ווי מענדעלע אין די 60־ער יאָרן.

אינהאלט

זײַט

פֿאָרוואָרט פֿון אויטער 5
אַרײַנפֿיר: 7

ערשטער טײל

עטיודן צו דער געשיכטע פֿון דער בערלינער האַסקאָלע 35
ערשטער קאַפּיטל. דער אופֿקום פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין פּרײַסן . . . 37
צווייטער קאַפּיטל. די קלאַסן־שיכטונג אין דער ייִדישער סוויווע אין פּרײַסן. . . 50
דריטער קאַפּיטל. דער קאַמף פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין פּרײַסן פֿאַר איר פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע 58
פֿערטער קאַפּיטל. די מענדעלסאָן־לעגענדע 65
פֿינפֿטער קאַפּיטל. די מעאַספֿים 88
זעקסטער קאַפּיטל. די ערשטע ייִדישע בורזשואַזע קאָמעדיעס 99

צווייטער טײל

עטיודן צו דער געשיכטע פֿון דער גאַליציִשער האַסקאָלע 117
ערשטער קאַפּיטל. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַזע פֿון דער גאַליצישער האַסקאָלע . . 119
צווייטער קאַפּיטל. די אַבסאָליוטע מאָנאַרכיע און די גאַליצישע האַסקאָלע . . 128
דריטער קאַפּיטל. לעפּין און ביק 135
פֿערטער קאַפּיטל. די גרופּע פּערל—ראַפּאָפּאָרט־קראָכמאַל. 163
פֿינפֿטער קאַפּיטל. די גרופּע מיזעס־ערטער־שאָר 195